STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07006

A LAMTERN FAR YERUKHMKEN

Victor Jeremy Jerome

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

וו. י. דושעראָם

אַ לאַמטערן פאַר ירוחמקען

א. ליס, וואָס האָט אינספּירירט און
מיר געהאָלפן צו דערציילן די דאָזיקע
געשיכטע.

ו. י. דזשעראָם

א לאמטערן פאר ירוחמקען

פאַרלאַג: יידיש בוך וואַרשע

1961

V. I. Jerome

Latarnia dla Jeremiasza

Redaktor: Sz. Belis
רעדאַקטאָר: ש. בעליס

Tłumaczył z angielskiego: M. Rakowski
איבערגעזעצט פון ענגליש: מ. ראַקאָווסקי

Okładka: R. Chof
הילע: ר. כאָף

WYDAWNICTWO „IDISZ BUCH“
WARSZAWA, NOWOGRODZKA 5

Nr zam. 3879. Nakład 3 000 egz. Druk ukończono w lipcu 1961 r.
Ark druk. 20,75 wyd. 17. Pap. druk. sat. V kl. 61 × 86 70 g.
Druk. RSW „Prasa“, Warszawa, Tarczyńska 8. B-72.

1.

רחל און לאה

די מומע זיצט אויפֿן קופּער ביים אויוון. זי האַלט א געשאָכטענע גאַנדז צווישן אירע קני, פּליקט די פּעדערן פון דער ברוסט. איך זיץ אויף א פוסבענקל ביי אירע פיס און שניץ א פּעדער פאַר א פען. דער קנויט אינעם טיש־לאָמפּ ברענט קרום און קאָפּטשעט. איין באַק פון גלאָז איז שוואַרץ פון סאַזשע, ווי דאָס פּנים פון א פּורים־שפּילער. דאָס לאָמפּ־ליכט וואַרפט א לאַנגן, באַוועגלעכן שאָטן איבערן וואַנט־זייגער. דער שאָטן יאָגט זיך נאָכן קליינעם גאָלדענעם טעלערל, וואָס וויגט זיך הין און צוריק. דאָס קליין גאָלדן טעלערל אַנטלויפט פון שאָטן און זיין טיק־טאַק איז פול מיט אימה.

אויפן אויוון, אויף איר שטרויענעם געלעגער מורמלט די אַלטע מינדל קריאת־שמע אינדערשטיל. זי דרייט איר קאָפּ צו דער וואַנט, הינטער זיך, צו דער טיר. צום סוף איז איינגעהויך, כדי שלעכטע רוחות וואָס ריינגלען זי ארום זאָלן הערן די הייליקע ווערטער און אַנטלויפן.

דאָס פייער אויפן פריפעטשיק גייט אוים. די מומע בייגט זיך איין צו נעמען א שטיקל טאָרף.

— קוק דיך צו וואָס פאַרא טאָרף! עס ברענט ווי שטרוי, מען דאַרף נאָך עטלעכע שטיקלעך, ירוחמקע. אָבער ברענג נאָר עטלעכע. מיר האָבן גאָר נישט באַצאָלט פיניען כל־בוניק פאַרן טאָרף.

די מומע צינדט אָן דאָס קליינע גרינע נאַכט־לעמפּל אויפן אויוון און עפנט דעם קעלער־צודעק. דורך א לייטער לאָז איך מיך אַראָפּ אין קעלער, און זי האַלט דאָס לעמפּל איבער דער עפענונג.

— זיי פאָרזיכטיק, מיין קינד, דאָס לעצטע טרעפּל שאָקלט זיך און גיב אכטונג זאָלסט נישט פאַלן אויף די קאַרטאָפל.

איך האָב אָנגענומען א פולן אָרעם מיט טאָרף. איך — געשטרויכלט וועדן? איך קען גיין דורך חושך מצרים. איך קען טראָגן דריי מאָל, פיר

מאָל אַזוי־פיל, דעם גאַנצן טאָרף פון קעלער, ווען איך וואָלט נאָר געוואָלט און ווען מיר וואָלטן גאָרנישט שולדיק געווען פיניע כל־בוניק...

איצט האָט זיך דאָס פייער פאַנאַנדערגעברענט, צעפלאַקערט אין גלע פלאַמען. די מומע האָט זיך ווידער גענומען צום פליקן.

— דאָס גאַנצע ווייכע, ווייסע פוך וועל איך פאַר דיר, ירוחמקע, אַוועקלייגן. ווען דו וועסט עלטער ווערן און וועסט זיין ראוי לחופה, מיין טייערער, וועסטו דיין באַשערטער שענקען א פערענע פון געדזוענעם פוך.

— ווער וועט זיין מיין כלה?

— איך ווייס אַליין נישט ווי זי וועט הייסן און פונוואַנען זי וועט שטאַמען. אָבער פערציק טעג איידער זי איז געבוירן געוואָרן האָט אַ בת־קול פון הימל אויסגערופן איר נאָמען און געזאָגט: זי איז באַשטימט פאַר ירוחם בן נפתלי.

צי וועט אילזע זיין מיין כלה? כ'וואָלט געוואָלט, אז דאָס יאָר זאָל האָבן עטלעכע זומערן, כדי דער פעטער זאָל ווידער קומען אין זיין סאָד אין אָסיאַנקע און איך זאָל ווידער זען אילזען... צי האָט א בת־קול פון הימל אויסגערופן פערציק טעג איידער זי איז געבוירן געוואָרן, אז אילזע, דאָס אייניקל פונעם פריץ שעפעל, צו וועמען עס געהערט דער סאָד, איז באַשטימט פאַר ירוחם בן נפתלי דעם שניידערס.

אָבער אילזע איז דאָך א גויע, ווי אַזוי קען זי זיין מיין באַשערטע? אָבער רות פון מואָב האָט דאָך חתונה געהאַט פאַר נעמים א זון, וועלכער איז געווען א ייד...

— כ'וועל איר שענקען די פען, וואָס איך מאַך.

— נאַריש קינד. וואָס וועט זי טאָן מיט א פען? פענעם זענען נישט פאַר ווייבער. ווייבער דאַרפן קענען קאָכן, נייען און שטריקן. דו ירוחמקע וועסט שרייבן מיט דער פען. דו וועסט שרייבן צו דיין טאַטע־מאַמע און צו דיין קליינעם ברודער שמחהלע אין לאָנדאָן, וועסט אים דערציילן ווי דו לערנסט און וועסט אים אָנפרעגן, ווי ער לערנט.

— פאַרוואָס האָב איך דאָ נישט קיין ברודער, מומע? אַלע אנדערע ייִנגלעך האָבן דאָ ברידער. וועלוול האָט א ברודער, און חיימלס מאַמע האָט אים געבוירן א ניי ברודערל און יונה חכמה־צאָן האָט דריי ברידער.

— דו האַסט דאָך א ברודערל און א שיין שוועסטערל אין לאָנדאָן.

— אָבער נישט דאָ.

די מומע זיצט און קוקט אויף דער פּאָדלאָגע.

— ווען גאָט וואָלט ניחא געווען, וואָלסטו איצט געהאַט א גרויסן, גרויסן שוועסטערקינד און ער וואָלט אין דעם הויז פאר דיר געווען אַן עלטערער ברודער.

— ווער, מומע? ווי אַלט וואָלט ער איצט געווען?

די מומע האָט א קרעכץ געטאָן.

—ער וואָלט געווען א סך עלטער פון דיר, מיט פערצן יאָר עלטער. ער וואָלט איצט אלט געווען איינאונצוואנציק יאָר. אָט אזוי אלט וואָלט ער געווען.

— פאַרוואָס איז ער נישט דאָ, מומע? ווו איז ער איצט?

מיט אן אומעטיקער שטים האָט די מומע אַרויסגעזאָגט:

— ער איז נישטאָ און ער איז קיינמאָל נישט געווען. ער איז קיינ־מאָל נישט געבוירן געוואָרן. ער וואָלט געווען מיין זון.

— פאַרוואָס האָסטו קיין קינדער נישט געהאַט, מומע?

— ווייל... ווייל מעגלעך, אַז איך האָב נישט זוכה געווען אין די אויגן פון אויבערשטן, מיין קינד.

די מומע האָט זיך אויפגעהויבן.

— ס'איז שוין צייט צו זאָגן קריאת־שמע. כ'וועל מאַכן פאר דיר דאָס בעט. קוק, די אלטע מינדל שלאָפט שוין שטאַרק אויפן אויוון.

— „איינגעשלאָפן!“ — די אלטע מינדל האָט זיך אַנידערגעזעצט, שרייענדיק — איר וואָרט, איך זאָל איינשלאָפן אויף אייביק, כדי ירוחם זאָל באַקומען מיין אָרט אויפן אויוון! איינגעשלאָפן זאָלן ווערן אַלע, וואָס ווינטשן מיר שלעכטס, רבונו של עולם!

— קיינער ווינטשט דיר נישט קיין שלעכטס, מינדל — האָט זיך די מומע אָנגערופן — כ'האָב פשוט געמיינט, אז דו ביסט איינגעשלאָפן. און ירוחמקע האָט גאָט צו דאַנקען זיין געלעגער אין זיין פעטער וואָלפּ־קעס בעט.

— ער האָט געקענט דאָרט האָבן זיין אייגן בעט, ווען ער וואָלט געוואָלט. א גאָלדן בעט, וועלכעס וואַלגערט זיך אויף די לאָנדאָנער גאסן און ווארט מען זאָל עס פאר אים אויפהייבן! ער וואָלט דאָרט געקענט זיין מיט זיין אייגענע טאַטע־מאַמע און נישט זיצן דאָ אויף אונדזערע פלייצעס און אַרויסרייסן דעם לעצטן ביסן ברויט פון מויל.

— אַלטע מכשפה, זאָל דיין צונג אָפּגעדאַרט ווערן פאַר אַזעלכע דיבורים! — שרייט די מומע און שלעפּט מיך צו זיך.

— זאָלן די אויערן טויב ווערן, לאה, די אויערן, וואָס קענען נישט הערן דעם אמת! — רימשעט די אַלטע מינדל — איבערגעלאָזט איר אייגן קינד און אַנטלאָפן צו איר מאַן מעבר לים.

— נישט אמת, נישט אמת! זי האָט אים נישט איבערגעלאָזט. איך האָב אים פאַרלאַנגט. ווען מיין שוועסטער האָט זיך געקליבן אַוועקצו־פאָרן, האָב איך צו איר געזאָגט: מרים, מיין שוועסטער, דו לאָזט זיך איבער ימים, אין ווייטן וועג אַריין, קיין ענגלאַנד. דו ביסט שלאַף. ווי וועסטו זיך אן עצה געבן אויפן וועג מיט צוויי פּיצעלעך? לאָז מיר איבער דאָס עלטערע.

— א מאַמע, און לאָזט איר קינד ביי איר שוועסטערס שוועל! און מיינע, מיינע פּיצלעך האָט מען פון מיר אַוועקגענומען. — די אַלטע מינדל קרעכצט. — אך, גרויסער גאָט, וועמען האָבן זיי שלעכטס געטאָן און מיט וואָס האָבן זיי זיך פאַרזינדיקט? פאַרוואָס האָסטו דערלאָזט, אַז מיינע עופהלעך זאָלן פאַרברענט ווערן בעת דער גרויסער שרפה? פון אונדזער אברהם אבינו האָסטו בלויז געפאָדערט, ער זאָל ברענגען זיין זון יצחק צו דער עקידה! און מיר האָסטו אַוועקגענומען אַלס קרבן מיין פלייש און מיין בלוט — מיינע דריי קליינע טייבעלעך! — זי פאָכעט אירע אויסגעדאַרטע פויסטן צום סופיט, צו גאָט. — פאַרוואָס האָסטו מיר נישט געגעבן די מעגלעכקייט זיי אַרויסצוראַטעווען פון די פלאַמען? פאַרוואָס האָסטו, גאָט, מיינע קינדער געטויט?...

זי איז שטיל געבליבן. געזעסן איינגעבויגן אויפן אויוון און שטיל תפילה געטאָן.

— ה ע כ ע ר, ה ע כ ע ר, א ל ט ע מ י נ ד ל, — האָב איך געוואָלט צו איר א געשריי טאָן, אָבער כ'האָב נישט געקענט, — ה ע כ ע ר, ג אָ ט ז אָ ל ד ע ר ה ע ר ן א ו ן ד י ר אַ וו ע ק־ ג ע ב ן ד יי נ ע ק י נ ד ע ר!

צי איז די אַלטע מינדל גערעכט געווען? פאַרוואָס האָט מיין מאַמע מיך פאַרלאָזט? פאַרוואָס האָט טאַטע־מאַמע מיך פאַרלאָזט? אפשר האָבן זיי בלויז ליב מיין ברודער, דעריבער האָבן זיי אים גענומען קיין לאָנדאָן. זי איז געווען גערעכט. כ'ווייס זי איז גערעכט געווען. מיין מאַמע האָט מיך איבערגעלאָזט אויף איר שוועסטערס שוועל!

— טו דיך אויס, ירוחמקע, — האָט די מומע א זאָג געטאָן.

— דער פֿעטער איז דאָך נאָך נישט צוריקגעקומען.

— דער פֿעטער וועט היינט ביז שפּעט אין דער נאַכט פֿאַרבלייבן אין דער גאַרבעריי. זיי גרייטן צו די פֿעלן אויף שטיוול.

— אַזויפֿיל שטיוול?

— זעלנער־שטיוול, ירוחמקע, שטיוול פֿאַר דער אַרמיי. גיי שלאָפֿן, ירוחמקע.

—אָבער כ'וויל דו זאָלסט מיר דערציילן, מומע. כ'וויל זאָלסט מיר דערציילן וועגן מיין שוועסטערקינד, וועלכער וואָלט געווען פֿאַר מיר א דערוואַקסענער ברודער.

מיין מומע זיצט איינגעבויגן איבער מיר אויפֿן בעט. די נאַפֿט אין לאָמפּ ענדיקט זיך. דער ווינט קלאַפּט אין די צוגעמאַכטע לאָדנס. זיי פֿענצטער ציטערן. ער וויל זיך אַריינרייסן דורך די צעבראָכענע שויבן. אָבער די שמאַטע, וואָס פֿאַרשטאָפּט דאָס לאָך לאָזט אים נישט דורך.

— ...פּונקט ווי אונדזער מוטער חנה איז געשטאַנען אין בית־המקדש און געבעטן אויף א קינד, אַזוי האָב איך געבעטן. טאָג און נאַכט תּפֿילה געטאָן. און פּונקט ווי זי, האָב איך געטאָן א נדר צום אויבערשטן: אך, גרויסער גאָט, עפֿן דיינע אויערן צו מיין געבעט און שענק מיר א זון, וואָס זאָל זאָגן קדיש נאָך מיר און נאָך מיין מאַן צו די הונדערט און צוואַנציק יאָר, וואָס איז באַשערט דעם מענטשן אויף דער ערד און איך גיב אים אַוועק צו דיר, ער זאָל דיר דינען.

די מומע גלעט מיין קאָפּ. ווי קען איר האַנט אַזוי ווייך זיך צורירן צו מיין קאָפּ, ווען זי איז אַזוי האַרט פֿון דער אַרבעט וואָס זי טוט?

— און ווען דריי יאָר זענען פֿאַרביי און קיין קינדער זענען אונדז נישט געגעבן געוואָרן, האָב איך געזאָגט צו דיין פֿעטער: ס'איז קלאָר, אַז גאָט שטראָפֿט מיך און וויל איך זאָל בלייבן אַן עקרה. גט זיך מיט מיר, וואָלפֿקע. צוליב וואָס זאָלסטו פֿאַרבלייבן א בוים אָן א צווייג, פֿאַרוואָס זאָלסטו נישט לאָזן קיין געדעכעניש נאָך זיך? און דיין פֿעטער האָט צו מיר אַזוי געזאָגט: רחל, — האָט ער געזאָגט, — דעמאָלט האָב איך אַזוי געהייסן,— פֿאַרוואָס פֿייניקסטו מיך מיט אַזעלכע ווערטער? וואָס מיר דאַרפֿן איבערטראָגן, זאָלן מיר צוזאַמען איבערטראָגן, און ער האָט געזאָגט: אפֿשר זאָלן מיר צופֿאָרן צום גערער רבין? ער איז א הייליקער מאַן און אומעטום דערציילט מען וועגן אים נסים.

— ביסטו געפֿאָרן צום רבין, מומע?

— אין יענעם ווינטער איז געווען זייער ווייניק אַרבעט אין דער גאַרבעריי, און דעם פֿעטערס שוועסטער, די אַלטע מינדל הייסט עס, האָט זיך באַזעצט ביי אונדז, — האָט די מומע גערעדט ווייטער מיט אַן אָפּגעשוואַכטער שטים. — דאָס האָט פּאַסירט פּונקט נאָך דער גרויסער שׂרפֿה אין סטריקאָוו. די גרויסע שׂרפֿה, זאָל אונדז גאָט אויף שטענדיק שומר ומציל זיין, האָט אַוועקגענומען איר מאַן, אירע דריי קינדער און אַלץ, וואָס זי האָט פֿאַרמאָגט. — די מומע האָט ווידער אַ קרעכץ געטאָן. — דעמלט, האָבן מיר פֿאַרקויפֿט מיינע זילבערנע אויערינגלעך און דיין פֿעטערס שוואַרצע אַטלעסענע קאַפּאָטע, וואָס זיין טאַטע האָט אים געשאָנקען צו אונדזער חתונה. מיר זענען אַוועקגעפֿאָרן מיט פֿישל דעם פֿורמאַנס טאַטע, וועלכער איז שוין לאַנג אויפֿן עולם האמת, און מיר האָבן זיך געלאָזן קיין גער. ווען מיר זענען אָנגעקומען אין רבינס הויף איז אונדז אויסגעקומען צו וואַרטן דריי טעג און דריי נעכט, איידער מען האָט אונדז דאָרט אַריינגעלאָזט. ווייל דאָרט איז מען זיך צונויפֿגעפֿאָרן פֿון אַלע עקן פֿון פּוילן און אַפֿילו פֿון עסטרייך.

— זענען זיי אַלע געקומען צום רבין נאָך קינדער, מומע?

— נישט אַלע, נאַריש קינד, בלויז אַ טייל, ווי מיר. אַנדערע זענען געקומען וועגן אַנדערע זאַכן. מענטשן מיט פֿאַרשידענע חולאתן — זאָל אין אונדזער הויז פֿון זיי נישט געדאַכט ווערן — האָבן געוואַרט אויפֿן רבין, ער זאָל זיי אויסהיילן מיט זיינע ברכות. אַ טייל זענען געקומען זיך שואל עצה זיין מכוח זייערע געשעפֿטן. דאָרט איז געווען אַ רייכער סוחר, וועלכער האָט פֿאַרבעטן דעם רבין, ער זאָל זיין סנדק אויף זיין זונס ברית. און דאָרט איז געווען אַ מאַן און ווייב מיט זייערס אַ טאָכטער, — אוי, סאַראַ שיין מיידל! — אין וועלכער ס׳איז אַריין אַ דיבוק, און זיי האָבן געוויינט און געבעטן דעם רבין ער זאָל אַרויסיאָגן פֿון איר דעם בייזן רוח. און ס׳זענען צו אים געקומען אַזעלכע, זאָל אונדז דער אייבערשטער שומר ומציל זיין, וואָס האָבן געזינדיקט קעגן גאָט.

— איז דאָס מיידל געווען אַזוי שיין, ווי פֿרימעט, מומע?

— יאָ, מיין אוצר, כמעט אַזוי שיין. און זי האָט געהאַט גלאַנצנדיקע שוואַרצע אויגן, ווי פֿרימעט און לאַנגע אויסגעפֿלויכטענע צעפּ ווי זי. זי האָט אָבער געמוזט זיין מיט אַ פּאָר יאָר עלטער פֿון איר.

צי איז אייך געלונגען צו זען דעם רבין, בעת ס׳איז דאָרט געווען אַזאַ גרויסער עולם?

— נישט אַלע האָבן געהאַט די זכיה צו זען אים. דער גבאי האָט זיך פאַר אונדז משתדל געווען. ער האָט אונדזער בקשה אליין אָנגע־שריבן און דערפאַר האָבן מיר אים באַצאָלט אכצן גילדן — גאַנצע אכצן גילדן! דער גבאי האָט אַוועקגעטראָגן אונדזער קוויטל צום רבין, און דער רבי האָט צוריקגעשיקט זיין תשובה. און דער ענטפער האָט געהייסן, דער ענטפער איז געווען...

די מומע האָט פאַרגלאָצט די אויגן און אירע אויערן האָבן געהערט, ווי דער גבאי זאָגט. דער גבאי איז געווען א הויכער, מיט א לאַנגער, גלייכער באָרד און זיין שטים איז געווען קאַלט...

— ווייל האָס ווייב הייסט רחל, דעריבער איז זי, ווי אונדזער מוטער רחל, וועמענס נאָמען זי טראָגט און וועלכע איז געווען לאַנג אַן עקרה. פון איצט אָן זאָל איר נאָמען זיין לאה, ווייל לאה האָט געגעבן יעקבן א סך זין. דער גבאי איז אַוועק. און פון יענעם טאָג אָן איז מיין נאָמען פאַרבליבן לאה.

— האָסטו געהאַט א סך זין, מומע?

— ניין, מיין אוצר, כ׳האָב נישט געהאַט קיין קינדער.

— איז דער רבי נישט געווען קיין הייליקער?

— יאָ, ירוחמקע, ער איז עס געווען. די גאַנצע וועלט האָט געוווסט, אַז ער איז געווען... גאָט האָט מיר דיך געשאָנקען, מיין קינד.

די מומע האָט זיך געשאָקלט.

— פאַרוואָס הייסטו נישט ווידער רחל, מומע?

2

די גאַרבערײַ

— ... זאָלסט, למען השם, זיך נישט פאַרהאַלטן אויפן וועג. דער פעטער דאַרף עסן הייסע גרעטשעשנע קאַשע, — האָט די מומע מיר נאָכגעשריגן. — און אויף צוריקוועגס פון דער גאַרבערײַ זאָל דער פעטער אָנצינדן דײַן לאָמטערן.

דורך דער דיקער מוך, אין וועלכער דער לײמענער טאָפּ איז געווען אײַנגעוויקלט, האָב איך געשפּירט א וואַרעמקייט אונטער מײַן האַנט און אין מײַן ברוסט. די גרעטשעשנע קאַשע וועט זיכער נישט קאַלט ווערן. מײַנט נישט, אַז איך גיי דורכן לאַנגן געדרייטן וועג, אַרום דעם גרויסן פעלד, ווי מײַן מומע און פעטער און ווי אַלע אַנדערע דערוואַקסענע קריכער! איך גיי מיר מיטן סאַמע קורצן וועג, באַרג אַרויף צום שפּיץ, און מיט א זײַטיקן וועג לאָז איך מיך אַראָפּ גלײַך צו דער גאַרבערײַ. איך מוז בלויז אַכטונג געבן, די קאַשע זאָל זיך מיר נישט אויסגיסן, דער לאָמטערן זאָל זיך נישט אָנקלאַפּן אויף א שטיין. איין גלאָז האָט שוין א בראָך.

אויפן שפּיץ באַרג, ווו איך שטיי, איז דער הימל איבער מיר זייער גרויס. אויף דער זײַט פון די שוואַרצע ווינטמילן לאָזט זיך דער הימל אַראָפּ און באַהעפט זיך מיט דער ערד. איר וועט אַהין צוקומען, ווען איר וועט גיין מיט די גערשטן=פעלדער אין דער ריכטונג צו לאָדזש. וואָס וואָלט געשען, ווען איך לאָז מיך דורך די גערשטן=פעלדער צום ראַנד פון הימל, דאָ ווו ער גייט זיך צונויף מיט דער ערד, ווען איך גיי און גיי אַלץ ווייטער און קער זיך נישט צוריק? די מומע און פעטער וואָלטן זיך געחידושט ווו איך בין פאַרפאַלן געוואָרן. זי וואָלט מסתמא אַוועקגעלאָפן אין הדר אַרײַן און זי מיטן רבין וואָלטן אַרומגעלאָפן מיך זוכן ביי די שכנים. אָבער צוואָס מומע לויפן מיטן רבין צו די

שכנים! איצט איז נישט אַזוי ווייט אַהין, ווו די ערד ענדיקט זיך און דער הימל הייבט זיך אָן. עס איז גאָרנישט אַזוי ווייט. עס איז מסתמא דאָרט, עטוואָס פאָרויס, נאָכן גערשטן־פעלד. אָבער ביז צום סוף פונעם פעלד איז א גרויסער שטח. ווען די נאַכט וואָלט נאָר אזוי שנעל נישט אָנגעקומען! איך האָב דאָך אָבער א לאמטערן. איך קאָן דאָך איצט זיך נישט אומקערן, ווען דער הימל איז אַזוי נאָענט...

אָבער איך בין דאָך גאָר נישט נאָענט צום הימל. איך קוק אראָפּ אונטן, שטייענדיק אויפן בערגל און טאָר נישט פארגעסן וווהין איך גיי.

דאָ, אויפן סאמע שפּיץ איז דער ברייטער נאַקעטער רוקן פון פעלז שארף און געהויקערט, ווי דער רוקן פון א גרויסן קעמל. ווען איך דריי זיך אויס, זע איך די קליינע הילצערנע הייזקעס פון דער שטאָט. ווי צונויפגעפּרעסט זיי זענען! דאָרט ביים טייכל איז דער בית־מדרש מיט דער ווייבערשער מקווה. און פון הינטן שטייט דער הקדש איינגעבויגן ווי א בעטלער. דער קליינער אַרומגעצוימטער קלויסטער שטייט אינמיטן מאַרק. ווי קענען אַזויפיל פויערים און פויערטעס דאָרט אריין, ווען זיי קומען אין שטאָט אין א מאַרק־טאָג? אָט, דאָרט איז אונדזער חדר, אַריינגעקוועטשט צווישן דעם תבואה־שפּייכלער און דער מיל. איצט איז דאָרט קיינער נישטאָ. ווי שטיל דאָרט איז! דער טומל איז אָפּגעשטאָרבן, ווי דער איינגעטריקנטער בוים אין הויף. און דאָרט איז אונדזער הויז, אונדזער קליין הייזל, צונויפגעפּרעסט צווישן אנדערע הינטער די שייערס. יאָ, פונקט דאָרט, ווו דאָס פעלד הייבט זיך אָן. פאַרוואָס איז עס איינגעבויגן צו דער שכנותדיקער בעקעריי? אפשר דערפאר, ווייל איין פליגל פון האָט איז אָפּגעריסן און דער ווינט בלאָזט דאָרט אַריין?...

נאָך א שטערונג אין דער גיהער. אָט איז א צווייג, אויף וועלכן כ׳קען מיך אַראָפּלאָזן. וואָס וועט אָבער זיין, אויב די צווייג וועט זיך נישט געבוגן טיף אייננבויגן? וואָס וועט זיין, אויב זי וועט זיך מיט א טראַסק צעברעכן? און ווו קאָן איך אַוועקשטעלן דעם שאָפּ מיט דעם לאמטערן? אָט איז א פלאַך אָרט א באוואקסנס מיט מאָך, ווו איך קען זיי אַוועקשטעלן. איך וועל צו זיי קענען צוקומען פון אונטן. איך האָב נישט מורא. איך וויג זיך. די צווייג ברעכט זיך נישט. זי בויגט זיך. דער ווינט הוידעט זיך מיט מיר, הוידעט פון איין בוים צו אן אַנדער בארג און בלאָזט אויף מיר. א ריינער קילער ווינט גלעט מיין פנים. דער ווינט און איך וויגן זיך, וויגן, וויגן...

איך בין אונטן.

ווי די גאַרבעריי שטינקט! מרדכי לייבס גרויס הויז איז פון שטיין. עס שטייט ווייט פון די אָרעמע הילצערנע הייזער פון דער שטאָט. גייענדיק מיטן לאַנגן וועג זעט מען פון פאָרנט ווי דער אייזערנער באַלקאָן גלאַנצט. אין די פאָדערשטע פענצטער שטייען וואזאָנעס מיט שלאַנקע בלומען. אָבער דאָ, הינטער דעם הויז, שטינקט די גאַרבעריי. קיין שום קליין הייזל שטינקט נישט אזוי, ווי דער הויף הינטער מרדכי לייבס גרויס הויז.

די פעלן פאַרשטינקען די גאַנצע לופט. אָבער מיך אַרט עס נישט. מעגלעך, אינגיכן וועל איך אויסוואַקסן און וועל קענען אַרבעטן אין דער גאַרבעריי. בקרוב וועל איך אַלט ווערן אַכט יאָר. איך האָב ליב צו קומען אין דער גאַרבעריי מיטן פעטערס אָוונטברויט, ווען ער אַרבעט איבערשעהן און ברענגען אים פאַפּיראָסן, וועלכע איך שטאָפּ פאַר אים אָן. דער פעטער זאָגט, אַז איך העלף אים אַרבעטן.

— דו זוכסט דעם פעטער וואָלפקע?

עוזר קוקט אויף מיר, זיצנדיק אויף זיין בענקל ביים שאָב-ברעט און שמייכלט צו מיר.

— ער איז אויפן צווייטן עק פון הויף, ירוחמל, דאָרט אין דער שאָפּע, וווּ עס שטייען די קאַדקעס.

— אין דער שאָפּע? איך האָב געמיינט, אַז די שאָפּע איז דאָרט, וווּ מען הענגט די פעלן אויף שטריק, כדי זיי זאָלן שוויצן. מיין פעטער זיצט תמיד אין הויף אויף אַ באַנק און שאָבט די פעלן. ביז איצט האָב איך קיינמאָל נישט געזען ער זאָל אַרבעטן אונטער אַ דאַך. ביי וואָסערע קאַדקעס?

עוזר האָט צוגעזונגען. ער אַרבעט שנעל מיט זיין שער און שאָב-מעסער איבער די פייכטע פעלן. ער ווישט אָפּ זיין שאָב-מעסער אין זיין ברוינעם לעדערנעם פאַרטעך. ער שערט און צופּט דיקע שטיקער וואָל פון די שטינקענדיקע פעלן. ער זינגט. די קלאָרע, שטאַרקע טענער טראָגן זיך אַרויף און אַראָפּ איבערן הויף, כסדר אַרויף און אַראָפּ...

— שנעל, ירוחמל, דעם פעטערס קאַשע וועט קאַלט ווערן — רופט זיך אָן חיימלס מאַמע, וואָס זיצט ביים שאָב-טיש נעבן עוזרן. פונוואַנען ווייסט שמעון, אַז אין טאָפּ געפינט זיך גריטשענע קאַשע? צי ברענגט אים חיימל אויך גריטשענע קאַשע אויף אָוונטברויט?

— איז דאָ חיימל געווען?

— הײנט בישט, ירוחמל. פרימעט האָט מיר הײנט געבראַכט דעם אונטערוועט. זי העלפט צו פרײדיע מלכהן.

— איך װײס. חײמלס מאַמע האָט געבוירן א קינד און איר שכנטע פרימעט העלפט איר צו.

שמעון שטײט אײנגעבויגן און גלײכט אויס װײכע װײסע פעלן, װאָס ליגן אויף דער האַרטער ערד נאַסע, גלאַנצנדיקע, אָן װאָל.

— אָט איז פאַר דיר א געלענק־בײן, ירוחמל.

איך האָב אים א כאַפּ געטאָן. ער האָט מיר צוגעװאָרפן נאָך אײנעם און נאָך אײנעם, און נאָך צװײ בײנער, װאָס זענען געלעגן אונטער זײַן באַנק. איצט װעל איך האָבן גענוג בײנער זיך צו שפּילן אין חדר, מאָרגן, װען דער רבי װעט אװעקגײן צו מנחה.

— אָט איז דער פעטער! װאָס איז עס עפּעס פאַר א הויכע גראָבע פּאַס, אין װעלכער דער פעטער שטײט ביז צו די קני און נאָך העכער? איז דאָס די קאַדקע? פאַרװאָס הײבט ער זיך אַרויף און אַראָפּ? ער טאַנצט! און דער געזונטער לײביש טאַנצט אין א צװײטער פּאַס!

— פעטער!

ער האָט מיך דערזען. ער שאָקלט זיך. עס װילט זיך מיר אויך טאַנצן. עס װילט זיך מיר אויך שפּרינגען אין דער פּאַס אַרויף און אַראָפּ, װי דער פעטער. ס׳אַר א שטאַרקער ריח! ס׳איז א גאַנץ אַנדער ריח, װי פון די פעלן. פאַרװאָס שמעקט אַזױ אין דער פּאַס?

— ירוחמקע, איך גײ שױן אַרױס! — שרײט דער פעטער.

ער קריכט אַרויס פון דער גראָבער פּאַס. ס׳אַרא הויכע שטיװל ער טראָגט, אַריבער די קני, אַזש ביז צו זײַן פאַרטעך.

— װו האָסטו גענומען אַזעלכע גרויסע שטיװל, פעטער, אַזעלכע הויכע?

— זײ געהערן צו דער גאַרבערײ. דאָס זענען שאַף־שטיװל. יעדער אײנער, װאָס גײט אַרײַן אין דער קאַדקע מוז זײ טראָגן.

— פעטער, צי האָט איר און דער געזונטער לײביש געטאַנצט אין די דאָזיקע קאַדקעס?

דער פעטער האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט.

— נײן, נאַריש קינד. טאַנצן! װאָס איז מיט אונדז די שמחה, מיר זאָלן טאַנצן? מיר האָבן געטראָטן. — ער קוקט אויף זײַנע הויכע שטיװל, פון װעלכע עס גיסן זיך טראָפּנס װאַסער. — מיר טרעטן די פעלן, כדי זײ װײכער מאַכן צום גאַרבן, אָט דאָס האָבן מיר געטאָן.

ער האָט נישט געטאַנצט...

— פעטער, דו וועסט פון איצט אָן כסדר טרעטן אין דער דאָזיקער פּאַס?

— ניין, דאָס איז אַ פּאַרטיע אָקסן־בעל, וואָס מרדכי־לייב האָט איינגעקויפט. אָבער ס׳הוב וועל איך שאַבן די פעלן ביים שאָב־ברעט, ווי שטענדיק.

— וועסטו מיר דערלויבן דיר העלפן אויסצושפּרייטן די פעלן, זיי זאָלן זיך טריקענען אויפן ברעג פון טייכל?

— אַוודאי, ירוחמקע, זאָל נאָר דער צווייטער ווינטער פאַרבייגיין און פסח וועט ווידער ברענגען אַ וואַרעם ווינטל.

איך גיי מיטן פעטער צום האַנטפאַס ביים עק פון דער גאַרבעריי און ער דערלאַנגט מיר אַ קוואָרט צו באַגיסן זיינע הענט מיט וואַסער. ער וואַשט און זייפט זיינע הענט און איך שעפּ און גיס, שעפּ און גיס אויף זיינע דלאָניעס, אויף דער צווייטער זייט, צווישן די געלע פינגער. איצט איז דער פעטער אַ כהן, וואָס שטייט ביים האַנטפאַס אין שול, און איך בין אַ לוי, וואָס באַגיסט זיינע הענט מיט וואַסער פאַרן דוכענען.

דער פעטער מאַכט אַ ברכה פאַרן עסן.

ס׳איז זייער גוט, וואָס נעבן האַנטפאַס שטייט אַ קלאָץ, און איך קען זיצן ביי דער וואַנט אַליין מיטן פעטער, בעת ער עסט דעם אָוונט־ברויט. ער האָט געענדיקט. ער סקראָבעט אויס דעם טאָפּ מיטן לעפל. איך האָב נישט פאַרגעסן און געזאָגט:

— די מומע בעט אַ האַלבן רובל אויף עסנוואַרג. זי האָט געזאָגט, אַז אויב דו וועסט מרדכי־לייבן בעטן אין אַוואַנס, וועט ער געוויס דיר נישט אָפּזאָגן. זי האָט געזאָגט, אַז דו זאָלסט דעם האַלבן רובל שיקן מיט מיר.

דער פעטער קראַצט זיך די באָרד. ער איז פאַרדאַגהט. ער שטייט אויף. — וואַרט, — זאָגט ער. ער שפּרייזט דורכן הויף צו דער הינטער־שטער טיר פון דעם גרויסן הויז.

ער איז אַוועק צו מרדכי־לייבן... אפשר וועט ער אים נישט אָפּזאָגן.

ווען דער פעטער האָט אָנגעהויבן אַרבעטן ביי מרדכי־לייבן, האָט ער געזאָגט: — עס איז אַ כבוד צו אַרבעטן ביי אַזאַ באַלעבאָס. — אָבער פּיניע כל־בוניק האָט געזאָגט: — זאָל ער דיר בעסער געבן ווייניקער כבוד און מער שכירות.

— איינער אַליין. ירוחמל? וווּ איז דער פעטער?

דאָס איז עוזר. ווי אזוי קען ער שלעפּן אזא פּאַק פּעלן אויף די פּלייצע? סאַראַ מוסקולן ער האָט! ער האָט אַזעלכע פעסטע זשילעס ווי לייביש גיבור, הגם עוזר איז א סך ייִנגער פון אים.

— דער פעטער איז אַוועק אין גרויסן הויז צו רעדן מיט מרדכי־לייבן.

— אויב ס׳האַנדלט זיך וועגן א מציאה, וואָלט איך זיך גיכער געלאָזט א צאָן אַרויסרייסן, — זאָגט עוזר, און מיטן פּוס טוט ער א שטופּ א שטיקל פאַרפוילט שפּענדל, אַזוי אז עס שפּרינגט אָפּ צום צווייטן עק פונעם הויף. ער לייגט איבער די פּעלן אויפן צווייטן אקסל און קלייבט זיך גיין. מיט אמאָל בלייבט ער שטיין.

— דו זעסט, דאָרט שטייט מרדכי־לייב מיט דיין טאַטן און זיין גרויסער פּרעסער פאַרמאַכט זיך נישט.

איך זע אים. זיי קומען צו נעענטער, יאָ, איך זע זיין לאַנגע שוואַרצע קאַפּאָטע, וואָס דערגרייכט ביז צו דער ערד און זיינע רויטע אָנגעפּלוישטע באַקן. מיט איין האַנט גלעט ער זיין באָרד און מיט דער צווייטער שטורכעט ער אין דער ריכטונג פונעם פעטערס פּנים. איצט הער איך שוין זיין הויכע הייזעריקע שטים.

— דריי רובל א וואָך איז נישט קיין שלעכטע שכירות. א סך פּעל־קראַצער וואָלטן זיך געווונטשן צו פאַרנעמען דיין אָרט ביים שאָב־ברעט. זאָג אַליין, וואָלפקע, צי בין איך נישט גערעכט? פאַרשטייט זיך, אויב ס׳האַנדלט זיך וועגן א ברייט לעבן...

— א ברייט לעבן? וואָס איך הער? — האָט דער פעטער פאַר־שטאַרקט זיין שטים.

— דו נעמסט אויף זיך א לאַסט, וואָס גאָט פאָדערט נישט פון דיר, — האָט מרדכי־לייב זיך אָנגערופן.

עוזר האָט פון זיין פּלייצע אַראָפּגעשליידערט די פעלן אויף דער ערד

— א כאָליערע אים אין די געדערים, — האָט ער שטיל א זאָג געטאָן, — ער און גאָט! קוקן די אַרבעטער נעמט ער תמיד גאָט פאַר א שותף.

וואָס איז אויסן מרדכי־לייב?

—ס׳איז גאַנץ קלאָר און פּשוט, וואָלפקע, — זאָגט מרדכי־לייב. — ווען גאָט וואָלט געוואָלט דיך מזכּה זיין מיט קינדער, צי דען זשע וואָלט ער זיי דיר נישט געגעבן? און קעגן גאָטס ווילן האָסטו זיך אליין

גענומען אַ זון, וואָס וועט אַם ירצה השם נישט זיין דיין קדיש און שלעפּסט אויף זיך אַרויף אומזיסטע דאגות.

דאָס בין איך, דאָס מיינט ער מיך!

— גלויב מיר, וואָלפּקע, דו זעסט דאָך אַליין, איך האָב דיר געגעבן דעם האַלבן רובל, וואָס דו האָסט געבעטן. איך זאָג עס דיר צוליב דיין טובה וועגן און הערניבער זאָלסטו אין מיטן וואָך מער קיין אַוואַנסן נישט בעטן.

דאָ האָט זיך עוזר אָפּגערופן מיט שאַרפע ווערטער:

— פאַרוואָס גיט ער נישט, דער טריפהנער חזיר, אַזאַ שכירות, עס זאָל סטייען אויף אַ וואָך?

ער גייט צו נאָענט צו מרדכי־לייבן.

— כ'האָב ברעה חתונה צו האָבן.

— מזל־טוב, — ענטפערט אים מרדכי־לייב — פאַרוואָס איילסטו דיך מיר עס אָנצוזאָגן?

עוזר האָט געצוקט מיט די אַקסלען.

— אפשר האָסטו עפּעס קעגן אַזאַ מין לוקסוס?

ער ווינקט מיט אַן אויג צו מיין פעטער.

מרדכי־לייבס באַקן ווערן רויטער, מער אָנגעפּלוישט, ווי פריער. ער טופּעט מיטן פוס און שרייט:

— גיי צו דיין אַרבעט, דו נידערטרעכטיקער גאַרבער־יונג! וואָס מישסטו דיך, נישט אין דיינע עסקים?

— איר מישט זיך אַריין אין וואָלפּקעס היימיש לעבן, — גיט עוזר חזרה.

מרדכי־לייב שיסט אויס אַ ברייטן געלעכטער עוזרן אין פּנים אַריין.

— פיש, פיש, כאַ־כאַ! אַ נייער שלמה המלך איז געקומען מיך משפּטן! — ער איז שטאַרק אויפגעבראַכט — דרך־ארץ, דרך־ארץ פאַר מרדכי־לייבן, דו כלב איינער! איך וועל דיר ווייזן, ווי אַזוי מען רעדט צו אַ באַלעבאָס! — ער דרייט זיך אויס, טוט אַ שפּיי און גייט שנעל אַוועק צום גרויסן הויז.

— דרך־ארץ? איך וועל אים ווייזן וואָס הייסט דרך־ארץ. וואַרט! עוזר פאָכעט מיטן פויסט אין דער ריכטונג פונעם גרויסן הויז, — דו וועסט שוין נישט לאַכן אַזוי הויך, ווען!... — ער בויגט זיך איין און הייבט אויף די פעלן.

אַלע שווייגן. מיטאַמאָל זאָגט צו מיר דער פעטער:

— אָט האָסטו דיר אַ האַלבן רובל, ירוחמקע — ער איז איינגע־
וויקלט אין פּאַפּיר און קוקט אויס גרעסער ווי ער איז. — רוק עס אַריין...
לאָמיך אַ קוק טאָן... — ער באַטראַכט די אונטערשלאַק פון מיין אָנצוגל,
קוקט אויף מיינע הויזן, וואַרפט אַ בליק אויף מיינע שטיוול, נעמט אַראָפּ
מיין היטל. אָבער פאַרוואָס טרייסלען זיך זיינע הענט? — ליי‌ג עס אַריין
אונטער דער פּאָדשעווקע. — ער רוקט מיר אַרויף דאָס היטל פעסט
איבער מיינע אויערן. — איך וועל אָנצינדן דיין לאַמטערן. אָבער איך
מיין, אז ס'איז איבעריק. ס'איז נאָך דערווייל נישט פינצטער.

— זיי געזונט, פעטער. זיי געזונט, עוזר.

דער פעטער איז צוריק אוועק אין דער שאָפּע. ער קריכט אַריין
אין דער קאַדקע נעבן לייביש גיבור, און נעמט זיך טרעטן די פּעלן.
אָפּגעגאַנגען אַ שטיקל וועג, דריי איך מיך אויס און איך קען אים אַלץ
נאָך זען. ס'איז שווער צו גיין. דער פעטער טאַנצט. טרעט, פעטער, טרעט
פעסטער. טרעט מיט דיינע שווערע שטיוול איבער אים, טרעט אויף אים
פעסטער... טרעט, פעטער... טרעט!

3

זעלנער=ברויט

די טיר עפנט זיך און א ברייטער מאַן בלייבט שטיין אינעם אריינגאנג. זיינע באַקנבאַרדן זענען לאנג און גרוי. מיט די אָרעמס קלאַפּט ער אָפּ דעם שניי פון זיין שווערן מאַנטל.

— דער סאָלטיס! — האָט דער פעטער א זאָג געטאָן, אויפשטייענדיק פון טיש. א קאַלטער ווינט בלאָזט אַריין אין צימער. די מומע פאַרשטעלט מיט אירע הענט די שבת=ליכט וואָס שטעקן אין קאַרטאָפל און שטייען אויפן ווייסן טישטעך.

דער סאָלטיס טרעט אריבער די שוועל. נאָך אים קומט אריין א זעלנער. ער איז קלענער און יינגער. דער גרויער שינעל א באַשאָטענער מיט שניי פאַרדעקט זיינע שטיוול. א הילצערנער טשעמאָדאַן איז צוגעבונדן צו זיין פלייצע. זיין קיילעכדיק היטל האָט נישט קיין דאַשעק, אָבער עפּעס גלאַנצנדיקס שטעקט אין דעם פון פאָרנט. דאָס קוקט אויס ווי א בראָשקע. אָבער עס איז נישט ענלעך צו דער בראָשקע, וואָס די מומע טראָגט יום=טוב, און נישט ענלעך צום אָדלער אויפן היטל פונעם סאָלטיס. אינמיטן איז רויט און ארום זענען ווייסע און בלויע רינגען. אָבער מער ווי די בראָשקע שיינען דעם זעלנערס אויגן. דאָס ליכט פון זיינע ברוינע אויגן שמייכלט צו מיר און זיינע האָר זענען, ווי דאָס העלע גילדענע זאמד, וואָס די מומע האָט לכבוד שבת צעשאָטן אויף דער ליימענער פּאָדלאָגע. דער סאָלטיס שטייט ביים טיש און לייענט פון א פּאַפּיר, וואָס ער האַלט אין דער האַנט. די פּוילישע ווערטער, וואָס גייען פּאַוואָליע אַרויס פון אונטער זיין לאַנגער באָרד, טרייבן אָן א פּחד. די שפּיצן פון זיין באָרד, וואָס הענגען אַראָפּ זענען גרוי און קאַלט. זיי הענגען אַראָפּ ווי אייז=צעפּלעך איבער די אָנגעצונדענע שבת=ליכט.

דער סאָלטים איז אַוועק. די מומע רוימט אָפּ די טעלער פון דער שבתדיקער סעודה, און קיינער רעדט נישט. דער זעלנער שטעלט אוועק זיין קעסטל און גייט צום אויוון אָנצוואַרעמען זיינע הענט.

די מומע רופט זיך אָן:

— פּרעהם מכּות אויף זייערע קעפּ. מיר האָבן דאָך צופיל צרות אין אונדזער איין־צימערדיקן פּאַלאַץ, שיקן זיי אונדז אריין א זעלנער אלם מיטשותף!

— כי, כי, כי! — לאַכט די אלטע מיינדל פון איר שטרויענעם שעניק אויפן אויוון. — אַזעלכע שבתים זאָלן זיי האָבן א גאַנץ לעבן, גרויסער גאָט אין הימל! — זי טוט א שפּיי אויף דער ערד, נעבן דעם זעלנערס קעסטל.

— אך, דו ביזגנער יונג, ס'איז קענטיק שווער אין אזא קאַלטער נאַכט אין וועג.

דער פעטער שטייט אויף פון טיש און גייט צו צום זעלנער. ער שטעלט זיך נעבן אים, קראַצנדיק פּאַוואָליע די באָרד אונטער דער גאָמבע.

— וואָס טוט זיך עפּעס אין דער וועלט, זעלנער? האָסטו א לאַנגן וועג פאַר זיך? — פרעגט ער אויף פּויליש.

דער זעלנער קוקט אים אָן מיט א ברייטן שמייכל. ער ענטפערט אים אויף א שפּראַך, וואָס איז נישט ענלעך צו פּויליש און נישט צום יידיש וואָס מען רעדט ביי אונדז אין דער היים. דאָס איז א שטאַרק, פריש לשון. דער פעטער דרייט זיך אויס צו אונדז:

— ס'איז רוסיש! ער איז א רוס! א רוס!

— ס'איז גוט, וואָס איך האָב זיך אויסגעלערנט רוסיש רעדן בעת דער טערקישער מלחמה. — דער פעטער איז שטאָלץ.

מיין פעטער האָט אָנטייל גענומען אין דער טערקישער מלחמה! און ער האָט זיך דאָרט אויסגעלערנט רעדן רוסיש! צי וועל איך זיך אויך אויסלערנען רוסיש רעדן, אז איך וועל גיין מלחמה האלטן?

דער פעטער הערט זיך צו צום זעלנערס רייד און שאָקלט מיטן קאָפּ.

דער זעלנער זיצט אויף דער ערד נעבן אויוון, די פיס אונטער זיך און קוקט אויפן פעטער. צי קאָן דער פעטער אויך זיצן אויף אזא מין אופן? דער זעלנער רעדט. דער איספּראַווניק אוןביידע פּאָליציאַנטן רעדן אויך רוסיש. אָבער ביי זיי קלינגט עס אַנדערש. זיי זאָגן: ק ו ם אַ ה ע ר. ט ר אָ ג ז י ך אָ פּ. כ אַ פּ ט ד י ך ד ע ר ר ו ח.

ק ר ע צ י ק ע ר יי ד*). כ'טראַכט תמיד, אַז רוסיש איז אַ בייזע שפּראַך. ווי שנעל מען רעדט אויף איר! אָבער דער פּעטער פֿאַרשטייט זי. ער האָט געהאַט מזל, איז אויף דער טערקישער מלחמה געווען. דער זעלנער רעדט און דער פּעטער שאָקלט כסדר מיטן קאָפּ.

— וואָס שאָקלסטו מיטן קאָפּ און וואָס זאָגט ער? — פֿרעגט די מומע.

דער פּעטער קוקט בייז אויף דער מומען און ענטפֿערט נישט. ער קוקט ווידער אַראָפּ אויף דעם זעלנערס אויפֿגעהויבענעם פּנים. ער הערט אויף צו שאָקלען מיטן קאָפּ. איצט צוקט ער מיט די אַקסלען, דרייט זיך אוים צו אונדז און זאָגט:

— ער דערציילט עפּעס וועגן דער מלחמה, וועגן דער נייער מלחמה מיט יאַפּאַן. עפּעס וועגן אַ קו, וואָס איז אַנטלאָפֿן געוואָרן מיט אַ קינד קיין יאַפּאַן. ניין, עס קאָן נישט זיין קיין קו. — ער שאָקלט ווידער פֿאָ-וואָליע מיטן קאָפּ. — זינט דער טערקישער מלחמה איז שוין אַ לאַנגע צייט פֿאַרביי. אַ שאָד. אַ שאָד! אַזוי שטאַרק פֿאַרגעסן דעם רוסיש, וואָס כ'האָב געקענט!

די מומע לאַכט.

— צום גליק, האָסטו קיין סך נישט באַדאַרפֿט רוסיש צו פֿאַרגעסן, מען זעט באַלד, אַז דו פֿאַרשטייסט אים — אַ קו איז אַנטלאָפֿן געוואָרן מיט אַ קינד קיין יאַפּאַן...

ניין, דער פּעטער האָט מסתם געקאָנט און אַביסל פֿאַרגעסן, אַביסל פֿאַרגעסן דאָס רוסישע לשון!

די מומע דערלאַנגט דעם זעלנער אַ טעלער יויך מיט לאָקשן, וואָס זי האָט איבערגעלאָזט שטיין אויף דער קיך.

— אָרעמער זעלנער! ווער ווייסט, ווי לאַנג עס קומט אים אוים צו גיין, איידער ער באַקומט אַ ביסל וואַרעמס, פֿריער די טערקן און איצט די יאַפּאַנער.

דעם זעלנערס אויגן לויכטן אויף. ער זאָגט עפּעס מיט אַ באַשיידע-נעם שמייכל. די מומע לאָזט אַראָפּ אירע הענט.

— דאָס באַדייט אַ ד אַ נ ק, — רופֿט זיך אָפּ דער פּעטער מיט גאווה — ספּאַסיבאָ. אַ פֿיינע שפּראַך, נישט אמת?

---

*) Пойди сюда, убирайся вон, чёрт тебя побери, паршивая, жидовская рожа.

— דאָס איז אַ שפּראַך פאַר די קאָזאַקן. דאָס איז נישט אַזאַ שפּראַך, אַז אַ יידיש קינד זאָל אויף איר רעדן, בפרט פריטיק צו נאַכט!

די אַלטע מינדל רעוועט!

— זאָל דער שטייערן־איינמאָנער אויך ביי די דאָזיקע גויים אַוועק־נעמען די לייכטער פון טישן, זאָל ער! — זי קוקט אַראָפּ פון אויוון, דראָ־ענדיק מיט איר ביינערנער פויסט אין דער ריכטונג פון זעלנער. — זאָלן זיי אויך מאַכן אַ ברכה איבער שבת־ליכט, וואָס שטעקן אין קאַרטאָפל זאָלן זיי! כי, כי, כי!

דער פעטער גיט אַ מאַך מיט דער האַנט. — הערט זיך נישט צו צו די רייד פון דער, וואָס ליגט אויפן אויוון — זאָגט די האַנט.

דער זעלנער שלעפּט אַרויס פון זיין שטיוול אַ לאַקירטן הילצערן לעפל. דער לעפל איז רויט און באַגילדט. איך בין אַוועק פון טיש און זיך געשטעלט נעבן אים. ער גיט מיר דעם לעפל אין האַנט אַריין. ער איז גלאַט און עס שפּירט זיך אַ וואַרעמקייט פון אַ פריש איי. דער פעטער וויל עס אויך באַטראַכטן. ער קוקט זיך צו און טאַפּט עס מיט די פינגער.

— דאָס איז עס, דאָס איז עס! דאָס זענען די זעלבע לעפל, וואָס מיר האָבן באַנוצט צום עסן! אך, ווי געשמאַק איז דער באָרשטש מיט די דאָזיקע לעפל!

— יאָ. — רופט זיך אָן די מומע, — זויערע קרויט מיט פלייש איז טאַקע פאַר גויים. כשרות? — דאָס איז קדושה אין יעדן לעפל!

דער זעלנער נעמט אַרויס פון זיין קעסטל אַ שוואַרץ קיילעכדיק ברויט. ווי גרויס און קיילעכדיק עס איז! כמעט ווי אַ ראָד פון אַ וואָגן. ער שניידט אים מיט אַ קליינעם מעסער און שמייכלענדיק, דערלאַנגט ער מיר אַ גראָבן פּענעץ.

איך קוק מיך אַרום. צי וועט מען מיר דערלויבן? די מומע שאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ. איך ברענג צום טיש דעם גראָבן פּענעץ ברויט, וואָס דער זעלנער האָט מיר געגעבן. עס קוקט אויס אַזוי מאָדנע האַרט און גראָב ביי דער זייט פון דער ווייכער חלה אויפן טיש, פונקט ווי אַ וויל־דער וואָלף קעגן אַ ציטערנדיקן שעפּס.

— זעלנער־ברויט, — זאָגט דער פעטער און ברעכט אָפּ פאַר מיר אַ שטיקל.

מ...מ...מ...! אַ מחיה! אַזוי גראָב און אַזוי פריש און געשמאַק. און האָפּ דעם ריח פון די פעלדער אין אָסיאַנקע בעתן היי־שניט.

דער פעטער ברעכט אָפּ אַ שטיקל פּאַר זיך. ער טונקט עס איין אין זאַלץ און מאַכט דעם אָנשטעל פון איינעם, וואָס פאַרשטייט זיך אויף אַזעלכע זאַכן. — אָט דאָס מאַכט זיי אַזוי שטאַרק.

— קוקט, קוקט, ווי ער האָט זיך איינגעכליאָבעט אין דעם פראָסטן שטיקל לחם — זאָגט די מומע. — ווען לייט זאָלן דיך הערן, טרעטן זיי אין דער צאַרישער אַרמיי אַריין, כדי זיך צו באַלעקן מיט דעם זעלנער־ברויט.

אַלע שווייגן. מען הערט בלויז דאָס קלאַפּן פונעם לאַנגן וואַנט־זייגער אין צימער. קיינמאָל האָט ער נאָך אַזוי הויך נישט געקלאַפּט. די גרין־גאָלדענע שטאָף־בילדער אויף די ווענט קוקן איינער אויפן צווייטן. דער געוועבטער זון־אויפגאַנג נייגט זיך צו דער געוועבטער שקיעה. די אַלטע מינדל זיצט איינגעבויגן אויפן אויוון און קוקט אומפריינדלעך אויפן זעלנער. ווען אירע הענט וואָלטן בייטשן געווען, וואָלט זי אים אַרויסגעטריבן. דער זעלנער קוקט נישט אויף איר. ער דרייט אַ פּאַפּיראָס. ער שלעפּט אַרויס אַ דין בלעטעלע פּאַפּיר און דערלאַנגט עס דעם פעטער צוזאַמען מיטן טאַבאַק־בײַטל.

דער פעטער שאָקלט מיטן קאָפּ.

— ער ווייסט נישט, אַז היינט איז שבת. די גוים, וואָס האָבן זיי אויף דער וועלט? אַלץ מעגן זיי, קיין זאַך איז זיי נישט פאַרבאָטן.

דער זעלנער עפנט אַ קליין קעשענע־מעסערל, מיט אַ רויט הענטל! ער ווינקט צו מיר מיט דעם.

— וואָס האָב איך אייך געזאָגט? וואָס האָב איך אייך געזאָגט? — שרייט די אַלטע מינדל. — אַ רוצח האָט איר אַריינגעלאָזט אין אייער שטוב! און איר האָט אים נאָך מכבד געווען מיט לאָקשן־יויך, כדי ער זאָל אונדז אַלעמען דערשטעכן מיט זיין מעסער! שמע ישראל!

דער זעלנער קוקט אָן דער אַלטער מינדל.

— שטיל, מינדל! — שרייט צו איר דער פעטער. — ער ווייזט מיט דער האַנט, זי זאָל שווייגן.

דער זעלנער שלעפּט אַרויס פון זיין קעשענע אַ גלאַטן, פלאַכן שטיין, לאַנג און שמאָל. ער שפּייט אָן אויף אים און רייבט אים מיט זיין ווייז־פינגער. ער פירט דאָס מעסערל אַהין און צוריק אויפן שטיין, צוערשט אין זייט, נאָכדעם די צווייטע און ווידער אַהין און צוריק, דערנאָך פּרוווט ער דעם שאַרף אויפן שפּיץ פון זיין גראָבן פינגער און לאַכט צו מיר אויפן קול. ער פאַרמאַכט דאָס מעסערל און דערלאַנגט עס מיר.

— פאַרוואָס זאָל ירוחמקע אַוועקנעמען פון אים דאָס מעסערל, וואָלפּקע, פאַר דאָס ביסל, וואָס מיר האָבן אים געגעבן? — פרעגט די מומע.

— ער האָט נאָך אַ מעסער, דאָס מעסער, מיט וועלכן ער האָט דאָס ברויט געשניטן — האָט דער פעטער אָפּגעענטפערט. — זאָל ער אים עס געבן, אויב אים ווילט זיך.

דאָס מעסערל עפנט זיך און פאַרמאַכט זיך. עס עפנט זיך שווערער, ווי עס פאַרמאַכט זיך. עס עפנט זיך און פאַרמאַכט זיך. איך עפן ווידער, פאַרמאַך ווידער. איך דריק עס אין מיין האַנט. עס גליטשט זיך אַריין אין מיין הויזן־קעשענע. כ'האָב הנאה אַריינצושטעקן מיין האַנט אין קעשענע און שפּירן דאָרט דאָס מעסערל.

מאיר, דער זון פון רייכן נתן, באַרימט זיך פאַר אַלעמען מיט זיין זילבערן זייגער־קייטעלע, וואָס זיין טאַטע האָט אים געבראַכט פון וואַרשע, אָבער מאיר — דעם טאַטנס זונדל — האָט נישט אַזאַ מעסערל ווי מיינס. קיין שום ייִנגל האָט נישט אַזאַ זעלנעריש מעסערל ווי איך האָב. איצט וועל איך אויסשניצן די בעסטע פיילן אין גאַנצן חדר. איך וועל שניידן די האַרטסטע ראָרן אין דער סאַזשלקע. און ווען איך וועל אויסוואַקסן און ווערן אַ זעלנער, וועל איך אין דער אַרמיי שניידן זעלנער־ברויט מיט דעם דאָזיקן מעסערל.

די מומע זאָגט:

— באַדאַנק דעם זעלנער פאַרן קעשענע־מעסערל, ירוחמקע.

— יאָ, זאָג דעם זעלנער ספּאַסיבאָ — האָט דער פעטער צוגעגעבן.

איך גיי צו צום זעלנער און שטעל זיך פאַר אים אַוועק אָבער דאָס לשון איז ביי מיר אָפּגענומען געוואָרן. ער קוקט אויף מיר פון דער פאָדלאָגע און זיין פּנים איז געקניימשט פון געלעכטער.

— ספּאַסיבאָ — זאָג איך — און אַנטלויף שנעל צו דער מומען.

דער זעלנער זיצט אויף דער ערד נאָענט צום אויוון און קוקט דורכן פענצטער אין דער פינצטערער נאַכט...

זעלנער, זעלנער, פאַרוואָס זענען דיינע אויגן אומעטיק? וווּהין קוקסטו דורך וועגן, פעלדער און טייכן? ווו איז דאָס דאָרף, וואָס איז דיין דאָרף, ווו איז דאָס הויז, וואָס איז דיין הויז? האָסטו אַ טאַטן און אַ מאַמען, אָדער אַ פעטער און אַ מומען? אפשר זיצן זיי און וואַרטן אויף דיין צוריקקער אַהיים?... דער זעלנער רעדט נישט קיין וואָרט. זיינע אויגן

זאָגן: אפשר האָב איך נישט געדאַרפט קומען אַהער צו אייך. דיין פעטער און דיין מומע זענען דאָך אָרעם. איר האָט אַלע פיר בלויז איין צימער.

שובה אדוני את שביתנו

דער פעטער האָט געזונגען דעם שיר־המעלות פון פרייטיק צונאַכט. אָנגעלענט אויף זיין שטול און האַלטנדיק די האַנט אונטער זיין באָרדיקער גאָמבע, האָט ער געזונגען אין לשון קודש:

שובה אדוני את שביתנו
כאפיקים בנגב
הזורעים בדמעה
ברנה יקצורו.

די בלאַסע ליכטלעך האָבן גענומען פלאַקערן. אפשר הערן זיי די געזונגענע ווערטער און די אומעטיקע שטים, וויל זייערע טרערן פאַלן שנעל. איינציקן נעמט בלויז דאָס קליינע גרינע נאַכט־לעמפל אויפן פרי־פעטשיק וואַרפן זיינע שאָטנס.

דער זעלנער קוקט אויפן פעטער. זיין קאָפ איז אַראָפּגעבויגן אין אַ זייט און זיינע אויגן האָרכן.

הלוך ילך ובכה
נושא משך הזרע
בא יבוא ברנה
נושא אלמותיו.

איצט איז דעם פעטערס קול אָפּגעשוואַכט. ער זינגט שטיל אין זיין באָרד אַריין. און אָט בלייבט ער אינגאַנצן שטיל. דעם פעטערס אויגן זע־נען צוגעמאַכט. זיין קאָפּ געפאַלן אויף דער ברוסט. דער זעלנער קוקט אַראָפּ. ער זיצט מיט די פיס אונטער זיך און קוקט אויף דער ערד. אין צימער הערשט אַ שטילקייט. אָבער דורך דער שטילקייט צעטראָגט זיך אַ נייע שטים, אַ נייער ניגון. דער זעלנער זינגט שטיל צו זיך אַליין! צאַרט... מילד... ער הייבט אויף פּאַוואָליע זיין קאָפּ, דעם פעטערס אויגן זענען איצט אָפן. זיי קוקן אויפן זעלנער און זיי שמייכלען. דער פעטער

שאָקלט מיטן קאָפּ. זינג, זינג, באַדייט עס. דער זעלנער הייבט אויף זיין שטים, און זיין פּנים איז אַ ליכטיקער לאָמפּ מיט אַ הויך=אויפגעדרייטן קנויט. דער מאַטיוו שיילט ווערטער אויס — י ע נ ע ו ו ע ר ט ע ר ! רוסישע ווערטער! אָט שטייגט דאָס געזאַנג אין דער הויך, צו די שפּיצן פון די ווינט=מילן, העכער, צו דער זון, וועלכע באַאַרבעט די טענער מיט גאָלד, און אָט איז עס ווידער טיף און פינצטער, ווי דאָס וואַסער אונטער דער בריק; אָט איז עס טרויעריק, ווי די תּפילות פון יום=כיפּור, אָבער אויך ברייט און שטאַרק. דער זעלנער זינגט און זינגט מיט אַ פולער שטים, און דאַן ווידער מיט געפּליסטער...

,,מיט האַלב צוגעמאַכטע אויגן זאָגט דער פעטער שטיל צו זיך אַליין:

— ער שטאַמט אויך פון אַ פאָלק, וואָס טוט זייען מיט טרערן און האָפט צו שניידן מיט געזאַנג....

— דערוואָרגן זאָל ער ווערן מיט זיין גרילצעניש! — וואָרטשעט די אַלטע מיגדל פון אויוון. — זיי האָבן אַריינגעלאָזט אַ גוי אין שטוב, כדי אים צוגעבן מיין אָרט אויפן אויוון.

די ליכט זענען שוין אויסגעברענט ביז צו די קאַרטאָפל. אינגיכן וועט דאָס ליכט אויסרינען און עס וועט פינצטער ווערן. איך זיץ ביים טיש און קוק אויף דעם זעלנערס ברויט, וואָס ליגט זייט ביי זייט מיט דער הייליקער שבתדיקער חלה. מיר געפעלט דאָס קעשענע=מעסערל, וואָס ער האָט מיר געגעבן. מיר געפעלט דער קלאַנג פונעם וואָרט ס פּ אַ ס י ב אָ. מיר געפעלט דאָס זייערע קרויט, וואָס ער עסט מיט אַן אָפּגעליאַקירטן הילצערנעם לעפל אַרויסציענדיק אים פון זיין שטיוול און מיר געפעלט, אַך, ווי געפעלט מיר דאָס שטאַרקע, ווייכע געזאַנג...

4

דער פאַרהער

איך גיי ביים זייט פון רבין אויפן וועג קיין אָסיאַנקע. ס'איז שבת נאָכמיטאָג. אָבער דער פראָסט צווינגט דעם רבין זיך צוצואיילן. זיינע הענט האַלט ער פון פאָרנט, אַריינגערוקט אין די פעלץ־אַרבל פון זיין אָפּגענוצטן מאַנטל. זיין קאָפּ איז פאַרזונקען אין פוטער־קאָלנער. די געפרוי־רענע בלאָטע שאַפט האַרטע בערגלעך אונטער אונדזערע פיס. איבער אונדזערע קעפּ קלאַפּן קראָען מיט זייערע פליגל און קראַקען.

דער רבי ווענדעט זיך צו מיר:

— באַלד וועלן מיר צו רב נתן בענדער קומען. ער ווייסט ווי אַזוי צו פאַרהערן. דו, ירוחמל, דאַרפסט אים באַווייזן, אַז מען קאָן זיך אויף דיר פאַרלאָזן מיט אַ סדרה חומש. פאַרשאַף דיין פעטער און מומען נישט קיין חרפּה און מאַך נישט דער רבי זאָל זיך מיט דיר דאַרפן שעמען.

דער אָטעם פון רבינס מויל הייבט זיך גרוי אין דער פראָסטיקער לופט.

— רבי, פאַרוואָס רופט מען אים נתן דער רמאי?

— שאַ, גאָט זאָל שומר ומציל זיין זאָלסט אַזוי אָנרופן נתנען אין שטוב. קאָן מען איינהאַלטן שלעכטע צינגער? כ'מיין, אַז זיי רופן אים נתן רמאי דערפאַר, ווייל ער איז אַ געלער. מען זאָגט דאָך: פאַלש ווי דער געלער לבן; וואָס האָט אָפּגענאַרט יעקב אבינו, אונטערגערוקנדיק אים זיין טאָכטער לאה פאַר אַ ווייב, נאָכדעם ווי ער האָט אָפּגעאַרבעט זיבן יאָר פאַר רחלן.

מיר דערנענטערן זיך צו דעם שטיינערנעם הויז מיט די הויכע פענצטער, ווער ווייסט וואָסערע שאלות נתן רמאי וועט מיר שטעלן? ווער ווייסט וואָסער סדרה ער וועט מיר אויסמישן. וועלכע סדרה האָבן מיר היינטיקע וואָך געלערנט? עס קומט מיר אָן שווער זיך צו דערמאָנען. איך

לייג צו די פינגער צו מיין שטערן. אוי, רבי, רבי, איך וויל דיך נישט פארשעמען. איך וויל אויך נישט פארשעמען דעם פעטער און דער מומען. די מומע האט צו מיר אזוי געזאגט:

— מיר האבן נישט קיין שכר־לימוד פאר דיר צו באצאלן, ירוחמקע. דער פעטער ארבעט שווערער און פארדינט ווייניקער זינט ער האט געביטן זיין באלעבאס, סענדער לעווין, וועלכער איז געליימט געווארן. און וואס קאנען מיר דיר געבן, חוץ אונדזער ארעם ברויט? — און אפקערנדיק פון מיר דעם בליק האט זי געזאגט שטיל: — ביי דיין טאטע־מאמע אין לאנדאן קאנסטו האבן א בעסער לעבן און קריגן א בעסערע בילדונג. — איך וויל נישט פארן קיין לאנדאן. איך וויל בלייבן דא מיטן פעטער און מיט דער מומען.

— פאר מיר, דיין רבין, האט עס א גרויסע באדייטונג. אויב דיין קענען, ירוחמל, וועט אויסנעמען ביי רב נתנען, וועט ער אפשר מיט געטס הילף, צום נייעם זמן, שיקן צו מיר זיינע ביידע זין...

כ'האב פיינט ביידע נתנס זין, און האף, אז ער וועט זיי צו אונדז נישט שיקן. אלע יינגלעך האבן זיי ביידן פיינט — דעם טאטנס יאשקע און דעם טאטנס מאיר. „דו ווייסט — באריימען זיי זיך — וואס דער טאטע האט מיר נעכטן געבראכט פון ווארשע?„ „דו וואלסט געדארפט א קוק טאן דעם טאטנס שמעק־טאבאק־פושקע. א באלייגטע מיט פערל". תמיד גרויסן זיי זיך מיט זייער טאטן. וואר דארף זיי האבן אין אונ־דזער חדר? אבער אויב איך וועל טאן א טובה דעם רבין, דעמלט וועט דער פעטער נישט דארפן פאר מיר צאלן שכר־לימוד.

אט זענען מיר שוין ביי רב נתן בענדערס הויז. ער וואַרט שוין אויף אונדז. — דער רבי קוקט דורך די אריינגעשטעלטע ווינטער־פענצטער. אלע שויבן זענען באדעקט מיט פראסט. ער רייבט אפ די פיס אויף דער שוועל און הריקט אן די קליאמקע, קוועטשט שטארק, די קליאמקע וויל נישט נאכגעבן, זי איז באדעקט מיט אייז.

מיר קומען אריין אין א קליינעם פארהויז. דער רבי זאגט צו מיר:

— געדענק, ירוחמל, וואס כ'האב דיר געזאגט.

ער דריקט מיין האנט און רעדט צו מיר ווייך:

— זאלסט נישט דערלאזן אים אויסצוגראבן א גרוב אונטער זיך.

א טיר איז געווען אפן. דער רבי האט זיך געשטעלט אין איר און א הוסט געטאן.

— קום אַריין, קום אַריין, רב מלך, — די שטים, וואָס קומט פון צימער, איז האַרט און צעבראָכן און די ווערטער רייסן זיך אַרויס ווי פון אַ הילצערנעם פּורים־גרעגער.

איך קום אַריין אין צימער. האַלטנדיק זיך הינטער דעם רבין.

ווי וואַרעם דאָ איז! סאַראַ שיינענדיקער ווייסער קאַפּל־אויוון!

דאָס צימער איז גרויס. די ווענט זענען הויך. פון סופיט הענגט אַראָפּ אַ גרויסע זילבערנע קאַנדעליאַברע מיט פינקלענדיקע שפּיציקע גלעזלעך. זי איז פּונקט אַזוי גרויס ווי דער הענג־לייכטער אין שול. כ׳האָב מורא צו שטעלן מיט מיינע שטיוול אַ טריט אויפן ווייכן רויטן טעפּיך, וואָס איז אויסגעשפּרייט אויף דער פּאָדלאָגע.

— גוט שבת, גוט שבת, רב נתן — האָט דער רבי הויך געזאָגט. ער טוט מיר אַ לייכטן שטויס.

— גוט שבת, רב נתן.

— גוט שבת, גוט יאָר — האָט די גרענער־שטים אָפּגעענטפערט.

אַ קליין באַוועגלעכער מענטשל שטייט אויף פון זיין פאָטעל, וואָס שטייט אויבן־אָן ביים טיש. ער גייט אונדז אַנטקעגן. זיין שוואַרצע אַטלאַ־סענע קאַפּאָטע שיינט ווי אַ נייע און איז נישט אָפּגעטראָגן ווי דעם רבינס. זיין פּנים איז פּירקאַנטיק, ווי אַ לאַמטערן און זיין צווייטשפּיציקע באָרד איז פון מערן־קאָליר. איין האַנט האַלט ער ביי דער זייט, דעם גראָבן פינגער פאַררוקט אין גאַרטל. די צווייטע האַנט שטרעקט ער אויס.

— שלום־עליכם, רב מלך. וואַרעמט אייך אָן ביים אויוון. נעמט אַראָפּ דעם מאַנטל. דאָס איז עס אייער קליינער תלמיד? קום אַהער, יינגעלע, האָב נישט קיין מורא. אַ יינגל, וואָס לערנט חומש און רש״י דאַרף נישט מורא האָבן.

— האָט לבן הרמאים רויטע באָרד אויך געהאַט צוויי שפּיצן?

— ער איז נישט איבערגעשראָקן! אַזאַ איז ער שוין, רב נתן, — זאָגט דער רבי. — אָבער מאַכט אַזוי, רב נתן, די ווערטער זאָלן זיך קייקלען פון זיין צונג.

ר ב נ ת ן, ר ב נ ת ן, ר ב נ ת ן! אוי, איך וויל נישט, אַז נתן רמאי זאָל מיך שלעפּן פאַר דער צונג.

— איצט, רב מלך, לאָמיר אויסטרינקען צו בעכער מעד. און דו, ירוחמקע, ווילסט דאָך מסתמא, איך זאָל דיך מכבד זיין מיט שבת־אויבסט?

פֿון אַ זילבער-גלאַנצנדיקער כּלי אויפֿן בופֿעט דערלאַנגט מיר נתן רמאי אַ גרויסן קיילעכדיקן גאָלדענעם עפּל.

— נאַ דיר, ירוחמקע, אַ פּאָמעראַנץ.

אַ פּאָמעראַנץ. איך האַלט אַ פּאָמעראַנץ. ווי קיילעכדיק און ווי מאָדנע ער קוקט אויס. ווי פֿיין ער שמעקט. וואָסער ברכה דאַרף מען מאַכן אויף אַ פּאָמעראַנץ? צי דאַרף מען מאַן אַ ברכה ב ו ר א פּ ר י ה ע ץ? די דאָזיקע ברכה מוז זיין חל בלויז אויף עפּל, באַרנס און אַנדערע פּשוטע פּירות. אין חדר האָט יונה חכמה-צאָן געזאָגט, אַז פּאָמעראַנצן קומען פֿון ארץ-ישראל. די מומע האָט דערציילט, אַז ווען וועלוולס מאַמע האָט נאָך געלעבט, האָט דער דאָקטער פֿון גלאָוונע געזאָגט, אַז די איינציקע רפֿואה פֿאַר איר זענען פּאָמעראַנצן. — אַ נאַרישער דאָקטער — האָט די מומע געלאַכט — פֿונוואַנען האָט שמחה דער שניידער געקאָנט נעמען געלט צו קויפֿן פּאָמעראַנצן? כ'וועל בעסער נעמען דעם פּאָמעראַנץ פֿאַר דער מומען.

— נו, לחיים, רב מלך.

נתן רמאי הייבט אויף דעם זילבערנעם בעכער און פֿאַרוואַרפֿט דעם קאָפּ אַהינטער. זיינע רויטע באָרד-שפּיצן ציען זיך צום סופֿיט. פֿאַרוואָס פֿאַלט זיין סאַמעטענע יאַרמלקע נישט אַראָפּ?

— לחיים ולשלום — ענטפֿערט אָפּ דער רבי און טוט אַ זופּ פֿונעם בעכער. — פּ ר י מ אַ — זאָגט ער, האַלטנדיק דעם בעכער אין דער האַנט און דאָס פּנים קנייטשט זיך פֿון גוטן געשמאַק. — אויב די וועלט זאָגט, אַז ביי נתן בענדער קאָן מען געניסן פֿון אַ גוט ביסל מעד, ווייסט די וועלט, וואָס זי זאָגט.

— נו, רב מלך, אויב מען לויבט שוין יאָ מיין געטראַנק, טאָ לאָמיר ווידער אָנגיסן אונדזערע בעכערס. ווי שטייט דאָרט אין דער תורה? ויין ישמח לבב אנוש*). לחיים, רב מלך. — ער דערלאַנגט דעם רבין זיין אָפֿענע שמעק-טאַבאַק-פּושקע, ד י ג ײ ע מ י ט פּ ע ר ל ב אַ ז ע צ ט ע ט אַ ב אַ ק-פּ ו ש ק ע, מ י ט װ ע ל כ ע ר ע ס ש ט אָ ל צ י ר ן מ אַ י ר-ד ע ם-ט אַ ט נ ס און י אָ ש ק ע-ד ע ם-ט אַ ט נ ס! זי האָט אַ גרין-ברויגעם אויסזען, ווי דער שופֿר, אין וועלכן מען בלאָזט ראש-השנה.

---

*) ווין מאַכט פֿריילעך דעם מענטשנס האַרץ.

— און איצט, ירוחמקע — נתן רמאי פירט מיך צו צו זיין פּאָמעל. נעמט אָן מיין גאָמבע צווישן זיין גראָבן פינגער און זיין ווייז־פינגער. — וועלכע סדרה גייט היינטיקע וואָך?

דאָס איז נישט קיין שווערע שאלה. ווער ווייסט נישט די סדרה פון דער היינטיקער וואָך? אפשר איז ער גאָרנישט אַזאַ רמאי ווי לבן.

— די סדרה איז מ ש פ ט י ם.

— משפטים! יאָ, משפטים — פּאַרציט נתן רמאי מיט אַ ניגון. ער גלעט די שפּיצן פון זיין באָרד, צוערשט איין זייט, נאָכדעם די צווייטע. נעמט איין שמעק טאַבאַק פון זיין פּושקע, נאָכדעם אַ צווייטן שמעק טאַ־באַק. — און איצט לאָמיר זען, ווי אַ חומש־יינגל קען די סדרה פון דער תורה?

ער עפנט אַ גרויסן חומש. זיין באַנד פון ברוינעם לעדער גלאַנצט, האָט אַ רייכן אויסזען, און זיינע אָפענע בלעטער זענען פריש און ווייס, נישט ווי די אויסגעריבענע חומשים ביי אונדז אין חדר. נתן רמאי האַלט אַ זילבער־ן טייטל איבערן חומש.

מיט אַ ניגון זעץ איך איבער פון לשון קודש אויף יידיש.

— כי יגנב איש שור או שה וטבחו או מכרו חמשה בקר ישלם תחת השור וארבע צאן תחת השה.*)

— אויב זיי כאַפּן אים — זאָגט נתן רמאי מיט אַ געלעכטער. — זיי האָבן אין יענע טעג געמוזט האָבן אַזעלכע געשיקטע גנבים, ווי מיר האָבן היינט. האַ, נישט אמת רב מלך?

דער רבי לאַכט.

רב נתן זינגט און גלעט די באָרד.

— איצט זאָג־זשע, בחורל, ווען גאָט האָט געגעבן דעם געבאָט „לא תגנוב", צי האָט ער אונדז דערמלט געזאָגט, וואָס מיר זאָלן נישט גנבענען?

דאָס איז געווען אַ לייכטע שאלה. פאַרוואָס שטעלט ער מיר אַזעלכע לייכטע שאלות? איך טו אַ קוק אויפן רבין. דעם רבינס אויגן זאָגן: האַלט זיך, גיב זיך נישט אונטער, ירוחמל!

— ניין, גאָט האָט בלויז געהייסן, מיר זאָלן נישט גנבענען.

— אַלס אַן התחלה קאָן עס אָנגערופן ווערן גוט, — זאָגט נתן

---

*) אויב אַ מאַן גנבעט אַן אָקס אָדער אַ שעפּס און ער שעכט אָדער פאַר־קויפט עס, זאָל ער פינף רינדער באַצאָלן פאַר איינעם און פיר שאָף פאַר אַ שעפּס. משפטים כ"א. 37

המאי מיט זיין גרעגער־שטים. — און איצט לאָמיר גיין, ווו דאָס וואַסער איז טיפער — זינגט ער מיט אַ ניגון, מיט וועלכן מיר לייענען דעם חומש אין חדר.

ווו דאָס וואַסער איז טיפער...

וואָסער גרוב גראָבט ער איצט פאַר מיר? די רויטע האָריקע האַנט קלאַפּט מיטן טייטל.

— צי איז דער חטא פונעם גנב קלענער, אויב ער גנבעט אַ שעפּס און נישט קיין אָקס?

זיינע פינגער רירן זיך ווידער צו צו מיין גאָמבע. זיינע אויגן וואַרטן אויף אַ תשובה. זיינע קליינע אייגעלעך זענען גרין אונטער די פאַרזשאַ־ווערטע ברעמען, דיקע און פאַרזשאַווערטע, מסתמא ווי ביי לבן הרמאי. זיינע קליינע אייגעלעך חוזקן פון מיר: אַנו, מיין קליינער תלמיד! אַלס אַן התחלה קאָן עס אָנגערופן ווערן גוט. אַלס אַן התחלה; אַלס אַן התחלה קענסטו האָבן אַ גוטן שבת, קענסטו האָבן אַ גוטן פאָמעראַנץ. אָבער וואָס קומט צום סוף?

— ס'איז דער זעלבער חטא, צי מען גנבעט אַ שעפּס, צי מען גנבעט אַן אָקס.

דער רבי קוקט אויף מיר אַ צופרידענער. מיר וועלן נאָך באַווייזן דעם דאָזיקן כיטראַק!

נתן רמאי שאָקלט צו מיר מיטן קאָפּ.

— דאָס אַלץ איז גוט, בחורל, און איצט... — דאָ טוט ער אַ כאַפּ מיט די פינגער אַ שמעק טאַבאַק און טראָגט עס צו צו זיינע נאָזלעכער...

— און איצט, תורה־קענער מיינער, פאַרוואָס דאַרף אַ גנב באַצאָלן פאַר איין געגנבעטן אָקס פינף אָקסן און בלויז פיר שעפּסן פאַר איין שעפּס?

ער האָט צוגעמאַכט דעם ספר. זיין רויטהאָריקע האַנט האַלט בידעריק דעם דיקן לעדער־באַנד, פונקט ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז עפּעס זאָל פון דאָרט אַרויספליען צו מיר. וואָס מאַכט רש״י! איך פרוו זיך פאַר־צושטעלן אַ בלאַט פון ספר שמות, ווו אונטער דעם גרויסן חומש־שריפט געפינען זיך די קליינע אותיעלעך פון רש״י. דינע, געדרייטע רש״י־אותיעלעך בינדן און פלאָנטערן זיך פאַר מיינע אויגן. איך קען זיי נישט לייענען. זיי טאַנצן אַרום מיר מיט אויגן פול חוזק. אַהאַ, מיין טייערער בן־תורה, דו האָסט געמיינט, אַז דו קאָנסט אויך לערנען רש״י?

דער רבי קוקט אויף מיר. דערמאָן זיך, *דערמאָן זיך, וואָס דו האָסט געלערנט אין רש״י. פאַרשאַף נישט קיין חרפּה דיין רבין.*

איך וויל דיר נישט, רבי, פאַרשאַפן קיין חרפּה. איך וויל עס נישט... יאָ, איצט דערמאָן איך מיר, איך דערמאָן מיר.

— רש״י מאַכט — כ׳הייב אָן מיטן חדר־ניגון — רש״י מאַכט: גאָט זאָרגט פאַרן כבוד פון זיינע מענטשלעכע וועזנס און האָט רחמנות אויפן גנב. אַן אָקס קאָן גיין אַליין מיט זיינע פיס. דער גנב, הייסט עס, דאַרף זיך נישט מאַטערן און טראָגן אים אויף זיין פּלייצע. דעריבער דאַרף ער צאָלן פינף אָקסן. אָבער אַ שעפעלע מוז דער גנב טראָגן אויף זיין פּלייצע. דעריבער דאַרף ער צאָלן בלויז פיר שאָף, ווייל ער דאַרף זיך בויגן.

— גוט, — נתן רמאי טוט מיר אַ קניפּ אין באַק. — גאָרנישט שלעכט פאַר אַ חומש־יינגל.

דעם רבינס אויגן זענען פול מיט גאווה.

אַ סוף. האָט זיך שוין דער פאַרהער געענדיקט? לבן האָט געמוזט זיין מער כיטרע פון נתן רמאי. אָבער פאַרוואָס קוקט ער אויף מיר מיט זיינע גרינע כיטרע אויגן? ער שמייכלט.

— און איצט יינגעלע, זאָג זשע מיר, אויב אַ גנב גנבעט אַ מויל־אייזל און פאַרקויפט אים, וואָס דאַרף ער דערגאַד באַצאָלן?

ער האָט צוגעלייגט זיין האַנט צו דער גאָמבע אַזוי, אַז זיין געלע באָרד האָט זיך פאַנאַנדערגעשפּרייט אויף אַלע זייטן.

— נו, איז וואָס אויב ער גנבעט אַ מויל־אייזל?

אויב ער גנבעט אַ מויל־אייזל? אַן אייזל איז נישט קיין אָקס און נישט קיין לאַם. רש״י מאַכט, אַז בלויז פאַר אַן אָקס אָדער פאַר אַ לאַם דאַרף מען באַצאָלן פינף מאָל, אָדער פיר מאָל אַזויפיל, אָבער פאַר אַל־דאָס אַנדערע בלויז טאָפּלט.

— ער דאַרף באַצאָלן צוויי מויל־אייזלען.

דעם רבינס אויגן זאָגן: ריכטיק.

נתן רמאי שויבערט מיין קאָפּ:

— גוט אָפּגעענטפערט, ירוחמקע. רש״י וואָלט צופרידן געווען פון אַזאַ ענטפער. און איצט זאָג זשע, אויב דער גנב דאַרף באַצאָלן פינף מאָל אַזויפיל פאַר אַן אָקס, ווייל ער דאַרף אים נישט טראָגן אויף זיין פּלייצע און זיך בויגן, טאָ פאַרוואָס זאָל ער אויך נישט באַצאָלן פינף

מאָל אַזויפֿיל פֿאַרן מוילאייזל? דעם אייזל דאַרף מען דאָך אויך נישט טראָגן.

צי דאַרף ער? אפֿשר דאַרף ער? דעם מוילאייזל דאַרף מען דאָך נישט טראָגן.

— יאָ — יאָ?

נתן רמאי נעמט אַ נייעם שמעק טאַבאַק.

— לאָמיר זאָגן, אַז דאָס קאָן אָנגיין פֿאַר אַ גוטן ענטפֿער. סוף כּל סוף, וואָס עס גילט פֿאַר אַן אָקס דאַרף אויך גילטן פֿאַר אַ מוילאייזל. אָבער אויב דערין שטעקט די גאַנצע תּורה — ער לאַכט — קאָן דער וואַסערטרעגער פּולקע דער גרויסער אויך זיין אַ תּלמיד חכם.

ער גראָבט אונטער מיר אַ גרוב. כ'וויים עס. צו וואָס האָב איך גע־דאַרפֿט פֿאַרהערט ווערן דורך נתן דעם רמאי?

אַ שבת־רואיקייט הערשט אין גאַנצן צימער, אויפֿן גלאַנצנדיקן ווייסן טאַבל־אויוון, אויפֿן בילד פֿון עקדת־יצחק, אויף די פּאָמעראַנצן, אויפֿן גרין־גילדענעם טישטעך און אויף דער זילבערנער מנורה.

נתן רמאי רעדט ווידער:

— אָבער וואָס מיינט רש״י דערמיט, אַז בלויז פֿאַר אַן אָקס דאַרף מען באַצאָלן פֿינף מאָל אַזויפֿיל?

איך קוק אויפֿן רבין. ער האָט אָפּגעווענדעט פֿון מיר זיינע אויגן. זיינע אויגן קוקן אויפֿן בילד פֿון עקדת־יצחק. אַ מלאך באַווייזט זיך פֿון אַ וואָלקן. אברהם אבינו האַלט אַ מעסער אין דער האַנט. ער האַלט דעם מעסער אויפֿגעהויבן איבער יצחקן, וועלכער ליגט געבונדן, מיט פֿאַרבונ־דענע אויגן אויף אַ מזבח פֿון שטיינער. אַך, טייערער מלאך, העלף מיר ווי דו האָסט געהאָלפֿן דעם קליינעם יצחק, העלף מיר אויך, העלף מיר אויך...

— ער דאַרף באַצאָלן פֿאַר צוויי מוילאייזלען.

נתן רמאי האָט אויסגעשאָסן מיט אַ גרויסן געלעכטער.

א י ך ב י ן א ַ ר ײ ַ נ ג ע פ ֿ א ַ ל ן. א י ך ב י ן ב א ַ ג ר א ָ ב ן. אַך, איך קאָן נישט קוקן דעם רבין אין די אויגן אַריין.

...די מומע פֿלעגט זאָגן: — מיר זענען פּשוטע אָרעמע מענטשן, ירוחמקע. אַלץ אין דער וועלט וואָלטן מיר אַוועקגעגעבן, כּדי דו זאָלסט קאָנען לערנען תּורה. מעגלעך, אַז דיין תּורה וועט פֿאַר אונדז לייכטן אויף יענער וועלט און די טויערן פֿון גן־עדן וועלן זיך עפֿענען

עפּענען פֿאַר דיין פּעטער און מומע, זיי זאָלן קאָנען זען, ווי זייער ירוחם זיצט צווישן די צדיקים. אָבער די אַלטע מינדל פּלעגט דאַן אויסשיסן מיט אַ געלעכטער: — כי, כי, כי! די טויערן פֿון גן־עדן! דער גיהנום וועט זיך אייך עפֿענען!

נתן המאי זאָגט:

— כ'האָב מורא, אַז נישט איין ייד מיט אַ באָרד, ווען ער זיצט דאָ, וואָלט זיך געקווענקלט, צי דאַרף מען אָפּגעבן פֿינף אָדער צוויי מויל־אייזלען. זעסטו, ירוחמל, אין אַן אַנדער פּירוש שטייט געשריבן, אַז „אָקס" און „שאָף" זענען דעריבער אָנגערופֿן ביי זייערע נעמען, ווייל זיי קאָנען גענוצט ווערן אַלס קרבנות אויפֿן מזבח. דעריבער מוז פֿאַר זיי דער גנב באַצאָלן פֿינף מאָל אָדער פֿיר מאָל אַזויפֿיל. — זיינע אויגן פֿון אונטער זיינע פֿאַרזשאַווערטע ברעמען וואַרפֿן אַ בימערן בליק אויפֿן רבין.
— די כוהנים האָבן געוווסט, ווי צו פֿאַרטיידיקן זייערע ענינים. דאָס, וואָס באַלאַנגט צום מזבח קאָן נישט באַלאַנגען צום גנב. — ער לאַכט מיט אַ טראַסקענדיק געלעכטער. ער דרייט זיך אוים צו מיר. — דאָס ערשטע מאָל ביסטו געווען גערעכט, ירוחמקע. דער גנב דאַרף אָפּצאָלן בלויז צוויי מויל־אייזלען פֿאַר איין מויל־אייזל, היות אַ מויל־אייזל קאָן נישט געבראַכט ווערן אַלס קרבן אויפֿן מזבח.

אַלזאָ, דעם פֿאַרהער האָב איך אויסגעהאַלטן!

נתן המאי הייבט זיך אויף פֿון זיין שטול. ער זאָגט צום רבין.

— אַ פֿיינער תלמיד און אַ פֿיינער רבי. איך דערמאָן מיך גוט דעם ייִנגלס טאַטן, נפתלין. די זעלבע אויגן, די זעלבע מאָגירן. אַ גוטער למדן איז ער געווען אין יענע טעג, איידער ער איז ווי אַ גוי אַוועקגעפֿאָרן קיין לאָנדאָן.

— ירוחמל וועט וואַקסן און לערנען תורה — האָט דער רבי גע־זאָגט, גלעטנדיק מיין קאָפּ.

— דאָס נעמלעכע וואָלט איך מיט גאָטס הילף געוואָלט האָפֿן צו הערן פֿון מיינע צוויי לאָבוזעס. האָרך, רב מלך, איך וועל זיי דיר אָנפֿאַר־טרויען, און וואָס דו קאָנסט נישט אַריינהאַקן אין זייערע קעפּ, זאָלסטו אין זיי אַריינהאַקן דורכן הינטן.

— זאָרגט זיך נישט, רב נתן. ס'איז אַ דבר ידוע, אַז די הייליקע תורה פֿליט אַליין נישט אַריין צו אַ ייִנגל אין קאָפּ אַריין. מען מוז עס אים אַריינהאַקן מיט שמיץ. אין מיין חדר וועלן זיי לערנען, ווי עס פּאַסט

פֿאַר נתן בענדרעס זין. אם ירצה השם, רב נתן, וועט איר מגדל זיין אייערע זין צו תורה, צו חופּה און צו מעשים טובים.

דער רבי און נתן רמאי טרייסלען זיך די הענט. ביי דער טיר רופֿט זיך אָן נתן רמאי: אויב יאָשקע אָדער מאיר וועלן זיך דערוועגן „דיך“ אָנצורירן, קום גלייך און דערצייל מיר, דו הערסט? און ער טוט מיר אַ קניפּ אין דער גאָמבע.

אינדרויסן איז שוין בין-השמשות. די זון איז אַ בלאַס-געלער פּאָמעראַנץ. צעשניטן אויף דער העלפֿט דורכן שפּיציקן דאַך פֿון דעם קאַלטן אהרנס בעקעריי. דער ווינט צעלאָזט די פּאָלעס פֿונעם רבינס מאַנטל, און זיי פֿלאַטערן איבער זיינע שטיוול.

— עס שיינט, אַז מיר האָבן נאָך פֿאַר זיך אַ לאַנגן שווערן ווינטער, — זאָגט דער רבי. — גוט, וואָס נתנסביידע זין קומען אָן צו מיר. יאָשקע-דעם-טאַטנס און מאיר-דעם-טאַטנס — איך האָב זיי פֿיינט. און איך בין שולדיק אין דעם וואָס זיי קומען אָן צו אונדז אין חדר.

— דיין לערנען איז געפֿעלן געוואָרן רב נתנען, ירוחמל. דעם צוקונפֿטיקן שבת, אם ירצה השם, וועל איך דיך נעמען אויף אַ פֿאַרהער צו לייזער-מאיר דעם פּראָצענטניק.

איצט וועלן מיין מומע און פֿעטער מער נישט דאַרפֿן צאָלן פֿאַר מיר שכר-לימוד...

5

די ווייבער=שול

איך שטיי נעבן מיי מומען אין דער ווייבער=שול. זי און אַנדערע ווייבער זיצן אַרום אסתר דער זאָגערין, זיי אַלע זענען איינגעבויגן פאָרויס, כדי צו הערן איר ניגון פון די תחינות. אסתר דער זאָגערינס שטים איז דין און טרויעריק. פאַרוואָס האַלטן די מומע און די אַנדערע ווייבער אָפן זייערע תחינות? זיי קאָנען דאָך נישט לייענען. ווי זיי שאָקלען זיך ביים דאַווענען, וויגן זיך אויך מיט זייערע קליינע טיכער. זייערע ליפּן זאָגן נאָך שטיל די ווערטער פון אסתר די פאָרזאָגערין ווען זי יאָמערט, יאָמערן זיי אויך און זייערע טרערן פאַלן אויף די אָפענע בלעטער.

...עס זאָל אונדז באַשערט זיין, מיר זאָלן קאָנען דערציען אונדזערע זין צום לערנען דיין הייליקע תורה, אויסצופילן דיינע געבאָטן און זיי דערציען צו מעשים=טובים.

די תפילות אין דער ווייבער=שול זענען נישט די זעלבע, ווי די תפילות אונטן אין שול ביי די מאַנצבילן. יונה חכמה=צאָן האָט געזאָגט אין חדר, אַז די תפילות פון ווייבערישן סידור דערגייען נישט ביזן הימל, ווייל זיי זענען נישט געשריבן אין לשון קודש. מאָדנע! איז עס מעגלעך, אַז גאָט זאָל נישט פאַרשטיין קיין יידיש?

— אַך, האַר פון דער וועלט, — גלאָצט אויס די אַלטע הבֿרה אירע אויגן צום סופיט און שטרעקט אויס אירע הענט פאָרויס. — זיי לאָזן נישט מיין זון פולקע נעמען וואַסער פון שטאָט=ברונעם, טאָ וואָס, אַך, פאָטער אין הימל, קען ער פאַרדינען, דער וואַסער=טרעגער, בעת ער באַקומט אַ גראָשן פאַר אַן עמער וואַסער און דער טייך איז אַזוי ווייט?....

אכתר דער זאָגערינס קול ווערט העכער:

...און עס זאָלן אונדז באַשערט זיין צו געבן אונדזערע טעכטער גוטע און פֿרומע מענער.

אסתּר די זאָגערין דרייט זיך אויס און קוקט מיט טרויעריקע אויגן אויף איר טאָכטער, וואָס שטייט הינטער איר. פֿרימעט האָט צווי לאַנגע שוואַרצע צעפּ, וואָס ליגן פֿון פֿאָרנט אויף איר גרינער בלוזקע, און איר פּנים איז ווייך און צאַרט. אירע שוואַרצע אויגן זענען ווי טויבן, וואָס שטייען רואיק, אָבער אירע פֿינגער זענען צונויפֿגעדריקט.

צי וועלן זיי מיך לאָזן דאָ שטיין? פֿאַריקעס מאָל האָט מרים, דעם קרעמערס ווייב, מיך געשאָלטן: — אַ גרויסער בחור פֿון אַכט יאָר, וואָס לערנט חומש, טאָר ניט אַריינקומען אין ווייבער־שול! — אָבער די מומע האָט געזאָגט, איך זאָל ניט לייגן קיין אַכט אויף דעם דאָזיקן קאָך־לעפֿל און אַז איך מעג אַריינקומען אויף אַ ווײַלע צווישן איין תּפֿילה און דער צווייטער. איך האָב ליב דאָ אַריינצוקומען. איך האָף, אַז זיי וועלן מיך ניט באַמערקן און לאָזן מיך דאָ בלייבן, דאָ, וווּ פֿרימעט געפֿינט זיך.

פֿרימעט קאָן לשון־קודש, די גאַנצע שטאָט ווייסט, אַז זי קאָן לייענען פּויליש, רוסיש און אויך שרייבן. דער רבי זאָגט: — ווען זי וואָלט געהאַט די זכיה געבוירן צו ווערן אַ יינגל, וואָלט זי אויסגעוואַקסן אַ למדן. אָבער וואָס פֿאַר אַ נוצן האָט דאָס לערנען פֿאַר אַ זעכצן־יאָריק מיידל? בעסער וואָלט געווען, ווען איר קענטעניש וואָלט אַריין אין איר ברודערס קאָפּ, וואָלט ער איצט ניט געדאַרפֿט זיצן אין תּפֿיסה פֿאַר פֿערד־גנבה.

כ'האָב רחמנות אויף איר ברודער, וואָס זיצט אין תּפֿיסה, אָבער איך בין צופֿרידן, וואָס דאָס לערנען קריכט דווקא איר אין קאָפּ אַריין. איך בין צופֿרידן, וואָס זי קאָן אָנשרייבן דעם ענגלישן אַדרעס אויף די בריוו, וואָס מיר שיקן צו מיין טאַטע־מאַמע קיין לאָנדאָן.

די תּפֿילות פֿון די מענער דערגייען אויבן צו די ווייבער. פֿיל שטימע פֿאַראייניקט אין איין צעברעקלטער שטים. כ'קוק אַראָפּ אונטן דווּ אַ שפּאַלט אין באַלקאָן־פּאָרהאַנג. ווי הויך איז דער העכגלייכטער! ווי הייליק ער קוקט אויס. סאַראַ שטאַרקער טשוואָק מוז אים האַלטן, אויב ער פֿאַלט ניט אַראָפּ אויף די מענטשן, וואָס שטייען אויבן באַלעמער. אונטער זייערע געלבלעכע טליתים שטייען די מענער און שאָקלען זיך,

ווי זאַנגען אין פעלד. די תּפילות זשומען אַרום זיי, ווי בינען. דער חזן שטייט מיטן פּנים צו דער מזרח־וואַנט, נעבן דעם ארון קודש. איך זע אים בלויז פון הינטן. די ווייבער הערן אויף צו דאַווענען, כּדי אים בעסער צו הערן. באַלד וועט ער אַרויסגיין מחדש זיין די לבנה. — אָט דערמילט ווייזט ער, וואָס ער קען — זאָגט דער פעטער. ווען ער איז מחדש די לבנה האַכט זיך אייך, אַז איר הערט זינגען נישט קיין חזן, נאָר א סאָלאָוויי.

די מומע לייגט אַרויף איר האַנט אויף מיין קאָפּ.

— ביסט הונגעריק, ירוחמקע? אינגיכן וועלן מיר אהיים גיין, אוצר מיינער. דו האָסט געזאָגט דעם פעטער, אַז דו גייסט אַהער? זי האָט אויפ־געוויקלט אַ רויט־געל טיכל, אַרויסגענומען אַ גרויסע בלויע פלוים און אַ שטיקל געבעקס.

— נאַ, טייערער, און מאַך אויף יעטוועדער זאַך אַ באַזונדערע ברכה.

אסתּר די זאָגערין לייענט ווייטער אַרויס פון סידור:

— ...און איך שטעל מיך אַלס קנעכט צו דיר, איך, וואָס בין ערד און פלייש, גלייך אַ וואָרעם און נישט קיין מענטשלעך וועזן, און איך בין געקומען צו וואַרפן מיין תּפילה פאַר דיר.

איר שטים ווערט דערטרונקען אין דעם הויכן געיאָמער פון די ווייבער.

פרימעט שטייט דאָ און דאַוונט נישט.

— פאַרוואָס דאַוונסטו נישט, פרימעט? — פרעגט מרים, דעם קרע־מערס ווייב.

פרימעט ענטפערט נישט. איר פּנים ברענט פון צאָרן.

— פאַרוואָס שטייסטו דאָ ווי אַ ליימענער גולם? — פרעגט איר די מאַמע. — פאַרוואָס ענטפערסטו נישט? פאַרוואָס דאַוונסטו נישט?

— איך בין נישט קיין וואָרעם! איך בין נישט קיין וואָרעם, מאַמע!

— שרייט פרימעט. — די טויבן אין אירע אויגן זענען איצט ווילדע קראָען.

— ווי איז צו מיר, טאָכטער מייגע! רייס זיך די צונג אַרויס. זאָל דיך גאָט נישט שטראָפן פאַר אַזעלכע רייד. געדענק, דו ביסט אַ יידישע טאָכטער! —

— טאַכטער, טאַכטער, טאַכטער! — פּרימעט טופּעט מיטן פוס. — זין זענען פאַר תורה, מצוות און מעשים טובים. און מיר, טעכטער, דאַרפן זיך נאָר איינשאַפן גוטע און פרומע מענער!... איך וויל נישט זיין קיין פוסבענקל פאַר מיין מאַן!

— דו פאַרשאַפסט מיר חרפּה פאַר גאָט און פאַר לייטן!

— ניין, ניין, מאַמע! דו, דו, יעדעס מאָל, ווען איר, דו מיטן טאַטן, גייען אין גאַס, גייט דער טאַטע פאָרויס און דו שלעפּסט זיך הינטער אים, ווי אַ דינסטמיידל! און דאָ, צי זיצט איר דען נישט אַלע ווייבער צוזאַמען אָפּגעצוימט דורך אַ פאָרהאַנג, ווי אָנגעשטעקטע!

פון די ווייבער דערהערן זיך שטימען:

— שאַ, שטיל!

— ס'איז אַ בזיון — אין דער שול!

— ווען איך וואָלט געהאַט אַזאַ טאָכטער, וואָלט איך איר אויסגע־רייניקט האָס מויל מיט אַן אָנגעברענטן שטיין, ווי מען כשרט טעפּ פאַר פּסח — זאָגט מרים דעם קרעמערס ווייב.

פריידע־מלכה דרייט זיך אויס. זי איז העכער פון אַלע אַנדערע ווײַ־בער, איר שאַרף פּנים איז בייז.

— איך ווייס נישט, וואָס איר ווילט פון אייער פרימעט. איך וואָלט זיך געווונטשן צו האָבן אַזאַ טאָכטער! די נשמה שיינט אַרויס פון איר.

פרימעט וווינט אין שכנות מיט פריידע־מלכהן. ווען חיימלס קליינער ברודער איז געבוירן געוואָרן, האָט פרימעט איר צוגעהאָלפן. זי פלעגט אפילו טראָגן פרישמיק פאַר היימלען אין חדר אַריין, פון צייט צו צייט אויך טראָגן עסן פאַר זיין טאַטן אין דער גאַרבעריי.

מרים, דעם קרעמערס ווייב, זאָגט:

— אַ יידיש מיידל דאַרף וויסן, וואָסער אָרט איז דעם מאַנס און וואָסער אָרט דעם ווייבס איז אויף דער וועלט.

גאָט האָט באַשאַפן חוהן פון אדמס ריפּ און נישט פון זיין קאָפּ — האָט דער רבי געלערנט, — דעריבער דאַרף זי נישט הויך פאַררייסן דעם קאָפּ. אָבער מיר געפעלט, ווי פרימעט האַלט זיך.

די מומע הייבט זיך אויף פון איר אָרט, גאָענט צו די טרעפּ, און נעמט אָן פרימעטן ביי דער האַנט. זי רעדט זייער האַרציק:

— קום, זעץ זיך נעבן מיר, פרימעלע מיין טייערע.

פרימעט שטופּט אָפּ מיין מומעס האַנט. זי לאָזט זיך צו די טרעפּ.

— ווי איז צו מיר! — שרייט אַ פרוי, — זי גייט נישט אַרויס הינטערוויילעכטס! זי שטעלט אַרויס דעם רוקן צום ארון קודש!

— בלייב אין שול! — שרייט אסתר די זאָגערין. — שטיי, זאָג איך דיר, ביז דאָס דאַווענען וועט זיך ענדיקן!

די מומע גייט צו צו אסתרן דער זאָגערין:

— זיי נישט בייז אויף מיר, אסתר.

— ניין,— שרייט אסתר די זאָגערין, — זאָל זי גיין, זאָל זי גיין צו אירע פאַרשאָלטענע שוועסטער און ברידער!

זי נעמט די תחינה און איר שטים וויינט:

...און אויף דיין געבאָט ליבער גאָט,
טו איך מיך אָנלענען...

איר גוף וויגט זיך, בעת זי קלאָגט, און אַלע ווייבער קלאָגן מיט איר צוזאַמען.

פרימעט איז אַוועק...

— אַזוי רופט מען זיי „שוועסטער און ברידער" — האָט דער פעטער נעכטן ביים טיש געזאָגט — ווייל שטענדיק ווען זיי הייבן אָן צו רעדן צו אַן עולם זענען זייערע ערשטע ווערטער ש ו ו ע ס ט ע ר א ו ן ב ר י ד ע ר! ווער זענען זיי? פאַרוואָס רופן זיי אָן דעם עולם שוועסטער און ברידער? פאַרוואָס איז פרימעט אַוועק צו זיי?

מרים, דעם קרעמערס ווייב זאָגט:

— היינטיקע צייטן זענען ביי די מיידלעך די קעפּ קאַפּויער. גיב זיי כאָטש בערד און טליתים, נישט מער און נישט ווייניקער! און זי איז האָך בלויז זעכצן יאָר אַלט.

— די דאָזיקע שוועסטער־און־ברידער ווילן לערנען גאָט, ווי אַזוי ער זאָל באַשאַפן זיינע ברואים, — רופט זיך אָן אַנדער פרוי.

— גיב אכטונג, אסתר, ווייל אין א געוויסן טאָג וועט נאָך דיין טאָכטער אויפעפענען דיין הינער־שטייג און אַרויסלאָזנדיק אַלע הינער,שרייען: „פרייהייט!"

—איך פֿאַרשטיי — האָט מרים דעם קרעמערס ווייב געזאָגט צו אסתרן אַזוי, אַז אַלע זאָלן הערן — איך פֿאַרשטיי, דיין פרימעט וויל אַראָפּוואַרפֿן דעם צאַר פון זיין טראָן.

די ווייבער לאַכן. די מומע שווייגט.

— איך וועל נאָך דערלעבן צו זען, ווי ער איז אוים צאַר — זאָגט נישט אַזוי פרימעט? — האָט עמעץ אַ פרעג געטאָן.

— און די קייזערינע וויל זי אויך משלח זיין פון איר טראָן?

די ווייבער שיסן אוים מיט אַ הויך געלעכטער, אָבער פריידע־מלכה זאָגט:

—איך זע נישט צוליב וואָס מיר זאָלן זיך האַלטן אַזוי פאַר דער קייזערינע, אָדער אפילו פאַרן קייזער.

אסתר די זאָגערין רופט זיך אָן:

— אַ נאַריש מיידל, זי ווייסט דען, וואָס זי רעדט? איר מיינט אפשר, זאָל מיר גאָט מוחל זיין, אַז זי האָט עפּעס קעגן דעם קייזער?

פון אונטן קומען אָן גאַנצע כוואַליעס תפילה־טענער, וואָס שלינגען איין די ווייבערישע רייד.

ווען איך גיי אַראָפּ פון די טרעפּ דערטראָגט זיך צו מיינע אויערן די תפילה, וואָס איך זאָג יעדן פרימאָרגן, ווען איך הייב מיך אויף.

געבענטשט זאָלסטו זיין, מלך העולם, וואָס דו האָסט מיך נישט געמאַכט פאַר קיין פרוי — שלא עשני אשה.

די ווילדע קראָען אין פרימעטס אויגן שטויסן אָפּ די דאָזיקע ווערטער און צעטרייבן זיי...

6

די באַן

ווי גלאַנציק און ווי גלייך די רעלסן זענען! זענען זיי צוגעפּאַסט צום צוג? די רעלסן זענען דאָך אַזוי שמאָל, ווי קאָנען די רעדער זיך האַלטן אויף זיי? זיי זעען אוים אַזוי גלאַט, ווי וויאָרסטן־לאַנגע גלימשערס.

צו וואָס קאָן מען פאַרגלייכן אַ צוג? צו אַ וואָגן, אָבער גרעסער, אַ סך גרעסער? ער מוז זיין צוויי מאָל, דריי מאָל אַזוי גרוים, ווי דער גרעסטער וואָגן אין סטריקאָוו, אַנישט וואָלט זיך דער עולם נישט אָנגע־לאָפן צו זען, בעת ער קומט אָן. אָבער ווי אַזוי לויפט ער אָן פערד? קאָן דען געמאָלט זיין, אַז אַ נישט לעבעדיקע זאַך זאָל לויפן און קיינער זאָל עס נישט שלעפן?... ווער ווייסט, אפשר שטופט מען עס? אפשר גרויסע, שטאַרקע הענט, גאָר אַ סך הענט צוזאַמען לאָזן אים אין גאַנג מיט אַ שטאַרקן שטויס, און ער ראָלט, ראָלט כסדר מיט זיינע רעדער אויף די גלייכע, גלאַנצנדיקע רעלסן. און וויל זיי זענען אַזוי גלימשיק באַוועגט זיך דער צוג און קאָן זיך נישט אָפּשטעלן אויף דעם גאַנצן וועג פון קאַליש קיין וואַרשע!... איז דאָך אַ קשיא, פאַרוואָס בלייבט ער שטיין אין סטרי־קאָוו אפשר פאַרהאַלט ער זיך גאָרנישט אין אונדזער שטאָט? אָבער די מענטשן ווייסן עס נישט.

— חיימל?

— יאָ.

— גלויבסט, אַז ער וועט קומען?

— אוודאי וועט ער קומען!

— גלויבסט, אַז ער וועט זיך אָפּשטעלן?

— ער וועט זיך בלי ספק דאָ אָפּשטעלן. קוק, ס׳איז אַן עולם איז דאָ אָנגעלאָפן אָנצוקוקן אים.

— איך גיי אין געוועט, אַז אין אַנדערע שטעט האָט מען גישט אָפּגעלאָזט די יינגלעך פון די חדרים.

— איך גיי אין געוועט, אַז אין אַנדערע שטעט האָט מען זיי אָפּגע־לאָזט אפשר אויף אַ גאַנצן טאָג. אונדזער רבי האָט אונדז אויך געזאָלט געבן אַ גאַנצן פרייען טאָג.

— אַוודאי, געטראָפן דאָס אָרט!

יונה הכמה־צאָן קומט צולויפן צו אונדז פון יענער זייט פעראָן.

— קומט אַהין, ירוחמל, חיימל! אַלע יינגלעך פון אַנדערע חדרים זענען אויך דאָרט!

— ניין! מיר בלייבן דאָ, — זאָגט חיימל. — דאָ וועלן מיר קאָנען בעסער זען.

— בלייב דאָ, גיבן מיר, ירוחמקע — זאָגט דער פעטער, אויסדריי־ענדיק זיך צו אונדז. ער און חיימלס טאַטע גייען צו אונדז פון דעם גרויסן געזעמל אויף די רעלסן.

— עולם וואַקסט — זאָגט חיימלס טאַטע. — אַ האַלבע שטאָט מוז דאָ זיין, אפילו די זון שיינט.

דער פעטער לאַכט:

— נו, שמעון, נישט אַלע טאָג געשעט עס, אַז אַ צוג זאָל צום ערשטן מאָל אָנקומען קיין סטריקאָוו און דערצו זיך דאָ נאָך אָפּשטעלן.

פישל באַלעגאָלע קומט אַרויס פונעם נייעם וואַרט־צימער, שפּרייזנ־דיק מיט זיינע הויכע שווערע שטיוול. ער גייט צו צום פעטער, ווייזט איבער זיין פּלייצע, לאַכנדיק דערביי פון עמעצן, ערגעץ דאָרט.

— אין זיבעצן מינוט, ער האָט עס אויסגעמאָסטן אויפן ציפער־בלאַט פון זייגער! ער וועט זיין צופרידן, אויב ער וועט בכלל קומען! טס־ק!

ווי אַזוי קאָן ער אַרויסשיסן זיין שפּיי גלייך פון איין מויל־ווינקל?

— זאָג וואָס דו ווילסט — רופט זיך אָן שמעון — מיין באַלעבאָס'ס ברודער, אויך אַ פעל־הענדלער, איז אַרויסגעפאָרן פון זיין היים־שטאָט האדאָם, און דעם גאַנצן וועג ביז קראָקע געפאָרן מיטן צוג.

— און דו ביסט מיט אים געפאָרן צוזאַמען, האַ? — זאָגט פישל באַלעגאָלע און ציט שמעונען אַראָפּ דאָס היטל איבער די אויגן. ער לאַכט הויך. זיין גאַנץ פּנים און זיין קרעפטיקע געזונטע באָרד לאַכן.

הינטער אונדז הערט זיך די קוויטשנדיקע שטים פון יונה שמש:

— סאַר אַ טומל זיי מאַכן מיטן צוג! פונקט ווי די וועלט וואָלט פריער אַזעלכע זאַכן נישט געזען! די הייליקע ספרים זאָגן: אין כל חדש תחת השמש*).

— מסכים — רופט זיך אָן שמעון — אָבער צו שטייט געשריבן אין די ספרים וועגן אַ צוג, וועגן אַ צוג אָן פערד, אָדער וועגן אַנדערע לעבעדיקע באַשעפענישן, וואָס שלעפּן אים?

— וואָס אַזוינס געפינסטו נישט אין די הייליקע ספרים? — יונה שמש קוקט אָן שמעונען. יונה שמש איז קורץ, אָבער די שפּיצן פון זיין באָרד שיסן צום הימל אַרויף. — גיב צייט און איך וועל דיר דאָרט אויך אַ צוג אויסזוכן.

אוים דער גאַנצער מענטשן־מחנה הערט זיך די שטים פון פּיניע כלבוניק:

צי קאָן מען טאַקע באמת זאָגן, אַז אַ צוג באַוועגט זיך אָן פערד? ער ווערט דורך פערד געשלעפּט, ווי יעדער אנדער וואָגן, ווי פישל דעם באַלעגאָלעס, למשל.

עולם רוקט זיך ענגער צונויף. פּיניע רעדט פּאַוואָליע, וואָרט ביי וואָרט, אָבער עולם הערט זיך צו צו יעדן וואָרט און וואָרט אויף די ווייטערדיקע. זיין קליין אייגעלע פינטלט. ער האָט איין גרויס אויג, וואָס קוקט אַראָפּ און איין קליין אייגל, וואָס קוקט אַרויף. דער פעטער זאָגט, אַז ווען ער איז געבוירן געוואָרן איז אין אים אַריין די נשמה פון אַ מלאך און די נשמה פון אַ טייוול. דער מלאך קוקט דורך זיין גרויסן רואיקן אויג. דורכן רעכטן, בעת דער טייוול קוקט דורכן קליינעם ווילדן אויג, דעם לינקן. אָבער זיין קליין אויג קוקט צוממערסטן.

— אָבער די פערד, אָנשטאָט צו זיין איינגעשפּאַנט, ווי געוויינלעך, פון פאָרנט, געפינען זיי זיך איגעווייניק אין דער מאַשין.

— איגעווייניק? — עולם שטויגט, און קוקט אָן פּיניען כלבוניק.

— וואָס מיינט ער? היתכן?

— פאַרוואָס זאָלן זיי זיין איינגעשפּאַנט אינעווייניק?

עולם לאַכט אויפן קול. מען קוקט אָן איינער דעם צווייטן און מען קאָן נישט פאַרשטיין. פּיניע כלבוניק רעדט ווייטער, פאַרוואָס זענען די געטיימשן אַרום זיין מויל אַזוי טיף.

---

*) נישטאָ קיין נייעס אונטער דער זון.

— אָבער די פערד פון איגעווייניק זענען נישט קיין געוויינלעכע. זיי זענען נישט פון פלייש און בלוט. די פערד אין צוג זענען פון פייער.

— פון פייער? — חידושט מען זיך פון אַלע זייטן.

— יאָ, די פערד אין דער מאַשין זענען פון פייער.

מענטשן קוקן אויף פיניען און קוקן זיך אָן איינער דעם אַנדערן.

— ער האָט אַ גוטן קאָפּ אויף די פּלייצעס, אונדזער פיניע — זאָגט דער פעטער.

— פערד פון פייער און געפינען זיך אין דער מאַשין!

— אַהאַ, איך פאַרשטיי שוין! איצט איז פאַר מיר אַלץ קלאָר!

יונה שמש שאָקלט מיט די הענט אידערלופטן.

— וואָס איז מיט אים? — פרעגן מענטשן.

— וואָס איז אים מיטאַמאָל אַלץ קלאָר געוואָרן?

— כ'האָב אייך געזאָגט, אַז אַלץ שטייט אין די הייליקע ספרים!

— ווו אין די ספרים? — פרעגט שמעון.

— ווו? — יונה שמש גייט צו צו שמעונען, עפנט אויף זיין לינקע דלאָניע אונטער שמעונס נאָז, פונקט ווי ס'וואָלט געווען אַ ביך, און טייטלט מיטן רעכטן ווייז=פינגער: — דערציילן דען אונדז נישט די ספרים, ווי דער נביא אליהו איז אַרויף אויפן הימל אויף אַ פייער=וואָגן, געשלעפּט דורך פייער=פערד? — ער קוקט אויפן עולם אַרום זיך, און זיין פנים שיינט. — אָט האָט איר דעם צוג!

— אָבער אליהו הנביאס וואָגן איז האָך אַרויף אויפן הימל.

די דאָזיקע ווערטער האָט געזאָגט יונה חכמה=צאָן פון אונדזער הדר. און איך האָב געמיינט, אַז ער געפינט זיך אויף דער צווייטער זייט פון די רעלסן, צוזאַמען מיט אַנדערע ייִנגלעך פון אונדזער הדר.

— כאַ, כאַ, אַ קליינער יונה און אַ גרויסער יונה — האָט דער פעטער געלאַכט. — לאָמיר זען ווער וועמען וועט איבערכיטרעווען.

— איך גלויב, אַז יונה חכמה=צאָן וועט איבערכיטרעווען יונה דעם שמש. ער איז דאָך מיין חבר פון איין חדר.

— נו, איז וואָס דערפון געדרונגען, יונה חכמה=צאָן? — יונה שמש רירט זיך צו צום קליינעם יונהס פאות. — יעדער צוג גייט אויף זיין אָרט. יענער צוג איז אַרויף אויפן הימל און דער גייט קיין וואַרשע. ס'איז טאַקע אַן אַנדער צוג, אָבער ס'איז אַ קנאַפּער חילוק.

— ווער וועמען האָט איבערגעכיטרעוועט? צי איז דער ענטפער פון יונה שמש געווען אַ ריכטיקער? ווי האָט געקענט דעם נביא אליהום...?

— אויב אַזוי — זאָגט שמעון — טאָ צוואָס זענען מיר דאָ אַלע זיך אָנגעלאָפן?

— יאָ, צוואָס פּלוצלונג יום־טוב אינמיטן ווינטער? — האָט מרים דעם קרעמערס ווייב אַ פרעג געטאָן.

— וואָס האָב איך אייך באַלד פון אָנהייב געזאָגט? — האָט זיך אָנגעכאַפּט פישל באַלעגאָלע. — איך בין נישט קיין גרויסער למדן, ווי יונה שמש. אָבער איך זאָג אייך, אַז די גאַנצע מעשה מיטן צוג איז נישט ווערט קיין פאַרלוירענע פּאָדקאָווע. טס־ק! ער האָט אַ שפּיי געטאָן.

— פישל, — שמייכלט פיניע כלבוניק, — אפשר וואַרפסטו שטיינער אויפן צוג דערפאַר, ווייל דו האָסט מורא, אַז ער וועט אַוועקנעמען דיין פּרנסה?... פישל באַלעגאָלע צעלאַכט זיך.

— האָ־האָ־האָ! וואָס אַ מענטש קאָן אויסטראַכטן. פישל האָט מורא פאַר אַ צוג? וואָגנס און פערד זענען געווען אויף דער וועלט, זינט די וועלט שטייט. וואָגנס און פערד האָבן גאָט דערלאַנגט אונטער זיין האַנט אַלע שטיקלעך און ביצלעך מיט וואָס ער האָט די וועלט באַשאַפן, וואָגנס און פערד וועלן עקזיסטירן אַזוי לאַנג ווי די וועלט וועט שטיין.

— פישל, — האָט פיניע כלבוניק געזאָגט, איצט שוין אָן שום געלעכטער, — איך זאָרג מיך נישט פאַר די דאָזיקע פייער־פערד. זיי וועלן נישט אַוועקנעמען דיין חיונה. זיי קאָנען דיר גאָר ברענגען מער משא.

— זאָל איך האָבן אַזויפיל גאָלד, ווי פיניעס ווערטער האָבן אַ זין — זאָגט דער פעטער.

— וואָס מאַכסטו, ירוחמל? — ס'איז יאַנעק דער שלאָסער! ער קלאַפּט מיר אין פּלייצע. — און ווי גייט עס אייך וואָלפקע? — דאָס ווענדעט ער זיך צום פעטער.

ער רעדט פויליש, אָבער ער קאָן עס אויך זאָגן אין יידיש, הגם ער איז נישט קיין ייד. — פאַרלענגער זיין מאַרינאַרקע און לייג אים צו אַ באָרד, וועסטו אים קאָנען פאַררעכענען צו אַ מנין, — זאָגט מיין פעטער גבריאל. דער פעטער גבריאל איז זיין בעסטער פריינד און זיי זענען שטענ־דיק צוזאַמען.

— אָקאָרשט ביסטו געקומען, יאַנעק? — פרעגט דער פעטער — ווו האָסטו איבערגעלאָזט גבריאלן?

— ער האָט נישט געקאָנט אַוועקגיין פון דער בעקעריי. איך בין אַהער אויך אין זיין נאָמען געקומען, — לאַכט יאַנעק. — איך בין דאָ

געוועז די גאַנצע צייט און אויסגעהערט דעם גאַנצן שמועס. איר האַלט, אַז איר האָט שוין אַלץ אויפגעקלערט וועגן דער מאַשין און אירע פערד? אָבער איר מעגט הערן, וואָס עס האָט פּאַסירט אין מיין קוזינס שטאָט אין אונגאַרן, ווען דער ערשטער צוג איז אָנגעקומען.

די מענטשן קומען צו נאָענט צו אים.

— דער קלויסטער איז אַרויסגעטראָטן קעגן דער באַן. דער גלח האָט געזאָגט, אַז דער טייוול טרייבט דעם צוג.

— דער טייוול? — האָט עולם אויסגעשריגן.

— פאַרוואָס איז דער קלויסטער אַרויס קעגן דער באַן.

— יאָ, — האָט יאַנעק געלאַכט, — דער טייוול יאָגט די מאַשין. און הערט, וואָס עס האָט פּאַסירט. ווען דער צוג האָט געדאַרפט דורכ־פאָרן די שטאָט צום ערשטן מאָל, פּונקט ווי דאָ היינט, איז אַ גלח מיט אַ מחנה פון זיינע קלויסטער־לייט אַהין געקומען, זיך אַוועקגעשטעלט אויף די רעלסן מיט אַן אויפגעהויבענעם צלם. דער צוג איז אָנגעקומען און מיט גערויש געפלויגן גלייך אויף זיי.

— וואָס האָט דאַן פּאַסירט?

— יאָ, וואָס איז געשען?

— דער גלח האָט אויפגעהויבן דעם צלם און געפאָדערט דער טייוול זאָל זיך אָפּשטעלן און זאָל אַרויס פון מאַשין.

— און דאַן?

— ער איז שטיין געבליבן.

— ווי הייסט?

— גוט, — שמייכלט יאַנעק, — דער צוג האָט געמוזט אָדער זיך אָפּשטעלן, אָדער טויטן די מענטשן. האָט דער מאַשיניסט אָפּגעשטעלט דעם צוג, און, באמת, — יאַנעקס אויגן האָבן געפינקלט, — דער גלח האָט געטענהט, אַז ער האָט אָפּגעהאַלטן אַ נצחון איבערן טייוול.

— איך בין געניי גיכער צו גלויבן אין פּיניעס פייער־פערד, — לאַכט דער פעטער. — כ'בין נייגעריק צו וויסן, ווער וועט דאָ אויסשטייגן.

— דער צוג וועט דאָ אומזיסט פאַרן צייט, — זאָגט שמעון. — סטריקאָווער לייט זענען נישט אימשטאַנד צו צאָלן באַן־געלט. און דער צאַר וועט נישט קומען אין אונדזערע בלאָטעס צו בויען אַ זומער־פּאַלאַץ.

— מיר האָבן אין סטריקאָוו אַן אייגענעם צאַר, וועלכער וועט דאָ אויסשטייגן פון צוג. — זאָגט פּיניע כלובניק. — מרדכי־לייב הייסט ער. דעם פעטערס באַלעבאָס!

— װוּ איז ער געװען? פונװאַנען דאַרף ער קומען? — הערן זיך קולות פון אַלע זייטן.

— װוּ ער זאָל נישט האָבן געװען, מעגט איר זיכער זיין, אַז דאָס איז נישט פאַר אונדזער טובה װעגן.

— אומעטום די גבירים! קומט אַרויס עפּעס אַ נייס אויף דער װעלט, דאַרפן זיי געניסן דערפון די ערשטע.

— פאַרמאָגט דען דער צאַר אַ שענער פוטער און שענער פוטער־היטל, װי מרדכי־לייב, װעלכער באַזיצט די גאַרבעריי, װוּ מיין פעטער אַרבעט? איז דעם צאַרס פּנים אַזוי פּוכקע און רויט, װי מרדכי־לייבס?

אַ פייף! אַ לאַנגע הודזשעריי! דער צוג!

— דער צוג!

— קומט אָן!

— אַראָפּ פון די רעלסן!

מיט קװיטשעריי שלעפּן די דערװאַקסענע אַװעק זייערע קינדער. אַ מאַמע שלאָגט איר קליין מיידעלע און שלעפּט זי אין דער ריכטונג פון יואַרט־צימער. דער פעטער האַלט מיך פעסט ביי דער האַנט. שמעון האַלט חיימלס האַנט.

אַ צװייטער לאַנגער פייף, העכער, נאָענטער, פּונקט װי הונדערט שופרות װאָלטן מיטאַמאָל געבלאָזן. אַ װילד רעװען אינדערנאַכט פון אַ גרויסער װילדער חיה, איר זעט זי נאָך נישט, אָבער זי לויפט, דונערט נאָענטער — אַרויס פונעם װאַלד...

אַ רויך.

אַ גרויסער רויך־שלייער דרייט זיך צום הימל אַרויף!

— זע, װאָס פאַר אַ רויך!

— װי ער רויִשט! װי ער ברילט!, רויִשט, ברילט, און טומלט.

טשוגאַ, טשוגאַ, טשוג טשוג!

סאַראַ גרויסע, גראָבע פאַרזעעניש! א פאַרזעעניש פון אייזן! אָט קומט ער אָן! ער איז שוין נעבן אונדז! זיין גרויסער, לאַנגער קערפּער טראָגט זיך צו אונדז.

טשוגאַ, טשוגאַ, טשוג טשוג!
טשוגאַ, טשוגאַ, טשוג טשוג!

אַן אײַזערנע שלאַנג, אַ גרויסע שיפּענדיקע שלאַנג מיט פֿענצטער, פֿון וועלכע עס קוקן אַרויס פּנימער! קלאַפּט, רויכערט און דונערט! האָבן דען נישט די מענטשן מורא צו פֿאָרן אויף אים? וואָס שלעפּט דעם דאָזיקן שוואַרצן וואָגן, וואָס גייט פֿון פֿאָרנט. רויכערט און קלאַפּט? איז עס דאָס וואָס זיי רופֿן לאָקאָמאָטיוו? זעט אַזוי אויס אַ לאָקאָמאָטיוו? זענען אינעווייניק טאַקע באמת פֿאַראַן פֿייער-פֿערד? שטויסן זיי עס אַרויס דעם גאַנצן רויך פֿון קײַלעכיקן שוואַרצן קוימען?

טשוגאַ, טשוגאַ, טשוג טשוג!

ווי קענען די פֿערד פֿון אינעווייניק אַזוי שנעל לויפֿן? פֿונוואַנען נעמט זיך צו זיי אַזאַ כּוח צו שלעפּן גרויסע שווערע וואַגאָנען מיט מענטשן אינעווייניק? ווען וועלן זיי זיך אָפּשטעלן? מען זעט נישט, עמעץ זאָל ציען די לייצעס! דער צוג שטעלט זיך נישט! מעגלעך, אַז ער וועט קיינמאָל...

— צי וועט זיך דער צוג אָפּשטעלן אין אונדזער שטאָט, פֿעטער?

— מיר דאַכט זיך, אַז ער פֿאַרהאַלט זיך. זעסט נישט, אַז ער גייט לאַנגזאַמער? — זאָגט דער פֿעטער.

טשוגא, טשוגא, א-טשוג-אַ-טשוג

— יאָ, ער פֿליט לאַנגזאַמער!

טשוג-טשוג-אַ-טשוג-אַ-טשוג.

אָט שטעלט ער זיך אָפּ אין אונדזער שטאָט! פּונקט אַנטקעגן אונדז. פֿאַרוואָס קלאַפּט ער אַזוי הויך, פֿאַרוואָס רויכערט ער? ער שטעלט זיך!

ווער איז דער מאַן אין מונדיר? ער לויפֿט לענגאויס דעם צוג און שרייט:

— סטריקאָוו! סטאַנציע סטריקאָוו!

וויפֿל פּנימער הינטער די פֿענצטער! אויגן קוקן אויף אונדז. קוק, וויפֿל זעלנער! פֿאָרן זיי קיין יאַפּאַן? אַ ייִנגל, וואָס שטייט נעבן זײַן מאַמע קוקט אויף מיר! איך ווייס, וואָס ער זאָגט: *דו פֿאָרסט נישט אין צוג, איך אָבער פֿאָר. דו מוזסט אין דרויסן שטיין און נאָר קוקן.* איך ווײַז אים מײַן צונג. ער ווײַזט מיר אַ צונג. איך דראָע אים מיט דער פֿויסט, ער באַווײַזט זײַן פֿויסט.

ם=ם=ם=ם=ם=ם=ם=ם=ם=ם=ם=ם=ם!

די מאַשין פון פאָרנט האַלט אין איין רויכערן. אַ גרויסער לויפער, וואָס סאָפּעט נאָכן לויפן.

עולם דערנענטערט זיך צום צוג. הענט באַרירן און קלאַפּן אין די זייטן פון די וואַגאָנען, פונקט ווי פּירמאַנעס קלאַפּן אויס די זייטן פון פערד אויפן פערד=מאַרק. זיי ווילן זיך מסתם איבערצייגן, צי דער צוג איז אַ ממשותדיקע זאַך. יעדער איינער גייט צו נאָענטער. אָבער פישל באַ=לעגאָלע שטייט אין אַ זייט.

איך מיט חיימלען לויפן צו דער מאַשין — נאָך פיניע כלבוניק.

— צי זענען דאָרט באמת פייער=פערד, פיניע?

פיניע כלבוניק לאַכט פון מיר.

— זיי זענען פייער=פערד נאָר דאַן ווען זיי לויפן. איצט זענען זיי פשוטע קוילן, וואָס מען וואַרפט מיט אַ שופל אין פייער אַריין.

— אָ=אָ=אָ, קיין שום פייער=פערד.

פיניע כלבוניק ווייזט אָן מיטן פינגער:

— אָט גייט מרדכי=לייב אַרויס פון צוג.

מרדכי=לייב פאַרנייגט זיך עטוואָס צום עולם אָן שום שמייכל און גייט שנעל פאַרביי דאָס געזעמל.

— אָט איז נאָך איינער, זאָגט חיימל, אַ פויער. ער מוז זיין רייך אויב ער פאָרט מיטן צוג.

יאָ, ער מוז זיין רייך. איך קען נישט זען זיין פנים, אָבער פון הינטן זעט אויס זיין קאַפּטן ניי און גלאַנציק. ער האָט אָפּגעשטעלט פיניע כלבו=ניק און פרעגט אים אויף פויליש:

— ווו איז דער וועג קיין אָסיאַנקע?

אָסיאַנקע! אָט דאָרט גייען מיר יעדן זומער אַרבעטן אין סאָד... סאַראַ טיפע גיזדריקע שמים ער האָט!

— אויף דער צווייטער זייט פון די רעלסן, — ענטפערט רואיק פיניע כלבוניק. — איך וועל אייך ווייזן דעם וועג. — ער דרייט זיך אוים.

ער גייט זייט ביי זייט מיטן פויער און רעדט מיט אים. צי קענען זיי איינער דעם צווייטן? איך מיט חיימלען גייען זיי נאָך. זיי גייען שנעלער. מיר באַמיען זיך אָנצוהאַלטן זייער גאַנג, אָבער זיי גייען

גיכער ווי מיר. זיי זענען שוין ביים סוף פון צוג. פיניע כלבניק בלייבט שטיין און ווייזט אָן אויף יענער זייט פון די רעלסן. פאַרוואָס קלינגען גע־ווייסע ווערטער, ווי יידיש? פויערים רעדן דאָך נישט קיין יידיש.

— היי, ירוחמל! — חיימל קוקט אויף די טרעפּ, וואָס פירן אין לעצטן וואַגאָן, — אַריין, וואָס?

— אַריין.

מ י ר ז ע נ ע ן א י נ ד ע ר ה ו י ד! ק י י נ ע ר ה אָ ט א ו נ ד ז נ י ש ט ג ע ז ע ן. מ י ר ז ע נ ע ן א ו י ב ן!

איך עפן די טיר אין וואַגאָן — עטוואָס נאָך עפן איך זי. מיר רוקן אַריין אונדזערע קעפּ. אַזויפיל מענטשן! אַזויפיל זעלנער! אַ שלל מיט זיצפּלעצער אין וואַגאָן! אָט איז דאָס יינגל, וואָס האָט צו מיר אַרויס־געשטעקט די צונג! אַהא, דו שטוינסט וואָס? עס געפעלט דיר נישט, וואָס דו ביסט נישט דאָס איינציקע יינגל אין צוג?...

אַ קלינגערייי! וואָס באַדייט עס? חיימל קוקט אויף מיר און איך אויף אים. מיר פאַרמאַכן שנעל די טיר. וואָס איז עס פאַר אַ געשריי, — די שטים פונעם מאַן אין אוניפאָרם? און דער צוג — ער סאָפּעט!

— זע! ער פאָרט! ירוחם, ער פאָרט!

— יאָ, אוי!

מיר לאָזן זיך מיט אַ געשריי צו די טרעפּ.

אַ געוואַלד צווישן דעם עולם. דער פעטער, שמעון און אַנדערע מיט זיי לויפן, שרייען, פאָכן מיט די הענט אין דער לופטן.

— סטאָפּ!

— שטעלט אָפּ דעם צוג!

וואָס וועט זיין מיט אונדז? ווי קענען מיר אַרויס? שפּרינגען? ניין, דאָס גייט נישט! וווהין וועט אונדז דער צוג ברענגען?

— קוק! ער שטעלט זיך.

חיימל! ער שטעלט זיך אָפּ! דער צוג בלייבט שטיין!

— צוליב אונדז, צוליב אונדז, ירוחמל!

דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט.

די טיר הינטער אונדז האָט זיך אָן עפן געטאָן. בייזע הענט האָבן מיך מיט חיימלען אָנגעכאַפּט. אַ מאַן אין אַ מונדיר רעוועט אויף אונדז אין רוסיש. ער כאַפּט מיך אָן פאַרן קאָלנער. ער טוט מיך אַ שטויס. איך פאַל אויפן פעראָן. חיימל פאַלט נאָך מיר.

דער פעטער און שמעון קומען צולויפן. אַלע שרייען. דער פעטער הייבט מיך אויף און דריקט מיך אין זייגע אָרעמס.

— אך, ירוחמקע, ירוחמקע! גאָט צו דאַנקען, וואָס מיט דיר איז גאָרנישט געשען! און מיט חיימלען אויך נישט!

שמעון כאַפּט אַרום חיימלען.

מרים, דעם קרעמערס ווייב, שטופּט זיך פאָרויס.

— איר נעמט זיי אַרום און גלעט זיי! די לאָבוזעס דאַרף מען גוט אַריינצימבלען פאַר דער שרעק, וואָס זיי האָבן אונדז פאַרשאַפט!

— אַ מצווה וואָלט אויף זיי געווען, — רופט זיך אָן יונה שמש, — ווען דער צוג שלעפּט זיי אַוועק דאָרט, וווּ דער רויטער פעפער וואַקסט.

אָבער דער פעטער האַלט מיך פעסט צוגעדריקט צו זיך. דער צוג גייט אָפּ.

— גוט, — רופט זיך אָן פיניע כלובניק צום פעטער און שמעונען, — ווי דען?

— לאָמיר פאַרגעסן די שרעק, וואָס מיר האָבן געהאַט. מיר אַלע לעבן און קענען זיך עס דערציילן אין שמחה. ער שויבערט מיין קאָפּ און חיימלס קאָפּ. — מיר דאַרפן זיך גרויסן מיט די דאָזיקע צוויי יינגלער. נאָך אַלעמען זענען זיי דאָך געווען די ערשטע פאַסאַזשירן פון אונדזער שטאָט.

7

פולקע דער גרויסער

די שלאַנג ביים פּלומפּ איז לאַנג. זי ציט זיך דורכן הויף פון אברהם דעם האָלץ־סוחר ביז צו די ווייסע ברעטער־שטויסן נעבן דער ציגל־וואַנט. עס איז שפּעט. אינגיכן קומט אָן דער שבת. דינסטמיידלעך, באַלעבאָסטעס שטייען און וואַרטן, ווער מיט עמערס, ווער מיט קאַנען. איך שטיי מיט מיין קרוג, כמעט ביים סוף פון שלאַנג, ביים טויער, הינטער מרים דעם קרעמערס ווייב. פון פאָרנט ווינקט צו מיר פריידע־מלכה.

— די שטאָט וואַקסט, קיין ביז אויג זאָל איר נישט שאַטן, — רופט זיך אָן גיטל דעם מלמדס ווייב, וואָס שטייט הינטער מיר, — איצט קאָנען מיר נישט אויסקומען בלויז מיט איין וואַסערטרעגער.

— ווען מיר וואָלטן געהאַט אַ צווייטן וואַסערטרעגער, — זאָגט רבקה טרויעריק, — וואָלט איך נישט אָפּגעשטאַנען ביים פּלומפּ אַ גאַנצע שעה ערב שבת, אין דער צייט ווען מיין שמ״ב געפינט זיך נאָך אינ־דערוואָכן.

— זע נאָר, דעם מילנערס מויד, ווי זי שטייט ביים פּלומפּ אין חלומות! — שרייט מרים דעם קרעמערס ווייב. — זעלדע, עולם גייט שוין פון מקווה, מ׳דאַרף שוין באַלד אין שול אַריין.

קוזינע זעלדע, מיין קוזינע זעלדע! איך האָב פיינט מרים דעם קרע־מערס ווייב.

וואָס רעדט זי לשון הרע אויף זעלדען? וואָס טשעפּעט זי זיך צו אַלעמען מיט איר בייזער צונג?.. אינגיכן וועט מען גיין אין שול אַריין. יונה שמש וועט באַלד אַרויסגיין אין גאַס אַריין און, פאַררייסנדיק דעם קאָפּ צום הימל, וועט ער אויסרופן מיט אַ ניגון:

— צייט ליכט צו צינדן!

מיר קינדער, טאַנצן הינטער אים צוזינגענדיק:

אַלע שונאים וועלן מיר די הויט שינדן!

ווענן וואָס טראַכסטו, זעלדע קרוין, צי דער הונט האָט אַ פּופּיק? פאַרוואָס זאָגסטו נישט דיין באַלעבאָסטע, זי זאָל דיך בעסער קאָרמענען, זאָלסט קענען שנעלער פּאָמפּעווען?

זעלדע שטייט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און ענטפערט נישט. בלויז די פּאָמפּע סקריפּעט און פּישטשעט.

איך וואָלט וועלן, אַז זעלדע זאָל נישט זיין קיין דינסטמיידל. דער פעטער זאָגט, אַז ווען זיין שוועסטער שיינדל וואָלט געלעבט, וואָלט זי נישט דערלאָזן, אַז איר צוועלף־יאָריקע זעלדע זאָל זיין אַ דינסטמיידל. און איר הערשקע, וואָס איז געווען דאָס שוואַרצאַפּל פון איר אויג, וואָלט איצט נישט אַרומגעלאָפן מיט הינט איבער די גאַסן, אַן אָפּגע־ריסענער, אַ הונגעריקער; און איצט ווער ווייסט, וואָס פון אים וועט אַרויסקומען; ער איז נאָך געווען אַזוי יונג, ווען ער איז אַליין אַנטלאָפן קיין לאָדזש...

זעלדע איז אַוועק מיט איר עמער. איצט שטייט שוין אַן אַנדער עמער אונטערן פּלומפּ. דער פּלומפּ ווערט בעענגטער. אינגיכן וועל איך זיין אינדערהיים מיט אַן אָנגעפּילטן קריג. אינגיכן וועל איך אָנטאָן מיין ניי סאַמעטן שבת־היטל און איך וועל אַוועק מיטן פעטער דאַווענען אין בית־מדרש. עס איז קאַלט צו שטיין.

מיטאַמאָל הערט זיך אַ קול פון יענער זייט טויער:
— מאַכט אַ וועג צום פּלומפּ!
פולקע דער גרויסער!
מרים, דעם קרעמערס ווייב, זאָגט:

— דער פּלומפּ איז פאַר די שטאָט־לייט. דער וואַסערטרעגער האָט דעם גאַנצן טייך וואַסער צו שעפּן.

— און טראָגן אַ גאַנצן וועג דאָס וואַסער באַרג־אַרויף? — פרעגט פריידע־מלכה, ווען זי גייט אַוועק פונעם פּלומפּ מיט איר עמער, — ער מאַטערט זיך נעבעך אָן פאַרן גראָשן, וואָס ער באַקומט פאַר אַן עמער.

פולקע דער גרויסער שפּרייזט אַריין מיט גערויש דורכן טויער. זיינע עמערס, אַרומגעקלאַפּט מיט אייזערנע רייפן, הענגען אויף זיין היל־צערנעם יאָך פון זיין פּלייצע. זיינע הויכע שטיוול זענען איינגעשמירט

מיט בלאָטע און פון די עלנבויגנס פון זיין שווערן גרינעם קאַפטן שטעקן אַרויס שטיקער וואַטע.

ביים פלומפ האָט מען געמאַכט אַן אָרט פאַר פולקע דעם גרויסן.

ער נעמט אַראָפ זיינעביידע עמערס פונעם יאָך און ציט צונויף דעם שטריק אַרום זיין לייב. פון זיין ברייט־שמייכלענדיק מויל קוקן אַרויס גרויסע ציין. ער טוט שנעל אַ שפיי אויף די דלאָניעס איינמאָל און נאָכאַמאָל און גיט אַ שלעפ דאָס פלומפהענטל, ווי דער שמיד דעם בלאָזזאַק. ער שטייט פאַרן פלומפ ווי שמשון הגיבור. ער שטויסט דאָס פלומפהענטל מיט זיין מעכטיקער האַנט. די אייזערנע איינגעווייזן פון פלומפ רוישן. אַ שטראָם וואַסער גיסט זיך פון דער רער.

— קוקט! אַ גאַנצער טייך איז אַרויס פונעם פלומפ! — שרייט גיטל דעם מלמדס ווייב.

— אָט מיט די זעלבע ידים האָט ער אַרויסגעשלעפט באַרטעקס דעם זאַמד־פירערס עגלה פון אַ גראָבן, ווען די צוויי אָקסן זיינע האָבן זי נישט געקענט רירן פון אָרט, — זאָגט מרים דעם קרעמערס ווייב.

— און צי געדענקסטו נישט, — האָט רבקה די טרויעריקע געזאָגט,

— ווי אַזוי ער האָט פאַרטריבן צוויי פאָליציאַנטן פון מאַרק, ווען זיי האָבן אויסגעשאָטן זיין קויש מיט עפל?

פולקע דער גרויסער טוט אָן זיין יאָך און הענגט אָן די פולע עמערס. ער שטייט אין זיין יאָך, ווי אַן אָקס, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן. ער גלייכט זיך אויס און ציט אַראָפ דאָס היטל נידעריקער. ער שפרייזט, די עמערס שאָקלען זיך און שפריצן אויף אַלע זייטן.

— מאַכט אַ וועג! מאַכט אַ וועג! — שרייט ער.

— היי, פולקע, שטיי!

— היי, פולקע, שטיי!

— אַלע קוקן זיך אום. אויף דער צווייטער זייט פון די ברעטערשטויסן, ביי דער ציגל־וואַנט, שטייט דער איספראַווניק. ער טראָגט אַ בלוי היטל מיט אַ גאָלדענעם אָדלער פון פאָרנט. זיין פנים איז קיילעכדיק, ווי אַ באַראַבאַן, און זיינע האַרטע שנעלע ווערטער קלינגען ווי אַ באַראַבאַן־פויקעריי.

— דער איספראַווניק און דער סאָלדאַטים! — הערט זיך אַ געשריי.

אַ שינעל שפרייזט אַנטקעגן פולקע דעם גרויסן. אַ שווערד הענגט אים ביי דער זייט. זי קלאַפט אין איר שייד. די ראַנדן פון זיינע עפּאָלעטן זענען רויט ווי די ראַנדן פון זיין היטל.

אַ טריט הינטער אים שטייט דער סאָלטים. זיינע לאַנגע גרויע וואָנצעס הענגען אַראָפּ פון זיינע באַקן, ווי די ווײַדלען פון וועווערקעס.

פולקע דער גרויסער שטייט מיט זיינע עמערס און קוקט אויפן איספּראַווניק, נישט אַרויסרעדנדיק קיין וואָרט. די אויגן פונעם איספּראַווניק שטאַרצן אַרויס ווי אָקסן־אויגן.

דער סאָלטים זאָגט אין פּויליש:

— קום אין פּאָליציי־צירקל, פולקע, קום מיט אונדז.

— וואָס, אין פּאָליציי־צירקל? — פרעגט פולקע דער גרויסער, צו וואָס?

— אפשר צוליב דער קאַלב, וואָס מען האָט געגנבעט, — לאַכט דער סאָלטים. — די פאַרלוירענע קאַלב, וועגן וועלכער עס איז נעכטן געמאָלדן געוואָרן אויפן מאַרק.

— פולקע איז נישט קיין גנב. די גאַנצע שטאָט ווייסט, אַז פולקע איז נישט קיין גנב! — שרייט פריידע־מלכה אין פּויליש.

דער סאָלטים דרייט איין שפּיץ פון זיין באָרד און קוקט בייז אויף פריידע־מלכן.

— ער איז נישט קיין גנב, אָבער נאָך ערגער פון אַ גנב, ער האָט זיך נישט צוגעשטעלט צום פּריזיוו.

— וואָס? ער איז באַפרייט, — פאַרטיידיקט אים פריידע־מלכה. — ער איז אַ בן־יחיד און דער איינציקער שפּייזער פון זיין אַלטער מאַמען. איר האָט נישט קיין רעכט צו נעמען פולקען.

— ערשטע לגאָטע? — רופט זיך אָן רבקה מיט אַ טרויעריקער, ביטערער שטים. — מיר האָבן געזען, וואָס זיי מאַכן מיט די ערשטע לגאָטעס פון אָרעמעלייט. אפשר ווילן זיי מיט אים פאַרשטעקן אַ לאָך פאַר עמעצן.

— אַזוי איז עס! — שרייט פריידע־מלכה — פאַרוואָס האָט מען מרדכי־לייבס צווייטן זון, אַ געזונטן ווי אַן אָקס, געגעבן אַ בלויען בילעט צוליב אַ שוואַך האַרץ און איצט גייט ער אַרום פוסט און פּאַס, בעת ער האָט געדאַרפט זיין דאָרט, וווהין זיי שיקן מיין שמעונען? מיט געלט קען מען גאָט אין פּנים אַריין לאַכן.

— איצט איז אַלץ קלאָר, פונוואַנען מרדכי־לייב איז געקומען מיט דער באַן, — זאָגט רבקה די טרויעריקע.

דער איספּראַווניק און סאָלטים קומען נעענטער צו פולקען.

— האַלט זיך, פּולקע! — שרייען שטימען פון אַלע זייטן.

— זיי האָבן נישט קיין רעכט דיך צו נעמען, פּולקע, דו האָסט אַן ערשטע לגאָטע.

דער עולם דריקט זיך צונויף.

דער איספּראַווניק שטופּט פאַנאַנדער דעם עולם.

— צעגייט זיך, יידישע מאָרדעס!

דער סאָלטיס נעמט שנעל אַרויס פון קעשענע אַ מעשענע קייט מיט אַ גלאַנציקן הערב און טוט זי שנעל אָן אויף זיין האַלדז אין פּרוּוט נעמען פּולקען פאַרן אָרעם.

פּולקע דער גרויסער וואַרפט אַראָפּ דעם יאָך פון זיינע פּלייצעס. די עמערס פאַלן אַראָפּ מיט אַ טראַסק און צעגיסן זיך. איין עמער האָט זיך אַראָפּגעקוילערט מיט גערויש דורך דער ברעטער־ריניע, אויסגיסנדיק אויפן וועג דאָס וואַסער. עולם שרייט. פּולקע דער גרויסער האָט אָנגע־כאַפּט דעם סאָלטיס פאַר די היפטן. און אַ הייב אים געטאָן אינדער־לופטן.

— כאָ־כאָ־כאָ שרייט פּולקע דער גרויסער.

— כאָ־כאָ־כאָ — שרייט דער עולם, פּונקט ווי אויך ער וואָלט אויפ־געהויבן דעם סאָלטיס.

ווי אַן אָנגעפּאַקטן זאַק שטעלט ער אַוועק דעם סאָלטיס מיט די פיס אין בלאָטע.

אַ מורמלעריי, אַ צאָרנדיקער ווינט טראָגט זיך דורך צווישן עולם.

— גיב אַכטונג, פּולקע!

דער איספּראַווניק האָט אַרויסגעשלעפּט זיין שווערד. ער גייט צו פּולקען.

פּולקע דער גרויסער בייגט זיך איין און הייבט אויף דעם הילצערנעם יאָך. ער כאַפּט אים אָן פאַר איין עק, ביים אייזערנעם רינג.

— פאַרשיווער ייד! — שרייט דער איספּראַווניק, — פאָכנדיק מיט דער שווערד אינדערלופטן.

— די כאָליערע וועט דיך פריער נעמען, איידער דו וועסט נעמען פּולקען! — שרייט פּולקע מיט זיין הויכער הייזעריקער שטים. דער פּלומפּ, די הייזער און דער הימל שרייען צוזאַמען מיט אים. ער דרייט דעם יאָך איבערן קאָפּ, ווי אַ דרעש־שטעקן קעגן דער שווערד. אַ טראַסק! די שווערד איז אַרויסגעשפּרונגען פונעם איספּראַווניקס האַנט — אינ־דערלופטן איבער אונדזערע קעפּ! איך לויף מיטן עולם און שריי:

— צוריק!

— פאַרזיכטיק, די שווערד, זי פאַלט!

די שווערד איז מיט פליוך אַריינגעפאַלן אין אַ קאַלוזשע נעבן פלומפ.

— אך!...

פריידע־מלכה שטייט נעבן מיר. איר האַנט דריקט מיין פלייצע.

דער פאָליציי־מאַן כאַפט זיך פאַרן רעוואָלווער, וואָס הענגט אויף זיין פאַס.

— פולקעס מאַמע, קוקט! — שרייט מען פון אַלע זייטן.

די אַלטע דבורה מיט דעם גרויען צעריסענעם טיכל אויפן קאָפּ שטופט זיך צווישן עולם. אירע אויגן זענען גרויס פון שרעק.

— פולקע, פולקע, מיין זון! יידן, בני רחמנים, לאָזט נישט הרגענען מיין פולקע!

די אַלטע דבורה פאַלט צו צו פולקען. זי נעמט אים אַרום. איר באַדעקטער קאָפּ פאַלט אויף זיין ברוסט.

— פולקע! גיי מיט זיי, אוצר מיינער, — בעט זי זיך ביי אים, — איך׳ל מתפלל זיין פאַר דיינעטוועגן. איך וועל פאַסטן. גאָט וועט נישט שווייגן. ער וועט נישט דערלאָזן אונדז שלעכטס מאַן. ער וועט דיך צוריקשיקן צו מיר. גיי מיט זיי, מיין בן יחיד!

זי ציט זיך איינערהייך און שלעפּט פולקעס האַנט, וואָס האַלט הויך דעם יאַך. פולקע דער גרויסער קוקט ווייט איבער איר קאָפּ. ער לייגט אַוועק דעם יאָך נעבן די עמערס און גייט צו פאַוואָליע צום סאָלדאַטים.

דער סאָלדאַטים בינדט אָפּ די שטריק פון פולקעס לענדן און פאַרבינדט זיינע הענט אויף הינטן.

— קום! — זאָגט ער. שטופּנדיק פולקען דעם גרויסן דורכן צונויפגעזאַמלטן עולם.

מיר ווערן צוריקגעשטופּט, געוואָרפן איינער אויפן אַנדערן.

אַלע זענען שטיל.

הינטער דעם סאָלדאַטים און פולקע דעם גרויסן שפּרייזט דער איםפּראַווניק. זיין רעוואָלווער איז געצילט אין דער פלייצע פון פולקע דעם גרויסן.

8

אַ בריוו קיין לאָנדאָן

— צו מיין טייערער שוועסטער מרים און מיין טייערן שוואָגער נפֿתּלי און צו אייערע טייערע קינדערלעך, זאָלן אַלע לעבן און געזונט זיין.

די מומע הערט אויף דיקטירן. זי נעמט איר שטריקעריי.

— דו, ירוחמקע, האַלט דעם קנויל, ער פֿאַרפּלאָנטערט זיך.

דער פֿעטער שטייט, קוקט איבער פֿיניע כּלבוניקס פּלייצע. פֿיניע כּלבוניקס פֿען קראַצט דאָס ליניִרטע בריוו־פּאַפּיר. די פֿען באַוועגט זיך שנעל אין זיין האַנט, פֿון רעכטס אויף לינקס.

— פֿונקט ווי זי וואָלט פֿאַרשטאַנען די יידישע אותיות, — זאָגט די מומע.

ווען פֿיניע כּלבוניק שרייבט, איז זיין קאָפּ אָנגעבויגן אין אַ זייט איבער דעם קיילעכדיקן טיש, וואָס שטייט ביי דער וואַנט אונטער די באַלקנס. די צוויי קליינע פֿענצטער אין דער משופּעדיקער וואַנט לאָזן נישט אַריין קיין סך ליכט אינעם דאַך־שטיבל. פֿאַרוואָס שטעלט ער נישט אַריין מער שויבן אין זיין אייגענער וואַנט, אויב ער איז אַ גלעזער.

— און וואָס ווייטער צו שרייבן, ווייסטו דאָך, פֿיניע, — זאָגט די מומע.

פֿיניע כּלבוניק בייגט איין זיין קאָפּ נידעריק איבערן פּאַפּיר און שרייבט מיט פּורפּור־רויטן טינט. זיין קליין רונדיק בערדל גליטשט זיך איבערן גלאַנצנדיקן שריפֿט.

— קודם כּל קומען מיר אייך צו מעלדן, אַז מיר געפֿינען זיך גאָט צו דאַנקען אין בעסטן געזונט.

פֿיניע כּלבוניק זאָגט אַרויס די האָזיקע ווערטער הויך, פּאַוואָליע, מיט אַ ניגון, בעת די פֿען סקריפּעט איבער זיי:

— דאָס געמלעכע פון אייך צו הערן פון היינט אָן און אייביק. אָמן. צווייטנס מעלדן מיר אייך...

פינוואַנען נעמט ער די דאָזיקע אַלע שיינע ווערטער, איינס נאָכן צווייטן? און ווי געדענקט ער זיי פאַר יעדן בריוו, וואָס ער שרייבט פאַר אונדז קיין לאָנדאָן? קריגט ער זיי פון זיינע ביכער, וואָס געפינען זיך ביי אים אין ביכער־שראַנק? אַזויפיל ביכער!...

פיניע כלבוניק קוקט אויף דער מומען. ער ווישט די פען אין זיינע געלע האָר און באַטראַכט דעם שפיץ פון דער פען אויפן ליכט, כדי זיך צו איבערצייגן, אַז זי איז ריין.

דער פעטער פאַררויכערט אַ פאַפּיראָס און שמייכלט.

— אָהאָ — רופט זיך אָן דער פעטער, — כל־זמן די פען שרייבט: קודם־כל, גאָט צו דאַנקען וכדומה, גליטשט זיך די פען איבערן פאַפּיר, ווי אַ זשרעבאַק אויף אַ באַקאַנטער לאָנקע. אָבער ווי עס קומט צו די: צווייטנס מעלדן מיר אייך, בלייבט דער זשרעבאַק שטיין, ווי אַן איינגעבראָכענער פאַר אַ וואַנט. נישט אמת, פיניע?

— יאָ, וואָלפקע, — ענטפערט פיניע כלבוניק, — עס קומט אַ צייט, ווען דער זשרעבאַק מוז אויפהערן צו שפּרינגען, מוז אַריין אין געשפּאַן און אָנהייבן צו פירן משאות. ס'בלייבט נאָר אַ שאלה, — און זיין גרויס רעכט אויג קוקט אויפן פעטער, — ס'בלייבט אַ שאלה, וויפל לאָדונג די לייגסט אויף אים אַרויף.

די מומע לייגט אַוועק איר שטריקעריי. זי בייגט זיך איין פאָרויס.

— שרייב, פיניע און פרעג זיין טאַטן, פאַרוואָס ער שרייבט איין בריוו נאָכן צווייטן, און איילט אונדז מיר זאָלן אים ירוחמקען אָפּשיקן קיין לאָנדאָן, דאָ מיט איין לאַנדסמאַן, וואָס פאָרט קיין לאָנדאָן, דאָ מיט אַ צווייטן. מכוח דעם, וואָס ער זאָרגט זיך, אַז ירוחמקע וועט זיך דאָ נישט לערנען, אַז ער וועט פוסט און פּאַס אַרומפּענדעווען איבער סטר־קאָווער בלאָטעס. שרייב אים ער זאָל זיך נישט דאגהן. שרייב אים און זאָג אים, אַז ער האָט געפונען לייטזעליקייט אין די אויגן פון זיין מלמד, רב מלך, וועלכער נעמט נישט ביי אונדז מער קיין שכר־לימוד, ווי רב מלך פירט אַרום ירוחמקען יעדן שבת אין די רייכסטע הייזער אויף אַ פאַר־הער פון חומש און רש"י. — די מומע לייגט צו איר פאַרטעך צום אויג. — אַך, ווען זיי וואָלטן געקענט מיט זייערע אייגענע אויערן הערן רב מלכס ווערטער! אַז אַכט־יאָריק יינגל און גיט שוין אַזעלכע האָפענונגען!

— יאָ, — זאָגט פּיניע צו זיך אַליין, קוקנדיק דורך זיין קליינעם אויג, — אַן אַכט־יאָריק יינגל איז שוין אַזאַ מתמיד.

— לאה, — פרעגט דער פעטער, — אויב דו האָסט דאָ מיט איין אָטעם אָנגעזאָגט פּיניען אַזאַ לאַנגע מגילה, טאָ ווי קען ער געדענקען, וואָס ער האָט צו שרייבן?

— זאָל זיך פּיניע זאָרגן, — ענטפערט די מומע. — דו מיינסט, אַז ער נייטיקט זיך, כ׳זאָל אים יעדעס וואָרט דערלאַנגען אין אַ טיי־לעפעלע.

— רעד, רעד, לאה, — לאַכט פּיניע כלבוניק. — איך נייטיק זיך בלויז אין צומישן אַ פּאָר געדאַנקען צום טינט. מיין פען, געבענטשט זאָל זי זיין, וועט דאָס איבעריקע שוין אַליין טאָן.

— זע, אַז דיין פען זאָל נישט איינגעמאַטערט ווערן, — זאָגט דער פעטער.

— אוודאי, דו ווייסט דאָך וואָס עס פּאַסירט, ווען אַ שוועסטער הייבט אָן צו רעדן צו אַ שוועסטער. — פּיניע כלבוניקס קליין אייגעלע לאַכט.

— פּונקט, ווי עס האָט פּאַסירט מיט דער שוועגערין פון פּאַסטוּרקע, וואָס האָט באַזוכט איר שוועגערין אין פּינטשעוו. אַ גאַנצן טאָג האָבן זיי געהאַלטן אין איין רעדן, און ווען עס איז אָנגעקומען די צייט פון געזעגענען זיך, האָט די שוועגערין פון פּינטשעוו געזאָגט: — לאָמיר דיך באַגלייטן אַ שטיקל וועג. ס׳איז פּונקט געווען אַ קלאָרע זומער־נאַכט. די פּלאַטערנדיקע לבנה־לאַמטערן האָט אָנגעוויזן דעם וועג, גייענדיק האָבן זיי געשמועסט וועגן דאָס און וועגן יענץ און כדומה. אָבער ווען זיי האָבן זיך אַרומגעקוקט, זענען זיי שוין געווען אויף אַ האַלבן וועג קיין פּאַסטוּרקע האָט די שוועגערין פון פּאַסטוּרקע געזאָגט: — איך קען דיך נישט לאָזן אייניקע אַליין קיין פּינטשעוו. לאָמיך דיך אָפּפירן אַ שטיקל וועג. און גייענדיק אַזוי האָבן זיי ווידער גערעדט וועגן דעם און וועגן יענץ און וועגן אַנדערע פאַרשידענע זאַכן. און די פּלאַטערנדיקע לאַמטערן פון דער לבנה האָט זיי געפירט אַהין און צוריק, ביז די שוועגערין פון פּאַסטוּרקע האָט אויסגערופן: — זע, אין פּינטשעוו טאָגט שוין!

דער פעטער מיט פּיניען לאַכן. אָבער דער מומעס אויג קוקט אויפן בריוו.

— שרייב און זאָג זיי, פּיניע, — זינגט זי צו, — אַז ירוחמקע, קיין עין־הרע, האָט נישט פאַרשאַפט קיין חרפּה זיינע עלטערן אין לאָנדאָן. ווען מלך איז געקומען מיטן יינגל אַהיים, האָט ער געזאָגט: איך וועל

אים צוגרייטן, האָט ער געזאָגט, צו דער ישיבה. אָט וואָס ער האָט געזאָגט.

— יאָ, גיב זיי צו וויסן, — האָט דער פעטער זיך אָנגערופן איבער פיניעס פלייצע, — אַז מיטן אויבערשטנס הילף, האָט רב מלך געזאָגט, וועט ירוחמקע פסח־צייט אָנהייבן צו לערנען גמרא.

— מיר וועלן אָנהייבן מיט בבא מציעא, האָט דער רבי געזאָגט. צי דאַרף ער אויך וועגן דעם נישט דערמאָנען אין בריוו?

— און איצט, טייערע שוועסטער און טייערער שוואָגער, — די מומע וויקלט עפּעס אויף, — שיקן מיר אייך אונדזער פּאָטאָגראַפיע, וואָס מיר האָבן געמאַכט אין לאָדזש, אַז איר זאָלט קאָנען זען דאָס געשטאַלט פון אייער זון און זיך דערמאָנען וועגן אייער שוועסטער און שוואָגער.

ווילן זיי וויסן, ווי איך זע אויס? צוואָס, אויב זיי ווילן מיך נישט? צו וואָס דאַרפן זיי מיין פּאָטאָגראַפיע.

דער פעטער נעמט די פּאָטאָגראַפיע. ער קוקט אויף מיר און אויף פיניע כלבוניק.

— איך בין זיכער, אַז זיי וועלן דאָרט שטוינען, ווי אַזוי מיר האָבן גענומען אַ פרום יידיש יינגל, וואָס דאַרף אינגיכן אָנהייבן לערנען גמרא און מיר האָבן אים פּאָטאָגראַפירט אָן אַ היטל. איך האָב דאָך בשעת מעשה נישט געוואָלט מסכים זיין מיט דיר און מיטן פּאָטאָגראַף, לאה.

איז דער פעטער גערעכט? איך קוק אויפן יינגל, וואָס שטייט הויך פאַר אַ באַדעקטן טיש, וו עס ליגט אַן אויפגעמאַכטער גרויסער ספר. דער פעטער שטייט ביי איין זייט און די מומע ביי דער צווייטער. בין איך דען דאָס יינגל מיט די גרויסע פאַרוווּנדערטע אויגן און מיט אַ גרויסן ווייסן קאָלנער איבערן רעקל און אָן אַ היטל אויפן קאָפּ? ווי קען אַ יינגל אין אַזאַ הילוך, מיט אַ בלויזן קאָפּ אָנהייבן צו לערנען בבא מציעא?

— און איך זאָג, — ענטפערט די מומע, — אַז אַ פּאָטאָגראַפיע איז נישט בלויז דאָס בילד אַליין, נאָר אויך די וואַנט, ווו זי הענגט וועט זיי וועלן אָנקוקן די דאָזיקע פּאָטאָגראַפיע אין לאָנדאָן, וועט קיינער נישט זאָגן, אַז ירוחמקע קוקט אויס ווי נישט קיין ייד. ווי מיינסטו, פיניע?

— וואָס איך מיין? — פיניע כלבוניק ווינקט מיט זיין קליין אייגל,
— איך האַלט, אַז וויכטיק איז נישט דאָס, וואָס אויפן קאָפּ, נאָר וואָס אין קאָפּ.

דער פעטער לאַכט.

— אַז פּיניע זאָגט, ווייסט ער וואָס ער זאָגט. קוק אויף די אַלע ספרים, וואָס ער האָט אין זיין קאָפּ. — ער גייט צו צו די ביכער־שאַפע, וואָס שטייט אין ווינקל. — די אַלע ספרים האָסטו פון סענדער לעווין?

— ס׳רוב. אויך פון לאָדזש, פון לויוויטש, און פאַר מיין אייגן געלט!

— יאָ, פּיניע, איך דערמאָן מיך, ווי דו האָסט מיט צוואַנציק יאָר צוריק אַריינגעשטעלט פאַר סענדער לעווין די ערשטע שויבן און ווי דו האָסט פאַר דיין אַרבעט געבעטן אַ בוך אָנשטאָט געלט.

— און איצט, טייערע שוועסטער און שוועגערין, — הייבט די מומע ווידער אָן, — שרייב און זאָג זיי, פּיניע...

וואָסערע ספרים קאָנען זיך געפינען אין פּיניעס ביכער־שאַפע, אויב נישט תנ״ך, תפילה־ספרים אָדער גמרות? מעג מען דען זיי לייענען אָן אַ היטל, אַזוי ווי איך קוק אַריין מיטן בלויזן קאָפּ אין גרויסן אָפענעם ספר אויף דער פאָטאָגראַפיע?

פּיניע כלבוניק זיצט און לייענט, וואָס ער האָט אָקאָרשט אָנגעשריבן:

...מיט יעדן טאָג, וואָס די מלחמה דויערט שטייגן די לעבנס־מיטלען, אַזוי, אַז דאָס וואַסער דערגייט שוין ביזן האַלדז *). און אַלס צולאָג צו די צרות, שפּירט זיך אין לאַנד אַ געוואַלדיקער דוחק אין קאַרטאָפל, פּשוט אַ קאַרטאָפל־הונגער. וואָס שייך וואָלפקען ווייסט מען נישט, צי זיי וועלן רופן די רעזערוויסטן פון זיין עלטער. ביז איצט האָט גאָט אונדזער משפּחה נישט געליטן פון דער מלחמה. וואָלפקע איז צו אַלט און ירוחמקע איז צו יונג.

— פאַרוואָס שטעלסטו קיין איין מאָל נישט אַריין: „ברוך־השם“, פּיניע? — פרעגט דער פעטער.

— גוט, איך קען עס דיר צוליב טאָן, וואָלפקע, אָבער דאָס שמעקט מיט מסחר. דו זאָגסט „ברוך־השם“, ווען עס האַנדלט זיך אין וואָלפקעס יאָרן, אָבער דו וועסט נישט זאָגן „ברוך־השם“, אויב מען וועט אים נעמען אויף דער מלחמה, אויב עס וועט זיך האַנדלען וועגן יקרות, אויב ס׳רעדט זיך וועגן דעם וואָס מען קען נישט באַקומען קיין קאַרטאָפל. אַלזאָ, איינס סקאַסירט דאָס צווייטע.

וואָלפקע איז צו אַלט און ירוחמקע איז צו יונג. וואָלפקע איז צו אַלט און ירוחמקע צו יונג.

---

*) פון העברעיש: כ׳ באו מים עד נפש.

— צי וועט נאָך דויערן די מלחמה, ווען איך וועל זיין גענוג אַלט, מומע?

— וואָסערע נוצן איז פון דיין לערנען, אויב דו ביסט אַזאַ נאַריש ייִנגל? ער דאַכט, אַז די מלחמה קען נאָך אַריבער ביז וואַנען ער וועט אויסוואַקסן. און זיין פעטער איז פרושניץ האָט זיך אַן אויג אַרויסגענומען, כדי נישט צו גיין אויף מלחמה פאַרן צאַר. ווען דו וועסט אויסוואַקסן, וועט מער קיין מלחמות נישט זיין, מיין קינד. ווי לאַנג קענען נאָך זיין מלחמות אויף דער וועלט?

— אייביק, — האָט פייגע בלבוליק געזאָגט, אויפהייבנדיק דעם קאָפּ.

— אויב עס וועט זיך נאָר ווענדן אין די היינטיקע אָנפירער פון דער וועלט!

ער לייענט ווייטער דעם בריוו:

„...איר פרעגט זיך אָן וועגן דער אַלטער מיידל? וואָס קען מען וועגן איר זאָגן? אַלטקייט איז נישט קיין פרייד. די גרויסע שׂמחה האָט פאַרטעמפּט איר שׂכל און פון טאָג צו טאָג ווערט איר אַלץ ערגער. וואַלפּקע אַרבעט שוין נישט מער ביי סענדער לעווינען, וועלכער האָט געמוזט צומאַכן די פאַבריק, ווייל ער איז פּאַראַליזירט געוואָרן. גאָט אין הימל, פאַרוואָס האָסטו בעסער נישט פּאַראַליזירט וואַלפּקעס נייעם באַלעבאָס, מרדכי־לייבן?

— האָסט דאָס אַלץ אַריינגעשריבן אין בריוו? — דער פעטער קוקט אויף פייגען. — אַ נאַרישע יידענע פּלוידערט מיט דער צונג און ער שרייבט עס אָן אויפן פּאַפּיר!

— מיינסט, וואַלפּקע, אַז עס וואָלט שלעכט געווען, ווען גאָט וואָלט אַוועקגעלייגט מאַכע די, וואָס האָבן זיך פאַרדינט?

— זאָל בלייבן אַזוי, ווי ער האָט אָנגעשריבן, — האָט זיך די מומע אָנגערופן.

„...וואָס שייך אונדזער שוואָגער גרשון, איז זינט זיין שיינדל, זאָל זי האָבן אַ ליכטיקן גן־עדן, איז געשטאָרבן, גייען ביי אים די געשעפטן מיט דער פוטער אַראָפּ. ער לעבט איבער זייער אַ שווערע צייט אַלס קלאַרנעט־שפּילער, ווייל אין סטריקאָוו קומען פאָר מער לוויות, ווי חתונות. זיין קליינע זעלדע האָט געמוזט אָנקומען אַלס דינסטמיידל. וואָס פאַר אַ לעבן איז עס פאַר אַ צוועלף־יאָריק מיידל?

די מומע לייגט צו דעם שפּיץ פאַרטעך צו די אויגן.

— דאָס וועט זיי פֿאַרשאַפֿן עגמת־נפֿש, — האָט דער פֿעטער געזאָגט.

„וואָס שייך נפֿתּלים ברודער גבֿריאל, דאַרפֿט איר זיך וועגן אים נישט זאָרגן. צו ניינצן יאָר, דוכט זיך, האָט ער זיך צום ערשטן מאָל איינגעאָרדנט. לאָמיר האָפֿן, אַז אין אַ געוויסן טאָג וועט ער אָנהייבן צו גיין האַוועגען אין שול. ער אַרבעט אַלס געהילף ביים קאַלטן אהרן, דעם בעקער און דאָרט וווינט ער. און ער איז קיין עין־הרע אַן אמתער גיבור. ער טראָגט צו זאַק מעל אונטער יעדן אָרעם און אַ דריטן אין די ציין.

יאָ, איך האָב אַליין געזען, ווי מיין פֿעטער גבֿריאל שלעפּט די שווערע זעק!

„און איצט, — לייענט ווייטער פֿיניע כּלבֿוניק, — ווילט איר דאָך מסתּמא וויסן, וואָס עס טוט זיך אין אונדזער שטעטל. דער מאַרק־פּלאַץ, הגם ער איז נישט געשיצט פֿון רעגן, איז נישט אויסגעוואַקסן און אַ וואָגן קען זיך דאָרט נישט אויסדרייען. די בלאָטע איז דאָרט געוואַקסן. און גליקלעך שפּירן זיך די חזירים, וואָס וואַלגערן זיך דאָרט. די ציגן קריכן ווי פֿריער אויף די דעכער און צופּן דעם האַר־שטרוי. מען האָט געשמועסט, אַז מען וועט ברוקירן די סמאַריקאָווער גאַסן און אַז מען וועט אַפֿילו אויפֿשטעלן גאַס־לאַמטערנס, אָבער איצט, ווען די שטאָט־מאַכט האָט זיך דערוווּסט פֿון די ייִדישע פּרנסים, אַז משיח קומט בלי ספֿק, טאָ וואָסער זין האָט אַרויסצוּוואַרפֿן געלט אין בלאָטע? ציוויליזאַציע האָט לעצטנס אַריינגעבראַכט אין סמאַריקאָוו די קאַליש־וואַרשעווער באַן, ווייל זי שטעלט זיך אָפּ אין אונדזער שטאָט איין מאָל אין טאָג. אייער זון, ירוחמקע, איר וועט הנאה האָבן צו הערן, — ער ווינקט צו מיר, — איז געווען דער ערשטער אָפּפֿאָרנדיקער פּאַסאַזשיר פֿון אונדזער שטאָט, הגם ער איז אָפּגעפֿאָרן בלויז עטלעכע אַרשין. עס וועט נאָך דויערן אַ ביסל, ביז אַלע וועלן זיך צוגעוווינען צו דער באַן, בפֿרט צו פֿאָרן מיט איר. מרים דעם קרעמערס ווייב איז געזעסן און געשטריקט אין וואַרט־זאַל, בעת דער צוג האָט געריִרט פֿון דער סטאַציע. גאָטס נסים, האָט זי געזאָגט, אויפֿהייבנדיק דעם קאָפּ, דאָ זיץ איך און דאָ פֿאָר איך!

— סאַראַ קאָפּ מען דאַרף האָבן דאָס אַלץ אויסצוטראַכטן, — זאָגט דער פֿעטער, קוקנדיק אויף פֿיניע כּלבֿוניק.

— און דאָס אַלץ אַרויסברענגען אויפֿן פּאַפּיר, — האָט די מומע צוגעגעבן. — ווען גאָט וואָלט אונדז געגעבן די מעגלעכקייט, וואָלטן מיר פֿאַר אַזאַ בריוו געדאַרפֿט באַצאָלן נישט צען גראָשן, נאָר צען רובל.

פיניע כלבוניק שיט זאַמד אויף די פייכטע ווערטער, זיי זאָלן זיך אויסטריקענען.

די מומע זאָגט:

— אפשר וועסטו זיי אָנשרייבן, פיניע, זיי זאָלן שיקן אַן ענטפער אויף דעם בריוו?

דער פעטער לאַכט.

— אַז פיניע שרייבט דעם בריוו, מעגסטו זיין זיכער, לאה, אַז דו וועסט באַקומען אַן ענטפער.

9

וועלוול

וועלוול זיצט ביים טיש אַנטקעגן מיר. מיט מײַן קעשענע־מעסערל שנײַדט ער אויס ציינדלעך אויפֿן הילצערנעם רעדל פֿון מײַן פּורים־גרע־גער. דער האַשעק פֿון זײַן היטל איז אַראָפּגערוקט איבער זײַן פּאה און דער שפּיץ פֿון זײַן צונג שטעקט אַרויס פֿון זײַן מויל. די ליכט פֿונעם נאַפֿט־לעמפּל, וואָס שטייט צווישן אונדז, וואַקלט זיך, בעת ער שנײַדט. איך שמאָפּ אָן פּאַפּיראָסן פֿאַר מײַן פֿעטער. איך האָב שוין כמעט אַ העלפֿט גילזן אָנגעפֿילט מיט טאַבאַק. די מומע פּאָרעט זיך ביי דער קיך, צוגרייטן צו דעם אָוונטברויט פֿאַרן פֿעטער אין דער גאַרבערײַ.

זי זאָגט צו מיר:

— די טעג וועל איך פֿאַרבאַהאַלטן די פּאַפּיראָסן־מאַשינקע און וועל געפֿינען פֿאַר דיר אַ בעסערע אַרבעט, ווי אָנצושטאָפּן גאַנצע טעג, וואָס פֿאַרברענען די לונגען.

— אָבער איך האָב ליב, מומע, אָנצושטאָפּן פּאַפּיראָסן פֿאַרן פֿעטער.

— אַ קינד בלײַבט אַ קינד. פֿאַר דיר איז עס אַ פֿאַרגעניגן און פֿאַרן פֿעטער — סם. אַ גאַנצע נאַכט האַלט ער אין איין הוסטן און ווי נאָר ער כאַפּט זיך אויף פֿון שלאָף איז טאַבאַק זײַן ערשטע רפֿואה.

— אָבער שבת רויכערט ער דאָך נישט אַ גאַנצן טאָג.

— יאָ, איך ווייס, אַז שבת איז פֿאַר אים אַ קוועלעניש. ווילסט אפֿשר עפּעס עסן, וועלוול? איך קען דיר געבן די געשמאַקע גרעמשקע, וואָס איך האָב געמאַכט צום אָוונטברויט.

— כ׳—כ׳בין נישט הונגעריק.

וועלוול קוקט זיך נישט אום. זײַן קאָפּ איז אַראָפּגעבויגן אויף אַ זייט איבער די ציינדלעך, און זײַן העלע געקרײַזלטע פּאה גלעט דאָס קליינע הילצערנע רעדל.

די מומע קוקט אויף אים און אויף מיר. זי ווייסט, אַז ער איז הונגעריק און איך ווייס אויך. פֿאָריקע וואָך האָט זי געזאָגט צום פֿעטער:

— וואָס זיין שטיף־מאַמע דערגיט אים נישט צום עסן, דערלייגט זי אים מיט קלעפּ.

— ווען ירוחמקע וואָלט געקומען צו אייך, וואָלט ער נישט געזאָגט גיין, נישט אמת, ירוחמקע?

— ניין, מומע, איך וואָלט נישט געזאָגט ניין.

די מומע שטעלט אַוועק פֿאַר וועלוועלען אַ דאַמפּענדיקן טעלער מיט גרעטשקע באַגאָסן מיט יויך. וועלוועלס קאָסאָקע ברוינע אויגן וואַרפֿן שנעלע בליקן אויף דער קאַשע. זיין האַנט ציט זיך צום לעפֿל, אָבער ער ציט זי צוריק. זיין האַנט מיט די לאַנגע פֿינגער כאַפּט ווידער דאָס מעסערל, דאָס גרעגער־רעדל און נעמט זיך ווידער צום שניצן.

די מומע גייט אַרויס. דאָס טוך איבערן קאָפּ, אַוועקטראָגנדיק דעם אָוונטברויט פֿאַרן פֿעטער. אין דער טיר זאָגט זי:

— אויב דו עסט נישט מיין קאַשע, וועלוול, וועל איך טראַכטן, אַז דיר געפֿעלט נישט מיין קאָכן.

וועלוועלס אַראָפּגעלאָזטע פּנים איז רויט.

— כ׳—כ׳בין נישט הונגעריק — שטאַמלט ער.

אויפֿן טיש וואַלגערן זיך פֿאַרשידענע שפּיקלעך האָלץ, פּאַסן גלאַנציק פּאַפּיר, — בלוי און רויט און גרין און געל, — אויך מעל און וואַסער אויף קלייסטער. וועלוול האָט שוין פֿאַרענדיקט זיין פּורים־מאַסקע. עס פֿעלן האָרן בלויז צוויי בענדלעך. זי טריקנט זיך אויף דער באַנק ביים פֿייער. איצטע אין דער הייך פֿאַרריסענע באַקן, דין ווי וועלוועלס באַקן, גלאַנצן רויט אָנגעקעגן דעם פֿלאַם. אין מיין מאַסקע זענען שוין די אויגנלעכער אויסגעשניטן. איך קען מיך שוין נישט דערוואַרטן ביז איך וועל זי אָנטאָן. וועל איך באמת טאַקע אויסזען, ווי מלך אחשורוש? מיין מאַסקע וועט האָבן אַ באָרד. וועלוול זאָגט, אַז די באָרד וועט זיין אַ געלע מיט צוויי שפּיצן, ווי ביי נתן דעם רמאי.

ער קוקט אויף דער קאַשע. פּאַוואָליע הייבט ער נעענטער צו די האַנט און נעמט אָן אַ פֿילן לעפֿל.

— מ,מ,מ! אַ מחיה!

ער נעמט נאָך אַ לעפֿל און ווידער אַ לעפֿל מיט קאַשע, ער עסט שנעל.

— האָם, האָם! איך האָב ליב קאַשע. האָם, האָם — מיט יויך, ווי דיין מומע מאַכט עס.

ער הייבט אויף דעם טעלער, רוקט צו אים צו זיין פּנים און זופּט אויס דעם לעצטן טראָפּן יויך.

— האָם, האָם, דיין מומע איז די גרעסטע קעכין אויף דער וועלט, איך ווייס. דאָס זאָגט מיין פֿעטער. עס איז בעסער חתונה צו האָבן מיט אַ גוטער קעכין, ווי מיט אַ גוטן נדן. אַ נדן קען שנעל אַוועקגיין, אָבער אויב דו האָסט אַ גוטע קעכין, איז שוין דאָס אויף אייביק.

וועלוול נעמט ווידער דאָס קליינע הילצערנע רעדל. ער האַלט עס נאָענט צו זיין ברוסט. יעדעס מאָל, וואָס ער טוט אַ שניט, לאָזט ער אַרויס אַ קרעכץ — אַך!

— וויפֿל ציין וועסטו נאָך אָנשניידן, וועלוול?

— פֿופֿצן נאָך דריי. וואַרט, אַך, ביז דער גרעגער וועט פֿאַרטיק ווערן! ער וועט איבערגרעגערן אַלע גרעגערס אין שול, אַלע הילצערנע, בלעכענע און אַפֿילו די געצאַצקעטע, וואָס מען ברענגט פֿון לאָדזש.

איצט האַלט ער דאָס קליינע רעדעלע אויפֿן קאַנט פֿון טיש, מאַכנדיק די קאַרבן פֿון די ציינדעלעך. דאָס נאַפֿט=לעמפּל וויגט זיך און וועלוולס שאָטן אויף דער וואַנט ווערט דאָ גרעסער און דאָ קלענער. וועלוול איז בלויז מיט איין יאָר עלטער פֿון מיר, אָבער ער איז העכער פֿון מיר. מיין פֿעטער זאָגט, אַז ער וועט זיין זייער אַ הויכער, ווי זיין טאַטע.

— איך האָב נישט ליב קיין בלעכענע גרעגערס. און דו?

— ניין, זיי זענען אַזוי דין, אַך ווי מיידלשע שטימען. טינג=לינג, טינג=לינג! המן הרשע הערט קיים די בלעכענע גרעגערס. אָבער די הילצערנע גרעגערס וועלן אים איבערדרייען אין קבֿר.

— איך וואָלט געוואָלט, אַז מיר זאָלן קענען גרעגערן ביי אַלע תּפֿילות אַ גאַנץ יאָר, יעדן יום=טובֿ, שבת און אַפֿילו אינדערוואָכן. דער פֿעטער זאָגט, אַז עס זענען דאָ אַ סך המנס, אָבער בלויז איין פּורים.

— אָבער אויב מיר וועלן גרעגערן אַ גאַנץ יאָר, ווי אַזוי וועלן מיר וויסן, ווען פּורים איז? — וועלוול קוקט מיך אָן, — דער רבי האָט געזאָגט, אַז יידישע ייִנגלעך טאָרן נישט גרעגערן אין אַ שפּאַס. מיר זענען דאָך נישט קיין גויים, וועלכע שפּילן זיך מיט צאַצקעס.

— עס איז זייער גוט, וואָס מען האָט המנען באַצייטנס געפּאַקט, איידער ער האָט אויסגעהרגעט די יידן. איצט האָבן מיר דערפֿאַר פּורים יעדעס יאָר און טראָגן פּורים=מאַסקעס, און עסן המן=טאַשן, און גרעגערן

און קלאַפּן אין שול יעדעס מאָל, ווען דער בעל־קורא לייענט אַרויס המנס נאָמען פון דער מגילה.

וועלוול בלאָזט אַראָפּ דעם שטויב פון דעם פאַרענדיקטן רעדל. ער ווישט עס אָפּ מיט דער פּאָלע פון זיין בגד. ער נעמט אין האַנט אַריין און באַטראַכט עס.

— איך וואָלט געוואָלט קענען מאַכן אַזעלכע זאַכן, ווי וועלוול מאַכט.

וועלוול זאָגט:

— פאַריקן פורים האָט מיין עלטערער ברודער אַזוי שטאַרק געטופּעט מיט זיינע שטיוול ביים וואָרט "ה מ ן", אַז פון שול איז ער אַוועק אַהיים בלויז מיט איין זויל. און הגם ער איז אַ גרויסער יונג, האָט אים דער טאַטע גישקשהדיק מכבד געווען מיט אַ רימען. שוין טויזנטער יאָרן, האָט דער טאַטע געזאָגט, ווי מיר זענען פון המנען פטור געוואָרן און איצט קומסטו און ברענגסט צוליב אים נייע צרות אויף מיין קאָפּ.

וועלוול נעמט אַ שינדל פון טיש.

— איצט וועל איך מאַכן אַ צונג. דו וועסט זען, וואָס פאַר אַ גרעגער איך וועל האָבן. נאָכדעם וועל איך פאַר דיר מאַכן. ער וועט זיין פּונקט ווי מיינער.

— איך וויל נישט, זאָלסט מאַכן פאַר מיר! איך וועל אַליין מאַכן. איך וועל אים אַליין מאַכן און אויך די מאַסקע.

איך טו אַ כאַפּ אַ שטיקל האָלץ, די זעג און דעם האַמער.

— דיין מומע האָט געזאָגט, אַז מען וועט דיך אָפּגעבן אין ישיבה,

— זי האָט עס נישט געזאָגט. דו ביסט אַ ליגנער.

— זי האָט געזאָגט. זי האָט געזאָגט, אַז עס פאַרדריסט איר, וואָס מען נעמט מיך צו פון חדר און אין קומענדיקן יאָר וועט מען מיך אַוועקשיקן קיין בזשעזשין, ווו איך וועל ווערן אַ לערן־יינגל ביי אַ שניידער. און זי האָט געזאָגט, אַז עס פאַרדריסט איר, וואָס איך וועל נישט זיין דאָ און נישט קענען מאַכן פאַר דיר גרעגערס און פורים־מאַסקעס.

— איך קען אַליין מאַכן גרעגערס און קלעפּן פורים־מאַסקעס. און דאָס וועט געמאַכט ווערן מיט דער הילף פון מיין פעטערס האַמער און זעג און דעם מעסערל, וואָס דער רוסישער זעלנער האָט מיר געגעבן!

— דיין מומע האָט געזאָגט, אַז מען וועט דיך אָפּגעבן אין ישיבה, וועסט ווערן אַ ישיבה־בחור און וועסט נישט האָבן צו טאָן מיט קיין האַנט־מלאכה. זי האָט געזאָגט, דו זאָלסט מיר העלפן ביים לערנען, ביז איך וועל אין צוקונפטיקן יאָר אַוועקפאָרן קיין בזשעזשין.

איך וויל פֿאַרן קיין בזשעזשין ווי וועלוול און ווערן אַ שניידער־ייִנגל. פֿון אַלע אַרומיקע שטעט פֿאָרן ייִנגלעך קיין בזשעזשין צו ווערן שניידער־שע לערן־ייִנגלעך.

— איך וועל גיכער גיין אין די גאַסן און שרייען מען זאָל מיר געבן וועש צו וואַשן, — זאָגט די מומע — איידער דערלאָזן, אַז מיין ירוחמקע זאָל אַוועקפֿאָרן און ווערן אַ לערן־ייִנגל.

— דו וועסט נאָך צוליב אים אַרומגיין מיט אַ טאָרבע פֿון טיר צו טיר, — האָט די אַלטע מינדל אַ שאָקל געטאָן מיט איר פֿינגער צו דער מומען. וואַרט אַ ביסל וועסטו זען, לאה! — זי פֿאַרקרימט איר פּנים, נאָכמאַכנדיק דער מומעס קול: — לאָזן מיין ירוחמקע אַוועקפֿאָרן צו ווערן אַ לערן־ייִנגל! —זי האָט געקוקט אויף מיר מיט שנאה אין אירע אויגן:

— כי, כי, כי, מאַרינירן זיינע הענט אין פֿייגן־מילך!

אָבער איך וויל גיין אַרבעטן. איך וויל נישט אַרויסרייסן דאָס ברויט פֿון מינדלס מויל. איך וויל אַרבעטן מיט מיינע הענט. פֿאַרוואָס זאָל איך נישט קענען אַרבעטן מיט די הענט, בעת איך וועל לערנען אין דער ישיבה? וואָס וועט געשען מיט מיינע הענט? צי שטאָפּ איך דען נישט מיט מיינע הענט פֿאַפּיראָסן פֿאַרן פֿעטער? אָבער דאָס איז נישט אַזוי שווער ווי דאָס, וואָס וועלוול טוט מיט זיינע הענט. איך וויל זיין פֿעיק צו מאַכן גרעגערס און פּורים־מאַסקעס ווי וועלוול, און בלייענע דריידלעך אויף חנוכה, און הילצערנע שווערדן און פֿייל און בויגן אויף ל״ג בעומר, כדי מיט ייִנגלעך זיך לאָזן אין פֿעלדער און וועלדער, און קאָלירטע פּאַפּירענע לאַמטערנס, וואָס קנייטשן זיך ווי האַרמאָניקעס, כדי צו גיין ביינאַכט אַהיים פֿון חדר. און איך וויל זומער־ציים אויפֿשטעלן אַ געצעלט איבער כאָד פֿון אָסיאַנקע, פּונקט ווי דער פֿעטער טוט עס. איך וויל אַרבעטן מיט מיינע הענט. איך וועל אַרבעטן מיט זיי. קיינער קען מיר נישט שטערן. איך וויל! איך וויל!

איך לייג אַוועק מיין שטיקל האָלץ אויפֿן קאַנט פֿון טיש און הייב אָן צו זעגן. איך וועל מאַכן מיינע אייגענע גרעגערס. איך וועל... אָבער דאָס האָלץ האָט זיך אַרויסגעגליטשט פֿון אונטער מיין זעג. די זעג האָט זיך אַריינגעשניטן אין טיש. זי פֿליט מיר אַרויס פֿון די הענט און פֿאַלט מיט אַ טראַסק אויף דער פּאָדלאָגע.

— קוק, האָסט צעשניטן דעם טיש! דיין מומע וועט זיך איצט בייזערן, — האָט וועלוול געזאָגט.

ער האָט אָנגעהויבן אויסצושניצן אַ הענטל צו זיין גרעגער.

— איך וועל דיר איבערלאָזן דעם גרעגער, ירוחמקע, פאַר זיך וועל איך שפּעטער מאַכן.

— ניין, כ'וויל אַליין מאַכן פאַר זיך!

איך וואַרף אַראָפּ פון טיש דאָס האַלץ, דאָס פּאַפּיר און די זעג. איך לויף צו צו וועלוועלען און כאַפּ אַרויס פון זיין האַנט דאָס האַלב־אויסגע־שניצטע הענטל. איך וואַרף עס אין פייער. עס ברענט.

וועלוועל שטייט און קוקט אויף מיר מיט טרערן אין די אויגן. איך קער אָפּ מיינע אויגן פון אים, קוק אויפן דיל, וווּ עס ליגן די אַראָפּגעפאַלענע זאַכן פון טיש. איך בויג מיך איין פּאַוואָליע און הייב אויף די שטיקלעך האָלץ, דאָס פּאַפּיר און די געצייג.

ער האָט מיר געוואָלט אַוועקגעבן דעם גרעגער, וואָס האָט געוואָלט איבערגרעגערן אַלע אַנדערע אין שול... איצט איז פונעם הענטל פאַרבליבן בלויז אַש...

— וועל־וול!

ער ענטפערט נישט.

— וועל־וול!

— יאָ־אָ־אָ.

— ווילסטו זיין צופרידן צו פאָרן קיין בזשעזשין?

— יאָ, איך וויל דאָ נישט בלייבן. איך האָב פיינט מיין שטיף־מאַמע. איך האָב פיינט דעם רבין. איך האָב אַלעמען פיינט!

— מן הסתם איז גוט צו זיין אַ לערן־יינגל. דו קומסט צו פאָרן אַהיים אויף פּסח, סוכות און שפּרייזסט איף גלאָוונער וועג אין נייע שטיוול מיט אַ סקריפּ, מיט אַ ווייסן פּאַפּירענעם קראַגן און שניפּס, טראָגסט אַ שפּאַציר־שטעקל און אין דיינע הויזן־קעשענעס קלינגען די פּאָר גראָשן!

— דאָס איז נאָכדעם, ווי דו האָסט אָפּגעאַרבעט דריי יאָר. דער טאַ־טע זאָגט, אַז דאָס לעבן פון אַ לערן־יינגל איז זייער שווער. ער זאָגט, אַז ווען ער איז געווען אַ לערן־יינגל האָט מען אים דעם ערשטן האַלבן יאָר אַפילו נישט געלערנט, ווי אַזוי אַריינצוציִען אַ פאָדעם אין דער נאָדל. זיין גאַנצע אַרבעט איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער איז אַרומגעלאָפן אין שליחות פון זיין באַלעבאָס און באַלעבאָסטע, און עס האָבן זיי אים געגעבן די שיריים און בגדים אַזוינע דינע, אַז ער פלעגט ווינטער געפרוירן ווערן.

— דינע בגדים, און געאַרבעט פאַר אַ שניידער־?

— אָבער ער איז דאָך בלויז געווען אַ לערן־ייִנגל. זיי האָבן אים געצוווּנגען צו אַרבעטן זייער שווער. דער באַלעבאָס האָט אים געצוווּנגען אויפֿצושטיין פֿינף אַזייגער אינדערפֿרי, אָנצינדן קוילן אין די פּרעסאײַזנס און בלאָזן הויך זייערע קליינע טירלעך אַזוי לאַנג ביז זיי פֿלעגן זיך אָנוואַרעמען. ער האָט געמוזט האָלץ האַקן, אַרויסטראָגן די פּאָמויצעס און ברענגען וואַסער פֿונעם שטאָט־פּלומפּ. ער האָט געטראָגן די בגדים צום בעל־מלאכה פֿון די קנעפּ־לעכער. ער האָט געאַרבעט ביז צען אין אָוונט, און טײַלמאָל פֿלעגט ער דאָנערשטיק מוזן אַרבעטן אַ גאַנצע נאַכט, בעת מען האָט געדאַרפֿט ביז שבת פֿאַרענדיקן די באַשטעלונג. ער האָט זיך געמוזט אויפֿהייבן, ווען ס'איז נאָך געווען שטאָק־פֿינצטער, אַפֿילו אין אַ פֿראָסט. איינמאָל אין אַ ווינטער־פֿרימאָרגן האָבן זיי געטראָפֿן מײַן טאַטן שטייענדיק בײַם אויוון מיט אַ געוויין. זײַנע פֿינגער זענען געווען פֿאַרפֿרוירן און ער האָט נישט געקאָנט אויפֿעפֿענען דאָס אײַזערנע טירל אײַנצוהייצן דעם אויוון. דער באַלעבאָס האָט אים געשלאָגן און ס'איז בײַ אים פֿאַרבליבן אַ צייכן אויף דער פּלייצע ביזן הײַנטיקן טאָג.

— ער האָט דאָך געקענט אַנטלויפֿן?

— ניין, מײַן טאַטע האָט מיר וועגן דעם געוואָרנט. ער האָט געזאָגט:
— איך זאָג דיר דאָס, כּדי זאָלסט אַלץ וויסן פֿאָרויס, אַז זאָלסט זיך נישט דערוועגן צו אַנטלויפֿן. האַלט אויס די פֿולע דרײַ יאָר און מיט גאָטס הילף וועסטו ווערן אַ זעלבשטענדיקער שנײַדער.

— אָבער אויב דו וועסט נישט קענען אויסהאַלטן און וועסט אַנטלויפֿן, וואָס דעמאָלט, וועלוול?

— ניין, כ'וועל נישט אַנטלויפֿן. איך וועל אויסהאַלטן. מײַן שטיפֿמאַמע זאָגט, אַז אַ גרויסער בחור פֿון ניין יאָר, ווי איך, איז אַ שטיין אויפֿן האַלדז פֿון טאַטע־מאַמע. און זי האָט געזאָגט, אַז אויב איך וועל אַנטלויפֿן פֿונעם באַלעבאָס, וועט מײַן פֿוס איבער דער שוועל פֿון איר הויז נישט אַריבערטרעטן.

— דו וועסט קומען אַהער און זײַן מיט אונדז. דער פֿעטער און מומע וועלן דיך אַרײַנלאָזן.

— ניין, ירוחם, דײַן פֿעטער און מומע זענען אָרעם און איך וואָלט געווען אַ שטיין אויף זייערע העלדזער. איך וועל נישט אַנטלויפֿן. איך וועל עס דורכקומען, איך וועל עס איבערקומען, ווי דער טאַטע האָט געזאָגט...

וועלוול. איך זע אים אין אַ הויף. עס איז נאָך פינצטער. דער טאָג איז נאָך נישט אַרויס פון צווישן די ווענט. ער שטייט נעבן אַ פּלוט און פּאַמפּעט וואַסער אין עמערס. ס'איז ווינטער־צייט, אָבער ער האָט כמעט נישט קיין בגדים אויף זיך. זייגע הענט ציטערן פון קעלט. די שווערע עמערס אין יעדער האַנט טראָגט ער דורכן הויף אַרויף הורך די שטיגן, איין עמער גליטשט זיך אַרויס פון זיין האַנט. דאָס וואַסער גיסט זיך אויס און דער עמער קוילערט זיך אַראָפּ מיט אַ טראַסקעריי פון די טרעפּ. ער לויפט נאָכן עמער. אָבער דער באַלעבאָס האָט זיך אויפגעכאַפּט. ער שטייט אויבן ביי די טרעפּ און אין דער האַנט האַלט ער אַ רימען. ער כאַפּט אָן וועלוולען ביי די האָר. ער הייבט אויף זיין רימען. נײן, ער טאָר נישט מאַכן קיין צייכנס אויף זיין פּלייצע. איך קוק אויף וועלוולען, וועלכער שטייט אַנטקעגן מיר. זיין פּנים זאָגט: איך וועל נישט אַנטלויפן. איך וועל עס איבערקומען ווי מיין טאַטע.

איך קוק אויפן פייער, ווו עס ליגט דאָס אַש פון דעם העמד. פּונעם הויפן אויפן טיש כאַפּ איך אַ דיק שטיק האָלץ.

— וועסט מיר מאַכן אַ ניי העמד צום גרעגער, האַ, וועלוול?

וועלוול נעמט דאָס מעסער און הייבט אָן ווידער צו שניצן.

— איך וועל אויסשניצן אויף דיין גרעגער: ארור המן און ברוך מרדכי. *)

*) זיי פארשאָלטן, המן און געבענטשט זיי, מרדכי.

20

דורך דער וואַנט

וועמענס שטים הערט זיך אין דער נאַכט?

פון דער צווייטער זייט וואַנט, אין שטוב, וווּ הבקה די טרויעריקע וווינט, הערט זיך אַ מאַנסבילישע נידעריקע, שטילע שטים:

— ...מען לויפט. גום אָנגעבראָכן די בײנער אין מאַנדזשוריע!

דער פעטער, וואָס ליגט נעבן מיר אין בעט, הרייט זיך אויס און הוסט.

— וואָלפקע, הער אויף צו הוסטן, — שרייט די מומע פון איר בעט, — דו וועסט נאָך אויפוועקן דאָס יינגל.

די טיפע בעסטע שטים אויף דער צווייטער זייט וואַנט זעצט פאָר:

— יער וועט שוין לאַנג נישט אָנציען, ניקאָלאַיקע, דער געקרוינטער חזיר אין פעטערבורג!

געוויסע ווערטער זענען נישט דערגאַנגען צו מיינע אויערן. ווער לויפט? וועמענס ביינער?

— די האָזיקע פאַפירענע וועגט! — זאָגט ווידער די מומע. — גאָט צו דאַנקען, וואָס אַ קינד האָט אַ פעסטן שלאָף. ס'איז בעסער, וואָס ער ווייסט נישט, ווער ס'איז צוריקגעקומען.

— שאַ, לאה, — רופט זיך אָן דער פעטער. — וועק אים נישט אויף.

ווער איז צוריקגעקומען? זיי ווייסן נישט, אַז איך שלאָף נישט. איך טאָר מיך נישט באַוועגן. אָבער עס ווילט זיך מיר הערן. איך ליג מיט צוגעמאַכטע אויגן. איך אָטעם טיף, פונקט ווי איך וואָלט געשלאָפן. ווער אַזוינער איז ניקאָלאַי? וווּ איז פעטערבורג, און פאַרוואָס האָבן זיי דאָרט געקרוינט אַ חזיר? איך ליג אין דער פינצטער, ביי דער וואַנט, נעבן פעטער און האָרך.

— און איך וועל דיר זאָגן, פּיוויש, — רעדט אַן אַנדער שטים פֿון יענער זייט וואַנט, — פֿאַר אונדז איז איינס און דאָס זעלבע, צי ביקאַלאַי פֿאַרשפּילט אָדער געווינט. מיר זענען סיוויסיי אין גלות. — די שטים איז דין, הויך און שנעל. — דער ייד מוז גיין אַליין מיט זיין אייגענעם וועג.

— ניין, מאָטל־דוד, — רופֿט זיך אָן די ערשטע שטים, — נישט מיר אַליין, נאָר מיט זיי צוזאַמען.

מיר און זיי צוזאַמען? צי מיינט ער די גויים? ווי קען עס געמאָלט זיין? די פּוילישע יינגלעך לאָזן נישט איך זאָל מיך גליטשן מיט זיי אויפֿן טייכל. ווען איך גליטש מיך אַליין, שטעלן זיי מיר אונטער אַ פֿיסל און לאַכן פֿון מיר ווען איך פֿאַל.

— זאָל ביקאַלאַי מאַכן פּלימה, — הערט זיך ווידער פּיווישעס טיפֿע שטים. — ער שיקט קאָזאַקן צו הרגענען מענטשן, צו מאַכן פּאָגראָמען. אָבער ווען ער זעט שמאָל אין אַנדערע הענט...

— קאָך זיך נישט, פּיוויש. מען קען נאָך דאָרט הערן.

— זיי שלאָפֿן איצט. חוץ דעם, פֿון יענע...

אויף יענער זייט וואַנט איז שטיל. קיין וואָרט דערגייט מער נישט. וועלן זיי ווידער רעדן? וואָס מיינט ער מיטן — ח ו ץ ד ע ם, פֿ ו ן י ע נ ע? צי האָב איך עפּעס נישט דערהערט? ווידער די שטים! די טיפֿע שטים.

— נאָך עטלעכע אַזעלכע מאַרשן הינטערוויילעכטס, גענעראַל קוראָ־פּאַטקין! האָ וואַרטן מיר דערויף! און ווען אונדזער בעזים וועט אָנהייבן צו קערן, וועט זיין אַ סוף צו אים, צו אים און צו זיין גאַנצער כנופֿיא...

איצט רעדט ער גאַנץ שטיל. ווער זענען עס די, וואָס וואַרטן? און אויף וואָס וואַרטן זיי? וואָס איז עס פֿאַר אַ בעזים, וואָס קערט מענטשן? דאָס מוז זיין אַ גרויסער, דיקער בעזים, אַ סך גרעסער פֿון דעם קימענ־קערעס לאַנגן שוואַרצן בעזים.

— אונדזער רוסלאַנד? — לאַכט די דינע שטים. — זיי וועלן אונדז פּייניקן און אויסשעכטן מיטן צאַר און אָנעם צאַר. נישט מיר האָבן די דעה...

וואָס זאָגט עפּעס אַזוינס די דינע שטים? אַ סך ווערטער בלייבן שטעקן אין דער וואַנט. איך וואָלט געוואָלט פֿרעגן דעם פֿעטער אָדער דער מומע. זאָל נאָר די אַלטע מינדל אויפֿהערן צו כראָפּען אויפֿן אויוון: איך דריק זיך נאָענטער צו דער וואַנט. עס הערט זיך ווידער די דינע שטים:

— אונדזער טראָן וועט זיין אין לאַנד ישראל.

— דו און די פּאָגראָמשטשיקעס זאָגן אײנס און דאָס זעלבע: די ייִדן זענען דאָ פֿרעמדע! — פּיוויש רעדט איצט העכער און דײַטלעכער. אַלע זײַנע ווערטער הערט מען דורך דער וואַנט.

— מיר זענען דאָ געבוירן געוואָרן, מאָטל־דוד, מיר לעבן און אַרבעטן דאָ. אונדזערע פֿאָטערס, זיידעס, עלטער־זיידעס און עלטער־עלטער־זיידעס האָבן דאָ געלעבט און דאָ געאַרבעט. אָבער דו...

דער פֿעטער איז דאָ געבוירן געוואָרן און אויך זײַן פֿאָטער און זיידע, און דער פֿעטער זאָגט, אַז אַלע זענען געווען גאַרבערס, ווי ער.

— וואַרף אַוועק די האָזיקע נאַרישקייטן, פּיוויש. אַלע ייִדן זענען ברידער.

— יאָ, אין חדר האָב איך געלערנט: כּל ישׂראל חברים.

— וואָסער ברודער איז מיר לייזער־מאיר פּראָצענטניק? — פֿרעגט פּיוויש. — זײַן גאַנץ לעבן האָט ער באַראַבעוועט אונדזער מאַמען. צי וועט ער אַן אַנדערער זײַן אין אײַער ציון?

— אַן אַנדערער אין ציון? — די מומע רעדט שמיל אַרויס פֿון איר בעט. — ווער־ווער, אָבער נישט לייזער־מאיר דער פּראָצענטניק!

— שאַ! — שושקעט דער פֿעטער.

— ער וועט נישט זײַן קיין אַנדערער, אויב דו וועסט אים אַפֿילו אָנטאָן מלאכים־פֿליגל. — רעדט ווײַטער די מומע. — און דער פֿײַנער גײַער באַלעבאָס הײַנער, מרדכי־לייב, וועלכער נעמט פֿאַר זיך די וואָל פֿונעם שאָף און פֿאַר דיר לאָזט ער איבער די קנעכל־ביינער, דו קלערסט אַז ער וועט זײַן אַן אַנדערער אין ציון? זאָל ער אויסקרענקען יעדן גראָשן, וואָס ער זויגט אויס פֿון אונדז!

— זאָל קומען אויף זיי אַ מגפֿה און ווערעם זאָלן זיי צעפֿרעסן, רבונו של עולם! — וואָרטשעט די אַלטע מינדל אויפֿן אויוון.

— הייב גאָר אָן צו שילטן, און זי וועט פֿון שלאָף אָפּענטפֿערן אָמן, — זאָגט דער פֿעטער.

— צו וואָס האָסטו אַהער באַדאַרפֿט קומען? — הערט מען ווידער מאָטל־דודס שטים אויף יענער זײַט וואַנט.

— קיינער ווייסט נישט, אַז איך בין דאָ, און קיינער דאַרף נישט וויסן.

גײַן, קיינער דאַרף נישט וויסן — טראַכט איך.

— דו שטעלסט דיך און אונדז אַלע אין סכּנה.

— ס'איז נישט דיין הויז, מאָטל־דוד. דאָס איז אונדזער מאַמעס הויז. און אויב ס'וועט מיט מיר עפּעס געשען, וועט דיין פעל זיין זיכער, דו חשובער סוחר וואָס דו ביסט.

— און וואָס וועט זיין מיט אונדזער מאַמע?

— זיי וועלן אַ קראַנקע אַלטע פרוי נישט אייַנזעצן אין תפיסה און נישט שיקן קיין סיביר. נאָר איך אַליין וועל דערפון ליידן. און פאַר זיך אַליין ענטפער איך.

— פּייוויש, דו ביסט ווייטער אַהער געקומען, כדי אַרויסצורופן אומרוען אין אונדזער שטאָט? דאָס וואָס פּאַסירט אין וואַרשע און לאָדזש, איז נישט פאַר אונדזער סטריקאָוו. אין אונדזער שטאָט, ברוך השם, זענען באַלעבאַטים באַלעבאַטים און אַרבעטער זענען אַרבעטער, און יעדער גייט זיך מיט זיין וועג. לאָז אונדזער שטאָט צורו, פּייוויש.

— יאָ, פאַרוואָס זאָל מען אונדזער שטאָט נישט לאָזן צורו? — זאָגט דער פעטער שטיל.

פּייוויש לאַכט:

סאַראַ שוטה דו ביסט, מאָטל־דוד. פּונקט ווי אונדזער שטאָט וואָלט זיך געקאָנט אויסבאַהאַלטן פון דער גאַנצער וועלט. אין לאָדזש און אין וואַרשע זאָגן אַנדערע מאָטל־דודס אויך, אַז די אומרוען האָט מען געבראַכט פון ערגעץ אַנדערשוו. און אין יעדן ערגעץ־אַנדערש ווייטער פון אַן אַנדער ערגעץ־אַנדערש.

— —אָבער דער צווייטער צד איז שטאַרק. כדי זיי אויסצומיידן און זיך אַרייַנשלייכן אינדערהיים האָסטו זיך געמוזט פאַרשטעלן פאַר אַ פויער. דו מוזט זיך אויסבאַהאַלטן פאַר זייערע זשאַנדאַרמען און טאָרסט נישט אַרויסגיין פון שטוב, אויב ס'איז אויף דער גאַס נישט שטאָק־פינצטער.

אַהאַ, ס'איז נישט געווען קיין פויער דער, וואָס איז דעם ערשטן טאָג געקומען מיט דער באַן, דאָס איז געווען פּייוויש! ער האָט גערעדט מיט פיניע כלובניק. אָט פאַרוואָס איך האָב געהערט דאַן יידישע ווערטער.

— נישט בלויז יידן דאַרפן זיך אויסבאַהאַלטן, — פּייוויש רעדט פאַוואָליע. — אויך גויים. די תפיסות פאַרוואַנדלען אונדז אין ברידער.

ברידער — נישט בלויז אַלע קינדער פון ישראל? ווי אַזוי קען די תפיסה פאַרוואַנדלען אַלעמען אין ברידער?

— ברידער! — ענטפערט מאָטל־דוד. — דער ייד העלפט דעם פּאָליאַק באַפרייען פוילן. דער ייד גייט קיין סיביר צו באַפרייען רוסלאַנד.

אָבער ווי עס שטייט געשריבן אין שיר־השירים: — מײַן אייגענעם ווײַנגאָרטן האָב איך נישט געהיט. *)

— עס איז איין און דער זעלבער ווײַנגאָרטן, מאָטל־דוד, — זאָגט פּיוויש. — מיר דאַרפֿן זיך נישט לאָזן פֿאַרפֿירן דורך פֿאַרצוימונגען.

דער פֿעטער רעדט שטיל:

— ווען ער וואָלט געהאַט שכל, וואָלט ער זיך צוגעהערט צו מאָטל־דודס רייד און נישט געבראַכט קיין צרות אויף זיך אַליין און אויף זײַן משפּחה, זייענדיק אין חברותא מיט די געגאָלטע פֿאַריין־לייט!

די מומע רופֿט זיך אָן פֿון איר בעט:

— פּונקט ווי אַ באָרד האָט דאָ עפּעס וואָס צו זאָגן. ס'איז בעסער אַ ייִד אָן אַ באָרד, איידער אַ באָרד אָן אַ ייִד.

— ערשט אייערנעכטן, — האָט דער פֿעטער געזאָגט, — האָב איך געזען אַ פּאָליאַק אַרויסגייענדיק פֿון רבקה דער טרויעריקערס שטוב, אַ פֿרעמדער פֿון אַן אַנדער שטאָט מיט אַ קאַראַקול־היטל. ווער ווייסט, אפֿשר איז ער געקומען העלפֿן פּיווישן אַרויסצורופֿן אומרוען אין אונדזער שטאָט.

יאָ, איך האָב אויך געזען יענעם מאַן! און איך האָב מיך געוווּנדערט, וואָס ער טוט דאָ. זײַן קײַלעכדיק קאַראַקול־היטל איז געזעסן ווי אַ באַראַבאַן אויף זײַן קאָפּ. איך געדענק!

די מומע זעצט זיך אויף אין איר בעט:

— און וואָס ווייסטו וועגן פּיווישן? פֿרעג בײַ מיר. איך קום עפּעטער אַרײַן צו זײַן מאַמען, ווי דו. איך זע זאַכן, וואָס דו זעסט נישט. און איין פֿרוי מיט דער צווייטער קענען זיך גיכער צונויפֿרעדן. וואָלפֿקע, איך זאָג דיר, אַז ער האָט אַ גאָלדן האַרץ. וואָלט געבראַכט דאָס טעלערל פֿון הימל פֿאַר זײַן מאַמען. אָרעמע רבקה! זאָלן עס אירע שונאים און אונדזערע שונאים פֿאַרמאָגן, וואָס זי האָט פֿון איר פֿאַרקויפֿן עפּל אויפֿן מאַרק. ווען נישט פּיוויל וואָלט זײַן שוועסטער זיך פֿאַרזעסן ביזן גרויען צאָפּ, נישט האָבנדיק קיין נדן; זײַן ייִנגערער ברודער וואָלט נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט זיך צו לערנען און רבקה די טרויעריקע וואָלט איצט אַרומגעגאַנגען מיט אַ טאָרבע איבער די הײַזער. און וואָס, מ'שטייגט געזאָגט, פֿאַרדינט ער פֿון לאַטען שיך? אָבער דו, וואָלפֿקע, האָרך נאָר אויס,

---

*) כּרמי שלי לא נטרתי — שיר־השירים קאַפּ. I. 6.

וואָס מאַטל־דוד הערציילט דיר! גישט געקוקט אויף זיינע פּעטע פֿאַר־דינסטן פונעם אייזן־געשעפט, גיט ער זיין אַלטער מאַמע אַ שישקע פּול־ווער. ער וועט גלעטן די באָרד און רעדן וועגן ירושלים, זאָגן, אַז אַלע ייִדן זענען ברידער, אָבער בלויז ביז צו זיין קעשענע.

— פונדעסטוועגן, ער זיצט אין בית־מדרש און יענער איז געזעסן אין תּפֿיסה.

האָט פּיוויש געקענט אַרויסקוקן אויף דער גאַס דורכן קליינעם פֿאַר־קראַטעוועטן פענצטערל, ווען ער איז געזעסן אין תּפֿיסה, פּונקט אַזוי ווי עס טוען די געפֿאַנגענע ביי אונדז אין תּפֿיסה? צי האָט מען דערלאָזט, אַז מענטשן זאָלן קומען רעדן מיט אים און צייטנווייז ברענגען אים עסן?

— און וואָס איז, אויב ער איז יאָ געזעסן אין תּפֿיסה, — זאָגט די מומע, — איז עס דאָך נישט, זאָל מיר גאָט מוחל זיין, פֿאַר גנבֿה אָדער גזילה? ער איז אַן אָנשטענדיקער מענטש און אויף זיין וואָרט קענסטו אַ בריק בויען.

— אָבער וואָסער שייכות, לאָמיר זאָגן, האָט ער מיטן פֿאַריין? — פֿרעגט דער פֿעטער. — זיי גייען זאָגן דעם צאַר, ער זאָל אויפֿהערן צו זיין אַ צאַר? זינט ששת ימי בראשית איז די וועלט אַזאַ ווי זי איז, און זיי ווילן פֿאַר איר אַ גייעם הימל. און וואָס האָט ער פֿאַר זיין טירחה באַקו־מען? שפּורן פֿון די תּפֿיסה־קלעפּ אויף זיינע פּלייצעס. און איצט איז ער דאָ פֿאַרשטעקט, ווי אַ געפֿאַנגענע מויז, און ווייסט נישט, ווען די פּאָליציי וועט אים ווידער אַ נעם טאָן און ווידער איינזעצן.

— גוט האָט ער געטאָן, וואָס ער האָט זיך פֿאַרבאַהאַלטן אין רבקהס הויז, דאָ צווישן אונדז. גאָט זאָל שומר ומציל זיין, מען זאָל זיך דערפֿון דערוויסן אין די הויכע הייזער.

אונטער דער פֿרעגע דריק איך צונויף מיינע הענט. ווי קוקט ער אויס? וואָס האָט ער געטאָן? ווען וועט ער קענען אַרויסגיין אין גאַס ביי־טאָג מיט אַלע מענטשן צוגלייך?...

אַ מענטש שטייט ביי אַ תּפֿיסה־וואַנט. ער שטייט איינגעבויגן מיטן פּנים צו דער וואַנט. זיין רוקן איז נאַקעט. עמעץ שלאָגט אים, שלאָגט אים. דאָס איז ניקאָלאַי! שטאַרקע אַקסלען און אַ חזירישער קאָפּ, מיט קליינע בייזע אייגעלעך און אַ ברייטן חוטם. אויף זיין חזירישן קאָפּ זיצט אַ גאָל־דענע קרוין. ניקאָלאַי שלאָגט מיט זיין קאַנטשיק און זיינע קליינע אייגעלעך לאַכן. גרויסע רויטע בלאָטערן געשווילן אָן אויף דער נאַקעטער פּלייצע

און בלוט רינט. אך, אך! איך קען נישט זען זיין פּנים, אָבער איך הער ווי ער שרייט. דאָס איז פּיוויש. זיין טיפע, שטאַרקע שטים. ניין, פּיוויש, גיין, זיי טאָרן דיך נישט נעמען צוריק אַהין! גאָט זאָל שומר ומציל זיין, מען זאָל זיך דערהפן דערוויסן אין די הויכע הייזער. דאָ וועט קיינער נישט וויסן. איך וועל קיינעם נישט דערציילן. איך טאָר מיך נישט באַוועגן. איך טאָר נישט עטעמען. זיי טאָרן נישט הערן. זיי טאָרן נישט קומען נאָך דיר, פּיוויש...

.11

פורים־שפּילער

זיי קומען! זיי קומען אָן!
די קאַפּעלע! די פּורים־שפּילער!

איך זע זיי. איך זע זיי. די פאַרשטעלטע מיטן גאַנצן קנאַק. אָט איז די קאַפּעלע. און דאָרט איז דער ערשטער רייטער. אַ פּורים־שפּילער אויף אַ ווייסן פערד. ער פירט די אַלע אַנדערע.

— צי נישט אוים דיין האַלדז אַזוי וויט, ייִנגל, קענסט נאָך אַראָפּ־פאַלן, — הערט זיך אַ ווייבער־שטים פאַר מיר. וועסט זיי נאָך גענוג זען, ווען זיי וועלן דאָ פאַרבייררייטן.

עולם שטראָמט פון אַלע גאַסן און פונעם אָסיאַנקער וועג. ייִנגלעך, מיידלעך, דערוואַקסענע. ייִדן און אויך גויים. פון טירן און פענצטער, לענגאוים דער שול־גאַס, זענען קעפּ אויסגעשטרעקט אין דער ריכטונג פון מאַרק־פּלאַץ.

און יאַנעק איז דאָ מיט זיינע שלאָסער־מכשירים.

— זאָל די גאַנצע שטאָט הייגט בלייבן אָן אַ שלאָס און איך וועל נישט דורכלאָזן די פּורים־שפּיל מיט מיין בעסטן פריינד גבריאל, — האָט ער געזאָגט, בעת ער איז געבליבן שטיין פאַר אונדזער הויז.

— ווען וועט פעטער גבריאל אָנקומען רייטנדיק? וועל איך אים דערקענען, יאַנעק?

— אַז דו וועסט דיך גוט צוקוקן, ירוחמקע, אפשר. האַלט זיך דאָ פעסט.

יאַנעק טוט מיך אַ הייב אויף זיינע אַקסלען.

איך וועל אוודאי דערקענען מיין פעטער. איך וועל דערקענען דוד המלך. ער וועט טראָגן אַ קרוין. איך וועל אַ געשריי טאָן צו אים. ביין,

מען טאָר נישט שרייען צו דוד המלך. אַלנפאַלס בין איך גליקלעך צו זײַן דאָ, אויף יאַנעקס פּלייצע. דוד וועט אַראָפּקוקן פֿון זײַן פֿערד און וועט מיך דאָ דערזען. ער וועט זען זײַן פֿרײַנד יאַנעקן דעם שלאָסער. יאַנעק איז דוד המלכס יונתן, הגם ער איז נישט קיין ייד. און יאַנעק קען יידיש כמעט ווי אַ ייד. און ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט ליב צו פּייערן דעם יום־טוב פּורים, ווײַל דאָס איז דער טאָג, ווען יידן זענען אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פֿון המנען דעם רשע...

— קוקט, האָרט! קוקט אויף דעם פֿאָדערשטן רײַטער! קוקט, ווי ער רײַט אויפֿן ווײַסן פֿערד! — שרײַט דער עולם פֿון אַלע זײַטן.

— עס זיצט אַ גוטער רײַטער אויפֿן פֿערד! — שרײַט שמעון. — האָסטו געזען, ווי ער האָט געצוימט דאָס פֿערד, בעת ער האָט זיך אָפּגעשטעלט?

— ווער איז ער? ווער קען דאָס זײַן?

— ער טראָגט אַ גוטע מאַסקע!

אַ בלויע מאַסקע, בלוי, ווי דער הימל. און בלויז ביז צו זײַנע וואָנצעס. סאַראַ גרויסע טונקעלע אויגן! איך וואָלט געוואָלט וויסן, ווי קוקן אויס זײַנע אמתע אויגן אונטער די מאַסקע־אויגן. ווי עס גלאַנצט זײַן בגד! די פֿאַרב פֿון זונבלומען. און סאַראַ ברייטע אַרבל מיט אַראָפּגעהאָנגענע בענדער. און ווי דין ער איז אונדערמיט. איך וואָלט געוואָלט ער זאָל זיך פֿאַרמעסטן מיטן שווערד, וואָס הענגט ביי דער זייט. און וואָס איז עס פֿאַר אַ משונהדיק קאָלירט שטעקעלע מיט אַ גרוים גלאַנציק העפֿטל, מיט וועלכעס ער פֿאָכעט?

— קוק אויפֿן שפּיציקן הוט! ווי אַ קעפּל צוקער, וואָס מיר קויפֿן אין קראָם.

— קוק, קוק אויף די גלעקלעך, וואָס קלינגען אויף זײַנע הוט־שפּיצן! און אויך פֿון זײַן גאַרטל.

— סאַראַ מאָדנע שיך, מיט לאַנגע אויסגעדרייטע שפּיצן. פֿאַרוואָס זענען זיי אַזוי פֿאַרבויגן אינדערהויך?

— שאַ, ער הייבט אָן צו ריידן!

ער האַלט אָפּ דאָס פֿערד. די מאַסקע בויגט זיך צו אונדז און צו די אַנדערע מענטשן אויף דער צווייטער זייט. ער פֿאָכעט מיט זײַן שטעקל אַרויף און אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ. ער רעדט. ניין, ער זינגט!

„הערט אַלע אויס ווי איינער...“

מען לאַכט.

— האַ, האַ, האָס איז פּיניע כלבוניק!

— זיין שטים קען מען צווישן טויזנטער דערקענען.

— איר קענט זיך פאַרלאָזן אויף פּיניע כלבוניק. ער וועט באַווייזן די אמתע פּורים־שפּיל.

— כ'האָב קיינמאָל נישט געוווסט, אַז ער איז אַזאַ רייטער.

— וואָס קען ער נישט?

אוודאי, פּיניע כלבוניק קען אַלץ.

ראַ־טאַ־טאַ־טאַ־טאַ־טאַ־טאַם!

מאַשקע באַראַבאַנשטשיק, ווי הויך ער באַראַבאַנעוועט!

— ער וויל מיר זאָלן שטיל זיין.

— שאַ, שטיל זאָל זיין!

— פאַרוואָס שווייגן זיי נישט?

— שטיל זאָל זיין! — שריי איך אויך.

ער פאָכעט מיטן זיין שטעקל, דער רייטער אויפן ווייסן פערד. ארויף און אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ.

הערט אַלע אויס, ווי איינער,
ווי אַ שליח קום איך אָן
אין מלך שאולס נאָמען
באַפעלן גיב איך אָן.
עס זאָל נישט פעלן קיינער
אַ גאַסט צו זיין אין שול
אין קעניג שאולס נאָמען —
די שול זאָלן ווערן פול.
און שטיל זאָל זיין און שטומט
און הערט אויס מיט געפיל.
וועגן גליתן דעם הונט,
מיר הייבן אָן די שפּיל

— זיי פאַרבעטן אונדז אַלעמען צו דער פּורים־שפּיל! — רופן פאַר־שידענע קולות.

וועלן זיי אַריינלאָזן אויך ייִנגלעך? דער רייטער האָט אויסגערופן: — „הערט אויס אַלע ווי איינער“. דאָס מיינט ער מיך אויך.

— האָסט שוין אַמאָל געהערט אַזאַ דרשה? — זאָגט שמעון. — קיין שום מגיד קען זיך מיט אים נישט פאַרגלייכן.

— און ער האָט עס אַליין אַלץ צוגעגרייט. — האָט איינער נעבן אונדז זיך אָנגערופן.

— טאַקע? באמת אַזוי? — פרעגט מען אים. דאָס איז יונה דער שמש. ער זאָגט:

— פונקט ווי דאָס וואָלט געווען אַלץ! פיניע כלבוניק האָט דורכגעמאַכט דעם גאַנצן וועג קיין לוויוויטש, כדי צו ברענגען דאָס שפּיל־ביכל. דאָרט געפינען זיך אַלע ווערטער פון דער גלית־שפּיל, געשריבן מיט אַ דייטשלעכער האַנטשריפט. און ער האָט דאָרט אין אַ סך ערטער אַריינגעשריבן זיינע אייגענע שורות. און דו מיינסט, אַז דערחמיט האָט עס זיך פאַרענדיקט? ער האָט אויסגעזוכט די אַלע שפּילער, יעדן איינציקן פאַרטיילט זיין ראָל און זיי אָנגעוויזן, וויאַזוי זיי זאָלן צוגרייטן די מאַסקעס און די קאָסטיומען. ער האָט באַקומען אַ דערלויבעניש ביים בעצירקאויפזעער אויף דער דאָזיקער פאָרשטעלונג און ער אַליין האָט געדונגען די פערד.

— ניין, דאָס האָט געטאָן גבריאל!

— מיין פעטער גבריאל האָט געדונגען די פערד!

— אוודאי האָט זיי גבריאל געדונגען, — האָט יאַנעק צוגעגעבן.

יונה שמש קוקט אויף מיר אַ זיצנדיקן אויף יאַנעקס פלייצע.

— דאָס יינגל איז גערעכט. דאָס האָט זיין פעטער גבריאל געדונגען די פערד. — אין זעצט פאָר: פיניע כלבוניק איז שפּיל־אָנפירער. ער ווייזט אָן די פורים־שפּילער, וויאַזוי צו שטיין, וויאַזוי צו זינגען זייערע לידער. גלייך נאָך סוכות האָבן זיי אָנגעהויבן זייערע רעפּעטיציעס.

— דו מיינסט אוודאי, אַז מען דאַרף זיי זאָגן, וויאַזוי זיי דאַרפן שטיין?

— וויאַזוי זיי דאַרפן שטיין, וויאַזוי באַוועגן מיט די פיס, וויאַזוי צו עפענען די מיילער, בעת זיי גייען זינגען און ריידן. דו מיינסט מסתם, אַז זיי טאַנצן אַרום ווי די קאָזעס? טעאַטער־שפּיל איז אַזאַ פאַך, וואָס מען דאַרף זיך לערנען; פונקט ווי שוסטעריי און פונקט אַזוי ווי צו ווערן אַ שמש.

דער פאַרזאָגער רייט ווייטער! רייט ער אפשר צום בית־המדרש־הויז? וואָלט איך אויך געקענט זיין אַ פורים־שפּילער מיט אַ קאָסטיום, מיט אַ שווערד און פאָרן רייטנדיק אויף אַ פערד?

און ווער איז דער רייטער, וואָס פֿאָרט פֿאַרביי אויף אַן אויסגעפּוצטן פֿערד מיט אַ גאָלדענער קרוין אויפֿן קאָפּ? דאָס קען נישט זיין דוד־המלך, ווייל דער פֿעטער גבריאל איז נישט אַזוי הויך. איך ווייס, איך ווייס. דאָס איז דער מלך שאול! ער האָט געהייסן דעם פֿאָרזאָגער פֿאַרבעטן אונדז אַלעמען צו דער פּורים־שפּיל.

אַזוי דאַרף אויסזען דער מלך שאול? האָט ער געטראָגן אַזאַ לאַנגע, ברייטע באָרד? פֿאַרוואָס האָט ער אַזאַ אומעטיקע מאַסקע? איז עס דערפֿאַר, ווייל ער האָט אויסצושטיין אַ סך צרות?

— ווער איז דאָס? — פֿרעגט עמעץ. אַהאַ, דער מלך שאול איז נישט קיין קאַרליק.

— און דער דאָזיקער לאַנגער בגד ביז צו די פֿיס מאַכט אים אויף קיין האָר נישט קלענער.

ער האָט געמוזט זיין אַ הויכער, ווייל עס שטייט געשריבן אין תנ"ך, אַז „פֿון זיינע אַקסל און אַרויף, איז ער געווען העכער פֿון גאַנצן פֿאָלק“. צי דערפֿאַר האָט מען דען אים אויסגעוויילט פֿאַר אַ מלך?

— מען באַקומט נישט דעם איינדרוק, ער זאָל זיצן פֿעסט אויפֿן פֿערד, — האָט יאַנעק געזאָגט. — ער וואָלט בעסער געטאָן, ווען ער וואַרפֿט אַוועק זיין קעניגלעכן שטעקן און האַלט בעסער די צוים. קוקט אָן דעם פֿערד!

יאַנעק נעמט מיך פּאַוואָליע אַראָפּ פֿון זיין פּלייצע און גייט אַוועק פֿאָרויס.

— פֿאָרזיכטיק!

— האַלט זיך! ער וועט דיך אַראָפּוואַרפֿן!

עטלעכע מענטשן האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן פֿאָרויס. דאָס פֿערד האָט זיך געשטעלט אויף די הינטערשטע פֿיס. דער מלך שאול — אָט־אָט פֿאַלט ער!

— ראַטעוועט! ראַטעוועט — שרייט שאול דער מלך.

— דאָס איז יאָסל דער גרעפּצער!

יאָסל גרעפּצער

אַ רייטער איז אָנגעקומען פֿון הינטן. ער האָט אַ יונג פּנים אויף זיין מאַסקע. ער בויגט זיך אַראָפּ פֿון זיין זאָטל. כאַפּט אָן שאולס פֿערד פֿאַר דער גריווע. זיין אייגן פֿערד אונטער אים שפּרינגט און הירזשעט. אָבער ער האַלט דעם צווייטן פֿערד פֿעסט ביי דער גריווע. ער האָט באַרואיקט דעם מלך שאולס פֿערד!

— דוד!

— ס'איז דוד!

דוד — דער פעטער גבריאל! מיין פעטער גבריאל!

— זאָל לעבן דוד!

דוד. איך האָב געמיינט, ער דאַרף טראָגן אַ קרוין, אָבער ער טראָגט גאָר אַ שאָף־פעל. ער איז נאָך אַ פּאַסטוך. איידער ער איז געוואָרן מלך.

— פאַרוואָס האָסטו מיר אונטערגערוקט אַזאַ ווילד פערד?

דאָס איז דער מלך שאול. ער דרייט זיך אויס און שרייט אויפן פע־טער גבריאל:

— האָסט מיך געוואָלט פּטרן! איך וועל זיך נאָך מיט דיר אָפּרע־כענען, גבריאלקע. די כאָלערע זאָל דיך נעמען!

פאַרוואָס איז ער אַזוי אין כעס אויפן פעטער גבריאל? ניין, דאָס איז ער אין כעס אויף דודן. אין תנ"ך שטייט געשריבן, דער מלך שאול איז געווען בייז אויף דודן. ער האָט אַ וואָרף געטאָן אויף אים זיין שפּיז.

— דאָס דאַנקט ער אים אַזוי פיין אָפּ דערפאַר, ווייל ער האָט אים פארהיט פון ברעכן דעם קאַרק.

— קען מען עפּעס אַנדערש דערוואַרטן פֿון יאָסל גרעפּצער? — פרעגט שמעון.

— גיב אַכטונג, ער קען נאָך פאַרמסרן די פורים־שפּילער, פונקט ווי ער האָט אָפּגעמסרט די גאַרבער! — האָט יאַנעק זיך אָנגערופן.

— אַהער, — שרייט פעטער גבריאל צו יאָסל גרעפּצער, — נעם מיין פערד און איך וועל נעמען דיינס, דו באַלעבאַטישער טעלער־לעקער, וואָס דאָ ביסט! ער שפּרינגט אַראָפּ פון זיין פערד. איך וואָלט געווען צופרידן זאָלסט ברעכן דעם קאַרק.

— נישט איצט, נאָך דער שפּיל, — זאָגט פיניע כלבוניק, צוקו־מענדיק צו זיי. — מיר דאַרפן דאָ האָבן זיין קאָפּ צו טראָגן די קרוין. ער גייט צו צו יאָסל גרעפּצערס פערד און כאַפּט אָן די צוים. אויך מיר, מישטיינס געזאָגט, אַ קעניג שאול, וואָס רופט אַרויס קריגעריי בפני כל עם ועדה!

יאָסל גרעפּצער שטייגט פאַוואָליע אַראָפּ פון זיין פערד און נעמט דעם פעטער גבריאלס.

— האָט איר געזען, ווי ער רעדט מיט זיי? אן אמתער שפּיל־מייסטער, כ'לעבן, — האָט זיך יונה שמש אָנגערופן.

— גוט, מיר'ן זען סאַראַ הצלחה דער מלך שאול וועט האָבן אויף זיין נייעם פֿערד.

ער רייט איצט פֿאַרביי. דער פּאַסטוך דוד רייט פֿאַרביי אין זיין גרינער מיץ מיטן העל־בלויען פֿעדער. אָבער ווו איז...? אהא, אָט, דאָרט! איך האָב געזען, דער שטיין־וואַרפֿער הענגט אַראָפּ פֿון זיין גאַרטל.

— פֿעטער גבריאל! פֿעטער גבריאל!

ער קוקט אויף מיר דורך זיין מאַסקע, קען ער מיך זען? זיין פֿערד פֿאַרקערעוועט. ער קומט צו נעענטער אַהער, דאָ ווו מיר שטייען.

— אַהער ירוחמקע! האָ, יאַנעק, הערלאַנג אים נאָר אַהער!

ער בויגט זיך איין. יאַנעק הייבט מיך אויף צו אים.

— אַהער, צו מיר אַרויף!

— פֿעטער גבריאל!

איך בין אינערהויך אויף דעם פֿערד, איך רייט צוזאַמען מיט דוד המלך.

דאָ, אויפֿן דאַך פֿונעם בית־מדרש, קען איך אַלץ זען. ווי נידעריק דער דאַך איז ביים ראַנד. מיט איין שפּרונג קען איך שטיין אונטן אויפֿן הויף און זיין אַ פּורים־שפּילער. אונטער מיר איז דער אָפֿענער פּאָליש. — ווייסן זיי דאָרט, דער רב און די רביצין, צו ווייסן זיי, אַז איך בין דאָ אויבן? וואָס וועט זיין, אויב זיי וועלן אַרויפֿקוקן? וואָס אַרט עס מיר, אַז זיי וועלן אַרויפֿקוקן? זאָלן זיי מיר נאָר זאָגן איך זאָל אַראָפּגיין! וועל איך זיי ענטפֿערן, אַז כ'בין גבריאלס פּלימעניק, אַז איך בין דעם מלך דוד'ס אַ פּלימעניק!

ווען וועלן זיי אָנהייבן? די גאַנצע שטאָט איז דאָ און עס קומען אָן אַלץ מער און מער. ווו וועלן זיי זיך אַלע אַהינטאָן? פֿון פֿאָרנט איז נאָך אַ גרויסער ליידיקער פּלאַץ, אָבער קיינער קומט אַהין נישט אַרויף. די כּלי־זמר ביים עק הייבן אָן אויסצופּרוּוון זייערע אינסטרומענטן. דער פֿעטער גרשון רייניקט זיין קלאַרנעט מיטן אַרבל. איצט בלאָזט ער לייכט און לאָזט אַרויספֿליען די ערשטע טענער, כּדי אויסצופּרוּוון זייערע פֿליגלען. מאָשקע דער באַראַבאַנשטשיק פּויקט לייכט אין זיין באַראַבאַן. דאָן פֿאַרהאַלט זיין האַנט די טענער צוריק. הייסט עס, זיי וועלן אינגיכן אָנהייבן? אָבער ווו זענען די פּורים־שפּילער? וווהין האָבן זיי זיך פֿאַרשטעקט? וועלן זיי אַלע אַרויסקומען צוזאַמען און אָנהייבן זינגען, אַזוי ווי די פּורים־שפּילער, וואָס גייען איבער די רייכע הייזער, קלאַפּן מיט זייערע קוימיקע שטיוול אויפֿן

טעפיד, זינגען הויך און קרעפטיק, נעמען אַליין פון טיש המן־טאַשן און אַנדערע גוטע זאַכן, שיטן גראַמען ווי קליינע שאַרפע מעסער, כדי אַ שטאָך צו טאָן דעם רייכן באַלעבאָס, היות אַ גאַנץ יאָר האָבן זיי נישט די געלעגנהייט עס צו טאָן. פאַריקס יאָר בין איך מיט וועלוולען און חיימלען געגאַנגען איבער די הייזער מיט איינגעשמירטע פּנימער און מיט איבערגעקערטע בגדים אויף דער לינקער זייט. מיר האָבן זיך געשטעלט אויף דער שוועל און געזונגען:

— הײַנט איז פּורים, מאָרגן איז אויס
גיט מיר אַ גראָשן און וואַרפט מיך אַרויס...

דער פּאַרזאָגער!

ער האָט זיך פּלוצים באַוויזן פון הינטער די גרויסע פעסער, וואָס זענען אָנגעשטעלט איינס אויפן צווייטן, ווי אַ וואַנט. צי זענען אַלע פּורים־שפּילער הינטער דער וואַנט? ער באַוועגט זיך שנעל, מיט לייכטע טריט, און די קליינע גלעקעלעך אויף דער מיץ און אויפן גאַרטל קלינגען. מיט זיין בוגטן שטעקן באַגריסט ער דעם עולם. איצט שטייט ער שטיל. זיין הימל־בלויער פּנים קוקט פאָרויס. ער קוקט אויך צו מיר; אויפן דאַך. ער זינגט:

הערן און קאַוואַלירן.
חיות מיט מאנירן...

ער דרייט אָפּ דעם קאָפּ און זאָגט צום עולם:

פּראָצענטניקעס, וואַמפּירן...

עולם לאַכט:

— כאַ, כאַ, כאַ, ער מיינט לייזער מאירן און אַלע אַנדערע פּראָצענטניקעס.

— ער מיינט אויך די באַלעבאַטים מיט די גראָבע בייכער.

— לאָז עס איבער פאַר פּיניע כלבוניק.

איצט זאָגט דער פּאַרזאָגער:

הערן און דאַמען,
מיר אלע צוזאמען,

הערט אויס מיין עקזאמען,
בעטראַכט אויך נאָר מיינע מיצע,
פון אונטן איז זי ברייט, פון אויבן איז זי שפּיצע
גוט בעטראַכט זי נאָך איין מאָל
פון אונטן איז זי ברייט, פון אויבן איז זי שמאָל.

אויף אַזאַ אופן דאַרף געשפּילט ווערן דער תנ"ך? פאַרוואָס לערנט מען אונדז נישט אַזוי אין חדר?

דער פּאַרזאָגער פאַרנייגט זיך אויף רעכטס און אויף לינקס.

פאַרוואָס רעדן זיי אַלע אַזוי פיל דאָ אונטן? ווי קענען זיי הערן די שפּיל, ווען זיי רעדן?

איצט זינגט ער העכער, איבערשרייענדיק דעם עולם:

שטיל, שטיל, שטיל!
רוישט נישט ווי אַ מיל,
הערט אויס אלע מיט א גוט געפיל!
האָט געדולד און זייט זשע שטיל
מיינע ליבע לייט
באַלד וועט קאָמען קעניג שאול
אויף איין קורצע צייט
טאַלדעראַל, טאַלדעראַל טאַי רידא רידאראַלדא
טאַרי, טאַרי טאַרידאַם רידאַם!

ער דרייט מיט זיין שטעקן און שטעלט טריט, טאַנצנדיק אַרויף און אַראָפּ. מיטאַמאָל ווענדעט ער זיך צו דער קאַפּעלע:

היי, איר שפּילער, קומט אַריין
בלאָזט טראָמפּייט, זאָל פריילעך זיין!

און די קאַפּעלע רוישט, פּויקט און קלאַפּט.

דורך דער עפענונג ביי די פענסער קומט ער אַן — מלך שאול! דער פּאַרזאָגער פאַרבעט אים מיט זיין שטעקן און זינגט:

הערט זשע אויף צו טומלען, הייבט זשע אָן צו שאַלן,
עס קומט דער קעניג שאול מיט זיינע גענעראַלן.

מלך שאול! — שעפּטשעט אײנער דעם צװײטן הױך אין אױער אַרײַן.

פיר פון זײ זענען דעם מלך שאולס גענעראַלן! איז דאָס אַלץ, װאָס גענעראַלן טראָגן אין מלך שאולס אַרמײ — גאָלדענע שליפעס און גלאַנצנ־דיקע פּאַפּיר־פּאַסן אַרום זײער ברוסט? אָבער די שװערדן זענען אמתע. די גענעראַלן שטײען אין צװײ רײען, קוקנדיק פון אונטער זײערע מאַסקעס אײנער אױפן צװײטן, בעת זײערע שװערדן זענען איבערגעקרײצט אינדער־הױך. זײ זינגען:

שליסן מיר, שליסן מיר
טירן, טויערן, טירן
פיר שטולן שטעלן מיר
באַלד װעט עס פּאַסירן.
טירן, טויערן שליסן מיר,
פיר שטולן ברענגען מיר
דאָ ארײַנצופירן...

ברענגען מיר דעם קעניג שאול אַרײַנצופירן
פון אַזאַ װײַטעס לאַנד.
אויף זײַן האַנט אַ גאָלדענע באַנד
אויף זײַן האַרצן
אַ גאָלדענע אור.
װינטשן מיר אלע דעם קעניג שאול 120 יור!

טירן, טויערן שליסן מיר
דעם קעניג שאול ברענגען מיר
אײנס, צװײ, דרײַ
דער קעניג שאול איז שוין דאַ
נו יאַ, נו יאַ
גלײַך װעט ער קאָמען
הערן מוזיקאַנטן שפּילט מיר אַ שטיק
דער קעניג שאול קומט אין אויגנבליק!

זײ טאַנצן. זײ טאַנצן אין אַ קאָראָהאָד און זינגען:

אַ שענעם גוטן אָװנט, אונדזערע ליבע לײַט,
גאָט גיט אײַך גליק הײַנט און אין אַלע צײַט.

מיט פיל שמחה, מיט פיל פרייד
זיינען מיר אַריינגעקומען.
פאַר איין קעניג, פאַר איין מלך
האָט מען מיר דאָ אויפגענומען
טאַראַראַ, ראַראַ דאַם
טאַראַראַ — טאַראַי — דאַם!

טראָגט מלך שאול אַן אמתע קרוין אויף זיין קאָפּ? איך האָב גאָרנישט געוווסט, אַז יאָסל גרעפּצער קען זינגען מיט אַזאַ מיפּער שטים. אָבער דאָס פרויעריקע פּנים אויף זיין מאַסקע ענדערט זיך נישט, בעת ער זינגט:

מיט פיל שמחה, מיט פיל פרייד
בין איך דאָ אַריינגעקומען.
פאר איין קעניג, פאַר איין מלך
האָט מען מיך דאָ אויפגענומען.
איך בין דער קעניג שאול,
דער הערשער פון דער וועלט.

מיטן קעניגלעכן שטעקן ווייזט ער אָן אויף זיינע גענעראַלן:

דאָס זענען מיינע יועצים
וואָס זענען פאַר מיר געשטעלט

און ער דרייט זיך אויס צו די גענעראַלן:

איר זענט דאָך מיינע יועצים
איר זענט פאַר מיר געשטעלט
זיץ איך אויף דעם גאָלדענעם טראָן
און קיניג מיט דער וועלט.

דער קעניג טראָגט הויכע שטיוול און פון אונטער זיין לאַנגן בגד זעט מען ווי די הויזן זענען אַריינגערוקט אין די כאָלעוועס, אַזוי ווי עס טראָגן מיין פעטער און אַלע אַנדערע. ווער איז ער, אָט דער, וואָס לויפט אַ באָר־וועסער, קוים אָפּכאַפּנדיק דעם אָטעם, מיט אַ בריוו אין דער האַנט? ער איז הויך און דין. דער גרויסער אַקסל־ביין שטעקט אַרויס אַ נאַקעטער פונעם געלן בגד, אין וועלכן ער איז איינגעהילט. ס'דאַכט זיך מיר, אַז איך

ווייס, וועֶר עס געפינט זיך הינטער דער מאַסקע! קיינער הויץ אים האָט נישט אַזעלכע שלימזלדיקע הענט און פיס. דאָס איז עזרא דער לאַנגער דער באַהעלפער פון אונדזער חדר! די גענעראַלן מיט די געקרייצטע שווערדן איבער די קעפ ווילן אים נישט דורכלאָזן. וואָס וויל ער טאָן? זיין מאַסקע קוקט אַהער. צי קען איך אים העלפן? דער לויפער בויגט זיך פאַר די גענעראַלן און זינגט:

איך גענעראַלן וויל איך עפּעס בעטן,
איר זאָלט מיר דערלויבן צום קעניג צוצוטרעטן.

דאָס איז דער באַהעלפער עזראָ דער לאַנגער! דאָס איז ער מיט זיין צעפּלאַצטער שטים. עולם דערקענט אים אויך.
און די גענעראַלן זינגען:

טאַראַ — טאַראַראַם — ראַראַ — ראַ רעיראַם!

די ביידע פאָדערשטע גענעראַלן האָבן אַראָפּגעלאָזט זייערע שווערדן. זיי האָבן אים דורכגעלאָזט. אָבער פון וועמען איז דער בריוו, וואָס ער דערלאַנגט דעם מלך שאול, בעת ער קניט פאַר אים און זינגט:

צו די קיניגלעכע שטול טו איך קניען און בוקן,
דער קיניג שאול זאָל דאָס בריוועלע איבערקוקן.
ווען דער קיניג וועט גאָר דעם בריוו איבערזעען
וועט ער שוין ווייסן, וואָס מיט די יידן איז געשעען.

מיט דער זעלבער טרויעריקער שטים, וואָס דער לויפער זינגען צו די גענעראַלן:

טארא — טאראַרא — טארא — טאראַרא!

וואָס שטייט געשריבן אינעם בריוו? פאַרוואָס קרעכצט אַזוי שטאַרק שאול דער מלך?

איך האַבע קיינע פרייע מינוט,
עס גייט מיר אַלץ שלימער און נישט גוט.

די גענעראַלן שאָקלען זיך און זינגען. זיי טייטלען אויפֿן מלך שאול. לאַכן זיי דען פֿון אים?

עס גייט אים אַלץ שלימער און נישט גוט.

ער הייבט זיך אויף פֿונעם קעניגלעכן שטול. ער וויל אונדז עפּעס דערציילן. ער האַלט זיין קעניגלעכן שטעקן. זיין שטים איז נישט טרויעריק, זי איז הויך און שטאַרק:

ווער עס וועט ביי גלית דעם רשע אַוועקנעמען זיין לעבן
דעם וועל איך מיין טאָכטער מירל פֿאַר אַ ווייב געבן.

פֿונוואַנען איז דער פֿאַרזאָגער געקומען צו שפּרינגען? ווי שנעל ער רעדט, בעת ער זינגט און ווי קאָמיש ער איז בעת ער טאַנצט אַהין און אַהער, אַרייַנקוקנדיק אין אונדזערע פּנימער:

צו טויטן גליתן איך זוך אַ מאַן
איז אפשר צווישן אייך אַזאַ פֿאַראַן!
צו שיסן אים,
צו ברענען אים,
צו בראָטן אים,
אַבי טויטן אים!
צו טויטן גליתן איך זוך אַ מאַן
איז אפשר צווישן אייך אַזאַ פֿאַראַן!

אַ ביסל שטילער זאָגט ער צום עולם:

— איר ווייסט דאָך אַלע, ווי איך האָב ליב זיך צו באַגיין מיט געווויסע בלוטזויגערס, וועלכע מיר קענען.

ער דרייט מיט זיינע הענט. פּונקט ווי מען דרייט אָפּ אַ גאַנדז דעם האַלדז. דער גאַנצער עולם לאַכט. ער זינגט:

איז צווישן אייך אַזאַ איינער פֿאַראַן?

ער וואַרט. זיינע אויגן אונטער דער בלויער מאַסקע, זוכן. ער לויפֿט

צו צו דער וואַנט און לייגט דאָרט צו דעם אויער. ער דרייט זיך אויס צום עולם, אָנווייזנדיק אויף דער עפענונג:

אַריין, אַריין, אַריין, אַריין
גלית הצורר דו מיין!

— גלית! — מורמלט איינער צום צווייטן צווישן דעם עולם. אַליין מעג זיך אַ שמועס פֿאָרווים. וועמ קען עס זיין? ווי הויך ער איז. ווי קען ער זיין אַזוי הויך? אויב איך וועל אַראָפּשטעקן די האַנט פֿון דאָר, וועל איך אים אָנרירן. ווי ברייט און שטאַרק זענען זיינע אַקסלען! קוקט אָן זיין שאַרפע שווערד! סאַר אַ הויכע פּוטער־מיץ, ווי דער טורעם פֿון בבל. אָבער פֿאַרוואָס גייט ער אַזוי שטייף און פּאַוואָליע? קוקט! דער באָדן זינקט דאָרט, וווּ ער שטעלט זיין פֿוס. ווען מען שטים זינגט עס אַזוי טיף, טיף, אַז זי טרייבט אָן אַ פּחד?

איך בין גלית, דער גרויסער העלד,
פֿאַר מיר טוט ציטערן די גאַנצע וועלט!

דאָס איז לייביש גיבור! ער אַרבעט אין דער גאַרבעריי צוזאַמען מיט מיין פֿעטער. אָבער פֿאַרוואָס איז ער אַזוי הויך?

עולם שרייט פֿון אַלע זייטן:

— אַ ריז פֿון ריזנלאַנד!

— ער קען גיין אין פֿאַר מיטן אמתן גלית, נישט אמת?

די גענעראַלן טופּן מיט די פֿיס און זינגען:

האַידאַ — דאַידאַ, באַידאַ־דאַ־דאַידאַ,
האַידאַ — דאַידאַ — באַידאַ־דאַ־דאַ!

גלית'עס גרויסע באָז איז ווי אַ שופֿר, מיט וועלכן מען בלאָזט אין שול ראש־השנה. די אויגן אין זיין גרינער מאַסקע קוקן צאָרנדיק:

איך בין איינער און ווייטער איז קיינער,
איך האָב אין מיר העלדישע ביינער!

דער פֿאַרזאָגער פֿון ווינקל לייגט צו אַ האַנט צו אַ זייט פֿון מויל און זאָגט צום עולם:

מען וועט אים באַלד מכבד זיין מיט אַ העלדישן שטיין!

עולם לאַכט מיט אַ הויכן געלעכטער.
גלית קוקט אויף מיר מיט זיינע ווילדע אויגן. ער פאָכעט מיט זיין שווערד:

איך האָב אין מיר קעלט און היץ,
אַז איך גיב אַ טופּע גיט אַ דונער און אַ בליץ!

העכער ווי פריער זינגען די גענעראַלן און טופּען. זיי פאָכען מיט זייערע שווערדן.

איידאַ — דאַידאַ —ביידאַ — דאַ־דאַידאַ!

דער פאָרזאָגער וואַרפט ווידער אַ בליק צו דער וואַנט און זאָגט:

ווי ווייט נאָר דאָס אויג גרייכט פון יענער זייט טאָל
זע איך אַ פאַסטוך קומט אָן מיטאַמאָל.
איך וויז מיטן שטעקן — אָ, איר דאָרט אין ווייט,
עס קומט קליינער דוד מיט זיינע לייט.

פעטער גבריאל! ער איז אָנגעקומען! אין זיין גרינער מיץ מיט זיין בונט־בלויע פעדער. ער פייפט. דער שטיין־וואַרפער הענגט נאָך אַלץ ביים גאַרטל אַרום זיין שעפּסן־פעל. איך וואָלט געוואָלט זען די לאַכנדיקע אויגן אונטער זיין מאַסקע. די פעדער באַוועגט זיך אויף זיין מיץ. ס'איז אַ קליין בלויע פויגעלע, וואָס שטייט אויף אַ גרין צווייגעלע און פייפט.
ער שטייט פאַרן מלך'ס שטול. ער קניט און זיין הייכע שטים זינגט:

בדי דעם קעניג זיין ווונטש צו ערפילן
זאָ קום איך זיין הערץ צו ערפרייען
קרעפטיק אין מיר איז דער ווילן
מיין פאָלק פונם צורר צו בעפרייען!

פאַרוואָס רעדט גישט דער מלך?

קיין שום זאַך איז נישט געשען נאָך דודס ווערטער. דער מלך שאול שווייגט. דוד שטייט אויף די קני און קוקט אויף אים. אָבער דער מלך שאול זיצט אויף זיין קעניגלעכן שטול, דעם קאָפּ אָן א זייט. ער קוקט נישט אויף דודן. עולם וועגדעט זיך איינער צום צווייטן. עס הערן זיך שטימען:

— וואָס איז געשען?

— וואָס איז געשען מיט שאול המלך?

— מען דאַרף אים א שנעל טאָן אין דער נאָז, ער זאָל זיך אויפכאַפּן!

דוד איז אויפגעשפרונגען!

פאַרוואָס רעדסטו נישט?

האָט דאָס א שייכות צו דער פּורים־שפּיל? ס'איז שוין מער נישט דודס שטים. ס'רעדט דער פּעטער גבריאל. ער איז בייז.

דער מלך שאול קערט אָפּ נאָך וויטער דעם קאָפּ. דער פּעטער גבריאל שרייט:

— איך שפּאַלט דיר דעם קאָפּ צוזאמען מיט דער קרוין, דו פּאַפּי־רענער מלך, וואָס דו ביסט!

ער הויבט אויף זיין שטעקן אויף אים! מלך שאול שפּרינגט אַראָפּ פון זיין טראָן.

דער פאַרזאָגער שטעלט זיך צווישן זייביידן.

— פאַל ווידער כורעים, דוד! וואָסער מין שאול־שפּיל איז עס, יאָסל?

— ער רופט מיך באַלעבאַטישער אונטערלעקער. און וויל נאָך איך זאָל צו אים ריידן. — שרייט יאָסל גרעפּצער.

— איצט האָרכט מיך ביידע אויס, — רופט זיך אָן דער פאַרזאָגער־ וואָס געהערט צו פּורים איז צו פּורים, און וואָס עס געהערט צו אַנ־דערע טעג איז צו אַנדערע טעג. דאָ עקזיסטירט נישט גבריאל בעקער און נישט יאָסל גרעפּצער. דער יונגער פּאַסטוך דוד רעדט צו שאול דעם מלך. ער איז געקומען פון פאָלק, כדי אים צו באַפרייען פון דער פרעמדער פאַרזעעניש, וואָס וויל אים פאַרשקלאַפן. ביסט גרייט איצט דוד ארויס־צוטרעטן אין קאַמף קעגן גליתן?

— זאָל ער אַרויסטרעטן! — שרייט דער עולם.

— האָרך, יאָסל, גיי צוריק אויף דיין קעניגלעכן שטול!

די פּורים־שפּיל הייבט זיך ווידער אָן.

שאול זיצט שוין ווידער אויף זיין קעניגלעכן שטיל און זינגט.

דו קליינער דוד, ביסט דאָך אַ פּאַסטוך אין פעלד,
ווי קענסטו גיין שטרייטן קעגן אַזאַ מין העלד?
גלית וועט אָנפאַנגען מיט די ציינער צו ברומען,
קענסטו דאָך קליינער דוד, חלילה אומקומען.

דאָס אומעטיקע פּנים פון מלך שאול קוקט אַראָפּ אויף דודן און זיין האַנט מיט גאָלדענעם רינג גלעט דעם פּאַסטוכס גרינע מיט מיט בלויען פעדער.
ווי קען ער אים גלעטן, אויב ער האָט אים אַזוי פיינט.
און דוד ענטפערט זינגענדיק:

אין דוד, אין פרייען פעלד בין איך געלעגן
געפיטערט די שאָף און געשפּילט אויף דער פלייט
די שטערן פון הימל האָבן איבער מיר גערעגנט
אַ שוואַרצער הימל איז געווען אויסגעשפּרייט.
און מיטאַמאָל...

ער שפּרינגט אויף! ער איז אין סכנה!

איז אָנגעקומען אַ לייב פאַר מיין געצעלט
און האָט געוואָלט מיין פּאָטערס שאָף בייסן
האָב איך אים גענומען אין מיינע הענט און —

אך!

אים געטאָן צורייסן!

וויאַזוי האָט ער אים אויפגעהויבן אין דערלופטן און צעריסן אויף צווייען! וויאַזוי וועט ער צעשמעטערן דעם קאָפּ פונעם העסלעכן גלית, וועלכער וויל פאַרשקלאַפן אונדזער פאָלק. זאָל ער קומען! זאָל ער קומען!
ער איז געקומען.
ווי גרויס און שטאַרק איז גלית! וועט אים טאַקע באמת דוד טויטן? אין תנ"ך הרגעט ער אים. אָבער ווי וועט זיין, אויב עס ווילט זיך אים נישט שטאַרבן? לאָמיר אָננעמען, אז ער הרגעט דודן? אך, ניין, ניין! טויט אים! הרגע אים דוד!

גלית שטייט א הויכער און א מעכטיקער. ער ווייזט אָן אויפן קליינעם דוד. ער לאַכט, זינגענדיק מיט אַ טיפער שטים:

אַזאַ מין וואָרעם קלענער נאָך פון קליין
ווי האָסטו חוצפה אין קאַמף מיט מיר גיין!

דוד פאַררייסט דעם קאָפ, קוקט אויף אים און זינגט מיט א הויכער שטים:

דו קומסט מיט פּאַנצער און שפּיז קעגן מיר,
די קראַפט פון מיין פאָלק איז שטאַרקער פון דיר.

גלית לאַכט זייער הויך:

דער פאָרזאָגער שפּרינגט ארויס, אָנווייזנדיק דורך דער פּלייצע אויף גליתן. ער מיט א זאָג צום עולם:

דער פּאָגראָם־הונט גלית וויל פאַרציערן אונדזער לייב
איך שווער: אן אלמנה וועט ווערן זיין ווייב.

כאַ! כאַ! — לאַכט דער עולם אייגער צום צווייטן. — גלית הינטישער פּאָגראָמשטשיק! — דאָס איז גוט!

— מיר וועלן אַלע זייערע ווייבער פאַרוואַנדלען אין אלמנות, — האָט א שטים זיך אָנגערופן.

גלית רעוועט:

דאָס איז אייער קעמפער? וואָס איז דען זיין ווערט?
אַז ער האָט גאָר קיין ביקס נישט און האָט נישט קיין שווערד.

גוט! דוד ענטפערט אים זינגענדיק:

טיראַן, אונטערדריקער, שווערד און שפּיז איז דיין פּוץ
דער גייסט פון פרייהייט איז מיר א בעסערע שוץ.

גלית ציט זיך אויס, כדי ער זאָל אויסזען העכער און שטרעקט פאָרויס זיין ברייטע ברוסט:

כ'בין הויך ווי אַ טורעם
צאַרנדיק ווי אַ שטורעם
אַ פּלייצע מיט אַ קאַרק
אַזוי ווי דער העכסטער באַרג
און איך שלינג אַריין
דרייסיק—פערציק פאַר אַקסן
ווי איין שיסעלע לאַקשן.

עולם לאַכט.

דרייסיק־פערציק לעבלעך ברויט
שלינג איך איין און אָן אַ נויט
דרייסיק־פערציק פעסלעך שטינקעס
ווי איין שאַכטעלע סאַרדינקעס

איך וויל דער עולם זאָל אויפהערן לאַכן, כדי מען זאָל קענען הערן דודן.
ער ענטפערט גליתן:

מיך שרעקט נישט דיין טומל, מיך אַרט נישט דיין שרייען
כ'האָב גענוג כּוח מיין פאָלק צו באַפרייען

גלית בריענט פאַר כעס:

וועגן פאָלק און זיין פרייהייט. דו רייד נישט צו מיר
אַט מיט מיין שווערד צעהאַק איך באַלד דיר

איך רוק מיך אַוועק פונם ראַנד פון דאַך. פאַרוואָס איז דער דאַך אַזוי גידעריק? זאָל ער, חלילה אַהער נישט צוקומען מיטן אויסגעשטרעקטן שווערד....

אָבער דוד שרעקט זיך נישט ער שטייט און קוקט גליתן גלייך אין די אויגן אַריין:

איך האָב נישט קיין שפּיז, קיין שווערד וועל איך נישט האַלטן
מיט אַט דעם שטיינדעלע וועל איך דיין מוח שפּאַלטן.

פאָרזיכטיק דוד! היט זיך פאַר זיין שווערד!
גלית ענטפערט מיט אַ געשריי:

בין איך דען א הונט, וואָס דו גייסט אויף מיר מיט שטיינער?
ווייסטו דען נישט ווער איך בין? וואָס בין איך פאר אַן איינער?
אַוועק, אַוועק צו דיינע שאָף צוריק
אניט וועל איך דיך ברעכן דעם האַלדז און דעם געניק.
אַוועק! מיין וואָרט — איך בין נישט שיכור
כ׳צעריים דיר און וואַרף די וואָנעס שטיקער.

דוד האַלט זיין האַנט ביים גאַרטל, וו עס הענגט זיין שטיין־וואַרפער:

דו פרעג מיך נישט און זוך נישט קיינע רעיות.
דעם קאָפּ—אַראָפּ! דאָס לייב — פאר חיות!
מיין פאָלק — ער זיגט! און הינט אויף דיין לוויה!

ער וואַרפט דעם שטיין!
גלית פאַלט! ער ליגט. גלית איז טויט! עולם פּאַטשט. זיי שטייען און שרייען פעטער גבריאל, דו האָסט געהרגעט גליתן!
איצט יאָסל גרעפּצער, היט זיך!

12

שמעון פאָרט אַוועק...

די מומע בינדט מיך פעסטער אַרום מיטן שאַל.

— קום, — זאָגט דער פעטער. ער נעמט מיך ביי דער האַנט. — קום, מירן זיך געזעגענען מיט שמעונען.

עס פאַלט אַ דין רעגנדל. די גאַסן זענען קוויטיק. דער נעכטיקער גרויסער רעגן שטייט נאָך פאַרזונקען אין דער גרויסער בלאָטע הינטער אונדזער שטוב. דער פעטער נעמט מיך אויף זיינע פּלייצעס. — דו קענסט איינגעזונקען ווערן ביזן האַלדז אין בלאָטע, — זאָגט ער. איך פיל די וואַרעמקייט פון זיין רויער באָרד אויף מיינע באַקן. זיינע שטיוול שפּריצן שנעל. די מומע גייט נאָך, איר פּנים קוקט אַרויס פון אַ דיק, טונקל טיכל. זיי רעדן נישט.

דער פעטער גייט לענגאויס די קליינע הייזקעס הינטער דער ווייבערישער באָד און דעם הקדש. דער רעגן טריפט פון די דעכער אויף מיינע באַקן, רינט אַריין אונטערן נאַקן. דער פעטער האַלט זיך אָן מיט איין האַנט אין די הילצערנע לאָדנס אויפן וועג און שפּרינגט פון שטיין צו שטיין איבער די בלאָטעס. איך האַלט זיך פעסט פאַר זיינע פּלייצעס און באַמי מיך צו זיין לייכטער. אַ שטיין, אויף וועלכן ער שטעלט אַרויף דעם פוס, זינקט אין בלאָטע און דער פוס נאָך אים. די מומע שרייט:

— וואָלפקע, וואָלפקע, פאָרזיכטיק, דאָס קינד!

זיינע פעסטע נאַסע הענט דריקן מיך שטאַרקער.

— אַ כאָליערע זאָל זיי כאַפּן! — זאָגט ער, — זיי האָבן נישט געקענט וואַרטן מיטן אָפּשיקן, ביז דער רעגן וועט אויפהערן!

דעם פעטערס שטיוול שפּריצן שנעלער אָבער מיט צאָרן. דאָך די בלאָטעס צווינגען אים ווידער צו פאַרלאַנגזאַמען דעם גאַנג.

מיר קומען צו צו דער גרינער כאַטקע פון מאַטשעק דעם שינדער, וווּ די שטאָט ענדיקט זיך.

— דאָ וווּ עס ענדיקט זיך דער שאָסיי ענדיקט זיך די בלאָטע, — זאָגט דער פעטער.

די מומע שטייט נישט אָפּ פון אונדז.

מיר גייען מיטן שאָסיי קיין גלאָוונע. מענטשן קומען אָן פון זייטיקע גאַסן און פון דעם מאַרק-פּלאַץ. אַלע גייען אין אונדזער ריכטונג.

— פעטער, זע, גייען זיי אַלע זיך געזעגענען מיט שמעונען?

— ניין, נישט אַלע צו שמעונען. בלויז זיין משפּחה און אַ טייל פון אונדז, וואָס אַרבעטן מיט אים אין דער גאַרבעריי. עס פאָרן אַוועק אַ סך מער, ירוחמקע.

— זאָלן זיי אַזוי זיכער זיין מיט זייער קומען צוריק, ווי זיי זענען זיכער מיטן אַוועקפאָרן, — זאָגט די מומע.

הינטער אַ בוים אין פרייען פעלד בלייבן מיר שטיין. ווען כ'וואָלט נאָך געזען אויפן פעטערס פּלייצעס, וואָלט איך מיט די שפּיץ פינגער געקאָנט אָנרירן די גלאַנצנדיקע נאַסע בלעטער. דערנעבן, אויף דער אַנדערער זייט שאָסיי, זענען פאַראַן נאָך מער ביימער — אַ לאַנגע ריי טאָפּאָלן, הויך ביזן הימל. זיי זענען דין און הויך. אַרום אונדז שטייען געדעקטע וואָגנס און זעלנער און אַ סך מענטשן, יידן, פּאָליאַקן, מענער מיט בערד און מענטשן מיט געגאָלטע פּנימער און מיט לאַנגע פּאות. יידישע ווייבער מיט טיכער איבער זייערע קעפּ, ווי ביי דער מומען. פויערים מיט הויכע, שפּיציקע שעפּסענע היטלען, מאַנכע מיט לאַנגע בייטשן אין די הענט. פויערטעס מיט ברייטע בונטע קליידער, מיט פּאַטשיילעס פון פאַרשידענע קאָלירן און שנורן פּאַטשערקעס אויף די העלדזער. יינגלעך און מיידלעך, אַ טייל אין צעריסענע בגדים, וואָס ציטערן אין רעגן. קיין טאַטע-מאַמע איז מיט זיי נישט געקומען. אַלע זעען אויס טרויעריק. פיל אויגן זענען רויט פון וויינען.

— קוק, זעלנער! — איך דערקען זיי נאָך זייערע לאַנגע שינעלן און קיילעכדיקע בלויע היטלען אָן דאַשקעס.

אַזוי פיל זעלנער, — רופט זיך אָן די מומע. — איך האָב געמיינט, אַז זיי שיקן פון דאַנען אַוועק רעקרוטן, כדי זיי זאָלן ווערן זעלנער. אָבער צוואָס שיקן זיי אַהער זעלנער?

— זיי זענען אַהער געקומען אויף מאַנעווערס, — זאָגט דער פעטער.

— דאָרט, ווו די גרויסע פּאַלאַטקע שטייט געפינט זיך דער מיליטערישער אָרקעסטער. הערסט נישט ווי זיי מאַכן הכנות צום שפּילן?

— דער מיליטערישער אָרקעסטער! ווען וועלן זיי שפּילן, פעטער?

— האָב געדולד. ווי נאָר זיי וועלן ענדיקן זייערע הכנות.

מיר קומען צו צו אַ גרויסן אָפענעם וואָגן. דער וואָגן איז אויף דער העלפט אָנגעפילט מיט מענער. אייניקע האָבן זעק אויף די פּלייצעס. אַנדערע טראָגן פּעקלעך אונטער די אָרעמס. זיי שטייען צונויפגעפּרעסט, ווי צונויפגעבונדענע סנאָפּעס אונטער אַ לאַנגזאַמען דראָבנעם רעגן.

— די גייע רעקרוטן, — זאָגט דער פעטער. — שמעון איז דאָ נאָך נישטאָ. נאָך געניג צייט צו קריכן אין וואָגן.

— אַזוי־פיל ייִנגלעך! דער מאַמעס מילך ליגט נאָך אויף זייערע ליפּן, — זאָגט די מומע.

הינטער אונדז רעדט אַ מענטש מיט אַ הויכער שטים:

— פאַרוואָס האָט מען זיי נישט געקענט קיין זגערזש אָדער קיין לוי־ווימש רופן און אָפּשיקן זיי מיט דער באַן? פאַרוואָס שיקט מען זיי אָפּ קיין בזשעזשין אויף וועגעגער, ווי די שאָף?

די מענער אין וואָגן האָבן אויפגעשטעלט די קאָלנערס און טיפער אַרונטערגעצויגן זייערע היטלען. דער רעגן פאַלט אין דינע שנירלעך איבער מענטשן, פערד, רינט אויף די זייטן פון וואָגן אַראָפּ און קאַפּעט אויף די רעדער.

ביי דער פאָדערשטער ראָד שטייט א פרוי מיט א טיכל אויפן קאָפּ. זי וויינט און ברעכט די הענט. איבער איר, אין וואָגן, קושט א הויכער מאַן אן איינגעוויקלט זויג־קינד. דער פעטער זאָגט מיט א שטילער טי־פער שטים: — קוש עס קוש עס, דו וועסט עס אפשר מער קיינמאָל נישט זען. — איז אמת, וואָס דער פעטער זאָגט?

אָט איז שמעון. ער שטייט ביים וואָגן! ער קוקט איצט אנדערש אויס, ווי דאַן ווען ער זיצט אין זיין פעלענעם פאַרטעך, איינגעבויגן איבער זיין שאָב־ברעט אין דער גאַרבעריי און סקראָבעט שאָף־פעלן ביי דער זייט פונעם פעטער. ער איז אָפּגעצערט. זיין בייניק פנים איז בלאַס און דינער ווי פריער.

— ווער וועט איצט שפּיזן זיינע ביידע עופהלעך? — פרעגט דער פעטער. — און וואָסער ווערט האָט איצט פריידע־מלכהס לעבן?

די מומע זאָגט:

— ס'זענען נישט פאַראַן קיין סך אַזעלכע גוטע און פיינע מענער, ווי שמעון. אָבער פריידע־מלכה וועט נישט אונטערגיין. אין איר איז פאַרבאָרגן א שטאַרקער ווילן, וואָס מענטשן זעען נישט.

ווער איז דאָס יינגל, וואָס לעגט אָן זיין באק אויפן הינטערשטן ראָד פונעם וואָגן? זיין פנים פארשטעלט ער מיטן ארבל. ער וויינט. חיימל!

איך הייב אויף זיין אראָפּגעפאלן היטל, וויש עס אָפּ מיטן ארבל און טו עס אָן אויף זיין קאָפּ.

— חיימל!

ער דרייט אוים זיין נאַס פנים צו מיר. זיינע פאַרוויינטע אויגן פרעגן: — וואָס ווילסטו פון מיר?

— ס'איז מיר א רחמנות אויף דיין טאַטן.

— וואָס איז מיט מיין טאַטן?

— ער גייט אַוועק אין דער ארמיי, ווערט א זעלנער.

— איז וואָס? מיין טאַטע גייט ווערן א זעלנער, אָבער דיין פעטער נישט.

— ניין, ער איז שוין צו אלט.

— און דיין טאַטע איז אין לאָנדאָן, און קיינער פון דיין משפחה גייט נישט אין דער ארמיי.

— מיין פעטער גבריאל וועט מעגלעך ווערן א זעלנער אין צו־קונפטיקן יאָר, ווען ער וועט זיין גענוג אלט.

— אָבער ער גייט דאָך נישט איצט, ווי מיין טאַטע.

חיימל קוקט אין א זייט...

— חיימל, געדענקסט, ווי מיר זענען געפאָרן צוזאמען אין ער־שטן צוג?

חיימל ענטפערט נישט.

— דערמאָן דיך, ווי מיר זענען אַריבערגעקראָכן דעם אפטייקערס גאָרטן־פאַרקאַן און אָפּגעבראָכן פונעם גרויסן עפּל־בוים א צווייג פול מיט עפל, און דער אלטער אַפּטייקער האָט אונדז נאָכגעיאָגט און שיר־שיר נישט געכאַפּט? אהא, פונדעסטוועגן נישט געפאקט, געדענקסט?

חיימל האָט זיך אויסגעדרייט:

— יאָ, ס'זענען געווען שיינע עפּל.

ער האָט מיט זיין ארבל זיך פארטשעפעט אין א גרויסן טשוואָק אויפן הינטערשטן טייל פון וואָגן. איך העלף אים אויפצופּלאָנטערן זיך.

— מעגלעך אז דיין מאַמע וועט נישט באַמערקן דעם ריס. ער איז פון אונטן.

מיר גייען צום פאָדערשטן טייל פון וואָגן. דער פעטער און די מומע געזעגענען זיך מיט שמעונען. פריידע־מלכה האַלט דאָס קינד איינגעהילט אין איר פאַטשיילע. איר קאָפּ־טיכל איז נאַס פון רעגן. אָבער אירע גרויסע אויגן קוקן פון הינטער איר אַרויס אָן טרערן.

— ער האָט געוואָלט רויבערן טיי־בלעטער, כדי צו באַקומען אַ שטאַרקן דופק און נישט דאַרפן דינען דעם צאַר. אָבער איך האָב אים נישט געלאָזט. — זי ווענדט זיך צו שמעונען. — דו וואָלסט דעמאָלט געווען דעם צאַרס אַ קרבן, פונקט אַזוי ווי דו וואָלסט פאַרוווּנדעט געוואָרן אין דער מלחמה.

שמעון ענטפערט נישט. ער זעט אויס בייז.

דער פעטער שלעפּט אַרויס אַ פּעקל פון זיין מאַנטל־קעשענע.

— נעם, ירוחמקע, גיב עס שמעונען. אַ ביסל פּאַפּיראָסן, וואָס מיין ירוחמקע האָט פאַר דיר אָנגעשטאָפּט, זאָל דיך וואַרעמען אין וועג.

— אַ דאַנק, ירוחמל, עס וועט מיר צונוץ קומען. ער שמייכלט צו מיר. — צו דערוואַרעמען זיך. — וואָס זאָל איך דיר ברענגען, ווען איך וועל צוריקקומען?

— ווען ער וועט צוריקקומען... ער וועט אפשר קומען צו אונדז, זיצן אויף דער פּאָדלאָגע ביים אויוון אויף זיין זעלנערישער קאָלדרע, די פיס אונטער זיך מיט אַ לאַקירטן הילצערנעם לעפל אין שטיוול.

— נו, ירוחמל, אפשר וועסטו זאָגן שמעונען, וואָס ער זאָל דיר ברענגען, ווען ער וועט צוריקקומען? — פרעגט פריידע־מלכה.

— ווען דו וועסט צוריקקומען, אַז דו וועסט צוריקקומען, וועסטו מיר זינגען די זעלנער־לידער, וואָס דער רוסישער זעלנער האָט געזונגען ביי אונדז.

שמעון לאַכט, אָבער ס'קלינגט נישט ווי אַ געלעכטער.

— זינגען! אפשר וועט מען זינגען נאָך מיר קלאָג־לידער.

— און ברענג מיר, טאַטע, אַ קעשענע־מעסערל. אַזאַ, ווי דער זעלנער האָט געגעבן ירוחמלען — האָט חיימל זיך געווענדט צום טאַטן.

שמעון נעמט אַריין חיימלען אין זיינע אָרעמס. רעדט אָבער קיין וואָרט נישט.

— זאָלן די, וואָס האָבן דיך אַוועקגעשיקט — זאָגט די מומע — זאָלן זיי אַזוי אָפּגעשניטן ווערן פון זייערע משפחות, ווי שמעון.

— ווער האָט אַוועקגעשיקט שמעונען, פעטער?

— ווער האָט אים אַוועקגעשיקט, אים און די אַנדערע. דאָס איז עס. זייערע הענט קענסטו נישט זען.

— ס'איז גאָרנישט אַזוי שווער צו זען די הענט — זאָגט פריידע־מלכה. — ווען מיר וואָלטן זיי נאָר געקענט שטערן! — זי בלייבט שטיין. — אָט איז פרימעט.

ווען איז פרימעט געקומען? זי איז געקומען זיך געזעגענען מיט אַ מענטש, וואָס שטייט אין וואָגן. דאָס איז דער פּאָליאַק, וועלכן כ'האָב אַמאָל געזען אַרויסגיין פון רבקה דער טרויעריקערס הויז! יאָ, ער טראָגט אויף זיין קאָפּ דאָס זעלבע שעפּסענע היטל, ענלעך צו אַ פּויק. ער האָט זיך געטראָפן מיט פּיוויש. ווער ווייסט — האָט דער פעטער דאַן גע־זאָגט — אפשר איז ער געקומען העלפן פּיווישן אַרויסצוזופּן אומרוען אין שטאָט? זיין קאָלנער איז אויפגעשטעלט. וואָס געפינט זיך אין פּעקל, וואָס פרימעט האָט אים געבראַכט? אפשר צוקערקעס. די, וואָס מען ברענגט פון לאָדזש זענען די בעסטע. איצט קומט זי שמעונען זאָגן אַ „זיי געזונט".

— דרום־טרו־רו־רו...

דער אָרקעסטער!

איך לויף צו דער פּלאַטקע אויף יענער זייט וואָגן. עס רעגנט קוים.

אַ גראָב־בייכיקער זעלנער מיט באַוועגלעכע אויגן שטייט ביים אַריינגאַנג פון דער גרויסער פּלאַטקע. ער האַלט אין זיינע הענט אַ גרויסן מעשענעם שופר. ווען ער רעדט אַריין אין שופר ווערן זיינע באַקן אָנגע־בלאָזן, ווי די פּענכערס וואָס הענגען פאַר דער טיר פון זייגערמאַכער דעם קצבס יאַנקע. זיין דיקע שוואַרצע באָרד פאַרבאַהאַלט דאָס, וואָס ער רעדט אַריין אין האָרן. אָבער די טענער שפּרודלען טעמפּ אַרויס, ווי בלאָזלער. אַ הויכער זעלנער מיט גלאַטע באַקן שטייט ביי אַ גרויסן באַראַבאַן.

דער פעטער שלעפּט מיך צוריק.

— זאָלסט זיך נישט דערוועגן אַליין צו גיין צווישן אַזאַ המון. מיר זענען געקומען זאַלבעדריט און וועלן צוריק אַהיים זאַלבעדריט. קום, ירוחמקע, חיימל וואַרט אויף דיר.

אַ זעלנער קריכט אַרויף אויף דער קעלניע, אַ צווייטער זעלנער שרייט אַרויס אַ באַפעל אין רוסיש.

— אַלע רעקרוטן דאַרפן איינשטייגן אין וואָגן — זאָגט דער פעטער.

פריידע־מלכה גיט דער מומען דאָס קינד אונטערצוהאַלטן, זי זאָל זיך קענען געזעגענען מיט שמעונען.

שמעון רייסט זיך אַרויס פון איר. ער גייט צום הינטערשטן טייל וואָגן אַרויפצוקריכן. מיר אַלע גייען אים נאָך. אָבער ער בלייבט שטיין. וואָס האָט ער דערזען? ער קוקט עפּעס אויף אונטן. ער האָט שנעל אויפגעהויבן זיין האַנט, כדי זי מיט אימפּעט אַראָפּצולאָזן. אָבער פריידע־מלכה האָט אָנגעכאַפּט זיין האַנט אינדערלופטן.

— ניין, שמעון, ניין! — שרייט זי. — פּטר נישט די האַנט אין דאָזיקן משוואָק!

דאָס איז געווען דער גרויסער משוואָק, אויף וועלכן היימל האָט צעריסן זיין אַרבל!

— לאָז מיך! — שרייט שמעון און שטופּט זי אָפּ. — איך וועל צעשמעטערן מיין האַנט און וועל זען, וואָס פאַר א ווערט וועל איך נאָך דאַן האָבן פאַר זיי.

זי האָט אָנגעכאַפּט מיט דער פויסט דעם משוואָק.

— כ'וועל דיך נישט לאָזן! כ'וועל נישט דערלאָזן זאָלסט ווערן א קאַליקע! אַך, שמעון, זאָלסט דיך היטן. קום צוריק אַהיים א געזונטער. מיר דאַרפן דיך האָבן. — זי וויינט און כאַפּט אַרום שמעונען. שמעון וויינט אויך. דער כעס איז אַוועק פון אים.

— אָבער ווי וועסטו זיך אַליין אַן עצה געבן מיט די צוויי קינדערלעך?

— כ'האָב דאָך דיר געזאָגט. כ'וועל זיך ווידער נעמען צו זאָקן־שטריקעריי. מיר וועלן ווי נישט איז דורכלעבן. — זי נעמט צוריק דאָס עופהלע פון דער מומען. שמעון קריכט אַריין אין וואָגן.

עולם רינגלט אַרום דעם וואָגן. הויכע וויינענדיקע קולות, פרויען און מיידלעך באַהאַלטן זייערע פּנימער אין די הענט. אַנדערע האַלטן זיך אָן ביים וואָגן.

דער אָרקעסטער! ער האָט אָנגעהויבן.

— זיי שפּילן אַ רוסישן מאַרש *) „טאסקא פּאָ ראָדיניע“ — זאָגט דער פעטער.

---

*) בענקשאַפט נאָכן פאָטערלאַנד.

די טראָמפּייטן רייסן זיך אין הימל אַריין! ראַ־טאַ־טאַם! ראַ־טאַ־טאַם! פּויקן די באַראַבאַנען! פאַרוואָס האָבן די מענטשן זיך גענומען באַוועגן, פאַרוואָס שטופּן זיי זיך? פאַרוואָס ווערט דאָס געוויין העכער? עטלעכע זינגען! אייניקע צווישן המון זינגען.

יעשטשע פּאָלסקאַ ניע זגינעלאַ...
פּוקי מי זשיעמי...*).

דער אָרקעסטער קלאַפּט, פאַרשרייענדיק דאָס געזאַנג. אָבער איצט זינגען מער, דאָרט ווו פּרימעס שטייט. און עוזר און יאַנעק שטייען נעבן איר, פּונקט ווי זיי וואָלטן פון דער ערד אַרויסגעוואַקסן. מען זינגט צווישן דעם עולם און מען זינגט אויפן וואָגן. דער מאַן אינעם קיילעכדיקן שעפּסענעם היטל הייבט אָן און די איבעריקע רעקרוטן כאַפּן אונטער זיין געזאַנג. ס׳איז אַ ניי ליד. „ס׳איז די רויטע פאָן" — זאָגט פריידע־מלכה. — זי הייבט אויך אָן צו זינגען. מען הערט דייטלעך די פּוילישע ווערטער, נישט געקוקט וואָס דער אָרקעסטער שפּילט:

קרעוו נאַשאָן דלוגאָ לעיאָן קאַמי,
וציאָנזש פּלינאָן לודו גאָזשקיע לזי **).

דער קאַפּעלמייסטער בייזערט זיך און גיט אַרויס די זעלנער אַ שטרענגן באַפעל. דער אָרקעסטער שרייט איבער די זינגערס, די וויינענדיקע ווייבער און די וואָס זעגען געקומען זיך געזעגענען. די באַראַבאַנען דונערן און די טרומפּייטן שטורעמען. אָבער די זינגער צווישן עולם און די פון וואָגן באַמיען זיך איבערצושרייען די טראָמפּייטן און באַראַבאַנען. אַך, העכער, העכער, זינגט העכער! העכער, נאָך העכער! מען זינגט העכער און העכער!

---

*) פּוילן איז נאָך נישט פאַרלוירן,
כל זמן מיר לעבן.

**) אונדזער בלוט האָבן אַ לאַנגע צייט פאַרגאָסן די תליונים און כסדר גיסט דאָס פאָלק ביטערע טרערן.

נאַדעידזיע יעדנאַק דזיען זאַפּלאַטי,
סענדזיאַמי וואָטשאַס בענדזיעם מי!)*

פאַרוואָס האָט זיך דער אָרקעסטער אָפּגעשטעלט? ער קען נישט אי־בערשרייען דאָס געזאַנג!

מיטאַמאָל הערט מען אַ געשריי:

— זעלנער!

זעלנער מיט שווערדן שטופּן פאַנאַנדער דעם עולם. די פון פאָרנט ווערן צוריקגעשטופּט, און מיר פון הינטן ווערן אַוועקגעשטופּט נאָך ווײַ־טער צוריק.

די מומע האַלט מיך פעסט.

נייע לאָזונגען, הויכע געשרייען פון המון.

— נידער מיט דער מלחמה!

און געשרייען פון וואָגן:

— מיר ווילן נישט זיין קיין זעלנער פאַרן צאַר!

פונוואַנען? פונוואַנען רייסן זיך די דאָזיקע אַלע געשרייען?

— נידער מיט די טיראַנען! — שרייען די, וואָס אין וואָגן צוזאַ־מען מיטן המון.

דער וואָגן רירט פון אָרט! די רעדער קלאַפּן.

— אַראָפּ פון וועג!

דאָס שרייט דער זעלנער אויף דער קעלניע. ער פאָכעט מיט דער בייטש.

די רעקרוטן אין וואָגן בויגן זיך, שאָקלען מיט די הענט און שרייען: זייט געזונט!

שמעון מאַכט אויך מיט דער האַנט, און הײמל ענטפערט מיט די הענט און ווײנט. פריידע־מלכה האַלט הויך דאָס קינד, שמעון זאָל עס זען.

— זיי געזונט! זיי געזונט! — שרייט דער עולם. מען ווײנט. פון וואָגן הערט זיך נאָך אַ געזאַנג.

דער וואָגן איז אָפּגעפאָרן.

ער פאָרט ווייטער און ווייטער, אין דער מלחמה אַרײַן.

אָבער די פּנימער פון די מענטשן אין וואָגן קוקן אויף צוריק...

---

*) ס'וועט ענדלעך אָנקומען דער יום־הדין,
דאַן וועלן מיר זיין די ריכטער!

13

אין הקדש

פאַרוואָס קען איך נישט איינשלאָפן?

אויפן פריפעטשיק זיצט דאָס גרינגע נאַכט־לעמפּל, ווי אַ פויגל מיט אַ שעמערירנדיק אויג. דער פויגל באַוועגט זיך נישט און זיין גרוים אויג שיינט אַראָפּ אויפן פוסבענקל ביים אויוון, וווּ די אַלטע מינדל זיצט און שטאַמלט. פאַרוואָס טראָגט זי אַ נאַכט־העמד, וואָס איז אַזוי לאַנג און אַזוי ווייס? אויך איר טשעפּעק איז ווייסער ווי ווייס!

איך קען נישט איינשלאָפן. אפשר זאָל איך ווידער זאָגן קריאת־שמע.

ברוך אתה אדוני אלהינו מלך העולם המפּיל
חבלי שנה על עיני ותנומה על עפעפי...

אַט־אַט און דער פויגל מיטן שעמערירנדיקן אויג וועט אַראָפּשפּרינ־גען אויף דער אַלטער מינדלס טשעפּעק און זי וועט מאַכן אַ געוואַלד און אויפוועקן דעם פעטער און דער מומען.

ואל יבהלוני רעיוני וחלומות רעים
והרהורים רעים...

זי איז אויפגעשפּרונגען! אַנטלויפט אין אַ ווינקל, צוקנדיק מיט די אַקסלען פון שרעק. פאַרוואָס ציט זי צונויף אַזוי פעסט אַרום זיך איר לאַנג ווייס העמד? און וואָס שטויסט זי אָפּ פון זיך אַזוינס, וואָס איז דאָרט נישטאָ?

— כאַ, כאַ, איר ווילט פון מיר פּטור ווערן! — מורמלט זי. איר ווילט אַוועקרויבן מיינע תכריכים? דער מלאך־המות זאָל אייך נעמען! תכריכים! זי האָט אָנגעטאָן תכריכים! אַך, איך קוק אויף תכריכים!

ווי ווײַס זײַ זענען! זי איז אַרויס פֿון קבֿר! קוקט זי אויף מיר? אויב איך וועל אויפֿוועקן דעם פֿעטער, וועט זי אפֿשר...

די אַלטע מינדל פּאַטשט מיטן פֿויסט קעגן עמעצן, וואָס איז נישטאָ דאָ.

— איר וועט עס נישט דערלעבן, איר זאָלט מײַנע תּכריכים אָנטאָן! זאָלן אײַך די ווערעם פֿרעסן אין אײַערע טראַנטעס! גראַשן צו גראַשן האָב איך אָפּגעלייגט צו קויפֿן זיבן איילן לײַוונט. נײַן אפֿילו אין דער ערד זאָלט איר ליגן! לעבער האָב איך מיר אָנגעמאַכט אין די פֿינגער, נייענדיק מיט מײַנע בלינדע אויגן. זאָל מען אויף אײַערע אויגן שערבלעך אַרויפֿלייגן, ליבער גאָט אין הימל!

זי דרייט זיך אויס צום אויוון און שטעלט זיך נעבן אים אַוועק מיט אויסגעשטרעקטע הענט. זי זעט אויס, ווי אַ ווײַסע סטראַשידלע, וואָס שטייט, קוקט, קוקט מיט אירע אויגן. זעען זײַ מיך? קוקט נישט אויף מיר, קוקט נישט!

צו וועמען רעדט זי? קעגן וועמען פּאַטשט זי מיט איר פֿויסט?

— אַ מכּה וועל איך אײַך געבן און נישט מײַן פּלאַץ אויפֿן אויוון פֿאַר אים! קנאַפּ אויוונס זענען פֿאַראַן אין לאַנדאָן. ער וועט עס נישט דערלעבן צו באַקומען מײַן אָרט!

מיך, מיך מיינט זי! פֿאַרוואָס זאָגט זי עס? דער פֿעטער און די מומע ווילן גאָרנישט אַוועקנעמען פֿאַר מיר איר פּלאַץ אויפֿן אויוון.

זי טוט אַ כאַפּ די האַק פֿון ווינקל, הינטער דער טיר! וואָס וויל זי טאָן מיט דער האַק? זי האַקט אין אויוון! אַך, ווי שטאַרק זי איז! זי שרייט:

— ער וועט נישט באַקומען מײַן אָרט! מײַן אָרט וועט ער נישט באַקומען!

די מומע שרייט פֿון איר בעט:

— זי איז משוגע געוואָרן! וואַלפּקע, זי האַלט אַ האַק אין דער האַנט!

דער פֿעטער שפּרינגט אַראָפּ פֿון זײַן בעט. אָט איז ער שוין בײַם אויוון.

— אַ כאָליערע זאָל דיך כאַפּן! — שרייט ער. ער רײַסט אַרויס די האַק פֿון מינדלס האַנט. זי רעוועט. די האַק פֿליט אויפֿן פּריפּעטשיק. זי האָט אַרויסגעשלאָגן דאָס קליינע אויג פֿון דעם לאָמפּ־פֿויגל.

חושך־מצרים!

— מאָרגן גייט זי אין הקדש אַריין! — שרייט דער פעטער. — מער קענען מיר זי אין אונדזער שטוב קיין איין טאָג מער נישט האַלטן! וואַרט ביז יונה שמש וועט דאָ פאַרבייגיין, דאַן וועל איך שוין זען, ער זאָל זי אַוועקנעמען אין הקדש.

די מומע מיט איר שלאַף־טשעפּעק אויפן קאָפּ האָט אָנגעצונדן דעם טיש־לאָמפּ. דאָס קליינע גרינע פויגל־לעמפּל ליגט אַ צעבראָכנס אויף דער פּאָדלאָגע. זיין גרוי בלוט באַנעצט דעם ראַנד פון די ווייסע תכריכים, אין וועלכע ס'איז פעסט איינגעהילט די אַלטע מינדל.

פאַרוואָס איז די אַלטע מינדל אַזאַ? זענען אַלע אַזוי, ווען זיי ווערן אַלט? אַך, מומע, איך וויל נישט דו זאָלסט אַלט ווערן... צי וועט אילזע אויך ווערן אַלט?...

דער פעטער שלעפּט אַרויס אַ שטריק פון אונטער דעם בעט, כדי צו בינדן מינדלס הענט. זי רעוועט, דראַפּעט און רייסט זיין באָרד. דער פעטער בייסט איין איר האַנט און זי לאָזט אָפּ זיין באָרד מיט אַ ווילן געשריי. ער טוט איר אַ שטויס צו דער באַנק ביים אויוון און בינדט זי צו איר צו.

— אָנגעטאָן אין תכריכים, ווי אַ מת, אָבער שטאַרק ווי אַן אָקס — זאָגט ער.

דער פעטער קריכט אַריין אין זיינע הויזן, וויקלט מיט אַנוטשעס אַרום זיינע פיס.

— אַ ובראָך צו אים, אַ בראָך צו מרהבי־לייבן, דעם פייגעם באַלעבאָס!

— מורמלט דער פעטער. — אַרבעטן, אַרבעטן, אַרבעטן, ביז דו וועסט פאַלן פון די פיס, און מער נישט ווי שמאַטעס אויף זיי, אַפילו נישט קיין פּאָר זאָקן!

איך שפּרינג אַראָפּ פון בעט, כדי העלפן דעם פעטער אָנצוטאָן די שטיוול.

— גיי צוריק אין בעט אַריין, ירוחמקע, — באַפעלט די מומע.

— איך בין נישט שלעפעריק, מומע. איך וויל זיין מיט דיר און מיטן פעטער.

— אַך, קינד מיינס! — ציט מיך די מומע צו זיך. — וואָס וואָלט זי מיט אים נישט אָפּגעטאָן? אָרעם קינד, ווי אַזוי וועט ער מאָרגן פרי קענען גיין אין חדר?

— ס'איז שוין לאַנג נישט געבליבן ביז מאָרגן פרי, — זאָגט דער פעטער. יונה דעם שמשס האַמער וועט אינגיכן קלאַפּן צו ש ח ר י ת.

און דאַן וועט ער קומען, און...

— דו קענסט עס זאָגן רואיק, קענסט עס זאָגן, ירוחמקע, — ענטפערט דער פעטער, אויסדרייענדיק זיין קאָפּ צום אויוון. — און דעמלט וועט ער קומען און נעמען מיגדלען אין הקדש אַריין!

די אַלטע מיגדל קוקט אויף אונדז מיט ברייט־צעעפנטע אויגן, אָבער קיין וואָרט קומט נישט אַרויס פון איר מויל. זי ליגט צוגעבונדן צו דער באַנק אין אירע פאַרשמוצטע, צעקנייטשטע תכריכים.

ווען וועלוועלס מאַמע איז געשטאָרבן האָט יונה שמש געגעבן ביי יעדער טיר בלויז צוויי קלעפּ מיט זיין האַמער, אַנשטאָט דריי.

דער פעטער פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס.

— פעטער, פאַרוואָס גיט יונה שמש בלויז צוויי קלעפּ מיטן האַמער ווען עמעץ שטאַרבט ביינאַכט?

— לויט די שאלות, וואָס ער שטעלט מיר, קען מען מיינען, אַז איך בין אַ רב, — זאָגט דער פעטער. — איך מיין, אַז מיטן קלאַפּ ווייניקער וואָס ער גיט, זאָגט ער אָן דער שטאָט, אַז עס פעלט איינער פון די לעבעדיקע.

איך טו מיך אָן, וואַש אָפּ מיין פּנים און זאָג מ ו ד ה א נ י.

די מומע נעמט דעם בעזעם פון הינטערן אויוון און פאַרקערט די שערבלעך.

מיר קענען דאָ אַזוי בלייבן זיצן, ביז עס וועט אָנקומען די צייט צו שחרית, — זאָגט דער פעטער. — יונה שמש וועט אינגיכן קומען און אָנקלאַפּן אין אונדזער טיר.

דורך די לאָדן־שפּאַלטן קוקן אַריין אין צימער די טרויעריקע גרויע אויגן פונעם פרימאָרגן.

14

משיחס פערד

מיר גייען אין וואַלד
מיט שווערד און בויגן...

די שטים פֿון עזרא דעם לאַנגן, אונדזער בעלפֿער, איז די העכסטע. מיט עזרא דעם לאַנגן פֿאָרויס שפּרייזן מיר איבער אַ ברייט פֿעלד. מיר, די זעלנער, גייען טריט ביי טריט נאָך אים מיט אויפֿגעהויבענע בויגנס, הילצערנע שווערדן און ביקסן. מיין שייד איז באַדעקט מיט זילבער־פּאַפּיר. ווי זי גלאַנצט און שימערירט בעת איך באַוועג זי אויף דער זון! וואָס ווייטער אַלץ העכער און מעכטיקער ווערן אונדזערע קולות, און מיר שפּרינגען, ווי רייטער.

עזרא דער לאַנגער רעדט מיט אַ צעריסענער שטים. אַ סך קלאַנגען קען ער נישט אַרויסברענגען. ער זינגט קיינמאָל נישט, ווען ער העלפֿט דעם רבין אין חדר. אָבער אין דער פּורים־שפּיל האָט ער געזונגען. בעת ער זינגט היינט מיט אונדז, איז זיין שטים הויך און האָפּערדיק:

חדר־יינגלעך זענען מיר,
אָן שום שרעק און פּחד.
די פּלשתים לייכט צעקלאַפּן מיר,
גאָט איז מיט אונדז יד־אחד.

מיר ציען אָן אונדזערע בויגנס און פֿאָכען מיט אונדזערע שווערדן:

האָפּ, טאַנץ און שפּרינג — ס'איז ל"ג בעומר.

עזרא דער לאַנגער שפּרייזט, וויגנדיק זיינע גרויסע הענט. זיין פּנים קוקט צו דער הויך און זיין צעריסענע שטים זינגט צום הימל אַרויף. ער שפּרייזט צווישן אונדז ווי אַ הויך־געוויקסיק יינגל.

עמעצנס שוועהד האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיין שוועהד אינדערלופטן.

— הײַ, מיין שוועהד האָט זיך צעבראָכן! ווער האָט צעבראָכן מיין שוועהד?

עזרא דער לאַנגער קומט צולויפן:

— ווער האָט צעבראָכן ירוחמס שוועהד?

— מאיר־דעם־מאַמנס!

איך רייס ביי אים אַרויס זיין שוועהד.

מאיר־דעם־מאַמנס רייסט זי צוריק אַרויס.

עזרא דער לאַנגער צענעמט אונדז. ער שאָקלט מיט פאָרוואורף דעם קאָפּ צו מאיר־דעם־מאַמנס.

— מיר מוזן אונדזערע שווערדן גרייט האַלטן די פלשתים צו שלאָגן.

ער פאַרבינדט פעסט מיין צעבראָכענע שוועהד מיט זיין רויט־געלער הענטשקע.

— איצט וועט זי אויסקוקן, ווי אַ זעלנער, וואָס איז פאַרווונדעט אין שלאַכט.

איז עזרא דער לאַנגער געוואָרן פאַרווונדעט בעת ער האָט אָנטיילגענומען אין דער מלחמה? ניין, ווען מען האָט אים גענומען אין דער אַרמיי, איז קיין מלחמה נישט געווען. די מומע האָט געזאָגט, אַז מען האָט אים דאָרט לאַנג נישט געהאַלטן. דער שווערער שינעל, וואָס ער האָט געבראַכט אַהיים פון דער אַרמיי איז שטאַרק אָפּגענוצט. עס פעלט אַ קעשענע און אַ שליפע. — עס מעג זיין הייס, ווי הייגט און נאָך הייסער, — האָט יונה חכמה־צאָן געזאָגט, — וועט ער אָנציִענס ל"ג בעומר טראָגן דעם שווערן זעלנערישן שינעל, און אויך זיין שווער זעלנער־היטל. יונה חכמה־צאָן ווייסט עס בעסער פון אַלעמען, ווייל ער גייט אין חדר לענגער פון אַלע אַנדערע יינגלעך.

עזרא דער לאַנגער דרייט זיך אויס און בלייבט שטיין:

— מאיר און יאָשקע, שטאָפּט נישט אין זיך אַריין איצט, האָט געדולד, ביז מיר וועלן קומען אין וואַלד און דאָרט מאַכן די סעודה. מיר וועלן צונויפלייגן אַלץ, וואָס איר האָט אַלע געבראַכט פון שטוב, אַזוי ווי מיר זענען זיך תמיד נוהג אין ל"ג בעומר.

מיר האָבן אַרומגערינגלט עזרא דעם לאַנגן.

— איך האָב געבראַכט בלינצעס מיט מאַנדלען און צימעריגג — האָט משהקע עס־האָריץ געזאָגט און דערלאַנגט עס אין אַ פּאַפּירענעם זעקל.

— איך האָב געבראַכט שמאַלץ־הערינג און געבאַקטע קאַרטאָפל! — שרייט איציק בופלאָקס. ער האַלט הויך זיין זעקל מיט פעטע הערינג־פלעקן.

— און איך האָב געבראַכט האַרטע אייער און אייער־קוכן! — האָט היימל אויסגעשריגן. — קוקט, די אייער זענען רויט! די מאַמע האָט זיי אויפגעקאָכט מיט ציבעלע־שאָלעכץ.

— דאָס וועט אָנגערופן ווערן עסן?! — שרייט מאיר־דעם־טאַטנס, פאַטשנדיק זיך איבער די קעשענעס. — איך האָב געבראַכט הינער־פּאָל־קעס, אָנגעפילט געהאַקטן העלדזל און מאָרך! און דאָ האָט איר אויך ווין! — ער שלעפּט אַרויס אַ פלעשל רויטן ווין פון זיין קעשענע.

מיר ווילן זיך אויך דערציילן. אָבער איך האָב געבראַכט בלויז זעמל, און קעז, רעטעכלעך און אוגערקעס. און איך וויל נישט, אַז מאיר־דעם־טאַטנס און יאָשקע־דעם־מאַמעס זאָלן פון מיר לאַכן.

יונה חכמה־צאָן זאָגט:

— דער רבי האָט געזאָגט, אַז אויב מיר וועלן אַרויסגיין מיט אונ־דזערע בויגנס און אויפהייבן זיי צום הימל אין ל״ג בעומר, וועט דער רעגנבויגן פון ביאת־המשיח זיך פריער באַווייזן.

מעגלעך, אַז איך האָב געדאַרפט ברענגען אַ בויגן אָנשטאָט אַ שווערד.

— מיין זיידע האָט געזאָגט, אַז משיח איז אין וועג און וועט אינגיכן קומען, — האָט משהקע עם־הארץ אויסגערופן.

— ער וועט דאָ זיין צו שבועות, — זאָגט יונה חכמה־צאָן.

יונה חכמה־צאָן ווייסט אַלץ. — וואָס האָט ער צו טאָן אַלס תלמיד אין רב מלכס חדר? — פרעגט דער פעטער. — ער ווייסט מער פונעם רבין. ער זאַמלט ידיעות, ווי אַ וואַנדער־מגיד! און די מומע זאָגט: — ווען ער וואָלט זיך פאַרנומען ווייניקער מיט פליאָטקעס און מער מיט תורה, וואָלט אים נישט אויסגעקומען צו זיצן יאָר נאָך יאָר אין איינעם זעלבן חדר.

— פונוואַנען ווייסטו, חכמה־צאָן, אַז משיח וועט אינגיכן קומען? — האָט עזרא געפרעגט.

— איך ווייס, דו וועסט זען, — שאָקלט יונה חכמה־צאָן מיטן קאָפּ.

— דער חזן האָט אַוועקגעגעבן זיין שווערן וואָלענעם שאַל צו אַ פויער, משיח דאַרף אַהער קומען נאָך פאַר ווינטער, און דער חזן האָט געזאָגט, אַז אין ארץ־ישראל שיינט שטענדיק די זון און מען דאַרף נישט אַ גאַנצע וואָך גיין מיט אַן אַרומגעוויקלטן האַלדז, כדי נישט הייזעריק צו זיין ביי די שבתדיקע תפילות. דעם חזנס ווייב האָט זיך אויף אים געבייזערט. אָבער

ער האָט איר געהייסן גיין צום רבֿ, און דאָרט אין די הייליקע ספרים וועט זי זיך אַליין איבערצייגן, אַז לויט אַלע רמזים דאַרף משיח אַהערקומען.

איז דאָך קלאָר, אַז משיח וועט דאָ זיין בקרובֿ! ווען עס וועט הילכן דער שופֿר של משיח, וועלן אַלע ייִדן פֿון גלות זיך אַוועקלאָזן קיין ירושלים. איך וועל גיין מיט מיין פֿעטער און מומע, און גיין וועלן אויך די קוזינע זעלדע און פֿעטער גבֿריאל און אַלע ייִדן פֿון סטריקאָוו און פֿון אַנדערע שטעט. אָבער וואָס וועט זיין מיט אילזען? ווי אַזוי וועט זי קענען קומען? זי איז דאָך אַ גויע. אָבער איך וועל איר זאָגן, אַז זי געהערט צו מיר. וועט ער איר נישט שטערן צו קומען. און מיין מאַמע-מאַמע און מיין ברודער שמחהלע און מיין קליין שוועסטערל מירעלע. — זיי אַלע וועלן אַהינגיין פֿון לאָנדאָן. און מיר וועלן זיך אַלע באַגעגענען אין ארץ-ישׂראל. דער פֿעטער און די מומע ווייסן נאָך נישט דערפֿון. ס'איז שוין נישט געבליבן קיין סך צייט אויף איינצופּאַקן זיך פּאָר שבֿועות.

— און איך וועל אינגיכן ווידער זען מיין מאַמע! — זאָגט וועלוול.

— דער שופֿר של משיח וועט אויפֿוועקן אַלע מתים.

— יאָ, אָבער זייערע ביינער וועלן זיך דאַרפֿן קוילערן אונטער דער ערד דעם גאַנצן וועג אַזש קיין ארץ-ישׂראל. — דערקלערט אים יונה חכמה-צאָן.

וועלוול ווערט בלאַס, אָבער ענטפֿערט מיט אַ שמייכל.

— איך וועל אינגיכן זען מיין מאַמע.

יונה הכמה-צאָן רעדט ווייטער:

— איידער משיח וועט אָנקומען וועט דאָס לעבן פֿאַר ייִדן ווערן אַלץ שווערער און שווערער. — האָט דער רבי דערקלערט. — און איין לאַנד וועט זיך באַמיִען איבערצושטייגן דאָס צווייטע אין רשעות קעגן אונדז, ייִדן. אָבער ווען משיח וועט קומען וועלן שוין מער קיין מלחמות נישט זיין אויף דער וועלט.

עזרא דער לאַנגער קוקט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ אויפֿן גראָז און זאָגט גאַנץ שטיל:

— שוין איצט ווערט פֿאַר די ייִדן אַלץ ערגער און ערגער אויף דער גאַנצער וועלט.

— איידער משיח וועט קומען וועט זיין מלחמה, טייכן בלוט וועלן זיך גיסן, און ס'וועלן פֿאָרקומען ערהציטמערנישן און שׂרפֿות — זאָגט יונה חכמה-צאָן.

— ס'איז שוין מלחמה, —ענטפֿערט עזרא דער לאַנגער.

יאָ, די מלחמה מיט די יאַפּאַנער.

— און מייבן בלוט גיסן זיך שוין. און ביי אונדז אין סטריקאָוו איז פאָרגעקומען אַ גרויסע שׂרפה. איידער איר זענט נאָך געבוירן געוואָרן.

— אַ ליאַרע טאָג וועט די ערד אָנהייבן צו ציטערן, — זאָגט אונטער יונה חכמה־צאָן. — מיין פעטער פון אַמעריקע האָט געשריבן, אַז דאָרט זענען מיט יאָרן צוריק פאָרגעקומען עהרציטערנישן.

איציק בזפלאָקס קומט צו לויפן צו עזרא דעם לאַנגן, אויסרופנדיק:

— מאיר־דעם־טאַטנס זאָגט... ער זאָגט, אַז ל״ג בעומר איז גאָרנישט קיין יום־טוב.

— ווער דערוועגט זיך אַזוינס צו זאָגן? — פרעגט עזרא דער לאַנגער מיט אַ צאָרנדיקער שטים.

— ווייל עס רעדט זיך דערפון נישט אין דער תורה, — האָט מאיר־דעם־טאַטנס געזאָגט.

עזרא דער לאַנגער קראַצט זיינע פאות. ער איז צעטומלט. גוואַלד מישט זיך אַריין:

— וועגן חנוכה ווערט אויך נישט דערמאָנט אין דער תורה און דאָך איז עס אַ יום־טוב.

— אָט זעסטו דאָך! — זאָגט עזרא דער לאַנגער. — איז וואָס דער־פון געדרונגען, אויב עס שטייט נישט אין דער תורה? — ער ציט זיך אויס אין זיין זעלנערישן שינעל. — נישט קיין יום־טוב! אויב דו ביסט שוין יאָ אַזאַ תלמיד־חכם, טאָ זאָג זשע מיר, וואָס מ'עט מיר האָ הייגט אין וואַלד?

— ס'איז דער טאָג, ווען... ווען די ווענט פון יריחו זענען זיך פאַנאַנ־דערגעפאַלן, — רופט אוים מאיר־דעם־טאַטנס.

די ווענט פון יריחו? אויב אַזוי, טאָ פאַרוואָס גייען מיר נישט אַרויס מיט שופרות? ער מאַכט שטענדיק אַזאַ אָנשטעל, ווען ער ווייסט עפעס נישט. איך זע עס אין זיינע אויגן. אַלע ייִנגלעך זעען עס.

— פונוואַנען ווייסטו עס, מאיר? — פרעגט עזרא דער לאַנגער.

— מיין... מיין טאַטע... יאָ, מיין טאַטע האָט עס מיר געזאָגט.

עזרא דער לאַנגער קראַצט זיינע פאות. ער קוקט אויף יונה חכמה־צאָן, כדי צו זען, אויב יענער גלייבט עס.

— ער איז אַ ליגנער! — שרייט חיימל.

— ער טראַכט שטענדיק אויס זאַכן און זאָגט, אַז זיין טאַטע האָט עס געזאָגט, — רופט זיך אָן וועלוול. אַלע לאַכן.

עזרא דער לאַנגער זאָגט:

— איידער מיר גייען זיך זעצן צו דער סעודה, וועל איך אייך, ווי תמיד, דערציילן, פאַרוואָס מיר פייערן ל״ג בעומר.

מיר זעצן זיך אין אַ קרייז אויפן וואַרעמען גראָז. מיר קוקן אויפן לאַנגן עזרא און הערן זיך צו. די גרויסע טאַפּאָלן הערן און די הויכע ווינט־מילן הערן. זיי שטייען אַרום אים, די דאָזיקע אַלע נייע תלמידים — אַ גאַנצער חדר...

דער הימל און די פעלדער פייערן אויך דעם יום־טוב פון ל״ג בעומר. איבער דער ערד איז אויסגעשפּרייט דער פרישער ריח פון די מאַי־בלומען. אַ לייכט ווינטעלע טרינקט פון די בלויע בלומען, וואָס שטייען ווי הויכע ווײַן־גלעזלעך. איך וואָלט געוואָלט, אַז אונדזער חדר זאָל זיך אויף יעדן טאָג אַריבערטראָגן דאָ אין וואַלד. פאַרוואָס האָט דער רבי געזאָגט, אַז יידישע ייִנגלעך קאָנען אַרויסגיין מיט בויגנס און שווערדן בלויז ל״ג בעומר?...

עזרא דער לאַנגער רעדט. זיין שטים הייבט זיך אויף און לאָזט זיך אַראָפּ מיטן זעלבן ניגון, ווי מיר לייענען אין חדר.

— ע ו מ ר — הייסט אַ הויפן מיט גערשטן און די אותיות פון ל ״ ג באַטרעפן דריי און דרייסיק. איצט, וואָס באַדייט עס? ווער פון אייך ווייסט?

מיר קוקן אָן איינער דעם צווייטן. קיינער ווייסט נישט. עזרא דער לאַנגער לאַכט. ער איז צופרידן, וואָס מיר ווייסן נישט. איצט קען ער אונדז שוין דערציילן.

— דאָס באַדייט דער דריי און דרייסיקסטער טאָג פון תרומה, — זאָגט ער גאַוואַדיק מיט אַ ניגון. — און ווען זענען די עומר־טעג? ווער פון אייך ווייסט? היי, משהקע עס־האַרץ, קום אַהער!

משהקע עס־האַרץ שפּילט זיך. ער איז אַ פורמאַן אויף באַרטעק דעם זאַמד פירערס פוסטן וואָגן. ער ציט די לייצעס, וועלכע זענען נישטאָ אין זייַנע הענט און רייסט זיי אויף אַלע זייטן. היי, וויאָ, וויאָ, אַלטע שקאַפּע! — שרייט ער אויף פויליש צום פערד, וועלכעס איז דאָרט נישטאָ.

ער קלאַפּט מיט דער בייטש, וואָס ער האַלט נישט. — וויאָ, וויאָ, צו די זאַמד־גריבער! וויאָ!

— איך ווייס, ווען עס קומען אָן די עומר־טעג — שרייט וועלוול. — די זיבן וואָכן צווישן פּסח און שבועות.

— גוט, וועלוול. און פאַרוואָס גייען מיר אַרויס אין דעם טאָג מיט בויגן און שווערד? ווער פון אייך יינגלעך ווייסט עס?

— איך ווייס!

— דאָס איז צום אָנדענק פון בר־כוכבא. ער איז געווען אַ יידישער גענעראַל. ער האָט געלעבט מיט לאַנגע יאָרן צוריק און האָט געקעמפט קעגן די רוימער.

עזרא דער לאַנגער קוקט אויף די יינגלעך און קוקט אויף מיר. ער זאָגט פּאַוואָליע:

— ל״ג בעומר איז צוליב רבי עקיבאס תלמידים. ס׳האָט דאַן גע־הערשט אַ מגפה, נישט געדאַכט זאָל עס ווערן, און אַ סך תלמידים זענען געשטאָרבן. אויפן דריי און דרייסיקסטן טאָג פון עומר האָט זיך די מגפה אָפּגעשטעלט. אַט דערפאַר האָבן מיר היינט אַ ל״ג בעומר אין דער וועלט.

— אָבער רבי עקיבאס תלמידים זענען געווען זעלנער אין בר־כוכבאס אַרמיי, און רבי עקיבא האָט אים אַ נאָמען געגעבן בר כוכבא, זון פון שטערן, און ער האָט אים אָנגערופן משיח.

אַלע יינגלעך קוקן מיך אָן. עזרא דער לאַנגער קראַצט ווידער זיין קאָפּ.

— בר כוכבא? ווער האָט אַמאָל פון אים געהערט?

— ער איז געקומען באַפרייען די יידן פון די רוימער. אויפן זעלבן אופן ווי משה האָט באַפרייט די יידן פון מצרים. דאָרט איז נישט געווען דער רויטער ים, און בר כוכבא האָט אויפגעזאַמלט אַ שטאַרקע אַרמיי און ער איז געווען דער גענעראַל. ער האָט געוווּנען פיל שלאַכטן קעגן די רוי־מער און פאַרכאַפּט כמעט אַ טויזנט שטעט און דערפער.

עזרא דער לאַנגער און די יינגלעך האָרכן.

— איז בר כוכבא געווען אַ שטאַרקער מאַן, ירוחם? — פרעגט אי־ציק בופלאָקס.

— ער איז געווען דער שטאַרקסטער מאַן אין גאָר דער וועלט. און בלויז שטאַרקע, הויכע ריזן האָבן געקענט קעמפן אין זיין אַרמיי. קיינער האָט נישט געקענט אַריינטרעטן אין זיין אַרמיי, כל זמן ער האָט נישט געקענט קומען צולויפן אויף אַ פערד, אַרויסרייסנדיק אויפן וועג אַ צע־דערבוים מיט די וואָרצלען.

— אָ, אָ! — האָבן אַלע יינגלעך מיך אָנגעקוקט.

— האָט ער דען באַפרייט די יידן? — פרעגט וועלוול.

— איך ווייס נישט.

— איצט זעט איר? ער האָט עס אויסגעטראַכט!

— איך האָב עס נישט אויסגעטראַכט!

— טאָ פאַרוואָס ווייסטו נישט?

— ווייל, ווייל פיניע כלבוניק האָט מיר ווייטער נישט דערציילט.

— פיניע כלבוניק? — עזרא דער לאַנגער האָט אָנגעצילט זיינע אויגן אויף מיר. — ווי קומט ער צו ווייסן וועגן ל"ג בעומר? אַ נייער רב האָט זיך אויסגעפונען!

די יינגלעך לאַכן. זאָלן זיי לאַכן. פיניע כלבוניק איז אַ מאַן, וואָס האָט אַ השגה וועגן ל"ג בעומר.

— פיניע כלבוניק האָט געזאָגט, אַז בעת מיר טרעטן אַרויס ל"ג בעומער, דאַרפן מיר זיך נישט בלויז שפּילן מיט אונדזערע בויגנס און שווערדן, נאָר זיך אויך לערנען, ווי אַזוי זיך מיט זיי צו באַנוצן, פּונקט ווי בר כוכבא און זיין אַרמיי האָבן עס געטאָן.

איציק בופלאָקס שרייט:

— משיח וועט קומען מיט אַן אַרמיי. ער וועט מלחמה האַלטן מיט גוג ומגוג, האָט דער רבי געזאָגט.

וועט משיח זיין ענלעך צו בר כוכבאן? צי וועט ער קומען ווי אַ גע-נעראַל און אָנפירן מיט אַ יידישער אַרמיי?

— יאָטן! — איז יונה חכמה-צאָן אויפגעשפּרונגען, — אפשר זאָלן מיר שאַפן אַן אַרמיי?

מיר זענען גרייט.

— מיר דאַרפן אַ פּולקאָווניק! — שרייט איינער אויס.

דער גרויסער פּולקע!

— דער גרויסער פּולקע וואָלט געקאָנט זיין אונדזער פּולקאָווניק, ווען ער וואָלט געקומען צוריק פון דער אַרמיי.

עזרא דער לאַנגער האָט שוין אָנגעטאָן זיין זעלנערישן שינעל! איציק בופלאָקס קומט צולויפן צו עזרא דעם לאַנגן.

מיר זענען גרייט מיט אונדזערע שווערדן, בויגנס, ביקסן.

— לאָמיר גיין באַגעגענען משיחן! — רופט אויס חיימל.

— ער וועט קומען פון מזרח-זייט, וו עס געפינט זיך ירושלים, — זאָגט עזרא דער לאַנגער.

— ער וועט קומען צו רייטן אויף אַ ווייס פערד, — זאָגט יונה חכמה־צאַן, און ביי זיינע לענדן וועט אַראָפּהענגען אַן אמתע שווערד.

האָט בר כוכבא געריטן אויף אַ ווייס פערד?

— מזרח־זייט? לאָזט מיר אַ קוק טאָן, — דער לאַנגער עזרא רייבט זיין שטערן. — דאָרט איז דער בית־מדרש, — ער דרייט זיך אוים און ווייזט אַן אויף לינקס. צו דער מזרח־וואַנט דאַרף מען גיין מיט דעם וועג. דאָס הייסט, אַז מען דאַרף דורכשניידן דאָס דאָזיקע פעלד און אויסדרייען זיך אויף לינקס, ביז מען קומט צו צו דער אייזנבאַן־ליניע, און דאַן...

— זעט! — שרייט חיימל, — קוקט דאָרט!

עזרא דער לאַנגער קוקט אַן חיימלען.

— אויך מיר אַ וווּנדער — אַ פערד פּאַשעט זיך?

— עס איז, עס איז ווייס!

עס איז ווייס! מיר קומען צו נעענטער.

— עס קוקט אוים ווי באַרטעק דעם זאַמד־פירערס פערד, — זאָגט מאיר־דעם־טאַטנס.

— באַרטעק דעם זאַמד־פירערס? — יונה חכמה־צאַן דרייט זיך אוים צו אים. — זיין פערד איז אַן אַלטע שקאַפּע און האָט נישט אַזאַ גריווע.

— עס איז נישט אַזוי ווייס, ווי דאָס דאָזיקע פערד, — זאָגט חיימל.

יונה חכמה־צאַן קומט צו נעענטער צום פערד. ער קוקט עס אָן. ער גייט צו נאָך נעענטער. ער דרייט זיך אוים צו אונדז. ער רעדט נישט, נאָר שעפּטשעט:

— עס קוקט אוים, ווי משיחס פערד.

— משיחס פערד?

משיחס פערד!... האָט בר כוכבאס פערד אויסגעזען ווי דאָס דאָזיקע?

אָבער ס'איז דאָך אָן אַ רייטער!

ווו איז משיח?

מיר קוקן אָן עזרא דעם לאַנגן. ער ענטפערט נישט. מיר קוקן אויף יונה חכמה־צאַן. ער זאָגט:

— מסתם האָט ער צוערשט געשיקט דאָס פערד, כדי צו ווייזן געבן די יידן, אַז ער קומט.

— אפשר האָט ער געשיקט זיין פערד, צו דערווייסן זיך, צי די יידן זענען שוין ראוי, — זאָגט עזרא דער לאַנגער. — באַמת זיך, יינגלעך, צו באַקומען א פרומען אויסזען. איר טאָרט נישט רעדן און אַפילו טראַכטן וועגן שלעכטע זאַכן.

— לאָמיר אַרויסרוקן אונדזערע ציצית איבער די הויזן! — באַפעלט יונה חכמה־צאָן.

מיר ציען אַרויס די ציצית.

יאַשקע־דעם־טאַטנס שלעפט אַרויס אַ מעסערל פון זיין הויזן־קעשענע. דאָס איז וועלוולס.

— נאַ, וועלוול, איך האָב עס ביי דיר נישט געוואָלט צוגנבענען.

איך טו אַ נדר: איך וועל קיינמאָל מער נישט ליגן זאָגן דער מומען, איך וועל קיינמאָל נישט גיין שווימען מיט אַנדערע יינגלעך אויב דער פעטער וועט נישט קומען מיך היטן. אַ דונער זאָל מיך טרעפן, אויב איך וועל נישט האַלטן דעם צוזאָג.

— טפררר! שיוועק! האַלט! — שרייט איציק בופלאָקס צום פערד.

— וואָס רעדסטו צום פערד אויף פויליש, שוטה דו איינער! — פאַלט אויף אים אָן יונה הכמה־צאָן. — ווייסטו דען נישט, אַז צו משיחס פערד דאַרף מען רעדן לשון־קודש?

— זאָל עזרא מיט אים רעדן! — זאָגט וועלוול.

עזרא דער לאַנגער גייט פּאַוואָליע צו צום פערד, אויף די שפּיץ פינ־גער. מיר אַלע גייען אויף די שפּיץ פינגער הינטער אים. ער גיט עטלעכע הוסטן, ווי אַ חזן פאַרן דאַווענען. ער רעדט צום פערד אויף לשון־קודש:

— פערד, אַנטפּלעק דיך פאַר אונדז: פונוואַנען טוסטו קומען און וווהין ווילסטו גיין?

עזרא דער לאַנגער מאַכט צוריק עטלעכע טריט, ווי אין שמונה־עשרה. מיר מאַכן אויך עטלעכע טריט צוריק. די לופט איז הייליק פון די לשון־קודשדיקע ווערטער. קיינער פון אונדז באַוועגט זיך נישט. דאָס פערד דרייט מיטן ווידל און צופּט דאָס גראָז.

יונה חכמה־צאָן זאָגט:

— אַ קלוג פערד. עס וויל נישט ענטפערן.

עזרא דער לאַנגער טרעט ווידער צו צום פערד און זאָגט:

— האָרך, פערד, און לייג צו דיין אויער צו מיינע ווערטער. פונ־וואַנען טוסטו קומען און וווהין ווילסטו גיין?

מיר טרעטן ווידער אָפּ אויף צוריק צוזאַמען מיט עזראן. אָבער קיין איינציק וואָרט פונעם פערד! עס הערט זיך בלויז דער קראָפּ־קראָפּ פון זיין מויל.

— געוואָלד, עס וועט רעדן, ווען עס וועט קומען די צייט, — זאָגט יונה חכמה־צאָן.

עזרא דער לאַנגער דערנענטערט זיך ווידער צום פערד. ער רעדט מיט אַ העברעער שטים:

— אין נאָמען פון לעבעדיקן גאָט באַפעל איך דיר, דו זאָלסט מיר ענטפערן: פונוואַנען קומסטו און וווהין גייסטו?

דאָס פערד האַלט דעם קאָפּ נידעריק ביי דעם גראָז. נישט עס קוקט אויף אונדז. נישט עס ענטפערט.

עזרא דער לאַנגער קערט זיך אָפּ פון פערד.

— אפשר זאָל מען רופן דעם רב, ער זאָל מיט אים רעדן. ער איז דאָך אַ הייליקער מאַן.

איציק בופלאָקס זאָגט הויך:

— עס איז ענלעך צו מיין טאַטנס פערד, אָבער דער האָט אַ לענגערן וויידל.

דאָס פערד הייבט נישט אויף דעם קאָפּ. עס פרעסט... קיין איין וואָרט קומט פון אים נישט. מיר שטייען און קוקן איינער אויפן צווייטן, אויף יונה חכמה־צאָן, אויף עזרא דעם לאַנגן.

יאשקע־דעם־טאַטנס צעלאַכט זיך:

— אַ פיין פערד האָט משיח!

ער וואַרפט אַוועק זיין בויגן און כאַפּט אַרויס פון מיינע הענט מיין פאַרבאַנדאַזשירטע שווערד. ער הייבט זי הויך איבערן קאָפּ. ער שלאָגט דאָס פערד!

— אַך! — שרייען מיר אַלע.

מיין שווערד צעברעכט זיך! אַ האַלבע שווערד פליט אינדערלופטן!

— פאַרזינדיק מיטן פערד! — שרייט עמעץ.

דאָס פערד האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. עס גלייכט זיך אויס און צעהירזשעט זיך לאַנג. עס קוקט אויף אונדז. אָט־אָט הייבט עס אָן רעדן. אָבער עס דרייט זיך מיטאַמאָל אויס און לאָזט זיך לויפן, שנעל, שנעלער.

עזרא דעם לאַנגנס האַנט לאָזט אַראָפּ אַ פאַטש יאָשקע־דעם־טאַטנס אין באַק.

— דאָס איז פאַר שלאָגן משיחס פערד!

יאָשקע־דעם־טאַטנס טוט זיך מיט אַ געוויין אַ וואָרף אויף דער ערד.

— די קענסט וויינען און וויינען, — זאָגט איבער אים שטייענדיק עזרא דער לאַנגער. — וואַרט, ביז איך וועל דערציילן דיין טאַטן, אַז די האָסט געשלאָגן משיחס פערד.

מיר ווילט זיך אויך וויינען. משיחס פערד האָט אַוועקגעיאָגט מיין שווערד! מיין שווערד, מיט וועלכער איך האָב זיך געדאַרפט לערנען מלחמה־פירן, ווי בר כוכבא.

יונה הכמה־צאָן לאָזט זיך לויפן נאָכן פערד.

— לאָמיר כאַפּן דאָס פערד! — שרייט ער.

מיר לויפן, מיר וואַרפן אַוועק אונדזערע בויגנס, שווערדן און ביקסן. עזרא דער לאַנגער לויפט מיט אונדז.

— היי, פערד, שטיי!

דאָס פערד גאַלאָפּירט, גאַלאָפּירט. עס איז שוין ווייט. מען זעט עס שוין נישט.

— אך, פערד, בלייב שטיין! — שרייען מיר אַלע. מיר לויפן.

— משיחס פערד, זיי מוחל, שטיי!...

15

שיקט נאָכן דאָקטער

חיימל איז קראַנק. מיר גייען אים באַזוכן.

— ער ליגט אין פיבער, — זאָגט די מומע. — פריידע־מלכה, זיין אָרעמע מאַמע, האָט אָנגעצונדן ליכט אין שול. דריי מאָל האָט מען אים היינט אָפּגעשפּראָכן אַ שלעכט אויג. אָבער דאָס קינד ווערט ערגער. און אין גאַנץ סטריקאָוו איז נישטאָ קיין דאָקטער.

— דיר ווערט נישט נמאס צו באַקלאָגן זיך אויף סטריקאָוו, פּונקט ווי דיין פּרושניץ וואָלט געווען אַ צווייטע פּעטערבורג. — זאָגט דער פעטער.

— אָבער אַ דאָקטער האָבן מיר לכל־הפּחות געהאַט.

— אוודאי, ס'איז אַ שטאָט פון שלאָפע מענטשן און פון נעבעכדיקע למדנים. אונדזער שטאָט האָט, ברוך־השם, פעסטע מענטשן און עס פעלן נישט קיין הענט אויפצוהייבן קצבישע העק. מיר האָבן אויך גענוג אַזעלכע, וואָס קענען שיסן מיט דער בייטש.

— יאָ, קצבים, פאַסטעכער, פערד־גנבים! אין אַ פיין געזינדל האָסטו מיך אַריינגעשלעפּט.

— זי האָט זיך איצט דערמאָנט, — לאַכט דער פעטער, — אַ מעשה פון פינף און צוואַנציק יאָר צוריק. גוט, זאָל מיר דיין פרושניץ וויזן, ווי מען מאַכט עס בעסער. ווו שטייט עס געשריבן, אַז אַ דאָקטער מוז ווינען אין סטריקאָוו? נאָך אַלעמען געפינט זיך גלאָוונע אויף אַ תחום־שבת פון סטריקאָוו. ווען מען טוט אַ נאָס אין סטריקאָוו, זאָגט מען אין גלאָוונע „צו געזונט". צוואָס דאַרפן מיר האָבן אַ דאָקטער איןביידע שטעט? זאָלן יענע האָבן זייער קאַנאָוואַל און מיר וועלן זיך באַגיין מיט אונדזער אַפּטייקער.

— און דער אָרעמער אַפּטייקער דאַרף יעדעס יאָר אויסגיסן די פּאַרלעגענע רפואות, ווייל ס'איז נישטאָ קיין דאָקטער וואָס זאָל אויסשרייבן רעצעפּטן, — לאַכט די מומע צוריק.

מיר זענען ביי חיימלען. רבקה די טרויעריקע קומט אַרויס. זי האַלט אויף דער האַנט חיימלס ברודערל. ער וויינט.

אָרעמע פרײדע=מלכּה, זאָגט זי. — אַזאַ טייער זונדעלע, און זי איז נעבעך איינע אַליין, שמעון איז אַוועק אין דער אַרמיי. זאָל זיך גאָט אויף איר דערבאַרעמען. איך וועל מיטנעמען דאָס קינד מיט זיך, כּדי זי זאָל נישט האָבן אַזאַ לאַסט.

— אַזאַ איז דער גורל פון אָרעמאַן, — זאָגט די מומע, — ווען איינער פון אונדז ווערט קראַנק, קרענקט קיינער נישט אין די גרויסע הייזער און ס'איז נישטאָ ווער עס זאָל אַראָפּברענגען אַ דאָקטער פון גלאָווגע. לעצטנס, ווען אויף וואָלפקען איז אָנגעפאַלן דער הוסט, האָבן מיר געדאַרפט זעקס טעג וואַרטן אויף אַ דאָקטער. אָבער זאָל די אויפגעקומענע מאַדאַם גאָלדענפאַרב זיך איינרעדן קאָפּ=ווייטיק, דאַן פליט אַ טראָיקע קיין גלאָווגע פיר אַזייגער ביינאַכט. פאַרשטייט זיך, אַז דעמלט איז פאַר אונדז נישט די געהעריקע צייט צו פירן אַ קראַנקן צום דאָקטער.

פרײדע=מלכּה זיצט איבערגעבויגן איבער אַ בעט נעבן דער וואַנט. די בונטע שפּולקעס צו זאָקן=שטריקן שטייען ווי אַ רעגנבויגן אויפן פענצטער.

— מיין טייער קינד איז איינגעשלאָפן, — זאָגט זי, אַרויסקומענדיק צו אונדז. איר דין, לאַנג פּנים איז דינער און לענגער, ווי שטענדיק.

די מומע און דער פעטער גייען שטיל צו צום בעט. פון הינטער דעם פעטער קוק איך. חיימל ליגט שטיל, מיט צוגעמאַכטע אויגן. ווי ברעגעדיק=רויט זענען זיינע באַקן. זיינע הענט ליגן אומבאַוועגלעך אויפן וויסן צודעק. פאַריקע וואָך האָבן מיר זיך געשפּילט אין „עטל=בעטל“. ער האָט מיט זיינע פינגער אַראָפּגענומען די שטריקלעך פון מיין האַנט און ס'האָט זיך באַקומען אַ שער. דערנאָך האָב איך אַראָפּגענומען פון זיינע פינגער און ס'האָט זיך באַקומען אַ צעאַקערט פעלד. זומער=צייט, ווען ער פלעגט קומען צו אונדז אין אָסיאַנקע צו גאַסט, האָבן מיר זיך געשפּילט אין גאָרטן אַ גאַנצן טאָג. מיר האָבן געקלעטערט אויף די העכסטע קאַשטאַן=ביימער. אילזע האָט זיך אויך געשפּילט מיט אונדז. זי איז דווקא דאַן

געקומען און זיך אָפּגעשטעלט בײַ איר זײַדן אין גרויסן הויז, מיר האָבן זיך געשפּילט אין באַהעלטעניש צווישן די קוסטעס. ווען וועסטו מיט מיר זיך ווידער שפּילן, חיימל? ווען וועסטו געזונט ווערן און ווידער זיך שפּילן מיט מיר? אַך, ווער געזונט, חיימל, ווער געזונט, ווער געזונט!

די מומע דערלאַנגט פריידע־מלכהן אַ שטיקל פּוטער. זי איז אײַנגע־וויקלט אין אַ גרויסן נוס־בלאַט און שמעקט דערפאַר פריש און זיס.

— ס'איז פריש, כ'האָב עס אָקאָרשט אָנגעקלאַפּט פאַרן קלײנעם חיימל. זאָל אים זײַן צו געזונט.

— כ'דאַנק דיר, לאה. ווען דײַן גוט האַרץ וואָלט געקאָנט אַ דאָקטער זײַן.

איך וואָלט געוואָלט זײַן אַ דאָקטער און אויסהיילן חיימלען. דעם ספר הזכרון! — ווו קען איך אים באַקומען? דער רבי האָט געזאָגט, אַז ס'איז אַ ספר פון לאַנגע יאָרן צוריק, געשריבן אין לשון־קודש. ער דערציילט אונדז וועגן וווּנדער־רפואות פאַר אַלע קראַנקהייטן. אָבער ווו קען איך אים געפינען? ער געפינט זיך אפשר ווײַט... אינעם הייליקן לאַנד? איך וועל גיין צום רבין. אָבער כדי צו לייענען דעם ספר און היילן פון אים האַרף מען זײַן אַ פרומער, הייליקער מאַן, מען מוז אָפּהיטן די תרי"ג מצוות, האָט דער רבי געזאָגט. ווי אַזוי וועל איך קענען היילן חיימלען פון דעם דאָזיקן ספר? אַך, חיימל, איך וויל דיך געזונט מאַכן. איך וויל, איך וויל, חיימל!

מיר שטייען אין דער טיר, גרייט אַוועקצוגיין.

— און ירוחמקע וועט גיין אינדערפרי אין בית־מדרש מיט מיר, — זאָגט דער פעטער, — און ער וועט זאָגן תהילים פאַר חיימלען און בעטן מיט כוונה. ביסטו מסכים, ירוחמקע?

פריידע־מלכה וויינט. זי בייגט זיך איבער מיר.

— ער וועט באמת בעטן, דאָס טייערע קינד. און אין דײַן זכות, קינד מײַנס, וועט מײַן קליין חיימל געזונט ווערן. — זי בלײַבט שטיין. — אָבער ווער ווייסט וואָס תהילים קען דאָ אויפטאָן, ווען עס פאָדערט זיך נאָר אַ דאָקטער. וואָלט מײַן שמעון דאָ געווען!... פרימעט איז אַוועק צו פישל דעם באַלעגאָלע בעטן אים, ער זאָל אַוועקפירן מײַן קינד צום דאָק־טער אין גלאָווגע. אָבער ווי אַזוי קען איך אים אַרויסלאָזן פון מײַן שטוב, אויב די היץ האַלט אין איין שטײַגן.

באַלד זענען מיר אין בית־מדרש. די שול איז שענער פונעם בית־מדרש. אָבער די שול איז בלויז פאַר שבת און יום־טובים. ס'איז גוט,

וואָס ס'איז דאָ אַ בית־מדרש, און מיר דאַרפֿן נישט וואַרטן ביז שבת. כּדי צו זאָגן תהילים פֿאַר חיימלען. איך האָב ליב צו טראָגן דעם פֿעטערס טלית־זעקל און צו שפּירן די ווייכקייט פֿונעם גרינעם סאַמעט. בלויז די קאַנטן פֿון די תפֿילין זענען האַרט. אין פֿינף יאָר אַרום וועל איך אויך לייגן תפֿילין אויף מיין לינקער האַנט און אויף מיין שטערן. חיימל דאַרף נישט וואַרטן אַזוי לאַנג, ער איז אַ האַלבער יתום און ער ווערט בר־מצווה צו צוועלף יאָר.

— פֿעטער, פֿאַרוואָס הייבט אָן אַ יתום צו לייגן תפֿילין מיט אַ יאָר פֿריער פֿון אַנדערע יינגלעך?

— פֿאַרוואָס? ווייל יתומים הייבן אָן צו טראָגן פֿריער די זינד אויף זייערע פּלייצעס.

— ווען וועט מען ברענגען דעם דאָקטער פֿון גלאָוונע, פֿעטער?

— פֿרימאָרגן, זענען יאַנעק זענען געקומען מיט פּישל באַלעגאָלע, אַוועק־צופֿירן חיימלען און זיין מאַמע קיין גלאָוונע, אָבער פּלוצלונג איז אים געוואָרן ערגער, אַזוי אַז מען האָט אים נישט געטאָרט רירן פֿון אָרט. זענען זיי אַוועקגעפֿאָרן, דעם דאָקטער אַהער צו ברענגען. אָבער ווער ווייסט, צי ער וועט קומען פֿאַרן קליינעם געצאָלט, וואָס אָרעמע מענטשן קענען אים געבן... הערסט, ירוחמקע!

— וואָס, פֿעטער?

ער קוקט נישט אויף מיר. ער רעדט שטיל:

— וואָס וועט זיין, אויב ס'איז שוין צו שפּעט צו זאָגן תהילים?

צו שפּעט? ניין, עס איז נישט צו שפּעט! איך וועל נישט דערלאָזן, אַז חיימל זאָל שטאַרבן.

מיר גייען און דער פֿעטער שווייגט.

ווי לאַנג דויערט דער וועג קיין גלאָוונע? ווען איך וואָלט געקומען צום דאָקטער און ער וואָלט נישט געוואָלט פֿאָרן צו אָרעמע מענטשן, וואָלט איך אים מיט געוואַלד גענומען. איך וואָלט אים צוגעבונדן צו פּישל דעם באַלעגאָלעס וואָגן און וואָלט אים געשלעפּט דעם גאַנצן וועג. כ'וואָלט!...

מיר טרעטן אַריבער די שוועל פֿון בית־מדרש. דער פֿעטער הייבט אויף די האַנט צו דער מזוזה אויף דער טיר און קושט די פֿינגער, וואָס האָבן זיך צוגערירט צו איר. ער הייבט מיך אויף, כּדי איך זאָל אויך אַ קוש טאָן. ער נעמט אַרויס פֿון טלית־זעקל דעם טלית און אַ קליין שוואַרץ זעקעלע מיט די תפֿילין. ער נעמט אויך אַרויס אַ סידור און דער־

לאָגגט אים מיר. איך גיי אַוועק מיטן פּעטער צום אויוון ביי דער טיר, נעבן עוזרן און לייביש גיבור, וואָס אַרבעטן מיטן פעטער ביי איין וואַר־שטאַט. פאַרוואָס? דער פּעטער און לייביש גיבור, און עוזר און די אי־בעריקע פּעל־קראַצער, פאַרוואָס שטייען זיי אַלע צוזאַמען ביים אויוון נעבן דער טיר?

אַנדערע, וועלכע קומען אין בעסערע מלבושים ווי דער פּעטער, ווי לייביש גיבור, ווי עוזר און טראָגן שענערע טליתים־זעקלעך, אַפילו באַפּוצט מיט באַגילדטע מגן־דודס — אַט די שטופּן זיך דורך צווישן די מענטשן ביי דער טיר צו דער מזרח־וואַנט, וו עס שטייט דער ארון־קודש.

— פּעטער, פאַרוואָס שטייסטו קיינמאָל נישט ביי דער מזרח־וואַנט?

— שאַ! — זאָגט דער פּעטער. — וואָס אַ קינד קען איינפאַלן! ווי קען אַ פעל־קראַצער שטיין ביי דער מזרח־וואַנט, וו גבירים שטייען?

לייביש גיבור שרייט אוים הויך אויפן קול:

— קוק, דאָרט שטייט לייזער־מאיר פּראָצענטניק, זאָל ער פאַר־קרענקען אונדזערע פּראָצענטער.

פאַרוואָס איז לייזער־מאיר אַזוי מאָגער און ביינִיק, בעת ער איז אַזוי רייך און האָט געגנוג וואָס צו עסן? זיין שיינע זיידענע קאַפּאָטע און זיין זיידענער שאַל שטופּן זיך פאַרביי אונדז צו דער מזרח־וואַנט.

— ער וויל שטיין נאָענט צו גאָט, כדי אַריינצושישקען אים אין אויער עפּעס אַ יחרץ־הבטחהלע, — זאָגט עוזר.

לייביש גיבור און דער פּעטער רוקן זיך לאַנגזאַם אָפּ, כדי אים פאַר־ביייצולאָזן. אָבער עוזר שטייט ווי אַ סטרונע און טרעט נישט אָפּ דעם וועג.

וואָס דערציילט דער פּעטער עוזרן און לייבישן? פאַרוואָס זענען זייע־רע פּנימער פאַרהושכט און טרויעריק? האָט ער זיי דערציילט וועגן חיימלען, וועלן זיי פאַר אים אויך זאָגן תהילים?

— מען הייבט אָן דאַווענען, — זאָגט דער פּעטער, ציבוויגנדיק זיך צו מיר. — מיש אויף „מה טובו".

— פּעטער, פאַרוואָס קענען מיר נישט זאָגן תהילים פאַר שחרית?

— ווייל, ווייל, ס'איז אַזאַ מנהג.

— אָבער חיימל האַלט דאָך ביים שטאַרבן. ווען דו וועסט זיי עס זאָגן, וועלן זיי אפשר דערלויבן פריער...

— זיי וועלן עס נישט טאָן פאַר אַ זון פון אַ גאַרבער, — זאָגט דער פּעטער.

אַ האַנט קלאַפּט אויפן עמוד נעבן דעם ארון־קודש.

בוואַלעסוויז צעגייען זיך איבערן בית־מדרש די הויכע קולות פון די מתפּללים.

— מה טובו אוהליך יעקב...

הויך קלינגט די שטים פון חזן. די דאַווענער שטייען און שאָקלען זיך מיט די געלבלעכע טליתים איבער זייערע קעפּ. און פון אונטער די טלי־תים אויף זייערע שטערנס קוקן אַרויס די גלאַנצנדיקע שוואַרצע תפילין, ווי קורצע אָפּגעהאַקטע הערנער. זיי שטייען און שאָקלען זיך, שעפּטשענ־דיק הויך זייערע תפילות.

זיי וועלן עס נישט מאָן פאַר אַ זון פון אַ גאַרבער...

די שטימען פון דער מזרח־וואַנט ווילן איבערשרייען די איבעריקע, כדי זייערע, זאָלן גיכער דערגיין צו גאָט. דער פעטער און די איבעריקע ביי דער טיר שאָקלען זיך שוואַכער. זיי דאַווענען שנעל און שטיל, קוים באַוועגנדיק מיט זייערע ליפּן.

דער סידור איז אָפן אין מיינע הענט, אָבער איך קען נישט זען די ווערטער. דאָס בלאַט איז ווייס, ווייס, ווי די אויבער־דעק אויף חיימלס בעט. צוויי שוואַרצע אויגן שווימען אַרויס פונעם בלאַט און קוקן מיך אָן. איך קוק אין חיימלס שוואַרצע אויגן, וועלכע גלאַנצן אַרויס פון דער ווייסקייט...

אך, גאָט, קוק אַראָפּ אין שטוב פון פריידע־מלכה, די זאָקן־מאַ־כערין. חיימל מיין פריינד שטאַרבט און שמעון זיין טאַטע איז ווייט־ווייט אויף דער מלחמה. האָרך זיך צו צו מיר, גאָט! אפשר איז נאָך נישט צו שפּעט. איך מיט מיין פעטער וואָלפקע שטייען מיר ביים אויוון נעבן דער טיר פון בית־מדרש אין דער שטאָט סטריקאָוו. גאָט, שיק שנעל אַראָפּ אַ קרענק אויף עמעצן פון די גרויסע הייזער, כדי זיי זאָלן מוזן אַראָפּברענגען דעם דאָקטער פון גלאָוונע...

16

די צייטונג

דער פעטער נעמט אַרויס אַ פּעקל פון זיין מאַנטל־קעשענע:

— דאָ זענען עטלעכע צייטונגען, ירוחמקע, וואָס די רויטהאָריקע פייגע האָט מיר געגעבן.

די רויטהאָריקע פייגע האָט דיר געגעבן? וואָס הייסט עס אַזוינס צייטונגען?

— סענדער לעווין באַקומט זיי רעגלמעסיק פון פּעטערבורג. ווען איך האָב נאָך דאָרט ביי אים געאַרבעט, האָב איך איינמאָל געזאָגט צו זיין מאַכטער: „ווען איר וועט זיי איבערלייענען, אפשר וואָלט איר מיר געגעבן איין צייטונג אַהיים און מיין ירוחמקע וועט זי לייענען פאַר מיר און מיין לאהן". און היינט אינאָוונט, ווען איך בין פאַרבייגעגאַנגען סענדער לעווינס הויז, האָט די רויטהאָריקע פייגע מיך פאַרבעטן צו זיך און מיר געגעבן די דאָזיקע צייטונגען.

— צייטונגען!

איך האָב קיינמאָל נישט אָנגעזען קיין צייטונג. דער פעטער עפנט דאָס פּעקל און דערלאַנגט מיר איין צייטונג. ער שפּרייט זי אויס פאַרזיכטיק אויפן טיש. זי ליגט אויסגעשפּרייט ווי אַ בלאַט רויע טייג, וואָס די מומע וועלגערט אויס דין מיט איר וואַלגערהאָלץ. און די קליינע שוואַרצע אותיות זענען דאָרט צעוואָרפן ווי ראָזשינקעס. איך פּראָביר לייענען די געדרוקטע אותיות. זיי זענען די זעלבע, ווי אין די הייליקע ספרים. אָבער די ווערטער זענען נישט לשון־קודשדיקע און אויך נישט ווי תרגום־לשון וואָס מיר לערנען אין חדר.

— דאָס איז מאַמע־לשון, יידיש, — דערקלערט דער פעטער. — איך האָב עס געהערט לייענען ביי סענדער לעווין. ס'איז אומגעפער ווי

ביי דיר אין סידור, לאה, אָבער ס׳קלינגט אַזוי, ווי מיר רעדן אינדערוואָכן. אפשר וועט ירוחמקע דאָס קענען איבערלייענען.

די אותיות זענען לשון־קודשדיקע, אָבער ס׳איז שווער זיי צו פאַר־אייניקן, אויסגעפינען און צונויפשטעלן די וואָקאַלן. איך שעם מיך פאַרן פעטער און מומע און פאַר דער רויטהאָריקער פייגע, וועלכע איז דאָ נישטאָ.

דער פעטער זאָגט:

— עטלעכע צייטונגען דערשיינען טאָג־טעגלעך און אַנדערע יעדע וואָך, האָט די רויטהאָריקע פייגע געזאָגט. אונדז געפעלן בעסער די, וואָס דערשיינען יעדע וואָך, ווייל דאָרט געפינען זיך בילדער.

— דער פ־ר־יי־נ־ד! — איך קען לייענען. די צוויי ווערטער זענען געדרוקט פון פאָרנט, מיט גרויסע שוואַרצע אותיות. צוערשט ד־ע־ר אין גרעסערע אותיות, און דערנאָך פ־ר־יי־נ־ד מער צעצויגן.

— דאָס איז דער נאָמען, דער נאָמען פון דער צייטונג, — זאָגט דער פעטער. — דאָס איז ווי אַ פריינד, וואָס קומט פון ווייט און ברענגט אייך גרוסן און ידיעות פון אַנדערע שטעט און פון דער גאַנצער וועלט.

— אַלץ ווענדט זיך אין דעם, וואָסער מין נייס ער ברענגט, — זאָגט די מומע.

— קוק, דאָ איז אַ בילד — זעלנער! צי זענען זיי רוסישע זעלנער, פעטער?

— ניין, זיי זענען נישט קיין רוסישע. מען זעט עס לויט זייערע פנימער. מסתם זענען עס יאַפּאַנער. יאָ, צי זעסטו נישט, אַז דאָס זענען נישט קיין רוסן? אויף זייערע פּלייצעס ביז צום גאַרטל האָבן זיי צוויי ווייסע איבערגעקרייצטע רימענס און זייערע היטלעך האַלטן זיך אויף אַ רימען אונטער זייער גאָמבע.

— פאַרוואָס זענען זייערע היטלען צוגעטשעפּעט צו זייערע גאָמ־בעס, פעטער?

— אַז מען זאָל זיי נישט אַראָפּשיסן, מיין איך, — לאַכט דער פעטער. — די יאַפּאַנער האַלטן, קענטיק, אַז עס איז נישט גוט צו פאַר־לירן דעם קאָפּ אָן דעם היטל.

— און וואָס טוען זיי דאָרט, ליגנדיק צווישן די קוסטעס מיט זייערע ביקסן אין די הענט און מיט שווערדן, וואָס הענגען ביי דער זייט? — פרעגט די מומע. — און די דאָזיקע צוויי פון פאָרנט, פונקט ווי זיי וואָלטן זיך געקליבן ערגעץ.

— יאַפּאַנער זעלנער. איך לייען אויפן קול די ווערטער אונטער דעם בילד. — אויסקוקנדיק דעם שונא. יאַפּאַנער זעלנער קוקן אויס דעם שונא! ווי מאָדנע, ווי מאָדנע און גוט ס'איז צו קוקן אויף די געדרוקטע צייטונגס־ווערטער און צו קענען זיי לייענען אויפן קול! די אותיות זענען פון די הייליקע ספרים, אָבער די ווערטער קלינגען פונקט אַזוי, ווי מען רעדט זיי אין שטוב און אויף דער גאַס.

— איך דריי איבער די בלעטער.

— זע, נאָך אַ בילד, פעטער!

— ווער איז דער מאַן מיטן טשופּ האָר, קורצער באָרד און שליפעס? — פרעגט די מומע.

— דאָס מוז זיין עפּעס אַ וויכטיקער פּאַרשוין. קוק, ווי ברייט די שליפעס זענען!

איך לייען:

— דער רוסישער קריגס־מיניסטער גענעראַל קוראָפּאַטקין.

— לאָמיך אַ קוק טאָן, לאָמיך אַ קוק טאָן, — בייגט זיך דער פעטער ווידער איין איבער דער צייטונג, — אַזוי, דאָס איז ער, דער קוראָפּאַטקין! ער, גענעראַל, גענעראַל, ווען דו וואָלסט נישט געוואַרט אַזוי לאַנג, וואָלטן די קליינע יאַפּאַשקעס דיך נישט אַרומגערינגלט און דו וואָלסט נישט געדאַרפט נעמען די פיס אין די הענט און אַנטלויפן.

— ווען... — כאַפּט אונטער די מומע. — ווען די באָבע וואָלט געהאַט אַ באָרד, וואָלט זי געקענט זיין חזן אין שול.

— פאַרוואָס האָט דער גענעראַל אַזוי לאַנג געוואַרט, פעטער?

— ווייל, ווייל...

— ווייל, — מישט זיך די מומע אַריין, — ווייל די קאַטשקעס גייען באָרוועס. ווייל ער און די אַנדערע גענעראַלן און אַלע פון אויבן־אָן...

— לאה, היט זיך מיט דיינע רייד.

— ווער ווייסט עס נישט, און ווער רעדט נישט דערפון? אפילו קינדער אין חדר רעדן דערפון.

— וואָס דו רעדסט וועגן די גענעראַלן ביסטו גערעכט, לאה, אָבער ניקאָלאַי אַליין איז נישט אַזוי שלעכט. שלעכט זענען די, וואָס רינגלען אים אַרום אין זיין פּאַלאַץ, די מיניסטאָרן, וועלכע גיבן אים שלעכטע עצות און רייצן אים אָן אויף די יידן.

— סיי דער קייזער, סיי די מיניסטאָרן, — זאָגט די מומע, — מוזן אַלע גיין, ווי די שוועסטער־און־ברידער זאָגן.

— פעטער, ווער זענען זיי, די שוועסטער־און־ברידער?

— שאַ, שטיל, אַזוינע שאלות זענען נישט פאַר דיר. האָסט נאָך געגוג צייט זיך צו דערוויסן, ווער די שוועסטער־און־ברודער זענען.

פרימעט איז אַ שוועסטער־און־ברידער. איז זי אַוועק צו די איריקע דעמלט, ווען איר מאַמע האָט געזאָגט: — זאָל זי גיין! — וווהין איז זי געגאַנגען? ווו געפינט זי די שוועסטער־און־ברידער?

— די שוועסטער־און־ברודער האָבן נישט גאָט אין זייערע הערצער, — זאָגט דער פעטער, — און זיי ווילן אַראָפּוואַרפן דעם צאַר.

— דאָס וואָס זיי ווילן אַראָפּוואַרפן דעם קייזער, — זאָגט די מומע, — איז אַן אומגליק, וואָס איז גאָר קיין אומגליק נישט. אָבער פאַרוואָס האָבן זיי נישט גאָט אין זייערע הערצער?

— פאַרוואָס פאַרשטייסטו נישט, לאה? צעברעך איין שטאַבעטל אין דער פאַרצוימונג און די שאָף וועלן שוין צעברעכן דאָס איבעריקע. ס'איז תמיד אַזוי. נעם, למשל, משה־מאיר. דעם משומד. אין אַ שיינעם פרימאָרגן קומט ער אַרויס און שטעלט זיך פאַר זיין וועש־געשעפט. און דו ווערסט גלויבן אָדער גיין — זיין באָרד איז אָפּגעשוירן! ער שטאַמט פון דורות פרומע לייט מיט לאַנגע בערד ביז צו די לענדן, בערד, ווי ביי משה און אהרן, וועלכע הענגען ביי אונדז אויף דער וואַנט. און ער גייט און האַקט זי אָפּ אַזוי, אַז ס'איז כמעט ווי גאָרנישט געבליבן. — דו זעסט, — זאָגט דער פעטער, אויסשטרעקנדיק זיין ברוסט און באַמיט זיך נאָכצומאַכן די הויכע אויסגעדרעקסלטע שטים פון משה־מאיר דעם משומד: — „איך בין אַ מענטש, וואָס מאַכט נסיעות קיין וואַרשע און דאַנציג. איך קום אין באַריר מיט אָנגעזעענע לייט. אין ערגסטן פאַל וואַקסט אַ באָרד צו־ריק אָפּ“. — אָבער וואָס האָט פּאַסירט? דו ווייסט שוין, וואָס עס האָט פּאַסירט. דאָ נישט לאַנג האָט ער אַלץ מיט איין זעץ אָפּגעגאָלט, סיי זיין באָרד, סיי זיין יידישקייט. איצט, ימח שמו וזכרו, האָט ער געענ־דערט זיין נאָמען אויף מאַטווע', זיין ווייב האָט אַראָפּגעוואָרפן דאָס שייטל און טראָגט אירע אייגענע האָר, און יעדן זונטיק פירט ער זיין משפחה אין קלויסטער אויף צו להכעיס דורכן שול־הויף.

— אָבער ווי קענסטו פאַרגלייכן די שוועסטער־און־ברידער מיט דעם דאָזיקן משומד משה־מאיר? — זאָגט די מומע. — ער וועט נאָך פאַר־

קויפן זיין נייעם צלם, ווי ער האָט פאַרקויפט להבדיל זיין אַמאָליקן גאָט. די שוועסטער־און־ברידער אָבער, וואָס דו זאָלסט אויף זיי נישט זאָגן, שטייען אויף דער זייט פון אָרעמאַן. און וואָס באַקומען זיי דערפאַר? די נאַהייקע און סיביר.

פייוויש האָט מען געשלאָגן אויף דער נאַקעטער פּלייצע. ער איז איינער פון זיי. צי זענען דאָרט דאָ נאָך אַ סך אַזעלכע, וועלכע מוזן בלייבן אינדערהיים ביז די נאַכט פאַלט צו, אַך, איך וויל זען פייווישן. צי וועל איך אים נאָך זען?

— מיט אייך, ווייבער, איז עפּעס אַנדערש, — זאָגט דער פעטער, — איר גייט נישט אין בית־מדרש און הערט נישט, וואָס דער מגיד זאָגט. דער מגיד האָט גאַנץ קלאָר געזאָגט: — די דאָזיקע שוועסטער־און־ברידער, זיי שלעפּן אָפּ משיחס קומען... און — דער פעטער זאָגט אַרויס די דאָזיקע ווערטער מיטן ניגון פון אַ מגיד. — ווי קען משיח זיך איילן אויף זיין וועג, אַז יידישע בחורים און מיידלעך און אויך עלטערע לאָזן זיך אַריין מיט גוים, פונקט ווי ס'וואָלט קיין שום חילוק צווישן זיי נישט געווען?

— אויפן מאַרק־פּלאַץ — זאָגט די מומע — האָט פאָריקע וואָך פריידע־מלכה כלומרשט דערציילט, אַז די שוועסטער־און־ברידער ווילן פאַרלייכטערן משיחן, ווען ער וועט קומען אין זיין אַרבעט. זיי ווילן אויך אויסלייזן די וועלט.

— כ'וויים נישט, — זאָגט דער פעטער, — אין האַרצן קאָנען זיי אַלע זיין גוטע מענטשן, ווי פריידע־מלכה, ווי די אומגליקלעכע פריידע־מלכה, אָבער זיי פאַרנעמען זיך מיט זאַכן, וואָס קאָן געטאָן ווערן בלויז מיט דער הילף פון גאָט.

— נו, איז גוט, — זאָגט די מומע, — זאָלן זיי אָנהייבן און גאָט זאָל ענדיקן, היות זיי טוען אַזאַ זאַך, וואָס דאַרף געטאָן ווערן.

וואָס דאַרף געטאָן ווערן? פרימעט און יאַנעק האָבן געדאַרפט ברענגען דעם דאָקטער פון גלאָווגע פאַר חיימלען. אָבער ס'איז שוין געווען צושפּעט. אפשר האָבן זיי נישט געדאַרפט טאָן אַזעלכע זאַכן, וואָס בלויז גאָט האָט עס געקאָנט טאָן, ווי דער פעטער האָט געזאָגט. אָבער די מומע האָט געזאָגט, אַז ווען עס וואָלט געווען אַ דאָקטאָר אין סטריקאָוו און ער וואָלט חיימלען באַלד אונטערזוכט, וואָלט חיימל אפשר נאָך געלעבט. אך, חיימל, דו וואָלסט נאָך געלעבט!...

— גוט, צי געפינט זיך דאָרט נישט נאָך עפּעס אַזוינס, וואָס דו וואָלסט אונדז געקאָנט לייענען, ירוחמקע? — פרעגט די מומע. — מיר האָבן אָנגעהויבן צו רעדן וועגן קייזער און זיינע מיניסטאָרן און מיר האָבן פאַרגעסן וועגן דער צייטונג.

איך צי אויס די ווערטער:

— אין ביאַליסטאָק האָט זיך היינט אָנגעהויבן אַ שטרייק פון די וועבער.

— פעטער, וואָס איז אַ שטרייק?

דער פעטער קוקט מיך אָן, דערנאָך ווענדט ער זיך צו דער מומען:

— האָסטו שוין אַמאָל געזען אַזאַ יינגל? גיי און דערצייל אים, וואָס אַזוינס איז אַ שטרייק! נייגעריק ווי לוטס ווייב. ווער ווייסט, וואָס ער וועט נאָך וועלן וויסן?

— און פאַרוואָס זאָל ער טאַקע נישט וויסן וואָס איז אַזוינס אַ שטרייק? — פרעגט די מומע. — וואָס איז דאָ צו באַהאַלטן?

— און ווי אַזוי קאָן איך גיין און זאָגן אַ יינגל, וואָס האָט נאָך נישט געהאַלטן קיין פעל אין זיין האַנט, וואָס שטרייק איז? אפשר מיינסטו, אַז איך אַליין ווייס גוט, וואָס דאָס איז? מיין טאַטע, עליו השלום, האָט געלעבט ביז זיבעציק יאָר און איך קאָן דיר שווערן, אַז אויב עמעצער וואָלט צו אים געזאָגט שטרייק, וואָלט ער נישט געוווסט מיט וואָס מען עסט עס.

— אַ פיינעם משל ברענגט ער מיר, כ׳לעבן! און אויב דיין טאַטע, זאָל ער מיר מוחל זיין אין קבר, האָט געקאָנט ציילן ביז גיין און דרייסיק און שפּעטער איז ביי אים אויסגעקומען צען און דרייסיק, און אויב ער האָט געלאָזט קריכן זיין קאָזע אויפן דאַך אַזוי לאַנג, ביז זי האָט אויפגעגעסן דאָס גאַנצע שטרוי, איז עס דערפאַר, וואָס ער האָט נישט געוווסט וואָס אַ שטרייק איז? זאָל אונדזער ירוחמקע אויך נישט וויסן?

דער פעטער שמייכלט:

— איך האָב שוין מער קיין אַנדערע דאגות נישט געהאַט אויפן קאָפּ, ווי אַריינצוברענגען צייטונגען אין מיין שטוב.

— פעטער, וואָס איז אַזוינס אַ שטרייק?

דער פעטער קראַצט זיך די באָרד און די אויגן פאַרגלאָצט ער צום סופיט:

— אַ שטרייק? גוט, אַ שטרייק קומט פאָר דעמלט, לאָמיר זאָגן, לאָמיר זאָגן, ווען איך, אַזאַ עוזר, און לייביש גיבור, און שמעון, ווען ער

וועט צוריקקומען פון דער אַרמיי, און די איבעריקע פון אונדז אין דער גאַרבעריי, מיר אַלע, לאָמיר זאָגן, אין איין שיינעם טאָג הייבן מיר זיך אויף פון אונדזערע בענקלעך, טוען אויס אונדזערע לעדערנע פאַרטעכער, לייגן אַוועק אין אַ זייט די שערן און קראַץ־אייזנס און מיר גייען אַוועק, לאָמיר זאָגן, צו מרדכי־לייבן, און מיר זאָגן — דער פעטער שפּייט אויס און קוקט אויפן אויוון — אַלזאָ, רב מרדכי־לייב, ווי לאַנג קאָן עס אַזוי דויערן? מיר זענען טאַטעס פון קינדער, בייכער פאָדערן זייערס. און ווו איז דירה־געלט, שכר־לימוד און אַ נײַ בגד, ווען די אַלטע זענען צעפליקט?

די מומע שאָקלט מיטן קאָפּ און אירע פאַרדאגהטע אויגן קוקן אויפן אויוון.

— אַלזאָ, זאָגן מיר דיר, רב מרדכי־לייב, אַז מיר דאַרפן באַקומען מער באַצאָלט פאַר אַ פעל. מיר דאַרפן לכל הפחות פאַרדינען פיר רובל אַ וואָך. דאַן דרייט זיך אויס צו אונדז מרדכי־לייב, גלעט זיין באָרד און זאָגט: — דעם פעטערס שטים ווערט מיך און שווער — און ווו, זייט מיר מוחל, וועל איך אייך נעמען די איבעריקע רובלס? זייט וויסן, אַז די געשעפטן גייען נישט אַזוי, ווי זיי וואָלטן געדאַרפט גיין. איך צאָל איצט מער פאַר רויע פעלן און באַקום קנאַפּער פאַר אויסגעאַרבעטע פעלן. דעם אמת געזאָגט, מיינע גוטע יידן, בין איך אין פאַרלעגנהייט, ווי לאַנג איך וועל אייך נאָך קאָנען באַצאָלן דאָס, וואָס איך האָב אייך געצאָלט איצט? דאַן זאָגן מיר, זאָגן מיר צו מרדכי־לייבן, זאָגן מיר...

— וואָס טויג דאָס שטאַמלען? — רופט זיך אָן די מומע, זי שטייט און קוקט מיט חוזק־אויגן אויפן אויוון. — פרעגט אים דעם שיינעם פרומען ייד: אפשר וואָלסטו געוואָלט מיר זאָלן דיר יעדן פרייטיק ברענגען געלט פון אונדזערע קעשענעס פאַרן כבוד צו אַרבעטן ביי דיר, רב מרדכי־לייב? — זי פאַרנייגט זיך פאַרן אויוון. אירע ווערטער קלינגען מיט אַ געמאַכטער זיסקייט, זיס, ווי זעקס שטיקלעך צוקער אין אַ גלאָז טיי, אָבער אירע אויגן זענען פאַרביטערט. — אפשר זאָלן מיר גיין פון הויז צו הויז אויפמאַכן פאַר דיר און פאַר דיין אויסגעפוצט ווייב, און אויפמאַכן כאַבאַר־געלט צו באַפרייען דיין תכשיט, דעם טויגעניכטס פון מיליטער? אָדער מיר קאָנען זיך טוישן מיט דיר, רב מרדכי־לייב. דו נעם צו אונדזער געזונט און אונדזער עשירות און מיר וועלן איבערנעמען דיינע שלעכטע געשעפטן. — זי דרייט זיך אויס צום פעטער, — דו מיט דיין, לאָמיר זאָגן, לאָמיר זאָגן! מיט דיין שטאַמלען, וואָלפקע, וואָלסטו גאַר־

נישט אויסגעדרונגען ביי אַזאַ קמצן, ווי מרדכי־לייב. פון אַזעלכע ווי ער קאָן מען בלויז ארויסרייסן, אַזוי ווי מען רייסט אַרויס אַ באַקצאָן.

— ווען איך וועל אויסוואַקסן, וועל איך וויסן ווי אַזוי צו רעדן מיט מרדכי־לייבן.

— דו ווינטש דיר בעסער אַנדערע זאַכן, ווען דו וועסט אויסוואַקסן, — זאָגט די מומע. — איך האָף, אַז דיר וועט קיינמאָל נישט אויסקומען צו רעדן אַזוי אָדער אַנדערש מיט אַ מרדכי־לייב. איך ווינטש דיר, זאָלסט קיינמאָל נישט זיין קיין קנעכט ביי אַ באַלעבאָס! — זי דרייט זיך צוריק אויס צום פעטער:

— כ'וואָלט געוואָלט וויסן, ווען דו און עוזר, און די אַנדערע וועלן אויפעפענען זייערע מיילער.

— האַ, האַ, — זאָגט דער פעטער, — דו ווילסט מיר זאָלן רעדן און טאָן, ווי די שוועסטער־און־ברידער?

— כ'וואָלט געוואָלט, אַז די שוועסטער־און־ברידער זאָלן אַהערקו־מען און דיך לערנען, ווי אַזוי מען דאַרף רעדן און טאָן. כ'וואָלט געוואָלט, אַז גאָט זאָל זיי אַריינגעבן אַ דעה עפּעס אויפצוטאָן פאַר די אָרעמע גאַר־בער אין סטריקאָוו.

— דו דאַרפסט נישט בעטן, לאה, — לאַכט דער פעטער, — זיי זענען געקומען פון לאָדזש, פון זגערזש און ווער ווייסט נאָך פונוואַנען. אין גלאָווגע האָבן זיי גערופן צו אַ שטרייק פון די גאַרבער, צוזאַמען מיט די שניידער און קצבים. מרדכי־לייב האָט אונדז היינט געגעבן צוויסן, אַז זיי קאָנען אַ ליאַדע טאָג דאָ זיין.

— איך מיין, אַז ער וועט נישט אַרויסשיקן די שטאָט־מוזיקאַנטן זיי מקבל־פּנים זיין. עס מוז אויף אים ציטערן די פּעל. איך קלער, אַז איצט וועט ער קומען און אייך דערציילן אַ מעשה פאַרוואָס גוטער באַלע־באָס ער איז, אַז ער שלאָפט נישט גאַנצע נעכט צוליב דעם, וואָס מיר פאַרזוכן נישט קיין שטיקל פלייש פון איין שבת צום צווייטן, אָדער צו־ליב דעם וואָס אונדזערע ווענט שוויצן פון פייכטקייט און דו הוסט און הוסט, ביז קיין גאַנצער לונג וועט ביי דיר נישט בלייבן.

— ער האָט אונדז דערציילט, אַז ער האָט איצט באַקומען צוויי גרויסע באַשטעלונגען. צוויי פולע וואַגאָנען פעל זענען אויפן וועג פון וואַר־שע און טאָמאַשעוו. ער זאָגט צו, אַז מיר וועלן האָבן אַרבעט אויף אַ לאַנ־גער צייט. און וואָס וועלן מיר געווונען, אויב מיר וועלן זיך לאָזן פאַר־דרייען די קעפּ פון די שוועסטער־און־ברידער?

— וואַרשע, וואַרשע, זאָל זיך זיין ווייב פּרייען, — שרייט די מומע.

— דאָס זענען זיינע באַשטעלונגען, זיינע פאַרדינסטן, אַ מכה אין זיינע ביינער. אָבער וואָס וועלן מיר דערפון געניסן? וואַסער אויף זופּ.

— לאַה, ס'איז אַ זינד פאַר גאָט אַזוי אומגלויביק צו זיין. מרדכי־לייב האָט היינט אינדערפרי אונדז געזאָגט: איר קענט דאָך מיך, האָט ער צו אונדז געזאָגט, — איך זאָג קיינעם נישט אָפּ אין אַן עת־צרה. כּל־זמן איך וועל פירן געשעפטן, וועט אייך שלעכט נישט זיין. מיר וועלן שטענדיק צווישן זיך דורכקומען אין די ענינים פון לוין, מיר וועלן נישט דאַרפן גיין צום רב.

—— וואָס האָבן אָבער די משפּחות פון זיינע ארבעטער געהאַט פון זיינע שיינע רייד! יאָרן לאַנג איז שמעון געווען ביי אים פאַרשקלאַפט און דאָך נישט געהאַט קיין געלט צו באַצאָלן אַ דאָקטער פאַר זיין אומ־גליקלעכן חיימל. מרדכי־לייבס הבטחות און דאָס בילן פון אַ הונט איז אַלץ איינס. — איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געזען די מומע אין אַזאַ כעס. — הער מיך אויס, וואָלפקע. מיט די דאָזיקע אַלע זיסע ריידלעך וויל ער אייך צוקלעפּן צו זיך, ווי פליגן צו קלעפּ־פּאַפּיר, און ער טוט עס פּונקט איצט, ווען מען רעדט, אַז די גאַרבער האַלטן זיך ביים פאַראייניקן, דאָס וואָס יענע טוען אין גלאָוונע, קאָנט איר טאָן אין סטריקאָוו.

וו אָ ס ז יי ט ו ע ן א י ן ג ל אָ וו נ ע... איך זוך שנעל אין דער צייטונג, אויף אַלע גרויסע, ברייטע זייטן, איך זוך דאָ און דאָרט דעם נאָמען גלאָוונע און ביי דער זייט די ווערטער: ה יי נ ט ה אָ ט ז י ך ד אָ ר ט אָ נ ג ע ה ו י ב ן אַ ש ט ר יי ק....

איך קאָן נישט געפינען גלאָוונע און קאָן נישט געפינען דאָס וואָרט ש ט ר יי ק.

אָבער איך זע מענער און פרויען, ווי זיי גייען ביינאַכט מיט לאַמ־טערנס פון הויז צו הויז. דאָס זענען די שוועסטער־און־ברידער. פרימעט איז צווישן זיי און אויך פּייוויש. פאַר יעדן הויז בלייבן זיי שטיין. זיי שטייען הינטער די פאַרמאַכטע לאָדנס און רופן. זיי רופן שטיל: ק ו מ ט אַ ר ו י ס! און פרימעט רופט: נ ק מ ה פ אַ ר ח יי מ ל ע ן! און אַלע שרייען: נ ק מ ה פ אַ ר ח יי מ ל ע ן! און אין דער פינצטער־ניש פון דער נאַכט, אָנגעטאָן אין לעדערנע פאַרטעכער, מיט קצבישע העק און שערן אין די הענט, גייען אַרויס גאַרבער, קצבים און שניידער...

17

גרינם אויף שבועות

איך גיי מיט מיין שוועסטער־קינד זעלדע דורכן פעלד ביי דער וואַסערמיל. ס'איז אַ ליכטיקער וואַרעמער טאָג. אונדזערע שיך הענגען אויף די אַקסלען און מיר גייען באָרוועס אינעם טיפן גרינעם גראָז. מיר טראָגן בלימען און ים־שטעקעלעך אַהיים אויף שבועות. זעלדע האָט אַ פולן אָרעם מיט מאַרגאַריטקעס, עפל־בלומען און בעז. די ים־שטעקעלעך, וואָס איך טראָג, זענען לאַנג און גרין. מיר האָבן זיי אָנגעשניטן אין זומפ ביים סטאַוו, ווו עס הייבט זיך אָן דאָס קרויט־פעלד.

— זע ס'אַראַ שיינע, פרעכטיקע מאַרגאַריטקעלעך, — שרייט זעלדע און לויפט אַ שטיקל וועג איבער דער לאָנקע.

בעת איך פאַרמאַך איין אויג און קוק דורך די לאַנגע אויסגעהוילטע ים־שטעקעלעך, קאָן איך זען מיטן צווייטן דעם גאַנצן וועג ביז צו די ווייטע שוועבנדיקע פעדער־וואָלקנס; איבערן טייכל דעם בלעכענעם דאַך פון דער שול, באַזילבערט פון דער זון. אָבער צומבעסטן געפעלן מיר די פלאַכע געשפּאָלטענע ים־שטעקעלעך, וואָס עפענען זיך, ווי לאַנגע גרינגע ליפן, אויף וועלכע איך קאָן פייפן, ווי אַ פויגל, אָדער קרייען ווי אַ האָן, און אויך דעם ניגון פון אקדמות.

עס איז מיר עפעס מאָדנע אויפצובלאָזן אויפן ים־שטעקעלע, וואָס וואַקסט אין זומפ ביי אַ פויליש קרויט־פעלד דאָס געזאַנג פון דער צייט פון מתן־תורה:

אקדמות מילין ושריות שותא...
איידער איך הייב אָן און באַגער צוריידן
וועל איך צום ערשטן נעמען אַ דערלויבעניש
און אַ רשות ביים הקדוש ברוך הוא.

זיין כוח איז אייביק און זיינע נסים
נישט צו דערציילן.
און ווען די הימלען וואָלטן געווען פּאַרמעט
און אַלע וועלדער וואָלטן געווען פּענעס,
ווען אַלע טייכן און אַלע איינגעזאַמלטע
וואַסערן וואָלטן געווען טינט...

אפשר איז עס אַ חטא. אפשר דאַרף מען אַ ק ד מ ו ת שפּילן אויף אַ טראָמפּייט, אויף אַ פידל, אויף אַ האַרפע, אַזוי ווי מען לויבט דעם אייבערשטן אין תהילים. אפשר דאַרף עס איבערגעגעבן ווערן דורך קולות פון אַ שופר, מיט די זעלבע טענער ווי דאַן, ווען משה האָט אַראָפּגעבראַכט די תורה פון באַרג סיני?... —

— איך רייס בלומען פאַר דער מומע לאה, ירוחמקע, קום, העלף מיר רייסן.

זעלדע האַלט אין איר האַנט אַ בינטל ווייסע קליינע בלומען מיט גאָלדענע זונען אין זייערע הערצער. זי איז דין ווי אַ בלומען־שטענגל און אירע ווייכע טונקעלע האָר פאַלן אויף איר פּנים, ווי לאַנגע בלומען־בלעטער פון קוסטעס. זי איז אַ גרויסע שוועסטער־בלום, וואָס בלאָנקעט צווישן בלומען. זיי קוקן צו איר בלאַס געזיכט אַרויף, ווען זי בויגט זיך איין צו זיי. זיי דערקענען זי.

זעלדע האָט זיך איינגעבויגן צו אַ קליין גאָלדן בלימעלע ביים שטעגל. איך וואַרף מיינע ים־שטעקעלעך און לויף צו איר. זעלדע האָט מיר תמיד דערלויבט צו בלאָזן אין איר טאַטנס קלאַרנעט, מיט וועלכן ער שפּילט אויף חתונות. איינמאָל קומט ער אָן און זי כאַפּט קלעפּ. דאָס איז געווען דעמלט, ווען זי האָט נאָך געוווינט אינדערהיים און נאָך נישט געווען קיין דינסטמיידל. זי אַרבעט שווער, כאָטש זי איז נאָך קיין דרייצן יאָר נישט אַלט. דער פעטער גרשון איז אַ בייזער מאַן. זיינע טונקעלע געדיכטע ברעמען זעען אויס ווי וועלדער ביינאַכט. איצט, ווען זעלדע קומט צו אונדז, ברענגט זי מיר קיכלעך, אָפּטמאָל פלוימען אָדער אַגרעסט. אָבער זי וויל נישט זיין קיין דינסטמיידל. זי האָט מיר דערציילט, אַז זי טראַכט אַנטלויפן קיין לאָדזש צו איר ברודער הערשקע, און לעבן ביי אים.

— דער מומע לאהן וועלן געפעלן ווערן די דאָזיקע מאַרגאַריטקעס, — זאָגט זעלדע. — מיר וועלן איר זאָגן, אַז איך און דו האָבן זיי אָנגעריסן פאַר איר, נישט אמת?

— יאָ, און אויך מיינע ים־שטעקעלעך.

איך גיי צוריק און הייב זיי אויף.

— מיר וועלן מאַכן אויף שבועות אַ גאָרטן אין צימער.

— און אפשר וועסטו ברענגען דעם פעטער גרשונס קלאַרנעט און איך וועל אויף אים שפּילן.

— ניין, ירוחמקע, דאָס גייט נישט. דער טאַטע האָט אים פאַר־באַהאַלטן. דאָס לעצטע מאָל האָט ער אים אַזוי פאַרבאַהאַלטן, אַז ער האָט אים אַליין נישט געקאָנט געפינען, ווען דער רויטהאָריקער פייגעס שוועס־טער האָט חתונה געהאַט, און ער האָט טאָקע פאַרלוירן אַ חתונה. אשר דער טויבער האָט געשפּילט אָנשטאָט אים, און דער טאַטע זאָגט, אַז ער האָט געפּטרט אַלע טענץ.

—און ווו האָט מען דעם קלאַרנעט געפונען?

— אין זיידנס אַן אַלטן שטיוול, אויפן בוידעם, — זאָגט זעלדע מיט אַ געלעכטער. — דאָרט האָט אים דער טאַטע פאַרשטופּט. ער איז געווען שטאַרק אין כעס! ער האָט געזאָגט: אויב איך וועל דיך אָדער ירוחמען ווידער פאַקן בלאָזנדיק אין מיין קלאַרנעט, וועל איך אייךביידן בלאָזן אין רעכטן אויער אַזוי לאַנג, ביז פון לינקן וועלן ביי אייך מיט אַ קוואַקע־ריי אַרויסלויפן די זשאַבעס פון דער צווייטער מכה, וואָס גאָט האָט אָנגעשיקט אויף די מצרים.

— איך וויל שוין מער נישט זיין אַלטן קלאַרנעט. מיין טאַטע וועט מיר אַרויסשיקן אַ קלאַרנעט פון לאָנדאָן, אַ גרעסערן קלאַרנעט פון פעטער גרשונס, פינף מאָל אַזוי גרויס, מיט גאָלדענע קלאַפּעס. איך וועל שפּילן אויף אַלע חתונות. און אויך דיר וועל איך לאָזן שפּילן, כ'וועל....

פונוואַנען האָבן זיך גענומען די צוויי פּוילישע גרויסע יינגלעך, וואָס שטייען אויף אונדזער וועג? און פאַרוואָס קוקן זיי אויף אונדז? דער גרייסער מיט די לאַקירטע שטיוול און מיט אַ שפּיצרוט אין האַנט — אים קען איך. דאָס איז אַדאַש. צו זיין טאַטן געהערט די ציגעלניע ביי דער נייער אייזנבאַן. אין פאַריקן יאָר, ווען אַדאַש איז אַלט געווען פופצן יאָר, האָט ער געגנבעט געלט ביי זיין טאַטן, און מען האָט אים געכאַפּט אויף דער דייטשישער גרענעץ. יאַנעקן האָט מען פאַרבעטן צו מאַכן אַ נייעם שלאָס אויף זיין טאַטנס אייזערנער קאַסע. און דאָס צווייטע יינגל, דאָס יינגערע, איז פראַנעק, זיין טאַטע איז אַ גוטבאַזיצער אין מאָטשע־וויץ. ער איז געקומען אויף זומער־צייט פון לוּוויטשער גימנאַזיע, און

פראַנטעוועט אין זיין מונדיר מיט די מעשענע קנעפּ. זיי קומען צו נענ־טער! זעלדע האַלט מיין האַנט. דאָס ייִנגל מיט דער שפּיצרוט זאָגט:

— היי, ייִדן, וואָס טראָגט איר דאָ?

— מיר טראָגן אַהיים גרינס אויף שבועות, — ענטפערט זעלדע. זי דריקט פעסטער מיין האַנט.

— איר האָט זיי געריסן אויף פּוילישע פעלדער, — האָט זיך אָנ־גערופן דאָס ייִנגל מיט דער שפּיצרוט. — פּוילישע בלומען וואַקסן פאַר פּוילישע יום־טובים.

ער קומט צו נאָך נענטער, ער הייבט אויף זיין שפּיצרוט.

— גיב אַוועק דיינע ים־שטעקעלעך, ייִדישער הונט!

זעלדע טרעט אַרויס פאַר מיר, אויסשפּרייטנדיק אירע הענט, ווי פליגלען, זי האַלט די בלומען און איך די ים־שטעקעלעך.

— רירט זיך נישט צו צו אים! — שרייט זי. — ער איז אַכט יאָר אַלט. משעפּעט אים נישט!

איך שטיי הינטער זעלדען און ציטער. אַ ך ז ע ל ד ע, ז ע ל ד ע, ו ו אָ ס ו ו י ל ן ז ײ ט אָ ן מ י ט א ו נ ד ז? ו ו ע ן י אַ נ ע ק ו ו אָ ל ט ד אָ ג ע ו ו ע ן!

די ייִנגלעך קומען צו נאָך נענטער.

— גוט, פאַרשיווע ייִדישקע, נאַ דיר! — זאָגט דאָס ייִנגל מיט דער שפּיצרוט. ער טרעט אָפּ הינטערוויילעכטס און דערלאַנגט זעלדען מיט דער שפּיצרוט איבער דעם קלייד, איבער די פּיס, איבער די נאַקעטע פּיס.

ייִדישער הונט... ווען איך וואָלט געווען... אַ גרויסער ווילדער הונט, וואָלט איך דיך צעביסן!

איך טו אַ שפּרונג צום ייִנגל מיט דער שפּיצרוט. איך גראַבל זיך איין מיט מיינע נעגל אין זיין האַנט. ער לאָזט אַרויס אַ געשריי און דערלאַנגט מיר מיט זיין פויסט אין פּנים אַריין. אַלץ פאַלט אַרום מיר. איך ליג אויף דער ערד. די שפּיצרוט שניידט מיך. איך דריי זיך, איך רעווע און באַמי זיך אויפצושטיין. פראַנעק מיטן מונדיר זיצט אויף מיר. איך באַמי זיך פאַרצווייפלט צו שטעלן אויף די פּיס. ער שלאָגט מיך מיט דער פויסט און זיצט אַלץ שווערער אויף מיר. איך קאָן נישט אָטעמען. איך וויל כאַפּן לופט.

— אך, ירוחמקע, ירוחמקע! — שרייט זעלדע. — קריך אַראָפּ פון אים! לאָזט אים צורו! לאָזט אים אַוועקגיין, זאָג איך אייך!

— טראָג דיך אָפּ! — שרייט דער יונג מיט דער שפּיצרוט. איצט וועל איך דיך מכבד זיין, פֿאַרשיווע יידישקע!

— אַ ך, ז ע ל ד ע, ז ע ל ד ע !

איך קאָן זיך נישט אויפהייבן. אָבער איך זע, ווי די שפּיצרוט הייבט זיך אַרויף און אַראָפּ. ווידער און ווידער אויף זעלדעס נאַקעטע פּיס, אויף איר רוקן, אויף אירע אַקסלען. זעלדע שרייט נישט. זי שטייט און האַלט פעסט די בלומען. זי שטייט און בייגט זיך און פֿאַרשטעלט איר קאָפּ מיט דער האַנט יעדעס מאָל, ווען די שפּיצרוט לאָזט זיך אַראָפּ.

די בלומען זענען אַרויסגעפאַלן פון אירע הענט, די געלע, די ווייסע, און די בלויע בלומען ליגן אונטער די פּיס מיט די לאַקירטע שטיוול. אָבער זעלדע, זעלדע שרייט נישט...

די יונגען זענען אַוועק. די שפּיצרוט הייבט זיך שוין מער נישט אַרויף און אַראָפּ. איך קען נישט זען זעלדעס פּנים. זי האָט אים פֿאַרשטעלט מיט איר האַנט. איך הער בלויז איר שטיל געוויין. איך זע בלויז די אָדערן אויף אירע פּיס, אירע בלוי־אָנגעשוואָלענע פּיס באַגאָסן מיט בלוט.

18

די שוועסטער־און־ברידער

— מיר ווערן געהאַסט און געטריבן...

פרימעט זינגט, זי שטייט נעבן דער רויטהאָריקער פייגע ביים פענצטער. אירע טונקעלע אויגן קוקן אויפן פייער, וואָס ברענט אין אויוון.

—מיר ווערן געהאַסט און פאַרפאָלגט...

פיניע בלבוניק שטייט ביים טיש און באַוועגט ליכט מיט דער האַנט, הין און צוריק, אַזוי ווי פרימעט זינגט. אַנדערע שטימען פון מע־נער און פרויען זשומען שטיל מיט, ווי אַ פאָרהאַנג פון ווייכע טענער.

און אַלעס דערפאַר, וואָס מיר ליבן
דאָס אָרעמע אַרבעטער־פאָלק!
דאָס אָרעמע אַרבעטער־פאָלק!

יאַנעק זינגט אויך.

ס'איז מאָדנע צו הערן, ווי אַ פּאָליאַק, אַ מענטש, וואָס טראָגט אַ נישט־יידישן קורצן בגד אָנגעטאָן אויף אַ פּויעריש העמד, זינגט אין אַ יידישער שטוב מיט יידישע ווערטער. אַ פּאָליאַק זינגט אין אונדזער שטוב! אַ ברודער פון די יידישע שוועסטער־און־ברידער.

איך זיץ ביים טיש און פאַרשרייב די ווערטער ביי דעם ליכט פון נאַפט־לאָמפּ. איך האָב ליב צו שרייבן פאַר די שוועסטער־און־ברידער, זיי זאָלן קאָנען זינגען, ווי פרימעט. איצט וועט יעדער איינער קאָנען נע־מען דאָס ליד צו זיך אַהיים און אויסלערנען עס אויף אויסנווייניק. פיניע בלבוניק זאָגט, אַז נישט בלויז איך העלף אים, נאָר איך לערן מיך דער־

ווייל אוים שנעל שרייבן. אַ גליק, וואָס די טרויעריקע רבקה וווינט אין שכנות, קאָנען די שוועסטער-און-ברידער זינגען אָן שום סכנה. אפשר וועט פּיוויש זיי דערהערן? איך וואָלט וועלן ער זאָל זען, וואָס איך טו איצט. ער וואָלט געוועזן צופרידן. און איך בין צופרידן, וואָס די מומע זאָגט, אַז זיי קאָנען קומען אַהער און זינגען, ווייל זיי ווילן זיך נישט באַגעגענען ביי פריידע-מלכהן נאָך חיימלס טויט. עוזר בייגט זיך צו מיר צו און שעפּטשעט:

— הער זיך גוט צו ווי מען זינגט, ירוחמל, און פאַרשרייב פּינקט-לעך. געדענק — און זיינע אויגן שמייכלען — אַז מיר זענען אַ ביסל קורצזיכטיק, ווען עס קומט אונדז אוים צו לייענען פון האַנטשריפט.

ווען פּיניע וואָלט מיר נישט געהאָלפן ביים אויסלייגן, וואָלט איך נישט געקאָנט שרייבן.

די מומע קוקט אויף מיר פון איבער דעם טיש. אירע אויגן זענען שמאָל, זיי זאָגן: באַוויז זיי, ירוחמקע, וואָס דו קאָנסט.

אויפן אויסגעליניירטן פּאַפּיר פאַרשרייב איך, וואָס פרימעט זינגט. איר שטים איז הויך און קלאָר, ווי ביי אַ יינגל אַ משורר. ווען איך וואָלט נאָר געקאָנט פאַרשרייבן די ווערטער, אַזוי ווי זי זינגט זיי! זאָרגפעליק שרייב איך די מאָדנע נייע ווערטער. און בעת איך שרייב זינג איך אין זיך. פּרימעט זינגט:

טוט אונדז אָן אייזערנע קייטן!
הענגט אונדז אויף תליות אויף הויכע....

שווערע קלינגענדיקע קייטן זענען אין זייערע הענט. זיי כאַפּן זי פאַר אירע אָרעמס, פאַר די האָר, פאַר די גלאַנציקע שוואַרצע געפלאָכטענע האָר. אַך, פּרימעט! איר ווייך, צאַרט פּנים און אירע טונקל-ברענענדיקע אויגן! אַך, פּרימעט, רייס זיך אַרוים פון זיי! אָבער זי האָט נישט קיין שרעק. געשמידט אין קייטן שטייט זי אַ גלייכע. זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און איר געזאַנג פאַרשטאַרקט זיך:

בלויז אונדזער לייב קענט איר טויטן,
אומצעבראָכן איז דאָך אונדזער גייסט!
אומצעבראָכן איז דאָך אונדזער גייסט!

די שוועסטער-און-ברידער שטעלן זיך אין אַ קרייז און זינגען די ווערטער, וואָס איך האָב פֿאַרשריבן. פרימעט שטייט נעבן יאַנעקן און לייענט אים פֿאָר:

פֿאַרשפּאַרט און הרגעט אונדז, טיראַנען!
נייע קעמפֿער וועלן איבער דער נאַכט אויפֿשטיין...
פֿאַרשפּאַרט אונדז און הענגט אונדז, טיראַנען,
אָבער מאָרגן מיר קומען צוריק...

עוזר זינגט מיט אַ טיפֿער נידעריקער שטים. וואָס העכער די איבעריקע זינגען, אַלץ נידעריקער קלינגט זיין שטים. ער זינגט אַלץ טיפֿער און טיפֿער. פּונקט ווי די טענער וואָלטן אַרויס פֿון אַ טיפֿן ברונעם — מיט זון-אויפֿגאַנג...

—דאָס איז געווען גוט, — זאָגט פֿיניע כּלבוניק, — אָבער עס וואָלט נישט געשאַדט עטוואָס פֿעסטער און מער וואָרענונג. איר בעט זיך דאָך נישט ביי די טיראַנען זיי זאָלן אייך אַריינזעצן אין תּפֿיסות, זיי זאָלן אייך טויטן, איר טרעט דאָך אַרויס קעגן זיי, פֿאַרשפּאַרט אונדז און הענגט אונדז, טיראַנען! דאַרפֿט איר עס דאָך זינגען אַזוי, אַז פֿונקען זאָלן פֿליען.

פֿיניע כּלבוניק מאַכט מיט זיינע הענט אַהין און צוריק. ער שאָקלט אויך מיטן קאָפּ. איצט באַוועגט ער זיינע הענט צו פֿרימעטן און צו דער רויטהאָריקער פֿייגע: העכער, העכער! צו יאַנעקן: אָט אַזוי, געמעסיקט, צו עוזרן און צו לייביש גיבור: נידעריקער, נידעריקער. זיינע ליפּן מאַכן ש-ש-ש, בעת ער קוקט אויף די צוגעמאַכטע לאָדנס. זיין קליין טייוולאָניש אויג שפּרינגט פֿון איין שטים צו דער צווייטער, לייגנדיק אַכט אויף די טענער.

עוזר זינגט. איך האָב נישט געוווסט, אַז די שוועסטער-און-ברידער זענען געווען אַזוי נאָענט, אַז זיי זענען געקומען גלייך פֿונעם פֿעטערס וואַרשטאַט. עוזר האָט אין בית-מדרש שוין נישט אָפּגעטראָטן דעם וועג פֿאַר לייזער-מאיר פּראָצענטניק. ער שטייט ווי אַ חזן, וואָס זינגט פֿאַר אַן עולם. ער זינגט טיף. ער זינגט וועגן אַ לאַנד פֿון פּיראַמידן, ווי אַ בייזער קעניג האָט פֿאַרשקלאַפֿט אַלע ייִדן. פּרעה! ער זינגט וועגן פּרעהן און די ייִדן! אָבער וואָס איז עס אַזוינס דאָס לאַנד פֿון פּיראַמידן? איך

זויל אים פרעגן. ניין, איך טאָר נישט אויפהערן צו שרייבן. דער חומש זאָגט גאָרנישט וועגן די פּיראַמידן. צי זענען דאָ אַנדערע ספרים, וואָס דערציילן מער, ווי דער חומש?

קנעטן ליים און שלעפּן ציגל,
בויען שלעסער הויך און רייך...

פּיתם און רעמסס! איך דערמאָן מיך: די מצרים האָבן באַפוילן די קינדער פון ישראל בויען שטעט. ווי אַזוי איז עס אַלץ אַריין אינעם ליד, וואָס מען זינגט דאָ אין אונדזער שטוב?

קינדער האָט מען דאַן פאַרמויערט,
ווען אַ ציגל האָט געפעלט...

אַך, מיט אַ קינד!

ווער ווייס ווי לאַנג עס וואָלט געדויערט,
דיזע וויסטע שקלאַפן־וועלט...

דער פעטער! ער שטייט מיט אַ קעלניע אין דער האַנט פאַר אַ הויכער פריש־געמויערטער וואַנט. אין מיטן וואַנט איז אַ לאָך, וווּ עס קאָן אַריין אַ גרויסער ציגל. דער אויפזעער שטייט מיט אַ שטעקן אין דער האַנט. ער שרייט: אַ צ י ג ל פ ע ל ט! אַ צ י ג ל פ ע ל ט! און ער לאַכט מיט אַ הויך געלעכטער. א י צ ט מ ו ז ס ט ו ב ר ע נ ג ע ן ד יי ן ק י נ ד ד יי ן י ר ו ח מ ע ן ב ר ע נ ג!...

— ירוחמקע, נשמה מיינע, וואָס איז מיט דיר? — די מומע שטייט איינגעבויגן איבער מיר און דריקט מיין קאָפּ צו איר ברוסט.

— פעטער, ווו איז דער פעטער?

— אוצר מיינס, מיין קינד, וואָס איז מיט דיר? דער פעטער איז אויף נאַכט־אַרבעט. וואָס דאַרפסטו דעם פעטער? עמעץ האָט געגעבן אַן עין־הרע מיין קינד! שפּיי אוים דריי מאָל, מיין טייערער. צו געזונט זאָל דיר זיין. אמן, אמן, אמן.

מען האָט אויפגעהערט זינגען, איך שעם מיך, וואָס איז מיט מיר געשען? איך האָב מסתמא רוכגעלאָזט אַ סך ווערטער.

— וואָס איז געשען? ירוחמל איז קענטיק פאַרמאַטערט, — האָט זיך אָנגערופן די רויטהאָריקע פייגע.

— ניין, ניין, — זאָגט די מומע. — זאָל עוזר דעם לעצטן טייל אי־בערזינגען נאָכאַמאָל.

ווער ווייס ווי לאַנג ס'וואָלט געדויערט
דיזע וויסטע שקלאַפן־וועלט,
ווען אינס לאַנד פון פּיראַמידן
וואָלט נישט זיין אַ שטאַרקער העלד.
און ער האָט באַפרייט די יידן,
פון דעם וויסטן שקלאַפן־יאָך.

עוזר זינגט ווידער:
ער מיינט משהן, וועגן משהן זינגט ער!

און פאַריבער זענען ברידער,
מיליאָנען טעג און נעכט
און איצט יידן זענט איר ווידער
פּרעה'ס קנעכט.

— וואָס אמת, איז אמת! — מורמלט די מומע.
פאַרוואָס איז נישט דער פעטער אַ שוועסטער־און־ברודער?

פאָלק! ווער וועט דיך איצט באַפרייען,
ווו איז ער, דיין שיינער העלד?

עוזר שטייט אויסגעצויגן, ווי אַ סטרונע. ער איז קיינמאָל נישט גע־זען אַזוי הויך, ווי איצט. זיין שטים איז איצט פעסטער. ס'איז אַן אמת'ער שיפרות־רוף פאַר די יידן.

ווען דו ווילסט קיין קייטן טראָגן
פאָלק, זיי אַליין דער שיינער העלד,
אַלע שקלאַפן זענען ברידער
רייכט זיך ברידערלעך די הענט.

און עוזר וואַקסט אויס אַזוי הויך ווי משה.

די מומע דערלאַנגט טיי.

אַלע זיצן אַרום טיש; יאַנעק און פרימעט זיצן נאָענט איינער נעבן צווייטן אויף דער באַנק, וואָס די מומע האָט אַריינגעבראַכט. פיניע כלבו־ניק זיצט אויבן־אָן, ווי אַ באַלעבאָס. איך זיץ נעבן אים אויף אַ סי־ראָפ־פאָס.

—טרינק, פיניע, — לאַכט די רויטהאָריקע פייגע. — ס'איז אַ סגו־לה אויף דורכצושווענקען דעם האַלדז.

די רויטהאָריקע פייגע האַלט אין איין לאַכן. די מומע זאָגט, אַז זי וועט אפילו לאַכן אונטער דער חופה, ווען אַלע יידישע כלות וויינען מיט ביטערע טרערן. דער פעטער זאָגט, אַז זיין אַמאָליקער באַלעבאָס, דער אומגליקלעכער פאַראַליזירטער סענדער לעווין איז צופרידן, וואָס זיין טאָכטער טראָגט אַריין לעבן אין שטוב.

פיניע כלבוניק הייבט אָן טרינקען זיין טיי.

— ווען מיין שטים וואָלט געוואָרן נאָך מער הייזעריק, וואָלט איך געקאָנט ווערן חזן אין סטריקאָוו.

אַלע לאַכן. די מומע זאָגט:

— זאָל איך דערלעבן צו הערן אויף מיין ירוחמקעס חתונה אַזאַ מין זינגען, ווי איך האָב געהערט פון דיר, פיניע, און פון אַלע אַנדערע הייניטיקן אָוונט.

— האָט איר געהערט? האָט איר אַלע געהערט? — פיניע כלבוניק גייט צו צו דער מומע און דריקט זי צו זיין האַרץ. — לאה, אינעם טאָג פון ירוחמלס חתונה וועל איך איינשלינגען אַ טוץ רויע אייער, כ'וועל גוט דורכשווענקען מיין האַלדז און וועל זינגען ווי אַ קאַנאַריקל.

— אינעם טאָג פון ירוחמהלס חתונה, די רויטהאָריקע פייגע לאַכט ווידער:

— פריער דאַרף ער נאָך האָבן אַ כלה. האָסט שוין אַ כלה, ירוחמל?

איך דריי אָפּ דעם קאָפּ. איך ווייס נישט וואָס צו ענטפערן. אילזע...

די מומע ענטפערט:

— ער האָט נאָך צייט צו טראַכטן וועגן אַ כלה. ער וועט קיין בחור נישט בלייבן.

— וועסטו מיך נעמען, ירוחמל, אויב איך וועל אויף דיר וואַרטן? — פרעגט די רויטהאָריקע פייגע.

— ווער וועט דיך לאָזן וואַרטן אויף אים? — שפּאָסט עוזר.

אַלע לאַכן ווידער. פיניע כלבוניק זאָגט צו דער מומע:

— אַלזאָ, לאה, ס'איז נישט געווען אַזאַ שלעכטע באַגעגעניש דאָ? ווייניקסטנס קאָנען מיר דירה=געלט באַצאָלן מיט געזאַנג.

די מומע זאָגט:

— ווען איך וואָלט נאָר געקאָנט עפּעס מער אויפטאָן פאַר פריידע=מלכהן!

דאָס לאַכן הערט אויף.

— אויך צוליב איר זינגען מיר דאָ, — זאָגט פיניע כלבוניק. — זי ווייסט עס. און פאַר די אַלע, וואָס ליידן.

אַלע שווייגן.

— מומע, פאַרוואָס זינגסטו נישט מיט די שוועסטער=און=ברידער?

— אַוודאי, — שרייט די רויטהאָריקע פייגע און אַלע אנדערע, — פאַרוואָס זינגסטו עס נישט, לאה?

— וואָלט איך געהאַט פרימעטס אָדער פייגעס קול, וואָלט איך אַריינגעטראָטן אין אייער כאָר.

פרימעט זאָגט שטיל:

—איך וועל מיט אייך מער נישט זינגען.

יאַנעק הייבט שנעל אויף דעם קאָפּ. ער קוקט אַ לאַנגע צייט אויף פרימעטן. פרימעט נעמט זיין האַנט און דריקט זי פעסט.

— פאַרוואָס וועט זי מער נישט זינגען מיט די שוועסטער=און=ברידער? פאָרט זי אַוועק?

— וועסט אַנדערשוו זינגען, — זאָגט עוזר.

וווהין פאָרט זי? ערגעץ ווייט? וועט זי צוריקקומען? וועט זי צוריקקומען צו יאַנעקן? מיר שיינט, אַז ער האָט זי ליב.

— אָבער וואָס וועט אַ יונג מיידל, ווי דו, טאָן אין דער פרעמד? — פרעגט די מומע.

— דאָס האָט געמוזט פּאַסירן, — האָט זיך אַריינגעמישט די רויטהאָריקע פייגע. — איר מאַמע וואָלט זי אַמגרייזלעכסטן געוואָלט פאַרשפאַרן אונטער זיבן שלעסער.

— זי וועט געפינען אַרבעט, — זאָגט עוזר, — און אין אָנפאַנג וועט איר די לאָדזשער אָרגאַניזאַציע העלפן.

זאָרגט אייך נישט וועגן פרימעטן, — האָט זיך אָנגערופן פיניע כלבוניק. — אויב זי האָט באַשלאָסן עפּעס צו טאָן, איז עס אַלץ איינס ווי אָפּגעטאָן.

זי האָט באַשלאָסן אַוועקצופאָרן. אין דער ווייבער־שול האָט די מאַמע זי נישט געקאָנט אײנהאַלטן. אָבער צי וועלן זיי איר לאָזן חתונה האָבן מיט יאַנעקן, אויב ער איז נישט קיין ייד?

— ווען פרימעט וועט זיין אין לאָדזש, — האָט געזאָגט לייביש גי־בור, — דעמלט קאָנען מיר זיין זיכער, אַז די לאָדזשער אָרגאַניזאַציע וועט וויסן, וואָס די סטריקאָווער גאַרבער האָבן דאָ אויסצושטיין. און אַז ס'וועט זיין אַ נויטווענדיקייט, קאָנען מיר רעכענען אויף הילף.

— די לאַגע זעט איצט אויס אַזוי, אַז די היגע פרעהס האָבן דאָ באַלד אַ שטרייק, ווי אין קעשענע, — זאָגט יאַנעק.

אַ שטרייק! וועלן די ציימונגען אויך שרייבן וועגן אונדזער שטרייק?

— ה י י נ ט ה א ָ ט ז י ך אָ נ ג ע ה ו י ב ן א ַ ש ט ר י י ק א י ן ס ט ר י ק א ָ ו ו.

פיניע כלבוניקס קליין טייוולאָניש אייגעלע קוקט אַרויף.

— און אַ טייל פון די פרעהס האָבן יידישע בערד אויף זייערע פנימער.

ער רעדט ווייטער מיט אַ געענדערטער שטים:

— כ'האָב געבעטן שמחהן דעם שניידער אַהערקומען. אפשר האָט ער עפעס גיים פאַר אונדז.

וועלוולס פאָטער. ער קומט אויך אַהער!

— איך האָף, אַז מיר באַגייען נישט קיין פעלער, — זאָגט עוזר.

— מען קאָן אים געטרויען. ער וועט אונדז העלפן.

פרימעט פרעגט:

— אָבער צי ווייסט ער און צי איז ער מסכים מיט דעם, וואָס אונ־דזער קרייז וויל?

— ער האָט אַ שטיקל השגה אין אונדזערע ענינים, אָבער פאָרלייפיק בלויז מיטן הארץ.

— מיר וועלן אים העלפן צו באַנעמען אויך מיטן קאָפּ.

— פיניע כלבוניק קוקט מיט זיין רעכט אויג אויפן טיש. ער קוקט נישט אויף קיינעם, אָבער רעדט צו אַלעמען:

— אונדזער קרייז איז נישט בלויז אונדזער קרייז, מיר וועלן זיך פון פאָלק נישט אָפּשליסן. ער איז דערפאַר אונדזערער, ווייל מיר האָבן אים גאָר נישט געענוג אויסגעברייטערט פאַר די אַלע שמחה שניידערס און וואָלפקע גאַרבערס, וועלכע דאַרפן צו אונדז געהערן.

עס הערן זיך טריט הינטערן פענצטער. די מומע קוקט אָן איבער־געשראָקענע.

וועלוועלס טאַטע שטייט אויף דער שוועל. ער איז אַ הויכער, אָבער מיט אַ צעקרימטן רוקן. דער פעטער זאָגט, אַז אַלע שניידער האָבן גע־בויגענע רוקנס, פּיניע כּלבוניק גייט צו צו אים:

— קום אַריין, שמחה, ביסט צווישן אייגענע.

— נו, און טרינק אוים ביי אונדז אַ גלעזל טיי, — זאָגט די מומע.

וועלוועלס טאַטע גלעט מיין קאָפּ.

— וועלוול וועט נאָך דיר בענקען מער ווי נאָך אַלע אַנדערע זיינע חברים, ווען ער וועט, אם ירצה השם, נאָך פּסח אַוועקפאָרן ווי אַ לערן־ייִנגל קיין בזשעזשין.

איך וועל נישט אַנטלויפן. איך וועל איים־האַלטן, ווי מיין טאַטע, — האָט וועלוול געזאָגט, ווען ער האָט פּורים געמאַכט דעם גרעגער אין אונדזער שטוב.

— דו האָסט געזאָגט, שמחה, אַז דו וועסט אפשר האָבן גיים פאַר אונדז, פרעגט פּיניע כּלבוניק.

— איך האָב. אָט דעריבער בין איך אַהער געקומען. נאָר, — וועלוולס טאַטע קוקט זיך אַרום אויף אַלע זייטן, — אויב מיין שוואָגער שמילעק וועט חס ושלום זיך דערוויסן, וועט ער...

— האָסט נישט וואָס מורא צו האָבן, שמחה. פון אונדז וועט שמילעק פורמאַן זיך גאָרנישט דערוויסן.

וועלוולס טאַטע זאָגט שטיל:

— שמילעק קלייבט צונויף די באַלעגאָלעס. זיי וועלן אָנגערופן ווערן שומרי־שבתניקעס. מרדכי־לייב, מרדכי־לייב האָט עס אים געהייסן טאָן.

— דאָס איז נישט בלויז מרדכי־לייב אַליין, — זאָגט צו די שוועס־טער־און־ברידער לייביש גיבור אַ פאַרדאַגהטער, — איר קאָנט זיין זיכער, אַז די איבעריקע גאַרבערײ־באַלעבאַטים שטיצן די דאָזיקע אונטערנעמונג, כּאַפּט זיי די כּאַליערע!

—וואָס נאָך האָט מרדכי־לייב געזאָגט דיין שוואָגער? — פרעגט פּיניע כּלבוניק.

— דאָס וואָס איך זאָג אייך, האָט שמילעק דערציילט מיין ווייב. מרדכי־לייב האָט אים געזאָגט, אַז די גאַרבער גרייטן זיך צו אַ שטרייק און אַז די שומרי־שבתניקעס דאַרפן אָנברעכן די ביינער יעדן איינציקן

שטרייקער. ער האָט צו זיי געזאָגט, אַז שטרייקער זענען מחלל־שבתניקעס.
— מחלל־שבתניקעס זענען שטרייקער! — לאַכט עוזר.
די מומע רופט זיך אָן:
— איז דאָך אמת, וואָס פיניע האָט פריער געזאָגט, אַז זיי זענען פּרעהם מיט יידישע בערד אויף די פּנימער.
פּיניע כלבוניק גייט צו צו וועלוולס טאַטן און דריקט אים די האַנט
— אַ דאַנק, שמחה. האָסט אונדזע אַלעמען היינט געטאָן אַ גרויסע טובה.
וועלוולס טאַטע זאָגט:
— איך מוז באַלד גיין. איך האָב זיך אַרויסגעגנבעט פון שטוב. מיין ווייב קאָן זיך חידושן.
ווייסט ער ס'אַרבט שלעכטע שט'ף־מאַמע זי איז פאַר וועלוולען?
פּיניע כלבוניק זאָגט:
— מיר וואָלטן אַלע צופרידן געווען, ווען דו קענסט נאָך פאַרבלייבן אַ ביסעלע מיט אונדז.
— יאָ, שמחה — רופן זיך אַלע אָפּ.
— נו, נאָך אַ ביסעלע.
וועלוולס טאַטע זעצט זיך נעבן מיר און נעמט מיך אַרום מיט דער האַנט.
— און בנוגע דעם, אַז שטרייקער זענען מחלל־שבתניקעס — ווינקט פּיניע כלבוניק מיט זיין קליין טייוולאָניש אייגעלע — דאָס וועלן מיר אַלע איינגיבן זען. ס'איז בעסער צו שטרייקן אין געוויינלעכע וואָכעדיקע טעג.
יאַנעק זינגט.
ווי אַנדערש זעט ער אויס, בעת ער זינגט: עלטער און גרעסער. זיינע גרויע אויגן זענען נישט אויס אַזוי באַשיידן, ווי פריער. און זיינע בלאָנדע האָר פאַלן אויף זיין פּנים און שפּרינגען צוריק, ווען ער באַוועגט מיטן קאָפּ.
אָד, ווען די פּוילישע יונגען, וואָס האָבן געשלאָגן זעלדען, וואָלטן דאָ איצט געקענט זיין...
איך קוק אויף פּיניע כלבוניק. איך קען קיין פּויליש נישט שרייבן.
— דו האָסט געגנוג, ירוחמל, אין איין אָוונט אויפגעטאָן פאַר דער פרייהייט — שעפּטשעט ער. איצט גיב מיר די פען.
ער זעצט זיך צו צום טיש.

— יאַנעק זינגט גוט, נישט אמת, ירוחמל? איך פאַרריכט אויך שלע־סער, אָבער איך האָב נישט אַזאַ שטים, ווי ער.

פיניע כלבוניקס קאָפּ איז ווען ער שרייבט, איינגעבויגן אויף איין זייט. זיין פּען באַוועגט זיך פון לינקס אויף רעכטס, ווי בעת פּרימעט שרייבט ענגלישע אַדרעסן אויף די קאָנווערטן צו מיין טאַטע־מאַמע קיין לאָנדאָן. קאָמיש וואָס פּויליש שרייבט זיך ווי ענגליש, כאָטש ענגלאַנד גע־פינט זיך אַזוי ווייט און נישט ווי יידיש, וואָס ווערט דאָ אין אונדזער שטאָט גערעדט...

דאָס ליד איז שטאַרק און האַרט. יאַנעק קלאַפּט מיט דער פויסט צום טאַקט און אין זיינע אויגן צינדט זיך אָן אַ פייער. פּרימעט קוקט אויף אים און דאָס פייער פון זיינע אויגן באַלייכט אירע. די שוועסטער־און־ברידער זינגען מיט אָנגעשטרענגטע פּנימער. וועלוולס טאַטע ברומט צו־זאַמען מיט אַלעמען. אפילו די רויטהאָריקע פייגע לאַכט נישט מער.

צי זענען אונדז שרעקלעך האַרמאַטן און ביקסן,
ווען מיר שטייען פאַר פרייהייט אין קאַמף?

פיניע כלבוניק שרייבט שנעלער. ער האַלט די פּען, פּונקט ווי אַ שפּיז. אין די ווערטער פילט זיך קאַמף און סכנה. איך פיל מיך שטאַרק צווישן די שוועסטער־און־ברידער. איצט זינגען זיי שטילער. אָבער די טענער קוילערן זיך, ווי אַ נישט־איבערגעריסענער דונער.

דערלאַנגט אייך די הענט, פּאָליאַקן, יידן, רוסן,
און שאַפט אַ רעפּובליק אין אונדזער לאַנד.

וואָס איז אַזוינס אַ רעפּובליק?...

צו די זינגענדיקע האָט זיך פאַראייניקט נאָך אַ שטים. סאַראַ פולע, טיפע שטים. עס איז נידעריקער פון עוזרס באַס. די שטים קומט פון אי־בער דער וואַנט! אַך, פייוויש! די שוועסטער־און־ברידער הערן אויף צו זינגען. זיי קוקן איינער אויפן צווייטן און אַלע שווייגן. פיניע כלבוניק קוקט אויף וועלוולס טאַטן. ער קוקט טיף אין זיינע אויגן. אַ שטילקייט הערשט אין גאַנצן צימער. מיטאַמאָל הייבט ער אָן ווידער צו באַוועגן מיט די הענט און רופט אוים מיט אַ זיכערער שטים:

— מיר קענען ווייטער זינגען!

19

ביינאַכט אין סאָד

פרייטיק צונאַכט, נאָך דער סעודה זיצן מיר אינדרויסן נעבן אונדזער שטרויענעם געצעלט אין סאָד. די לבנה מיט איר גרויסן זילבערנעם אויג קוקט דורך די צווייגן פון די עפּל־ביימער. די ליכט האַלטן זיך פעסט אויפן טיש אינעם צעגאָסענעם חלב, אָבער דאָס פייער איז פאַרלאָשן. אינעם שטיינערנעם גרוב טליעט נאָך אַ קליין פייערל. די טונקעלע פליגלען פונעם נאַכט־ווינטל טראָגן אַוועק קליינע רויטע פונקען. די הייַשעריקן גרילצן אין גראָז.

ס׳איז אַ מחיה צו זיין ווידער אין אָסיאַניקע, צו לעבן אַ גאַנצן זומער אין סאָד, וווּ דער פעטער אַרבעט, אַרומגערינגלט מיט קאַרשן־, פלוימען־, באַרנע־ און ניס־ביימער. גוט איז צו קריכן אויף די גרויסע, פעסטע קאַשטאַן־ביימער, ביים ראַנד פון סאָד, פון וועלכע מען קען אָפּברעכן צווייגן אויף שפּיצרוטן, אויף בויגנס און פייפעלעך. ס׳איז דאָ גאַנץ אַנדערש, ווי אין סטריקאָוו: די פעלדער און לאָנקעס, וווּ איך קען אַרומלויפן מיט אילזען; דער פיש־סטאַוו מיט זיין גרויסן, שטילן וואַסער־שפּיגל און זיינע פלוצעם־אויפשפּרינגענדיקע אויגן; די פּויערישע כאַטקעס, וואָס שטייען ווי אויסגעוואַשענע אין איין ריי אויף דער צווייטער זייט טייכל, פונוואַנען עס טראָגט זיך דער וואַרעמער ריח פון פריש־געבאַקענעם ברויט.

די מומע איז אַוועק אין געצעלט. זי קומט צוריק מיט אַ שיסל סעמעטשקעס און שטעלט זי אַוועק אויפן טיש. זי זעצט זיך ווידער נעבן פעטער אויפן קלאָץ אַנטקעגן דעם פריץ שעפּעל. דער פעטער לייגט אַוועק אַ הויפן סעמעטשקעס פאַר מיר. דער פריץ שעפּעל נעמט אַ הויפן פון שיסל. ער רוקט זיך עטוואָס אָפּ פון טיש און שפּאַרט זיך אָן צום בוימשטאַם, אויף וועלכן ער זיצט און ברעכט אויס אין אַ לאַנגן געלעכטער.

— כאַ־כאַ, כאַ־כאַ־כאַ! מיין אילזע, מיין קליינע אילזע טראָגט דעם נאָמען נאָך איר באָבען, זאָל זיין געבענטשט איר אָנדענק, וועלכע פלעגט שטענדיק צו מיר זאָגן: „היינצכען" — אַזוי פלעגט זי זאָגן — „איך זאָג דיר, אַז עמעץ אין דיין משפחה האָט געמוזט זיין אַ ייד". זי, זאָל ביי גאָט רוען איר זעל, האָט אַזוי געזאָגט, ווייל איך האָב ליב געהאַט דיקליינגערס. כאַ־כאַ־כאַ, היינץ שעפעל אַ ייד! — ער פאַטשט זיך אין די קני. זיינע דייטשישע ווערטער זענען רוי און גראָב. — אָבער שדים ווייסן, צי עס איז נישטאָ קיין אמת אין אירע רייד; איך קום דאָך אָהער פאַרזוכן אַ שטיקל געפילטע פיש און אייער שבת־שנאַפּס, כאַ־כאַ־כאַ!

ער איז שיעור נישט אַראָפּגעפאַלן פון שטאָם. זיין גרויסער קוילעכ־דיקער קערפּער שאָקלט זיך ווי אַ גרויסער טאָפּ פון איין זייט אויף דער צווייטער און זיינע הענט האַלטן זיך ביים קאַנט פון טיש.

— כ'מיין — האָט געזאָגט דער פעטער פון יענער זייט טיש, — גאָט האָט געוווסט, וואָס ער טוט, ווען ער האָט אייך נישט געמאַכט פאַר קיין ייד, הער שעפעל. די מומע נעמט אַראָפּ די כלים פון טיש. זי רעדט נישט. עס זעט אויס, ווי זי וואָלט געווען אין כעס. זי שטעלט אַוועק אַ שיסל אויף דער ערד פאַר בורעקן. בורעק שפּרינגט אַרום איר, ער שפּרינגט אויף איר מיט זיינע פאָדערשטע לאַפּעס, דרייט מיטן האָריקן וויידל און וואַיעט מען זאָל אים געבן עסן.. די מומע זאָגט צו אים:

— נישט קיין סך איז פאַר דיר היינט געבליבן, בורעק. אַ מאָגע־רער שבת פאַר אונדז, אַ מאָגערער ביין פאַר דיר. אומזיסט דרייסטו מיטן וויידל.

דער פעטער נעמט אַ קרוג, וואָס שטייט אויפן גראָז און גיסט אָפּ זיינע שפּיץ פינגער מיט מים אחרונים. ער נעמט זיך צום בענטשן. איך עפן אַ קליינעם רויט־געבונדענעם סידור און בענטש אויך:

ברוך אתה...
ובטובו הגדול, תמיד לא חסר לנו,
ואל יחסר לנו מזון לעולם ועד...
כי הוא אל זן ומפרנס לכל, ומטיב לכל...

דער פריץ שעפעל שטופּט אָפּ בורעקס פּיסק און זאָגט צום פעטער מיט אַ שמייכל:

— וואָלפקע, אפשר וועסטו אויך פאַר מיר טאָן תפילה?

— פאַרוואָס זאָל ער פאַר אייך תפילה טאָן, פריץ שעפעל? — רופט זיך אָן די מומע, ארויסקומענדיק פונעם געצעלט. — גאָט האָט אייך גע־געבן אַזוי פיל, אויף אונדז געזאָגט געוואָרן. צו אייך געהערט גאַנץ אָסיאַנ־קע, פעלדער, קוים אַרומצוכאַפּן מיטן אויג, דער סטאַוו, דער סאָד, וואָס איר פאַרדינגט אונדז אויף זומער, דאָס הויז, די שייערן און אַלע פערד, פי און שאָף — אַלץ געהערט אייך. צוואָס זאָלן מיר פאַר אייך תפילה טאָן?

— ווילט פאַרשטיין, פרוי וואָלפּקע, אַז אויב אייער מאַן טוט תפי־לה פאַר מיר, און גאָט איז גוט פאַר מיר, קאָן איך זיין גוט פאַר אים, פאַר אייך ביידן. דאָס הייסט — אויף אַזאַ אופן וועט איר פאַר זיך שנע־לער אויסבעטן, ווי אויפן אַלטן שטייגער.

— איך פאַרשטיי נישט, הער שעפעל, — קנייטשט דער פעטער זיין שטערן.

דער פריץ שעפעל בייגט זיך איין צום שטיינערנעם אויוון און צינדט אָן אַ צווייגעלע צו פאַררויכערן אַ פּאַפּיראָס.

— אַנו, זאָג זשע מיר, וואָלפּקע, ווי אַלט ביסטו?

— ווי אַלט? לאָמיר אַ טראַכט טאָן. — דער פעטער קראַצט זיך די באָרד. — ניינצן יאָר זענען פאַריבער נאָך דער גרויסער שרפה. מיט זעקס יאָר פריער האָבן מיר חתונה געהאַט, וואָס, לאה? און נאָך מיט צוויי יאָר פריער בין איך אַוועק אויף דער מלחמה קעגן טערק. ס'איז אַ קימאַ לן פון ניינצן , זעקס און צוויי, דאָס הייסט זיבן און צוואַנציק יאָר. דעמלט בין איך אַלט געווען פינף און צוואַנציק יאָר. ב"ן איך, הייסט עס, איצט אַלט צוויי און פופציק יאָר. אָבער פאַרוואָס שטעלט איר מיר אַזאַ שאלה, הער שעפעל?

— וויפל יאָר, מיינט איר, האָט איר שוין מתפלל געווען?

— באַלד, תפילין האָב איך אָנגעהויבן לייגן צו צוועלף יאָר, מיט אַ יאָר פריער, ווייל איך בין געווען א יתום. האָבן מיר אַ סך־הכל פון פערציק יאָר, נישט רעכענענדיק מיין דאַווענען פאַר בר־מצווה! דער פע־טער שאָקלט מיטן קאָפּ. — ס'איז פונקט אַזויפיל צייט, וויפל די יידן האָבן געוואַנדערט אינעם מדבר. גאַנצע פערציק יאָר האָב איך פאַר זיך תפי־לה געטאָן!

— און ס'איז נאָך אַלץ ווייט צום פאַרשפּראָכענעם לאַנד! כאַ־כאַ, כאַ־כאַ־כאַ! — דער פריץ שעפעל האַלט זיך פאַרן בויך, כדי נישט צו

פלאַצן פאַר געלעכטער. — אָט דאָס האָב איך געוואָלט פעכטשטעלן. אַך, מײַנע זײַטן! נאָך אַ קלײן גלעזעלע שנאַפּס, פרוי וואָלפקע.

ער פאַרוואַרפט זײַן קאָפּ אויף צוריק, ער טשמאָקעט מיט די ליפּן און מיט אַ קלאַפּ שטעלט ער אַוועק דאָס גלאָז אויפן טיש.

— דער דאָזיקער שבת־שנאַפּס מוז מען זאָגן... וואָלפקע, זאָג־זשע מיר, וויפל מאָל אין טאָג דאַוונסטו?

— דרײַ מאָל, פאַרשטייט זיך, ווי יעדער ייִד.

— איצט לאָמיר באַרעכענען. — דער פריץ שעפּעל נעמט אַרויס אַ קלײנעם בלײַפעדער און פאַרצייכנט אויף אַ דין ווײַס שטיקעלע פּאַ־פּיראָסן־פּאַפּיר. ער נעצט דעם שפּיץ בלײַפעדער בײַ זײַנע ליפּן און בײַם ליכט פון דער לבנה הייבט ער אָן צו רעכענען. — דרײַ מאָל דרײַ הונדערט און זעכציק, לאָמיר אָננעמען, אַז עטלעכע תּפילות פאַרפעלסטו במשך פונעם יאָר, האַ, וואָלפקע? — ער ווינקט צו וואָלפקען, — דאָס מאַכט אויס, מאַכט אויס אַזוי גרויס ווי טויזנט און אַכציק. דאָס איז פאַר איין יאָר. אַז מיר וועלן כפלען אויף פערציק, טאָ וויפל וועלן מיר באַקומען? הײַ, בורעק, אַוועק מיט דײַנע לאַפּעס! וואָס ווייסטו פון תּפילות? באַקו־מען מיר, באַקומען מיר.... — ער לייגט ווידער צו דעם בלײַפעדער צו זײַן צונג און שרײַבט ווידער, — באַקומען מיר אַ סך־הכּל פון דרײַ און פערציק טויזנט, צוויי הונדערט. לאָמיר מאַכן אַ קײַלעכדיקן חשבון: דרײַ און פערציק טויזנט תּפילות. אַזויפיל תּפילות האָסטו אַוועקגעשיקט צו גאָט זינט דו ביסט געוואָרן בר־מצווה, נישט אַרײַנרעכענענדיק יום־טוב־דיקע תּפילות און תּעניתים?

דרײַ און פערציק טויזנט תּפילות בלויז פונעם פעטער אַליין! ווי קאָן גאָט זיי אַלע אויסהערן?

— און איצט פרעג איך דיך, וואָלפקע, וואָס האָט עס דיר געגעבן? דו סקראָבעסט און קראַצסט די שטינקענדיקע פעלן פאַר מרדכי־לייבן, בעת ער ציט אַראָפּ די הויט פון דײַן לײַב.

— אַ מאָגערער שבת פאַר אונדז, אַ מאָ־געררער ביין פאַר דיר, אַזוי האָט די מומע געזאָגט צו בו־רעקן.

— ווען דו קומסט צו מיר אַרענדירן דעם סאָד אויף זומער, דאַרפ־סטו לייען געלט בײַ די לאָדזשער פּרוכט־סוחרים און צום סוף פון סעזאָן מוזסטו זיי אַוועקגעבן די פּרוכט צו אַזעלכע פּרײַזן, אַז דיר בלײַבט דאָס לאָך פון בייגל.

— ווען איר, הער שעפּעל, וואָלט נישט גענומען אַזאַ הויכן פּרייז, — זאָגט די מומע, — און איר וואָלט אָפּגעוואַרט ביז די פּרוכט וועט צייטיק ווערן און ביז מיר וועלן אָנהייבן צו פאַרקויפן די פּרוכט, וואָלטן מיר נישט געדאַרפט אַריינפאַלן אין די הענט פון די פּרוכט-סוחרים.

— און אויב די ביימער וועלן נישט ברענגען קיין פּרוכט, און אויב, לאָמיר זאָגן, עס וועלן נישט זיין קיין רעגנס, אָדער קנאַפּ רעגנס, ווי מיט צוויי יאָר צוריק איז געווען, וויפל וואָלט מיר דאַן אַריינגעבראַכט מיין סאַד? איך מוז טראַכטן וועגן מיינע חובות און שטייערן און אַזוי ווייטער. ניין, פרוי וואָלפקע, נישט הער שעפּעל, נאָר גאָט איז שולדיק, וואָס איר געפינט זיך אין אַזאַ לאַגע. איך זאָג אייך נאָכאַמאָל, פרוי וואָלפקע, אַז אייער מאַנס תפילות האָבן נישט קיין שום אויסזיכטן, כל זמן ער וועט נישט תפילה טאָן אויך פאַר מיר.

פאַרוואָס זאָל דער פעטער תפילה טאָן פאַרן פריץ? ער האָט נישט פון אַנגדזער שבת. ער רעכנט מיט בלייפעדער פּרייטיק צונאַכט, ווען קיין ייד טאָר נישט שרייבן. ער עסט חזיר-פלייש, ער גיט נישט זיינע פעלד-אַרבעטער געננג צו עסן. די מומע זאָגט, אַז דער פריץ שעפּעל האָט פאַרקירצט זיין ווייבס יאָרן.

— אַ ייד מוז דאַווענען, — זאָגט דער פעטער, — כל-זמן די וועלט עקזיסטירט. וואָסער ווערט האָבן מיר אָן תפילות. תפילה איז די איינציקע ישועה פאַרן פאָלק ישראל, אַזוי האָט געזאָגט דער מגיד אין בית-מדרש.

דער פריץ שעפּעל לאַכט ווידער:

— באמת, וואָלפקע, דו דאַרפסט ווייטער תפילה טאָן. אָבער נאָך אַזויפיל יאָרן האָסטו שוין געדאַרפט האָבן גאַנצע בערג מיט ישועה. זעסטו, וואָלפקע, אַז גאָט זאָל זיך צוהערן בלויז צו דיינע תפילות, וואָלט גאָט געדאַרפט אָנהייבן פון גאָרנישט, ווייל דו האָסט גאָרנישט. אָבער אויב דו וועסט בעטן פאַר מיר, וועט אים לייכטער זיין צו געבן מיר, דעם, וואָס האָט שוין עפּעס. כאַ-כאַ-כאַ! זאָג, וואָלפקע, צי בין איך נישט גערעכט?

און ער קלאַפּט דעם פעטער איבער דער פּלייצע.

דער פריץ שעפּעל איז אַוועק. פאַרן געצעלט שטייט אַנטבלויזט דער טיש, אויף וועלכן די לבנה האָט אויסגעשפּרייט אַ ווייס טישטעך. שטיל און טונקל הענגט די נאַכט איבער די ביימער. צווישן די שוואַרצע צווייגן שימערירן די שטערן, ווי ווייסע שבת-ליכט. די מומע איז אַוועק שלאָפן. אויפן דאַך פון געצעלט שלאָפן די הינער אינעם שטרוי, די קעפּ אונטער די

פליגלען. בורעק ליגט אַ צונויפגעקורטשעטער אין שטרוי ביים אַריינגאַנג פון געצעלט. פונעם סטאַוו הערט זיך אַ קוואַקעריי פון זשאַבעס.

ציזאַמען מיטן פעטער מאַכן מיר אַ נאַכט־שפּאַציר אַרום דעם סאָד.

— צוואָס שלעפּסטו דיך אַרום ביינאַכט צו היטן דעם סאָד? — טענהט תמיד די מומע צום פעטער. — אַלע זומערס, וואָס מיר זענען דאָ, איז נאָך קיינמאָל קיין גנב צו אונדז נישט אַריינגעקראָכן. ווער וועט ביי אונדז גנבענען, די פּוילישע פּויערים, וואָס לעבן דאָ? פאַר זיי האָב איך נישט קיין מורא. און וואָס וועלן זיי ביי אונדז גנבענען? אונדזער אָרעמקייט? דער איינציקער, וואָס באַרויבט אונדז איז דער פּריץ און ער טוט עס אינמיטן העלן טאָג. — אָבער איך האָב ליב אַרומצוגיין ביינאַכט מיטן פעטער אין סאָד, איך האָב ליב סווישטשען מיט מיין לאַנגער קאַרשן־בוים־רוט, פון וועלכער איך האָב אָפּגעצופּט די בלעטער, און שפּרייזן זייט ביי זייט מיטן פעטער, וואָס טראָגט אַ גראָבן נאַכט־שטעקן אָפּגעשניטן פון אַ קאַשטאַן־בוים. מעגלעך, אַז אין אַ געוויסער נאַכט וועלן מיר כאַפּן עמעצן, קריכנדיק אויף אַ בוים. מיר האָבן שוין אַמאָל געזען אַ רויבער, וואָס איז אַרויסגעשפּרונגען פון לאַגאָוויניקער וואַלד, אין אַ פינצטערער נאַכט, ווען איך מיט מיין מומען זענען מיר געפאָרן אויף אַ וואָגן. ס'איז אַ גליק, וואָס אויפן פרוכט־מאַרק קיין לאָדזש זענען מיט אונדז געפאָרן אַ סך סעדער־האַלטער.

די לבנה שוועבט איבער די שפּיצן פון דיביימער, ווי אַ ליכטיקער וויסער באַלאָן. זי שוועבט שנעל און דעריאָגט אונדז ביי יעדן דורכגאַנג אין סאָד.

—פעטער, פאַרוואָס האָט גאָט אַזויפיל געגעבן דעם פּריץ שעפעל?

דער פעטער קוקט וויט אין דער ריכטונג פונעם גערשטן־פעלד.

— גאָט? איך מיין, אַז גאָט ווייסט, וואָס ער טוט. אַזעלכע חזירים, ווי הייניץ שעפעל, לאָזט זיי גאָט אויף דער וועלט זיך אָנשטאָפּן ביי דער קאָריטע, אָבער אויף יענער וועלט וועט ער זיי ווייזן אַ פייג.

— צי וועט מרדכי־לייב האָבן עולם־הבא, פעטער?

— אוודאי וועט ער האָבן. ער וועט האָבן אַ גרויסן, זייער אַ גרויסן חלק אויף יענער וועלט, הלוואי אויף אונדז געזאָגט געוואָרן. — דער פעטער לאַכט. — צי דאַווענט ער נישט אין צוויי פּאָר תפילין און גיט נישט גרויסע נדבות פאַר דער שול? ווען מיר אַרבעטן איבער־שעהן, קומט ער צו אונדזער וואַרשטאַט און זאָגט צו אונדז: איר קאָנט דאָ דאַווענען מנחה אָדער מעריב. צוואָס דאַרפט איר זיך מטריח זיין צו גיין אין בית־מדרש.

— אָבער מרדכי־לייב איז אויך אויף דער וועלט רייך?

דער פעטער בלייבט שטיין. פון אַ פּויער־כאַטקע טראָגן זיך אין דער נאַכט־פינצטערניש טאַנץ־טענער פון אַ האַרמאָניע. ער קוקט אויף מיר:

— שטעלסט נאַרישע שאלות, ירוחמקע. אַז גאָט וויל גיט ער רייכקייט אויף דער ערד און רייכקייט אויף יענער וועלט. איז דען דאָ אַ שיעור צו דעם, וואָס גאָט קאָן געבן?

רייכקייט אויף דער וועלט און רייכקייט אויף יענער וועלט... פאַריקע וואָך האָט די מומע געזאָגט: — דעם פעטער האָט מען קיינמאָל נישט געלערנט לייענען די געלערנטע ספרים, ווו מען קאָן באַקומען אַ שטיקל השגה וועגן גאָטס מעשים. פונוואַנען זאָלן מיר נעמען געלט צו געבן פאַר דער שול? אָרעמע לייט, ווי מיר, האָבן ווייניק וואָס צו דערוואַרטן אין גן־עדן. — אויב אַזוי, פאַרוואָס גיט נישט גאָט דעם פעטער אויף דער וועלט? דער פעטער איז נישט מחלל שבת און שינדט נישט פון קיינעם די הויט... און דער פעטער האָט תפילה געטאָן אין אַ משך פון פערציק יאָר, אַזוי לאַנג, ווי די יידן האָבן געוואַנדערט אינעם מדבר...

מיר האָבן דערגרייכט צום ראַנד פונעם סאָד, וווּ עס וואַקסן די דיקע קאַשטאַן־ביימער. פונדאַנען הייבט זיך אָן דעם פּריצס גערשטן־פעלד. הויך, איבערן פעלד פינקלען אַראָפּ קליינע שטערן־קערנדלעך. אַ לייכט ווינטעלע בלאָזט אין דער נאַכט־פינצטערניש. די זאַנגען שעפּטשען צו די שטערן. דער פעטער קוקט אויפן הימל.

— גאָט צו דאַנקען, וואָס מיר האָבן נישט היי־יאָר דאָס זעלבע, וואָס מיר האָבן געהאַט אין פאַריקן זומער. די ביימער האָבן דאַן כמעט געפוילט פון די רעגנס, וואָס האָבן געפלייצט, ווי אין דער צייט פונעם מבול.

אָט דאָרט! איך כאַפּ אָן דעם פעטער פאַרן אַרבל. אונטער יענעם עפּלבוים! עמעצער, עמעצער שטייט דאָרט!

אַ גנב! איך האָב אים דערזען דער ערשטער.

— איך האָב אים דערזען! נישט אמת, פעטער? איך האָב אים דערזען דער ערשטער!

— שאַ! — כאַפּט מיך דער פעטער פאַר דער האַנט. — ווער איז דאָרט? — שרייט ער אויף פּויליש. ער הייבט אויף זיין שטעקן.

דער גנב האָט אונדז קענטיק דערהערט. פאַרוואָס אַנטלויפט ער נישט? ער שטייט אונטערן בוים מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט.

— ווער איז דאָרט? — שרייט ווידער דער פעטער.

מיר גייען צו נעענטער.

די זילבערנע האָר פון דער לבנה האָבן זיך פאַרפּלאָנטערט צווישן די צווייגן און קאָנען זיך נישט באַפרייען.

— דאָס בין איך, איגנאַץ.

דער אַלטער איגנאַץ!

— איגנאַץ, וואָס טוסטו דאָ איינער אַליין אין דער נאַכט־פינצטער־ניש? — פרעגט דער פעטער אויף פויליש.

דער אַלטער איגנאַץ שטייט און ענטפערט נישט.

— פאַרוואָס שלאָפסטו נישט? איגנאַץ וועסטו דאַרפן אַרויספירן די שאָף אויף דער לאָנקע.

— איך וועל שוין מער נישט אַרויספירן פּאַשען די שאָף, פאַן וואָלפקע

— וואָס איז געשען, איגנאַץ? פאַרוואָס רעדסטו אַזעלכע רייד?

— דער פריץ האָט געזאָגט, אַז איך בין צו אַלט צו זיין אַ פּאַסטעך.

— און וואָס טוסטו דאָ אונטערן בוים? פאַרוואָס האָסטו געוואָלט אויף אים אַרויפקריכן?

דער אַלטער איגנאַץ ענטפערט נישט. ער שטייט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן. ער שטייט און ענטפערט נישט. דער פעטער גייט צו נעענטער צום בוים.

— וואָס איז דאָס?

ער האַלט אַ שטריק, וואָס הענגט אַראָפּ פון אַ צווייג אויפן עפּל־בוים. ער קוקט אָן דעם אַלטן איגנאַץ. דער אַלטער איגנאַץ קוקט אין אַ זייט. דער פעטער לייגט אַרויף אַ האַנט אויף זיין פּלייצע.

— עס טויג נישט, איגנאַץ. אַ לעבן איז נישט קיין זאַק מיט קעז, וואָס מען הענגט אויף אַ שטריק.

...אויפהענגען? ער האָט זיך געוואָלט אויפהענגען! אָד, ער וואָלט זיך אויפגעהאָנגען, ווען מיר וואָלט נישט אָנגעקומען. מיט דעם דאָזיקן גראָבן שטריק. ער האָט זיך געקאָנט דערמיט אויפהענגען, ווי אַ זאַק מיט קעז.

—דו האָסט געדאַרפט קומען צו אונדז, — האָט דער פעטער געזאָגט. — פון נאָך איין לעפל צו דער שיסל, וואָלטן מיר אָרעמער נישט געוואָרן.

— ניין, ניין, וואָלפקע! — דער קאָפּ פון אַלטן איגנאַץ איז געפאַלן אויפן פעטערס פּלייצע. ער האָט גערעדט מיט אַ פאַרוויינטער שטים. — דער פריץ שעפּעל איז גערעכט. איך בין צו אַלט. און איר זענט צו אָרעם,

איך זאָל אייך אַרויסנעמען דעם ביסן פון מויל. ניין, איך האָב שוין אָפּגעלעבט מיינע יאָרן. אַ הונט, ווען ער ווערט אַלט קאָן מען אים פּאַרקויפן דעם הויטשינדער. אָבער איך, איך...

דער פעטער פּאַטשט אים איבערן רוקן:

— עס זענען דאָ אַרבעטן, וואָס דו קאָנסט זייער לייכט טאָן, אינגאַנץ. דו קאָנסט צוהעלפן האַלטן דעם סאָד אין אָרדענונג. דו קאָנסט מיר העלפן רייסן און פּאַקן. ס'זענען דאָ אַ סך זאַכן, וואָס דו קאָנסט טאָן. און מיר קאָנען פאַר דיר אויפשטעלן אַ קליין ביידל. — דער פעטער נעמט מיך אַרום. ס'איז אַ גליק, וואָס מיין ירוחמקע האָט דיך באַמערקט. ער האָט דיין לעבן געראַטעוועט. יונגע אייגן זענען ווי עקבויערס אין דער נאַכט. איצט גיי צוריק און לייג דיך שלאָפן אין שייער.

דער אַלטער איגנאַץ שטייט פאַרן פעטער, אָבער קיין וואָרט גייט נישט אַרויס פון זיין מויל. ס'איז אַ גליק, וואָס איך האָב אים באַמערקט. איך האָב אים געראַטעוועט דאָס לעבן! איצט פאַרשטיי איך, פאַרוואָס דער פעטער און איך זענען אַרוים אויף אַ שפּאַציר אַרום סאָד. נישט כדי אַ גנב צו כאַפּן. די מומע איז גערעכט געווען. קיין גנב וועט קיינמאָל נישט קומען אין אונדזער סאָד. אָבער ווען מיר וואָלטן גראָד דעמלט נישט אָנגעקומען?... וואָסער געשמאַק האָט אַן עפּל פון אַ בוים, אויף וועלכן אַ מענטש האָט זיך אויפגעהאָנגען? דער שטריק קוועטשט דען אַרויס די נשמה פון אַ מענטש, ווען ער הענגט זיך? און בלייבט די נשמה שטיין ביים גוף און היט אים? ווען מען האָט געפונען אַ געהאָנגענעם אונטער דער בריק אויף דעם וועג קיין גלאַוונע, האָט אַ שטאַרקער ווינט געבלאָזן גאַנצע דריי טעג און דריי נעכט. אָבער דער ווינט האָט נישט געקאָנט אַוועקטראָגן זיין נשמה. זי האָט געהיט דעם גוף אונטער דער בריק און מען האָט געקאָנט געיאָמער הערן אַ געיאָמער אין דער נאַכט, ווי עס וואָיעט אַ געטרייער הונט, ווען עמעצער שטאַרבט אין שטוב.

דער אַלטער איגנאַץ האַלט דעם פעטערס האַנט לאַנג, לאַנג און דערנאָך גייט ער פּאַוואָליע אַוועק אין דער ריכטונג פונעם אַגרעסט, ווו עס שטייט דער שייער.

20

אין סטאַכאָוועס כאַטקע

סטאַכאָווע הייבט זיך אויף פון איר וועב=שטול ביים פענצטער. זי זאָגט צו דער מומען:

— גענוג געוועבט היינט. אַ שטיקל מער, אָדער ווייניקער, — רייכער וועלן מיר שוין דערפון נישט ווערן.

אין ליכט פונעם בין=השמשות הענגען די איקאָנעס אויף דער געקאַלכטער וואַנט. די מאַטקע באָסקע פון טשענסטאָכאָוו, מיט אַ קינד אויף דער האַנט, קוקט צו מיר אַראָפּ. איך וויים, אַז יידישע קינדער טאָרן נישט קוקן אויף פּסלים. ווען נישט די איקאָנעס וואָלטן אַלע געדינט דעם זעלבן גאָט, און די יידן וואָלטן נישט מורא געהאַט פאַר פּאָגראָמען אינעם גרינעם דאָנערשטיק, ווען די קריסטן גייען אַרוים פון קלויסטער מיט זייער פּראָצעסיע. אָבער סטאַך און סטאַכאָווע זענען כמעט ווי אונדזער משפּחה,

— האָט איינמאָל דער פעטער צו מיר געזאָגט. די מאַטקע באָסקע קוקט מיך אומפּריינדלעך אָן, און אירע גרויסע אויגן זענען בייז. צי וועלן די וונדן אויף איר רעכטער באַק קיינמאָל נישט פאַרשווונדן? מאַטשעק האָט געזאָגט, אַז דאָס האָט געמאַכט אַ זעלנער מיט דער שווערד הונדערטער יאָרן צוריק און זיי וועלן שוין דאָרט פאַרבלייבן אויף אייביק. אפשר טראַכט זי וועגן דעם זעלנער און זיין שווערד, און דעריבער איז זי אין כעס. איך ווענד אָפּ מיינע אויגן. אפשר האָב איך נישט געטאָרט קוקן אויף איר אַזוי לאַנג. אפשר בלויז נאָר די, וואָס טוען תפילה צו איר מעגן קוקן אויף איר. בלויז די, וואָס זענען עולה=רגל צו איר אין טשענסטאָכאָוו, ווי דער גלח און דעם מילנערס אלמנה, וואָס גייען אַהין יעדעס יאָר צופוס?...

— ס'ווערט שפּעט, סטאַכאָווע, — זאָגט די מומע. זי וויקלט איין איר שטריקעריי און הייבט זיך אויף פון קופער, וואָס שטייט נעבן דער פּליטע. — מיין וואָלפקע דאַרף איינגיכן אָנקומען פון לאָדזש.

— וואָס איילסטו דיך, וואָלפקאָווע? — פרעגט סטאַכאָווע. —

בלייב אויף טיי. ס'איז מיר דאָ אומעטיק איינע אַליין. מיין סטאַך איז שוין אַ וואָך אין קאָזשלע און מיין מאַמשעק האָט זיך אָנגעדונגען ביים פּריץ. בלייב נאָך אַ ביסל, וואָלפּקאָווע. וואָלפּקע וועט צו דיר אַהערקומען, ווען ער וועט דיך נישט געפינען אין געצעלט.

סטאַכאָווע צינדט אָן דאָס פּאַרקאָפּטשעטע לעמפּל, וואָס שטייט אויפן פענצטער און שטעלט עס אַוועק אויפן טיש.

ווען איך ליג צו די נאָז צום פענצטער זע איך, ווי די נאַכט קריכט פון יענער זייט טייך אין אונדזער סאָד, הילט איין אין טונקלקייט דאָס גראָז און די שפּיצן פון די ביימער. אַוועקגעשווומען איז דער לעצטער רויטער זון-פּאַס און איצט האָט זיך דער הימל באַפּאַרבט אין אַ פלוימען-בלויקייט, די קאַשטאַן-ביימער שטייען שוואַרץ ביי די זייטן פון וועג, איינ-געהילט אין אָוונט. זיי שטייען מיט די פּנימער צו די כאַטקעס, וואָס זענען אויסגעשטעלט אין אַ ריי. אויפן שליאַך-אויסבייג האָט זיך באַוויזן דעם שמידס זון, וואָס קומט פון די פעלדער. אויפן אַקסל טראָגט ער זיין קאָסע. ער נעמט אַראָפּ דאָס היטל פאַרן צלם, וואָס שטייט אויף אַ הויך בערגל. אויף דער צווייטער זייט פונעם שליאַך-אויסבייג הייבט זיך אַ וואָלקן-שטויב, וואָס ציט פאַרביי דעם ברונעם און טראָגט זיך אַוועק צום פּריצישן הויף. דאָס קומט צוריק פון דער פּאַשע דעם גוטבאַזיצערס שאָף. דער הונט צוקער שפּרינגט אַרום צו זיי פון די קוסטעס. דאַרף דאָך אויך אילזע זיין נישט וויט. אָט איז זי!

— מומע, זע: אָט איז אילזע!

די מומע גייט צו צום פענצטער.

— אַ מיידל שיין, ווי אַ מלאך, — זאָגט זי, — זאָל איר קיין בייז אויג נישט שאַטן. פאַר וואָסערע גוטע מעשים קומט דעם פּריץ שעפעל אַזאַ אייניקל?

— פּונקט ווי ער וייסט, וואָס עס באַדייט דאָס וואָרט זיידע, — זאָגט סטאַכאָווע, אַוועקשטעלנדיק דעם גרויסן טשייניק אויף דער פּליטע. — קינד, אייניקל, פריינד, פרעמדער — אויף אַלעמען קוקט ער, ווי אויף אַרבעטס-הענט, ווי אויף פּאַסטעכער, קאָניוכעס און משרתים.

— און ווי גייט עס דיין סטאַך ביי זיין נייעם באַלעבאָס אין קאָזש-לע? — פרעגט די מומע.

— איך וואָלט געוואָלט, אַז קאָזשלע זאָל זיין נעענטער צו אָסיאַנקע, וואָלט מיין מאַן געקאָנט קומען אַהיים נאָך זיין טעגלעכער אַרבעט אין פעלד. עס איז אַ שפּאַר שטיקל צייט פון זונטיק צו זונטיק. און, אַך, ווי

עס פעלן אים די קינדער! און איצט, אַז מאַטשעק אַרבעט אַ גאַנצן טאָג ביים פּריץ און אונדזער עלטערער זון געפינט זיך אין דער אַרמיי, פילט זיך טאַקע אין אונדזער נעסט אַ פּוסטקייט.

— וואָס שרייבט מאַרטשין פון דער אַרמיי? האָסט לעצטנס פון אים עפּעס געהערט? — פרעגט די מומע.

— איין בריוו האָבן מיר באַקומען נאָכן אַוועקפאָרן און אַ צווייטן מיט אַ חודש צוריק. ער שרייבט קנאַפּ וועגן זיך און פון דעם ביסל, וואָס ער שרייבט יאָ, זע איך, אַז ביטער איז אים זיין לעבן אין דער ארמיי. מאַטשעק האָט אונדז איבערגעלייענט זיין בריוו. — סטאַכאָוועס אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן. — דו וואָלסט געדאַרפט זען, וואָלפקאָווע, ווי ער לייענט. דער גלח אַליין קאָן קוים בעסער, הגם ער האָט געלערנט מאַר־טשינען, איידער ביידע ווייטערדיקע קינדער זענען געקומען אויף דער וועלט. ער האָט געוואָלט מאַכן פון מאַרטשינען אַ גלח. אָבער באַקומענדיק ביי מיילער צו דער שיסל, האָט זיך סטאַך געגייטיקט אין אַ האַנט צו דער סאָכע.

—סוף כל סוף האָט מאַרטשין, פאַרשטייט זיך, אויפגעהערט לער־נען, — זאָגט די מומע.

— יאָ, און מאַטשעק האָט געהאַט מזל, האָבנדיק אַ ברודער, וואָס האָט אים געקאָנט לערנען. „לערן כל זמן דו ביסט יונג“ — פלעגט מאַר־טשין צו אים זאָגן, „וואָס דער קליינער מאַטשעק וועט זיך נישט אויס־לערנען, וועט דער גרויסער מאַטעוש נישט קענען“.

מאַרטשין! פאָריקן זומער האָט ער מיר דערלויבט גיין הינטער אים נאָך דער סאָכע. איך האָב אפילו געהאַלטן איינע פון די הענטלעך. דורכן פענצטער קאָן איך נאָך איצט דערקענען, ווו דאָס פעלד הייבט זיך אָן הינטערן סאָד. מיר האָבן געשפּרייזט הינטערן פערד איבערן פעלד, ווו די סאָכע האָט איבערגעדרייט די שוואַרצע, פרישע ערד אין אַ גלייכער ליניע. און מאַרטשין האָט געזונגען צום פעלד, צום הימל, צום פערד, צו דער סאָכע, צו מיר. דערנאָך נעמט ער אָן די סאָכע מיט ביידע הענט, דאָס פערד דרייט זיך אוים און די סאָכע נעמט מאַכן אַ נייע ברוזדע ביזן סאַמע סאָד.

סטאַכאָווע דערלאַנגט טיי צום טיש.

— די יינגלעך דאַרפן שוין באַלד אָנקומען. וולאַדעק איז אַוועק צום פּריץ, כדי צו קומען אַהיים צוזאַמען מיטן ברודער. ער וואַרט, קענטיק, ביז מאַטשעק וועט אָפּעסן מיט אַלע פעלד־אַרבעטער אָוונטברויט. מיין

קליינער וולאַדעק! דאָ נישט לאַנג האָט ער געזאָגט ביים אָונטברויט: איך וויל מיך אויך אָנדינגען, מאַמע! אַזוי, מיט אָ די ווערטער האָט ער גע־זאָגט.

— ער איז מקנא מאַטשעקן, — זאָגט די מומע.

— מיינע אָרעמע טייבעלעך! ס'וועט לאַנג נישט דויערן אַז זיי וועלן פאַרשטיין, וואָס עס באַדייט פאַר סטאַכן זיך אָנצודינגען צוזאַמען מיט זיין צוועלף־יאָריקן זון אויף פרעמדע פעלדער און אין פרעמדע דרעש־הויפן.

איך הער טריט איבערן הויף.

— אָט זענען זיי! — סטאַכאָווע עפנט ברייט די טיר. וולאַדעק לויפט שנעל אַריין. — דער פריץ, — הייבט ער אָן צו רעדן.

— ווו איז דיין גוטאָוונט, וולאַדעק, און ווו איז מאַטשעק? — סטאַ־כאָווע גלייכט אויס זיינע האָר און קושט אים.

— גוטאָוונט, — זאָגט וולאַדעק, — דער פריץ האָט פאַרהאַלטן מאַ־טשעקן, ער זאָל העלפן ביים מעלקן. איך בין אַליין געקומען דיר עס צו זאָגן, זאָלסט זיך נישט באַאומרואיקן.

— האָט מאַטשעק כאָטש אָפגעגעסן אָוונטברויט?

— יאָ, מאַמע, הירזש מיט מילך.

— הירזש, הירזש און ווייטער הירזש, — דאָס איז אַלץ, וואָס זיי גיבן צום עסן, — זאָגט סטאַכאָווע צו דער מומען. — אַז איידער ס'קומט אויף די נייע געוועטעניש גיט מען זיי אַזעלכע קאַרטאָפל, אַז חזירים וואָלטן זיי נישט געגעסן.

— דער פריץ האָט געזאָגט, — דערציילט ווייטער וולאַדעק, — אַז מאַטשעק האָט היינט צונויפגעבונדן מער סנאָפעס ווי נעכטן און ער איז נייגעריק צו וויסן, צי מאָרגן וועט ער נאָך מער צונויפבינדן.

— דו וואָלסט געדאַרפט זען, ווי שנעל ער בינדט צונויף די שטרוי — זאָגט סטאַכאָווע.

— דאָס עפעלע פאַלט נישט ווייט פונעם בוים, — זאָגט די מומע. — זיין טאַטע איז אויך אַ שנעלער אַרבעטער.

סטאַכאָווע גלעט וולאַדעקן איבער די האָר:

— היינטיקס יאָר גרייט מען זיך צו אַ פריען שניט. בעסער וואָלט געווען זיי זאָלן אים דאָרט צו לאַנג נישט איינהאַלטן. מיין מאַן האָט געזאָגט, אַז אין קאָזשלע הייבט מען שוין אָן די קומענדיקע וואָך שניידן דעם קאָרן.

— מומע, צי קאָן איך מיך אָנדינגען ווי מאַטשעק צו ביגדן סנאָפּעס?

— דו מיט איגנאַצן העלפֿן דעם פֿעטער אין סאָד, ירוחמקע. דו וואָלסט געדאַרפֿט זען סטאַכאָווע, ווי גוט ער פֿלעגט רייסן און פּאַקן, ווי ער קריכט אויף די העכסטע ביימער.

— וולאַדעק, — זאָגט סטאַכאָווע, — פֿאַרוואָס גייסטו נישט מיט ירוחמען זיך שפּילן אויפֿן הויף? ס'איז אַ שיינע לבנהדיקע נאַכט. איר קאָנט זיך גיין הוידען, אָבער הוידעט זיך נישט צו הויך. איך וועל דיך אַריינרופֿן, ווען דו וועסט דאַרפֿן גיין שלאָפֿן. נאַט אייך צו פּירעזשקעס מיט שוואַרצע יאַגדעס.

איך שטיי פּנים אל פּנים מיט וולאַדעקן אויף דער הוידלקע. ווי הויך מיר הייבן זיך! מיר קלאַפּן זיך כמעט אָן איגעם דערנעבנדיקן בוים.

— מיין עלטערער ברודער, מאַרטשין, האָט געמאַכט די הוידלקע איידער ער איז אַוועק צום מיליטער. ער האָט זי געמאַכט אַזוי שטאַרק, זאָגט מיין טאַטע, אַז מען קאָן אויף איר אפילו הוידען דעם פּריץ, ווען ער בליאַקעט זיך אָן מיט וואָדקע!

— איך וואָלט אים אַזאַ הוידע געטאָן, אַז ער וואָלט אַראָפּגעפּאַלן און זיך אַוועקגעקייקלט ביז צו זיין שטוב!

מיר פֿליען אַזוי הויך אַרויף און אַראָפּ, אַז מיר קאָנען דערלאַנגען מיטן פֿוס צו די צווייגן פֿון קאַשטאַן־בוים. ווען איך הוידע מיך הינטערוויילעכטס, קאָן איך נישט זען די לבנה, אָבער ווען איך הוידע זיך פֿאָרויס, קאָן איך זי ווידער זען דורך די בלעטער. איך קאָן דיך נישט זען, לבנה! איך קאָן דיך זען. איך קאָן נישט. איך קאָן. קאָן נישט קאָן. קאָן נישט...

— דיין פֿעטער, ירוחם.

— דער פֿעטער?

— ער איז פּונקט אַריין אין שטוב. איך האָב אים געזען.

איך קריך אַראָפּ פֿון דער הוידלקע. איך לויף מיט וולאַדעקן אין שטוב אַריין.

פֿאַרוואָס איז סטאַכאָווע אויפֿגערעגט, ווען זי זיצט אַזוי אין שטול? פֿאַרוואָס שטייען טרערן אין אירע אויגן און גלייכצייטיק פֿרייד?

— אַך, וואָלפּקע, זאָג מיר, זאָג מיר דעם אמת, איז מיין מאַרטשין געזונט?

— אמת, סטאַכאָווע. ער איז שוין איצט געווים אין לאָנדאָן. דו וועסט דיך איבערצייגן, ווען דו וועסט איבערלייענען דעם בריוו.

אין לאָנדאָן!

— גאַנץ נאָענט פון ירוחמקעס טאַטע־מאַמע. — די מומע איז אויך אויפגערעגט.

— אַ בריוו פון מאַרטשיגען! — סטאַכאָווע איז אויפגעשפרונגען און צוגענומען דעם בריוו פון פעטערס האַנט. — אַך, ווען מאַטשעק קומט שנעל אַהיים, וואָלט ער אים איבערגעלייענט! ווי אַזוי האָסטו דעם בריוו באַקומען? ביסט זיכער, ביסטו זיכער, אַז עס איז אים געלונגען צו אַנטלויפן?

— האָרך אויס, — זאָגט דער פעטער, — און וועסט זיך איבערצייגן. ווען איך האָב פאַרלאָזן דעם פּרוכט־מאַרק, איז צו מיר צוגעגאַנגען נישט קיין אַנדערער, ווי מענדל פּאָטשטאַליאָן.

די מומע לאַכט.

— כי, כי? — וואָס האָט ער געטאָן אין לאָדזש אויפן פּרוכט־מאַרק? ער ווינט דאָך אין גלאָוונע און פאַרנעמט זיך מיט שדכנות?

— דאָרט ווו מען זייט אים נישט, דאָרט וואַקסטע ער, — זאָגט דער פעטער. — אָבער דערמאָלט איז ער דווקא אויסגעוואָקסן אויפן געהעריקן אָרט און טאַקע מעשה פּאָטשטאַליאָן. זאָלסט וויסן זיין, סטאַכאָווע, אַז געקרוינט האָט מען אים מיטן נאָמען פּאָטשטאַליאָן, ווייל ער ברענגט תמיד ידיעות פון אַלע פיר עקן פון דער וועלט. און אויב ער ברענגט אַ ידיעה, וואָס האָט נאָך נישט פּאַסירט, מעגט איר זיכער זיין, אַז זי וועט פּאַסירן. דאַן האָב איך אים אַ פרעג געטאָן: ווי גייט עס דיר מיט דיין שדכנות מענדל? און ער דערציילט מיט אַ קרעכץ די דאָזיקע מעשה.

— אָבער, וואָלפקע, דו האָסט דאָך געוואָלט דערציילן סטאַכאָווען...

— האָב געדולד, לאה. ער האָט געאַרבעט איבער אַ שידוך, וואָס האָט געדאַרפט זיין זיין ישועה. זיין שדכנות־געלט האָט געדאַרפט באַשרעפן אַ גאַנצן גדן... יאָר איין, יאָר אויס האָט מענדל פּאָטשטאַליאָן געוואַרט אויף אַן אויסלייז פון זיין אָרעמקייט! אַלץ איז געווען אָפּגערעדט און מען האָט נאָר געוואַרט, אַז דער חתן זאָל מיט גאָטס הילף זיך צוריקקערן פון מיליטער. גאָט האָט טאַקע געהאָלפן, און דער חתן האָט זיך צוריקגעקערט פון מיליטער. אָבער ער איז נישט געקומען צו זיך אַהיים, נאָר אַוועק ווייטער, איבער דער גרענעץ. אַנדערש געזאָגט, — לאַכט דער פעטער, — ער איז אַנטלאָפן פון צאַר, פון זיין כלה, וכדומה.

— אָבער וואָס איז מיט מאַרטשינען? — סטאַכאָווע איז אַנטוישט.

— פינף מאַן זענען צוזאַמען אַנטלאָפן פון דער אַרמיי, און זיי זענען אַלע איצט אויף יענער זייט גרענעץ, אויפן וועג קיין ענגלאַנד. צוויי יידן און דריי פּאָליאַקן. און פון איין פּאָליאַק האָט ער באַקומען דעם דאָזיקן בריוו פאַר אייך אין אָסיאַנקע. ס'איז אַ גליק, האָט ער געזאָגט, וואָס איך האָב דיך דאָ געטראָפן אין לאָדזש, וואָלפּקע, פּונקט צו דער צייט ווען דו קלייבסט זיך אַוועקצופאָרן צוריק אין דיין סאָד.

סטאַכאָווע גלאָצט אויס אַ פּאָר גרויסע אויגן אויפן פעטער.

— אויב אַזוי, איז עס אמת! געלויבט זאָל זיין יעזוס קריסטוס! — זי צלמט זיך. אַך, שנעלער, מאַטשעק, קום שנעלער און לייען דעם בריוו!

— זייער שלעכט, וואָס דער בריוו איז נישט געשריבן אין יידיש, — שמייכלט דער פעטער, — ירוחמקע וואָלט אים געקאָנט איבערלייענען.

— מעגלעך, אַז ס'איז זייער שלעכט, — האָט זיך אָנגערופן די מומע, — וואָס ירוחמקע האָט זיך נישט געלערנט לייענען און שרייבן פּויליש. אַ שאָד, וואָס מיר האָבן פריער דערפון נישט געטראַכט. וואָלט אים דען דאָס לערנען נישט צונוץ געקומען אין דער סביבה, אין וועלכער ער לעבט?

וואָלט איך געקאָנט לייענען פּויליש, וואָלט איך געוווּסט, וואָס מאַרטשין שרייבט פון דער אַרמיי. ווי אַזוי ער איז אַנטלאָפן געוואָרן? האָט ער זיך דען איבערגעטאָן? האָט ער זיך ביינאַכט אַרויסגעגנבעט? וועגן דעם אַלץ שרייבט מען מן הסתם אין בריוו. איך וויל זיך אויסלערנען לייענען און שרייבן פּויליש, ווי די מומע האָט געזאָגט. וואָס דאַרף איך טאָן, כדי זיך אויסצולערנען דאָס, וואָס וועט מיר צונוץ קומען אין דער סביבה, צווישן וועלכער איך לעב?

וולאַדעק איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט.

— מאַטשעק איז געקומען, איך הער זיינע טריט.

ער לויפט אַרויס. סטאַכאָווע הייבט זיך אויף.

— ענדלעך וועלן מיר הערן, וואָס אין בריוו שטייט געשריבן.

מאַטשעק לייענט פּאַוואָליע. סטאַכאָווע בייגט אויס דעם קאָפּ אין אירע ליפּן חזרן איבערשטיל איבער וואָרט ביי וואָרט:

„...וואָס מער דער פּאַדריאַטשיק גיט כאַבאַר דעם פּולקאָווניק, אַלץ ערגער ווערט דאָס עסן. נאָכדעם קומען די אָפיצירן... — ער רוקט צו דעם בריוו נעענטער צו די אויגן, די ווערטער זאָלן אויסזען דייטלעכער... — די אָפיצירן, אָנהייבנדיק פון קאַפּיטאַן און נידעריקער גנבענען, גנבע=

נעז, גנבענעז. אויף אַזאַ אופן ווערט די זופּ שיטערער און די פּאָרציעס פלייש קלענער און קלענער.

— מיין אָרעמער מאַרטשין! — זיפצט סטאַכאָווע.

מאַטשעק לייענט ווייטער:

...אונדזער דיאַדקע *) איז צוערשט נישט געווען אַזאַ שלעכטער, אָבער ווען דער פּאָרוטשיק האָט אים אויסגעפּאַטשט פאַר זיין מילדקייט צו אונדז, האָט ער זיך צו אונדז אַ נעם געטאָן און אויסגעגאָסן זיין גאַנצן צאָרן. ווען אַ זעלנער אין דער ריי איז לויט אים נישט גענוג אויסגעצויגן, אָדער זיינע שטיוול גלאַנצן נישט ווי אים וואָלט זיך געוואָלט, דערלאַנגט ער אַ זעץ אין מויל און האַקט אים אויס אַ פּאָר ציין, אָדער ער פאַרפּאָרט אים מיט דער פויסט אין אויער, אַזוי אַז עס פּלאַצט ביי אים די פּערעפּאָנקע". סטאַכאָווע זיפצט: אך, באַרמהאַרציקער יעזוס! מאַטשעק לייענט ווייטער: „בלויז די, וואָס קאָנען אים אונטערקויפן מיט בראָנפן אָדער געלט, שאַנעוועט ער. פאַר די איבעריקע זעלנער איז דאָס דינען אַ קאָשמאַר און נאָך ערגער פאַר די פּוילישע זעלנער". טרערן פליסן פון סטאַכאָוועס באַקן. מאַטשעקס שטים ציטערט. „אָבער צומערגסטן איז די יידן". דער פעטער שאָקלט טרויעריק דעם קאָפּ. די מומע דרייט אויס איר פּנים. „און וואָס זיי זאָלן מיט אייך נישט טאָן, דאַרפט איר שטיין גלייך, נישט רירן מיט קיין אבר, באַגריסן זיי און זאָגן, וויגאָוואַט וואַשע בלאַגאָראָדיע... צוליב דער קלענסטער אומגערעכטיקייט ווערט מען געשטעלט פאַרן פעלד-געריכט. מיר..."

— וואָס איז עס אַזוינס „פאַרן פעלד-געריכט"?

„קיינער ענטפערט מיר נישט.

סטאַכאָווע פאַלט צו מיטן פּנים צום טיש. זי וויינט אַלץ העכער און העכער. די מומע נעמט מיט איין האַנט אַרום וולאַדעקן, מיט דער צווייטער — מיך.

— מאַמע, מאַמע, ווײַן נישט! — סטאַשעק הייבט אויף דער מאַמעס קאָפּ און לייגט צו זיין פּנים צו אירס. זיינע טרערן מישן זיך אויס מיט אירע טרערן.

סטאַכאָווע הייבט אויף דעם קאָפּ.

— זיי צופרידן, מיין קינד! דיין ברודער איז , געלויבט צו גאָט, געזונט און איז שוין אַלץ איבערגעקומען.

---

*) אונטער אָפיציר, אפילו אַ יעפרייטער, וואָס האָט געלערנט די רעקרוטן.

זי קוקט אַרויף צו דער מאַטקע באָסקע אויף דער וואַנט:

— זאָלן די הייליקע אים היטן, — זאָגט זי מיט אַ קרעכץ. — ווער ווייסט, וואָס עס וועט אים נאָך אויסקומען דאָרט אויסצושטיין? איך וואָלט אים געשיקט אַ ביסל געלט. אָבער... — זי קוקט זיך אַרום, — וואָס קאָנען מיר פאַרקויפן צו מאַכן אַ פּאָר רובל? די חזירים־פּעסט האָט אַוועקגעהרגעט דעם גאַנצן צוגעבורט. און איצט, זינט מיר האָבן פאַרקויפט די רויטע, איז אונדז פאַרבליבן בלויז איין קו אין שטאַל. און וואָס סטאַך פאַרדינט וועט ער עס ערשט באַקומען צום טאָג פון הייליקן מיכאַל.

— ווען איר וועט אים שרייבן, — זאָגט די מומע, — גיט אים אויף מיין שוועסטערס אַדרעס אין לאָנדאָן, ירוחמקעס עלטערן. זיי וועלן אים העלפן זיך איינאָרדענען. זיי זענען גוטע מענטשן.

ער וועט זען מיין טאַטע־מאַמע!

— זאָל אייך גאָט באַצאָלן פאַר די ווערטער, וואָלפּקאָווע, — זאָגט סטאַכאָווע. — זיין טאַטע און איך וועלן גליקלעך זיין ווייסנדיק, אַז ער האָט זיך געזען מיט דיין שוועסטער און שוואָגער. וואָלפּקע, דו מיינסט, אַז זיי קאָנען עפּעס שלעכטס טאָן, כאָטש ער געפינט זיך שוין אויף דער אַנדערער זייט גרענעץ?

דער פעטער שאָקלט מיטן קאָפּ:

— זיי קאָנען באַשטראָפן די נעסט, דער פויגל איז דאָך אַוועקגעפלויגן.

— בעסער צו זיין פאָרזיכטיק, — זאָגט די מומע. — אומעטום זענען דאָ זשאַנדאַרן און מוסרים, אָפּגעטריקנט זאָלן ווערן זייער צינגער!

פּיי וויש! אַך, פּיי וויש! גיי נישט אַרויס אויף דער גאַס ביי טאָג. אומעטום זענען דאָ זשאַנדאַרן און מוסרים, אויסגעטריקנט זאָלן ווערן זייערע צינגער!

סטאַכאָווע דרייט זיך שנעל אויס צו מאַטשעקן און וולאַדעקן:

— איר האָט גאָרנישט געהערט און גאָרנישט געזען. מאַרטשין האָט גאָרנישט געשריבן! איר ווייסט גאָרנישט! איר פאַרשטייט?

אירע אויגן פינקלען צו מיר, צו מיין מומען, פונקט זי וואָלט אונדז געוואָרנט.

— יאָ, — זאָגט די מומע, — ביי אַ סך קינדער איז וואָס אויף דער לינג, דאָס אויף דער צונג. אָבער אויף ירוחמקען קאָנסטו זיך פאַרלאָזן. ער קאָן האַלטן אַ סוד.

סטאַכאָווע שמייכלט.

— וואָס זאָגסטו צו מיין מאַרטשינס פיינעם שרייבן? ווו האָט ער זיך אויסגעלערנט אַזעלכע ווערטער? נישט אומזיסט זאָגט די וועלט: פון דער מאַמען דאָס העמד, פון דער וועלט — די חכמה.

21

אילזע

איך גיי מיט אילזען הינטער דער סטאַדע, וואָס זי פּאַשעט לענגאויס דעם סאָד. צוקער בילט און יאָגט זי אין סאָד אַריין און צוריק. די שאָף=גלעקלעך קלינגען ערגעץ צווישן די האָבער=פעלדער. די האָבער=זאַנגען שאָקלען זייערע גלאַנצנדיקע קעפּלעך, פּייכטע פונעם מאָרגן=טוי. פאַרוואָס קאָן איך נישט מיט אילזען מיטגיין יעדן טאָג, ווען זי טרייבט אַרויס די שאָף אויף דער לאָנקע, און ווען זי טרייבט זיי אַהיים? ווי גרויס איר שטרויענער הוט איז! ס'איז אַ גרויסע זון=בלום. אירע ליכטיקע צעפּ זענען ווי צוגויפגעפלאָכטן פון גלאַנצנדיקע ווייצענע זאַנגען. זי איז ווי אַ יונג פערדל, ביי וועמען די לייצעס הענגען אַראָפּ פון הינטן. איך כאַפּ די דאָזיקע לייצעס.

— היי, וויאָ, וויאָ, אילזע!

— כי, כי, כי, כי! — זי הירזשעט, שאָקלט מיטן קאָפּ און גאַלאָפּירט איבערן פעלד דאָ אַהער, דאָ אַהין, ווי דעם פּריצס גייער זשרעבאַק. איך לויף הינטער איר, צי די לייצעס און שריי וויאָ, וויאָ!

צוקער האָט פאַרלאָזט די סטאַדע און לויפט מיט מיר. איצט שפּרינגט ער פאָרויס אילזען. ער קוילערט זיך אין גראָז.

— צוקער, צוריק צו דער סטאַדע! צוריק! — שרייט אילזע.

צוויי שעפּסן האָבן פאַרבלאָנדזשעט צום טייכל, וו עס הייבט זיך אָן דאָס רויט=ברוינע קאָרן=פעלד.

— גיי, צוקער, און ברענג זיי צוריק! — שרייט אילזע.

ווי קומט עס וואָס צוקער פאַרשטייט דייטש? דער פעטער און די מומע רעדן צו בורעקן פּויליש, און אויך איך רעד צו אים פּויליש. ווען אילזע רעדט, געפעלט מיר דייטש. פונוואַנען נעמט זיך עס, וואָס די גויים רעדן עפּעס אַן אַנדער מין יידיש? אָבער ווען דער פּריץ שעפּעל רעדט,

געפעלט מיר נישט דאָס לשון. זיינע ווערטער זענען האַרט און טרייבן אָן אַ שרעק. זיי קומען ביי אים אַרויס, ווי אַ הונט וואָלט געוואָרטשעט. אילזעס ווערטער קלינגען ווי אַ קלאַרנעט, ווען דער פעטער גרשון שפּילט אויף אים שטיל.

— קוק ירוחמקע!

אַ בלוי־גרויער שמעטערלינג! איך טו אַ שפּרונג צו אים. ער דרייט זיך אויף אַלע זייטן, פֿאַלט אַראָפּ, הייבט זיך העכער, שימערירט מיט העלער בלויקייט און זילבער. איך האָב זיך צוגערירט צו אים! איך וואַרף אויף אים מיין היטל. אילזע וויל אים כאַפּן, איר געלעכטער איז אויך העל־ברוין און זילבערדיק.

— אָט דאָרט איז ער, ירוחמקע!

ער איז אַריבערגעפלויגן איבערן טייכל צווישן דעם קאָרן. איך שלעפּ אַראָפּ מיינע שטיוול און פאַרשאַרץ די הויזן אַריבער די קני. איך קריך אין וואַסער און אילזע נאָך מיר. אָבער צוקער גייט פאַרויס. מיר לויפן צווישן די הויכע רויטע קאָרן־זאַנגען און געלע בלומען.

— אָט איז ער, אילזע, אָט דאָ!

איך האָב אים שיעור נישט געכאַפּט.

— די האָסט אים איבערגעשראָקן, צוקער, דו שלעכטער כלב, וואָס דו ביסט! — איך טרייב אַוועק צוקערן פון אונדז. — בורעק איז אַ בע־זערער הונט פון דיר. ער העלפט מיר כאַפּן זומער־פייגעלעך. איינמאָל, אין אַ מאַרק־טאָג, אילזע, האָט דער פעטער פאַרקויפט בורעקן צו אַ פּוי־ער פון קאָזשלע פאַר אַ זאַק קאַרטאָפל. איך האָב געוויינט.

— ווי האָט ער עס געקענט טאָן, ירוחמקע? ווי אַזוי האָט ער גע־קענט פאַרקויפן בורעקן?

— די מומע האָט געזאָגט, אַז מען האָט עס געמוזט טאָן, ווייל מיר האָבן מער קיין קאַרטאָפל נישט געהאַט. אויפן צווייטן אָוונט, בעת מיר האָבן צום לעצטן מאָל געגעסן די דאָזיקע קאַרטאָפל, האָבן מיר דערהערט אַ געוויש אין די קוסטעס, פונקט קעגנאיבער דעם געצעלט.

— איך וויים שוין!

— דאָס איז געווען בורעק. גאַנצע צען קילאָמעטער איז ער געלאָפן פון קאָזשלע צוריק אַהיים.

— אָ, דאָס איז זייער שיין!

—אָבער מיר האָבן געמוזט דעם פּויער צוריק אַוועקגעבן די קאַר־טאָפל.

— לאָמיר גיין, ירוחמקע, צו דער סטאַדע, דאָרט איז קיינער נישטאָ. גרעטכעז אַהער! צוקער, ברענג גרעטכען! אילזע לויפט צום סאָד און טרייבט פון דאָרט ארויס גרעטכען מיט איר שטעקן. צוקער שפּרינגט ביי דער זייט פון גרעטכען. גרעטכען מעקעט, ווי אַ קינד וואָלט געוויינט און די איבעריקע שעפּסן מעקען צוזאַמען מיט איר.

— אַ פּאַסקודנע שעפּס, — זאָגט אילזע, — שטענדיק אַנטלויפט זי. נעכטן איז זי פאַרפאַלן געוואָרן. איך האָב געזוכט און געזוכט. איך האָב נישט געקענט אומקערן זיך אָן גרעטכען. מיין זיידע האָט מיר דערציילט, אַז ווען ער איז אַלט געווען ניין יאָר, ווי איך, האָט ער יעדן טאָג געדאַרפט פּאַשען אַ גרויסע סטאַדע שאָף, און נישט צען שעפּסן, ווי איך. ער האָט מיר געזאָגט, אַז אויב איך וועל אַמאָל ברענגען אַהיים איין שעפּס וויניקער, וועט ער מיך אַרויסטרייבן פון זיין שטוב.

— אָבער אויב ער וועט דיך אַמאָל אַרויסטרייבן, ווי דעם אַלטן איגנאַץ, וועסטו קומען צו אונדז.

מיר זעגען ביים עק פון סאָד. די שעפּסן געפינען דאָס באַקאַנטע שטעגל צו דער לאָנקע.

אַ הייסער הימל איבערן קאָפּ. דאָס איז אַ גרויסער, ווייסער קאַכלאויוון, וואָס ליגט אָן איבערגעדרייטער הויך איבער אונדז. די שעפּסן פּאַשען זיך אַ ביסל ווייטער פון אונדז. זיי שטייען אין גרויען וואָל מיט די פּיסקעס אַראָפּגעלאָזן צום גראָז. אַ באַראַן מיט געדרייטע הערנער שטייט און קוקט ווייט אויף די גרינע היגלען. עטלעכע שעפּסן ליגן. אילזע איז אַוועק נאָך אַגרעסט. זי איז פאַרבאָרגן צווישן די קוסטעס, בלויז איר גרויסער שטרויענער קאַפּעלוש באַוועגט זיך ווי גאָלד צווישן גרינקייט. איך וואַרף מיין היטל איבערלופטן און צוקער שפּרינגט תיכף צו, אָבער איך כאַפּ דער ערשטער. איך לויף און וואַרף דאָס היטל ווידער אין דער הויך און צוקער לויפט מיר נאָך. — היי, צוקער, ברענג מיר צוריק דאָס היטל! — אָבער צוקער אַנטלויפט צו אילזען מיטן היטל צווישן די ציין.

— צוקער! — נעם דיך צו גרושקען! — שרייט אילזע און לויפט צום קאָרן־פעלד. מיט איין האַנט האַלט זי אונטער דאָס פאַרטעך און שרייט: „גרושקע, קום אַהער! צו דער סטאַדע!“ צוקער איז צוגעשפּרונגען צו גרושקען און זי פאַרטריבן פונעם קאָרן־פעלד צו די איבעריקע שעפּסן.

אילזע דרייט זיך אויס צו מיר, האַלטנדיק הויך איר פאַרטעך.

— זע דעם אַגרעסט, וואָס איך האָב אָפּגעריסן! האָסט נאָך קיינמאָל נישט געזען אַזעלכע גרויסע. אָט האָסטו דיין היטל.

זי שיט אַרויס דעם גרינעם אַגרעסט אויפן גראָז.

— זענען זיי נישט שיין און זויער, ירוחמקע?

— אָאָ—אָאָ! נאָך ווי.

— לאָמיר זיי עסן צום פרישטיק.

איך שלעפּ אַרויס פון מיינע קעשענעס די באַרנעס, ראָזשינקעס און זעמל, וואָס די מומע האָט מיר מיטגעגעבן. אילזע בינדט אויף איר געל טיכל און נעמט אַרויס פון דאָרט ברויט מיט פּוטער, מיט קעז און פּאָווידלע. זי דערלאַנגט מיר אַ פּענעץ.

— אייגס פאַר מיר און אייגס פאַר דיר.

זי הייבט אויף אַ הויפן אַגרעסט פונעם גראָז.

— האַלט דיין האַנט, ירוחמקע — און זי שיט מיר אַריין אַ ביסל אין האַנט.

—ווען מיין מאַמע האָט געלעבט, האָט זי געבאַקן טאָרט מיט אַגרעסט און פּיראָזשקעס מיט קאַרשן. אַך, ווי געשמאַק דאָס איז געווען!

— די מומע באַקט אויך גוטע זאַכן אויף יום־טוב. אויף פּורים — המן־טאַשן, כרעמזלעך אויף פּסח און קעז־קוכן אויף שבועות. זי האָט אויסגעבאַקן די זעמל און עטלעכע געשיקט פאַר דיר, און אויך אַ באַרנע...

אין טיכל איז נאָך דאָ וורשט. אָבער אילזע גיט עס מיר נישט. זי קוקט אויף מיר און אירע אויגן זאָגן: — עס טוט מיר לייד, וואָס דו טאָרסט נישט עסן אונדזער פלייש. פאַרוואָס שמעקט נישט כשרע וורשט אַזוי גוט? צי איז עס אַ חטא, אויב עס געפעלט דער ריח פון חזיר־פלייש?

— איך בין דורשטיק, ירוחמקע. און דו?

— איך לויף נאָך וואַסער.

מיר לויפן ביידע צום טייכל. אילזע בויגט זיך איין. זי נעמט אָן וואַסער אין אירע הענט און טרינקט.

איך וואַרף זיך אויף דער ערד, שטעק צו דאָס פּנים צום וואַסער און טרינק און טרינק. דאָס וואַסער אונטער מיר באַוועגט זיך מיט קיילעכלעך און פינקלט. ווען עס קומט צו צו אַ שטיין שפּרינגט עס און פּאַטשט. וווהין פליסטו אַזוי שנעל, קליין וואַסערל? צ ו ד ע ר ו ו י ס ל. צ ו ד ע ר ו ו י ס ל. א י ך י אָ ג ז י ך צ ו ד ע ר ו ו י ס ל. אַהין פליסן אַלע טייכן פון דער וועלט, האָט יונה חכמה־צאָן געזאָגט אין

חדר. איך קוק אויפן וואַסער. אָט דאָס ייִנגל מיט די פאות און גרויסע אויגן, וואָס קוקן אויף מיר — איז עס ירוחם? מעגלעך, אַז מײַן נשמה, מײַן נשמה פאַרפאַלגט מיך אומעטום און קוקט אויף מיר פונעם ברונעם אין פריצס הויף, פונעם מיל־סטאַוו און פונעם טײַכל דאָ...

— איך מוז אײַנגיכן אַוועקגיין, אילזע.

— אַך, קענסטו נישט פאַרבלײַבן אַ ביסל לענגער, ירוחמקע, ביז איך וועל גיין אַהיים?

— הײַנט איז דאָנערשטיק און איך מוז זײַן אינדערהיים, בעת דער רבי קומט. ער קומט פון סטריקאָוו.

— ס'איז דאָך זומער. מען לערנט דאָך נישט אין די שולן. פאַר־וואָס זאָלסטו לערנען זומער־צײַט?

— דער רבי זאָגט, אַז אַ ייִנגל מוז שטענדיק לערנען, ווי הלל.

— ווער איז הלל?

— דער רבי האָט וועגן אים געלערנט פון תלמוד. ער האָט געלעבט מיט לאַנגע יאָרן צוריק אין בבל. ער איז געווען אַן אָרעמער מענטש.

— ווי דער אַלטער איגנאַץ?

— יאָ, ווי דער אַלטער איגנאַץ. ער איז געווען אַ האָלץ־העקער און געווען זייער אָרעם. אָבער יעדן טאָג פלעגט ער ברענגען אַ העלפט פון זײַן פאַרדינסט דעם שמש פון בית־מדרש, ער זאָל אים אַרײַנלאָזן, ער זאָל קענען זיך צוהערן ווי די תנאים לערנען. אין אַ געוויסן טאָג האָט אים קיינער נישט געגעבן קיין האָלץ צו האַקן. ווען ער איז צוגעקומען צום בית־מדרש אָן געלט, האָט דער שמש אים נישט געוואָלט אַרײַנלאָזן. דאַן איז הלל אַרויפגעקראָכן אויפן דאַך, זיך געלייגט ביים דאַך־לאָך און זיך צוגעהערט ווי די תנאים לערנען. ס'איז געווען אַ קאַלטע ווינטער־נאַכט און עס האָט שטאַרק געשנייט.

— איז ער נישט פאַרפרוירן געוואָרן?

— כמעט. אויף מאָרגן אינדערפרי איז אין בית־מדרש טונקל גע־ווען. האָבן די תנאים געמיינט, אַז ס'איז אַ כמאַרנער טאָג. אָבער איין תנא האָט אַ קוק געטאָן אינדערהויך, האָט ער באַמערקט ווי עפּעס ליגט אויף דער דאַך־עפענונג. זיי זענען אַרויף אויפן דאַך און אַוועקגעשאַרט דעם שניי. זיי האָבן געפונען הללן אַ פאַרשטאַרטן, כמעט אַ טויטן. זיי האָבן אים גערייבן, געוואַרעמט און געראַטעוועט זײַן לעבן.

— און וואָס איז נאָכדעם מיט אים געשען?

— זיי האָבן אים אַרײַנגענומען אין בית־מדרש און ער האָט גע־

לערנט. גאַנצע טעג געלערנט, ביז ער איז געוואָרן דער עלטסטער צווישן די תנאים, און זיי האָבן אים אַ נאָמען געגעבן הלל הזקן...

אילזע זינגט. זי זיצט אויף אַ שטיין און צוקער ליגט אויפגעדרייט נעבן מיר.

— זינג אילזע, דאָס ליד, וואָס דיין מאַמע פלעגט דיר זינגען, וועגן אַ מיידל, וואָס האָט געקעמט אירע האָר.

אילזע זינגט.

— ווער איז די שיינהייט, וואָס זיצט אויף אַ הויכן פעלדז און קעמט אירע גאָלדענע האָר מיט אַ גילדענעם קאַם? און וואָס איז עס פאַר אַ ליד, וואָס זי זינגט? זינגט זי אַזוי זיס און צאַרט ווי אילזע? ווי קען זי אַזוי זינגען, ווען זי איז אַזוי גרויזאַם, די האָזיקע לאָרעליי? אַך, מאַן, אין דעם שיפל אונטן, אַך, מאַן, וואָס ביסט אין דער הויך און הערסט איר ליד, זיי פאָרזיכטיק! גיב אַכטונג אויף די אונטערוואַסער־שטיינער! גיב אַכ־טונג אויף די כוואַליעס! דאָס זענען וואַסער־וועלף, וואָס רעווען. זיי שפרינגען, ווילן דיך פאַרשלינגען, דיך און דיין שיפל...

די זון איז אַ פייערדיקער ראָד. זי האָט זיך אַוועקגעלייגט ווייט פון דער לאָנקע. פאַוואָליע קוילערט זי זיך נידעריקער און נידעריקער הינטער די ווייטע שייערן, הינטער די גרינע סאָסנעס און די הויגלען. יעדע רגע קען אויסברעכן אַ פייער פון די שייער־דעכער.

עס קלינגען די גלעקלעך אויף די העלדזער פון די שעפּסן. אַ שעפּס שטייט ביים טייכל מיטן מויל צום וואַסער. אַ צווייטער קוקט זיך צו. אַ שעפּס ליגט אונטער דעם נידעריקן ברייטן בוים נעבן אונדז.

— וווהין באַהאַלט זיך די זון, ווען זי פאַרגייט? — פרעגט אילזע.

אפשר אינעם מיל־סטאַוו, דאָרט הינטער די שייערס, כדי איבער דער נאַכט זיך אָפּצורוען.

— ס'מוז זיין זייער שיין זיך צוצוקוקן, ווי מאָרגן פאַרטאָג וועט זי אויפּטויכן? — האָט געפרעגט אילזע.

— מאָרגן, פרי, האָט דער פעטער געזאָגט, וועלן מיר גיין אָראָפּ־רייסן די קאַרשן. זיי זענען שוין גרויס און זאַפטיק. דער פעטער און דער עלטער איינגאַץ באַנוצן אַ לייטער, אָבער איך קריך אַרויף אויפן בוים ביזן שפּיץ. קענסטו מאָרגן קומען אין סאָד אַריין אילזע, זיך צוקוקן, ווי איך קריך אויף דיביימער?

— איך, איך וויל קומען, ירוחמקע איך...

איך שטים ווערט איבערגעריסן.

— איך קען נישט קומען איך מוז אַרויספירן די שאָף אויף דער פּאַשע.

— איך וואָלט געוואָלט, זאָלסט נישט מוזן אַרויסגיין יעדן טאָג. זונ־טיק האָבן מיר אַזוי פיין געריטן! מאַמשעקס טאַטע האָט געלאָזט מאַ־משעקן, מיך און וולאַדעקן רייטן אויף זיין פערד! ער האָט מיך כמעט נישט צוגעהאַלטן. ער וואָלט דיך אויך געלאָזט רייטן, ווען דו [illegible] געווען.

— ווען מיין מאַמע האָט געלעבט, פלעג איך אויך רייטן. מיין פּע־טער פרידריך פלעגט מיך תמיד נעמען אויף זיין פערד, ווען ער פלעגט קומען צו אונדז. איך פלעג זיצן פאָרויס און ער האָט מיר דערלויבט צו האַלטן פאַרן ציימל.

— אַ יינגל ביי אונדז אין חדר זאָגט, אַז איך בין אַ האַלבער יתום.

— אָבער דו האָסט, ירוחמקע, אַ פעטער און אַ מומע, וועלכע זענען צו דיר ווי אַ טאַטע־מאַמע.

— ווי טאַטע־מאַמע זענען זיי צו מיר, מיין פעטער און מומע!

— דער זיידע זאָגט, אַז דיין פעטער און מומע וועלן אינגיכן צוריק אוועקפאָרן אין שטאָט אַריין.

— צו ראש־השנה און יום־כיפור. מיר פאָרן שטענדיק צוריק ערב די דאָזיקע יום־טובים און מיר קומען אַהער זומער־צייט באַלד נאָך שבועות.

— און וואָס וועט זיין מיטן אַלטן איגנאַץ ווינטער־צייט?

דער פעטער און די מומע האָבן גערעדט מיט סטאַכאָווען. דער אַל־טער איגנאַץ בלייבט ביי זיי, ביז מיר וועלן קומען צוריק. ער וועט איר צוהעלפן אין שטוב און ביי פעלד־אַרבעט.

— איז אמת, וואָס דער זיידע זאָגט, אַז דו וועסט אפשר נישט קו־מען דעם צוקונפטיקן זומער? ער זאָגט, אַז דיין פעטער און מומע וועלן דיך געוויס אָפשיקן קיין לאָנדאָן, ווייל דיין טאַטע־מאַמע פאָדערן דיך צו זיך. איז עס אמת, וואָס דער זיידע זאָגט, ירוחמקע?

אילזע קוקט אויף מיר מיט טרויעריקע אויגן.

— איך וויל נישט פאָרן קיין לאָנדאָן. איך וויל דאָ בלייבן מיטן

פעטער און מיט דער מומען און אָנקומען אין דער לאָמזשער ישיבה צו לערנען גמרא.

— אָבער אפשר וועסטו מוזן פאָרן.

— דאַן וועל איך קומען צוריק.

— אָבער אויב זיי וועלן דיך צווינגען זאָלסט האָרט פאַרבלייבן?

עס זעט אויס ווי אַט־אַט צעוויינט זיך אילזע.

— דאַן, דאַן, ווען איך וועל אַוועקפאָרן, וועל איך דיר שיקן אַ שיפס־קאַרטע, זאָלסט קומען קיין לאַנדאָן.

אויפן פעלד האָט אָנגעהויבן צו בלאָזן אַ ווינט. וואָלקנס האָבן זיך גע־זאַמלט איבער אונדזערע קעפּ.

— עס וועט זיין אַ שטורעם, — זאָגט אילזע. — מיר מוזן שנעל אַהיים גיין מיט די שאָף.

זי לויפט צו דער סטאַדע.

— גרעטכען, ווו איז ווידער די פאַסקודנע גרעטכען אַהינגעקו־מען? — זי שרייט: בלייב דאָ מיט די שאָף, ירוחמקע. היי, צוקער, לאָמיר געפינען גרעטכען!

די שעפסן מעקען. זיי שטייען ווי יתומים. פאַרלאָזן. א י ל ז ע א י ז אַ וו ע ק! א י ל ז ע א י ז אַ וו ע ק! — וויינען זיי.

אויפן וועג, ביים וואַלד, הערט זיך א מוראדיקער מוקען פון קי, וואָס שטייגט ביזן הימל. אַ הויכער, דאַרער מענטש אויף אַ פערד טרייבט קי פון דער פּאַשע און זייערע קאָפּיטעס הייבן אויף הויכע וואָלקנס שטויב.

— היי, טרייב די שעפסן אַהיים! — שרייט צו מיר דער מענטש אויפן פערד. — עס וועט זיין אַ שטורעם!

— גרעט־כען! היי, גרעט־כען! — שרייט אילזע.

די וואָלקנס זענען פינצטערע, בייזע באַראַנעס, וואָס טראָגן זיך אויפן הימל. אילזע קומט צוריק צולויפן. זי רעדט מיט אַ דערשראָקענער שטים:

— איך קען נישט געפינען גרעטכען! אַך, ירוחמקע, וואָס וועלן מיר טאָן?

פון דערווייטנס קוילערט אַ דונער איבערן הימל, ווי אַ טראַסקערייַ פון וואָגנס אויף אַ יאַריד. די שעפסן שטופּן זיך צונויף, און מעקען פון שרעק.

— ג ע ב ע נ ט ש ט ב י ס ט ו, א י ב י ק ע ר, א ו נ ד ז ע ר ג אָ ט, מ ל ך,

מ י ט װ ע מ ע נ ס כ ו ח א ו ן ג ב ו ר ה א י ז אָ נ ג ע־
פ י ל ט ד י װ ע ל ט.*)

— װאָס בעטסטו, ירוחמקע?

— דאָס איז אַ ברכה אויף אַ דונער.

— ירוחמקע, בעט גאָט, ער זאָל העלפֿן אויסגעפֿינען גרעטכען. זאָג גאָט, אַז איך קען נישט קומען אַהיים אָן גרעטכען. זאָג אים, אַז דער זיידע...

— איך װײס נישט, װאָסער תּפֿילה מען דאַרף זאָגן, צו געפֿינען אַ פֿאַרלוירענעם שעפּס. אָבער קום שנעל אַהיים, אילזע, דער שטורעם מאָר אונדז דאָ נישט כאַפּן.

— איך קען נישט, ירוחמקע! — אילזע הייבט אָן װײנען. — דער זיידע װעט זיך שטאַרק בייזערן.

— װאַרט דאָ, איך װעל אַ זוך טאָן.

— געפֿין זי, געפֿין זי! נעם צוקערן מיט זיך.

איך לויף צװישן בערגלעך היי. איך שריי: גרעט־כען! גרעט־כען!

— עט־כע־ע־ען — ענטפֿערט אַ װידערקול פֿון װאַלד.

איך קוק אַריין אין טייכל. דאָס פֿליסנדיקע װאַסער איז טונקל און קאַלט. עס הייבט זיך. װאָס װעט זיין, אויב גרעטכען איז דערטרונקען געװאָרן? װאָס װעט זיין, אויב דאָס װאַסער האָט זי אַװעקגעטראָגן אין װײסל אַריין? איך לויף צום קאָרן־פֿעלד. איך שטופּ פֿאַנאַנדער די זאַנגען. איך דרינג אַריין טיף אין פֿעלד. די זאַנגען בויגן זיך אונטער דעם קאַלטן װינט. זיי שאָקלען זיך און שעפּטשען: נ י ש ט אָ ג ר ע ט־ כ ע ן!...

— ירו־חמ־קע! האָסטו זי געפֿונען? — שרייט אילזע.

— ניין איך האָב זי נישט גע־פֿו־נען!

— נ י ש ט ג ע־פֿ ו־נ ע ן ז י, נ י ש ט ג ע־פֿ ו־נ ע ן ז י... — רופֿט זיך אָפּ אַ װידערקול פֿון טונקעלן װאַלד.

עס שטאַרקן זיך די דונערן. עס טראַסקעט, װי גרויסע רעדער װאָלטן מיט איינמאָל צעבראָכן געװאָרן.

— אילזע! — שריי איך לויפֿנדיק, — מיר מוזן אַהיים, מיר מוזן גיין אַהיים!

---

*) ברוך אתה י״ אלוהינו מלך העולם
שכוחו וגבורתו מלא עולם.

— א־ה יי־ם... — ענטפערן די פעלדער און דער הימל.

מיר טרייבן אוועק די גאנצע סטאדע, אלע שעפסן חוץ גרעטכען. מיר שמייסן די שעפסן זיי זאלן שנעלער לויפן. גרויסע טונקעלע שעפסן טראגן זיך איבער אונדז אויפן הימל. זיי לויפן שנעל און בייז, שנעלער ווי די קליינע גרויע שעפסן פאר אונדז. עס רעגנט! דער רעגן גיסט מיט וואסער־ווענט איבער מיר, איבער אילזען, איבער די שעפסן, איבערן פעלד. שנע־לער! מיר לויפן שנעלער, און די שעפסן לויפן און מעקען.

מיר זענען שוין ביים היגל, ביים וועג־אויסבייג.

— אט איז דער סאד, אילזע! שנעלער! — איך נעם זי ביי דער האנט. מיר לויפן צוזאמען.

א גרויסער בליץ שפאלט דעם הימל. די טויערן פון הימל עפענען זיך און מאכן זיך צו מיט א שרעקלעכער טראסקעריי. צוקער הייבט דעם קאפ צום הימל און בילט. די שעפסן מעקען פאר שרעק. מיר זענען אין סאד.

— ירו־חמ־קע! איל־זע! אהער אין געצעלט!

דער פעטער לויפט אונדז אנטקעגן!

— פעטער! מיר גייען!

— איל־זע!

עמעץ שרייט אין פעלד. עמעץ פון הויף לויפט צו אונדז. דאס איז דעם פריצס א פאראבעק.

אילזע בלייבט שטיין. זי לאזט ארויס מיין האנט. זי שרייט אויס:

— מיר האבן נישט געקענט געפינען גרעטכען. זאג דעם זיידן, אז מיר האבן נישט געקענט געפינען!

— אילזע! שנעלער, טראכט נישט וועגן די שאף! — איך רוף זי. איך לויף אונטערן קאשטאן־בוים, צום פעטער.

דער הימל פלאמט אויף פון א שנעלן ווייסן פייער. א דונער! די הימ־לען ברעכן זיך. הינטער מיר פאלט א צעבראכענער בוים. — פעטער! — איך לויף אין זיינע ארעמס. שנעל, אין געצעלט אריין! — שרייט ער. — כ'וועל באלד ברענגען אילזען. — ער לויפט נעבן מיר פארביי.

איך בין ביים געצעלט.

דער הויף־יונג לויפט פארביי מיר צום פריצס הויז. אין זיין געזיכט איז פארצווייפלונג.

וו ו א י ז א י ל ז ע?

א געשריי! דער פעטער! זיין שטים טרייסלט, ווי אן ערד־ציטערניש.

— ל־א־ה! הער שעפעל! א, פאטער אין הימל!

אילזע! עפּעס האָט פּאַסירט מיט אילזען! איך וויל צוריקלויפֿן. די מומע שלעפּט מיך צום געצעלט.

— גיי אַריין אינעווייניק, ירוחמקע!

איך קוק דורך דער עפֿענונג פֿונעם געצעלט. אילזע! וווּ ביסטו? — אָבער דיביימער פֿאַרשטעלן מיר אילזען.

— איל־זע! — קלאָגט דער פֿריץ. — אילזע! אַך, מיין קליין אייניקל! אילזע! אילזע! אַך, ניין, ניין, ניין!

די מומע האַלט מיך איין מיט כוח.

פּויערים לויפֿן פֿאַרביי אונדזער געצעלט אין דער ריכטונג צום פֿעלד. מען הערט אָפּגעריסענע ווערטער...

— ...צוגעדריקט מיטן בוים...

— ...געהרגעט פֿון אַ דונער...

געהרגעט פֿון אַ דונער. אַך, ניין! אילזע...

דער קאַשטאַן־בוים אין העלפֿט אַן איינגעבראָכענער ליגט אויף דער נאַסער ערד. די צווייטע העלפֿט שטייט און קוקט אַראָפּ, שאָקלט זיך אויפֿן ווינט און זאָגט קדיש. אַ פֿינצטערע נאַכט. די לבֿנה און אַלע שטערן האָט דער רעגן פֿאַרטרונקען.

דאָ, אויף דעם אָרט, האָט דיך דער פֿעטער געגומען אויף זיינע הענט.

— איר קליין פּנימל איז געווען ווייס, ווי אַ ליכט, — האָט ער געזאָגט. — עס האָט זיך מיר געדאַכט, איך טראָג אַ געשאָכטענע טויב מיט אַן אַראָפּגעהאָנגען קעפּל, ווען איך האָב זי געטראָגן צום גוטבאַזיצערס הויז.

אילזע! זיי נישט טויט! אַך, אילזע, דו האָסט נישט געקענט שטאַרבן. דו לויפֿסט נאָך אַלץ ביי דער זייט נעבן מיר איבערן פֿעלד. זאָל כליאַפּען אַ רעגן, זאָל דונערן און בליצן, מיר זענען נאָך אַלץ אויפֿן הינל און ביים וועג־אויסבייג. אָט דאָרט איז דער סאָד! קוק, מיר זענען שוין נאָענט צום געצעלט. שנעלער, אילזע! טראַכט נישט וועגן די שעפּסן. האָב נישט קיין מורא פֿאַרן זיידן. דער פֿעטער און די מומע וועלן דיך אויסבאַהאַלטן. אַך, אילזע! איך וועל שיקן פֿאַר דיר אַ שיפֿס־קאַרטע פֿון לאָנדאָן...

22

דער שאַנד־קרייז

מיר זיצן ביי אַ לאַנגן נאַקעטן טיש און שאָקלען זיך איבערן אָפּענעם חומש. אין חדר איז הייס, הגם דער זומער איז שוין אַריבער. מיר זאָגן זינגענדיק די פּסוקים אין לשון קודש:

„ז אָ ל ס ט נ י ש ט פ אַ ר ה אַ ס ן ד ע ם ז ו י ם פ ו ן
א ד ו ם, ו וײ ל ע ר א י ז ד ײ ן ב ר ו ד ע ר.
ז אָ ל ס ט נ י ש ט פ אַ ר ה אַ ס ן ק ײ ן מ צ ר י,
ו וײ ל ד ו אַ ל ײ ן ב י ס ט ג ע ו ו ע ן אַ ג ר א י ן ז ײ ן
לאַנד“.

דער רבי העלפט אונדז מיטן זעלבן ניגון. ער זיצט אין אַ יאַרמלקע אויבן־אָן ביים טיש, שאָקלט זיך פון איין זייט אויף דער צווייטער איבער אַ גרויסן ספר, און טרייסלט אַהין און צוריק אַ פּלאַש אין זיינע הענט ער לענט זיך אָן מיטן רוקן אויפן שטול און באַטראַכט די פּירקאַנטיקע, גרינע פלאַש אויף דער ליכט, ווי האַלט עס דאָרט מיט דער פּוטער, וואָס ער קלאַפּט אויס.

— און איצט, איציק, — זאָגט דער רבי מיט אַ ניגון, — וואָס מאַכט רשי דערצו?

איציק בופּלאָקס קוקט טיף אין חומש אַריין. ער קוקט און קוקט.

— רשי, רשי...

— ווי קענסטו וויסן, וואָס רשי הקדוש מאַכט, — זינגט דער רבי, פאָכענדיק איבער אים דעם ניין־עקיקן קאַנטשיק, — אַז דיין קאָפּ איז פאַרנומען מיט וואָכעדיקייט, מיט דיין טאַטנס פערד? מען דאַרף דיר בעסער געבן אַ בייטש אין דער האַנט, היי! וויאָ! — ער הייבט אויף דעם

קאַנטשיק. — אַ באַלעגאָלע שיקט צו מיר זיין זון, ער זאָל לערנען די הייליקע תורה! איז אַט, נאַדיר אַ בייטש! — דער ניין־עקיקער קאַנטשיק לייגט זיך אויף איציק בופלאָקס רוקן. איינמאָל און נאָכאַמאָל!

איציק בופלאָקס שרייט. ער פאַרדעקט דעם קאָפּ מיט די הענט.

— זאָג אים, זאָג אים, וואָס רשי מאַכט, — ווענדעט זיך דער רבי צו וועלוולען.

וועלוול קוקט אויף איציק בופלאָקס, און קיין וואָרט הערט מען פון אים נישט. דער רבי גייט צו צו אים מיטן קאַנטשיק.

— וואָס איז מיט דיר געשען? דו טראַכסט אויך וועגן פערד? איז נישט געגוג פאַר אייך דאָס, וואָס איר וועט הייגט בלייבן ביז שפּעט אין אָוונט? זאָל איך אייך אפשר אַ גאַנצע וואָך יעדן טאָג אַזוי שפּעט האַלטן?

— רשי מאַכט, — הייבט וועלוול אָן:

„זאָלסט נישט פאַרהאַסן קיין מצרי:

דאָס הייסט, נישט געקוקט דערויף,

וואָס ער האָט דייגע בכורים געשלייד־

דערט אין נילוס. וואָס איז דער טעם?

ווייל ער האָט דיר אַ דאַך געגעבן

אין דער צייט פון נויט“.

— ווען ער וואָלט אַזוי געענטפערט, — זאָגט דער רבי, און גייט צו־ריק אויף זיין שטול, — וואָלט ער דאָך פאַרשפּאָרט קלעפּ.

— רבי!

— וואָס איז, ירוחם?

— פאַרוואָס האָט אברהם אבינו אַרויסגעטריבן פון זיין שטוב ישמעאלן מיט זיין מאַמע הגר? הגר איז דאָך געווען פון מצרים.

די ייִנגלעך לאַכן אין די פויסטן. אַלע קוקן אויף מיר. דער רבי רוקט אַראָפּ זיינע געפּלאַצטע ברילן אויף דער נאָז און זיין געקנייטשטער שטערן ווערט נאָך מער צעקנייטשט. ער הייבט זיך אויף פון זיין שטול. שטעלט אַוועק די גרינע פלאַש מיט דער אויסגעשלאָגענער פוטער אויפן פענצטער. דאַן גייט ער צו צו מיר. שטייט איבער מיר.

— ווער האָט אַריינגעלייגט אין דיין קאָפּ אַזאַ מין שאלה?

— איך האָב רחמנות אויף ישמעאלן.

— אַזוי גאָר!... — און דער רבי דרייט זיך אוים צו די ייִנגלעך. — ער האָט רחמנות אויף ישמעאלן! האָרכט נאָר, האָרכט! אַ סברא, אַז

אַ גאַנצן ווינטער און זומער, ווען מיר האָבן געלערנט אין בראשית וועגן ישמעאלן, האָט ער אויף אים רחמנות געהאַט. וואָלפקע דעם גאַרבערס ירוחם וויל אַראָפּברענגען זיין אייגענע תורה פון באַרג סיני. גאָט האָט געזאָגט צום אברהם אבינו: — „און מיין ברית וועל איך שליסן מיט יצחקן". ער האָט נישט געזאָגט: מיט ישמעאלן, דעם זון פון דעם קעפּס־ווייב. און דאָס וואָס גאָט האָט אויסגעקליבן יצחקס קינדער פאַר זיין פאָלק איז פאַר דיר גאָרנישט, משומד איינער, ווילסט זיך מיט גאָט משפּטן?

איך וויל זיך משפּטן מיט גאָט! אַ פינצטער־ניש האָט זיך אויף מיר אַראָפּגעלאָזט. וואָס האָב איך געטאָן? דער רשע קורח האָט זיך קעגנגעשטעלט גאָט, האָט זיך די ערד געעפנט און אים איינגעשלונגען.

— אין שאַנד־קרייז! — באַפעלט דער רבי.

איך הייב זיך אויף פון טיש און גיי אין ווינקל. דער רבי שרייט:

— גיטל, דעם קרייד!

דורך דער קיך־טיר קומט אַריין דעם רבינס קליין ווייבל אין פאַר־טעך און שמוציקן טשעפּעק. זי האַלט אַ שטיק קאַלך אין איר האַנט. אירע אויגן זענען איבערגעשראָקן און קוקן אויף מיר מיט רחמנות. פון דער קיך דערטראָגט זיך אַ געשמאַקער ריח פון געפּרעגלטע ציבעלעס.

— לאָז דאָס יינגל צורו, מלך, — זאָגט דעם רבינס ווייב מיט אַ די־נער שטים. — זינדיק נישט פאַר גאָט און ברענג נישט קיין חטא אויף דיין קאָפּ.

דער רבי כאַפּט אַרויס דאָס קרייד פון איר האַנט.

ווייבער דאַרפן זיך נישט מישן אין די ענינים פון תורה. מער פעלט מיר נישט, די שטאָט זאָל זיך דערוויסן, וועלכע שאלות עס ווערן גע־שטעלט אין מלכם הדר! און פון וועמען? דורכן בעסטן תלמיד! דו קענסט שוין נייען פאַר מיר אַ זאַק, צו גיין בעטלען איבער די הייזער.

ער בייגט זיך איין און מאַכט אַ גרויסן ווייסן קרייז אַרום מיר.

— ווי דעם בעסטן תלמיד פלעג איך אים אין שבתים מיטנעמען אויף פאַרהער אין די בעסטע הייזער. און איצט באַלוינט ער מיך מיט אַזעלכע שאלות! אויב ס'וועט, חס ושלום, אויסגעפּויקט ווערן, אַז דו שטעלסט אַזעלכע אפּיקורסישע שאלות, טאָ וועלכער באַלעבאָס וועט מיך דאַן לאָזן אַריבערטרעטן די שוועל צוזאַמען מיט דיר? וואָס דאַרף געטאָן ווערן צו אַ יינגל, וואָס שטעלט אונטער ספק גאָטס ווילן?

— אין שאַנד־קרייז אַריין! — שרייען עטלעכע ייִנגלעך און יאָשקע־דעם־טאַטנס שרייט העכער פֿון אַלעמען.

יאָשקע־דעם־טאַטנס. פֿאַרוואָס בין איך נישט דורכגעפֿאַלן דאָ, ווען זיין טאַטע האָט מיך פֿאַרהערט? צוליב מיר זענען יאָשקע־דעם־טאַטנס און מאיר־דעם־טאַטנס אָט דאָ אין חדר. און איך האָב זיי ביידן פֿיינט.

דער רבי כאַפּט מיר אָן פֿאַרן אויער און דרייט אים.

— זאָל דאָס אויער פֿון אויבערשטן האָרכן: פֿאַר שטעלן אונטער ספק גאָטס ווילן, שטיי אָט דאָ, אין דעם שאַנד־קרייז, ביז די שטים פֿון אויבן וועט דיך נישט באַפֿרייען.

ס׳איז פֿינצטער. עזרא דער לאַנגער, דער בעלפֿער, צינדט אָן דאָס פֿאַרקאָפּטשעטע לעמפּל, וואָס הענגט אויף דער וואַנט צווישן די בילדער פֿון משה און אהרן. ער שטעלט אויס די ייִנגלעך, וואָס דאַרפֿן אַהיים גיין צו דריי, צו פֿיר אין אַ ריי. ווי זעלנער מאַרשירן זיי אַרויס מיט לאָמ־טערנס אין די הענט און זינגען. עטלעכע ייִנגלעך שפּרינגען אַרום מיר, אַריבערטרעטנדיק מיין שאַנד־קרייז. קום אַרויס פֿון שאַנד־קרייז, קום אַרויס, שלעפּן זיי מיך. אָבער איך האַלט מיך אין דעם אייזערנעם האָק אין דער וואַנט, פֿון וועלכן דער רבי האָט אַראָפּגענומען זיין מאַנטל.

— דער רבי איז אַוועק דאַוונען מעריב, ירוחמל. דו קענסט איצט אַרויסגיין.

— ניין, ניין, — איך צי מיך צוריק, — איך האָב נאָך נישט גע־הערט די שטים!

פֿונדרויסן שווימט אַריין דאָס געזאַנג פֿון די ייִנגלעך:

א ל ת י ר א ע ב ד י י ע ק ב,

ש ר ע ק ד י ך נ י ש ט, מ יי ן ק נ ע כ ט י ע ק ב —

זיי זינגען הויך, כדי איבערצושרעקן די שלעכטע נאַכט־גייסטער. ס׳איז משהלעס שטים. הויך ווי די שטים פֿון אַ פֿויגל, וואָס פֿליט דער העכסטער אין דער מחנה. די שטים, וואָס דאַרף דערגיין צו מיינע אויערן דאַרף זיין אַ שטילע, הגם זי וועט קומען פֿונדערהויך. גאָט האָט אַ לאַנגע ווייסע באָרד, ווי דער הייליקער טודרוס.

די זינגענדיקע קולות דערווייטערן זיך, ווייטער, אַלץ ווייטער. איצט זענען זיי שוין געווים אויפֿן קרייץ־וועג.

איך זינג שטיל אין זיך:
שרעק דיך נישט, מיין קנעכט, יעקב...

נאַכט. איך בין אַליין. דער רבי איז נאָך נישט צוריקגעקומען. איך ווייס נישט, ווי לאַנג איך בין שוין אַזוי אָפּגעשטאַנען. איך שטיי דאָ אויף איין פוס, דאָ אויפן צווייטן. מיינע פיס פאַרזינקען אונטער מיר. איך שפּאַר מיך אָן אין דער וואַנט, האַלטנדיק זיך פאַרן אייזערנעם האָק. אָט, אָט ווערן אָפּגעשוואַכט מיינע הענט. ניין, איך טאָר זיך נישט זעצן. איך טאָר נישט איינשלאָפן, איך טאָר נישט פאַרשלאָפן די הייליקע שטים. האַלט זיך, ירוחם, האַלט זיך! צי וועט קיינמאָל נישט פאַרגעבן ווערן מיין חטא? צי ווייס מיין פעטער און מיין מומע, פאַרוואָס איך בין נאָך נישטאָ אינדערהיים? און ווי וועל איך שטיין פאַר זיי און זיי דערציילן? ווען איך וואָלט געקענט אויף אַ ווייל איינשלאָפן, אויף אַ רגע צומאַכן די אויגן. אָבער די שטים, ווי אַזוי וועל איך דאַן הערן די שטים? איך קען זיך אָבער אַנידערזעצן אין שאַנד־קרייז און הערן די שטים, ווי הגר האָט זי געהערט זיצנדיק אַ וויינענדיקע אינעם מדבר, ווען איר זון ישמעאל איז אונטער אַ קוסט אויסגעגאַנגען פאַר דורשט. אפשר זענען אירע טרערן געווען די אייביקע ווערטער. אָדער אפשר האָט זי געהערט אויפן קול: אויך אין מיין זון איז גאָט! אברהם איז אויך דער טאַטע פון מיין זון. זאָל אויך זיין זרע אָנגערופן ווערן אין ישמעאל!

עס שטייט פאַר מיר דער קליינער גוי ישמעאל, מיט געלע האָר און בלויע אויגן, און זאָגט: עס פאַרדריסט מיר, וואָס צו־ליב מיינעטוועגן קומט דיר אויס צו ליידן, יידיש יינגל. אַך, גאָט, האָרך דיך צו צו הגרס שטים!

די לבנה ליגט שאָטנס אויף דער קעגנאיבערדיקער וואַנט. אויף אהרן הכוהנס גרויסער באָרד און אויף זיין שפּיציק היטל. איבער זיין שטעקן שוועבן שאָטנס. זיי וויגן זיך! ס'איז אַ שלאַנג! זי דרייט זיך צו וואָרענען פּרעהן, אַז זי וועט שלאָגן די וואַסערן פון מצרים און זיי פאַרוואַנדלען אין בלוט, ווייל ער האָט זיך קעגנגעשטעלט גאָטס ווילן...

— ס'שטייט געשריבן, — האָט דערציילט דער רבי, — אַז גאַנצע פינף הונדערט יאָר דאַרף דויערן דער גאַנג פון דער ערד ביזן הימל. ווי לאַנג דאַרף דויערן אַ גאַנג פון הימל ביז צו דער ערד? ווי לאַנג דאַרף

דויערן ביי אַ מלאך אַראָפּצונידערן אויף דער ערד? ווי לאַנג דאַרף דויערן, אַז אַ שטים זאָל אַראָפּ פון הימל? אפשר איז שוין די שטים אויפן וועג צו דער ערד, נאָר דער וועג איז אַ ווייטער, און מיר וועט אויסקומען צו וואַרטן יאָרן לאַנג, אַזוי לאַנג ווי אַן אַלטער מאַן לעבט און אפשר נאָך מער. אָבער אַ שטים קען נישט געגליכן ווערן צו אַ מענטש, אָדער אפילו צו א מלאך. זי קען אַראָפּקומען שנעל. פיר מאָל אין איין נאַכט איז די שטים אַראָפּגעקומען צום קליינעם שמואל אין בית־המקדש אין שילה...

די מומע האָט איינמאָל געזאָגט: היות דער אויבערשטער האָט אויסגעהערט מיין געבעט, און דו, ירוחמקע, ביסט צו מיר געקומען, האָב איך געוויינט פאַר שמחה. איך וועל אַלץ טאָן, — האָט זי געזאָגט, — ער זאָל לערנען תורה, ער זאָל ווערן אַ רב און איך וועל אים אַוועקגעבן צו גאָט, ווי חנה האָט אַוועקגעגעבן שמואלן. אָבער די אַלטע מיגדל האָט אויסגערופן: אַ פיינער שמואל איז צו דיר געקומען! פאַרוואָס גיסטו אים נישט אַוועק צו דינען גאָט? פאַרוואָס האַלטסטו אים אַזוי לאַנג?

איך קוק אויף דער לאַנגער שוואַרצער קאַפּעטע, וואָס באַדעקט מיינע שטיוול ביז צו דער ערד. איך לייג צו מיין האַנט צום שוואַרץ־סאַמעטענעם היטל אויף מיין קאָפּ. איך ריר זיך צו צו מיינע געקרייזלטע פאות, וואָס הענגען אַראָפּ ביי ביידע זייטן פון מיין פנים — איך וויים, אַז אַזוי דאַרף אויסקוקן אַ פרום יידיש ייִנגל. אָבער צי קען איך מיך פאַרגלייכן מיט שמואלן? איך האָב זיך אַנטקעגנגעשטעלט גאָטס ווילן. קען איך זיך פאַרגלייכן צו דער מוטער חנהס ייִנגל שמואל, וועלכער האָט אין בית־המקדש אין שילה געהערט ביינאַכט, ווי גאָט רופט אים?...

אַ שטאַרקער ווינט בלאָזט אינדרויסן. דער לאָדן קלאַפּט אינעם פענצטער. ער האָט זיך אָפּגעריסן פון האָק און טראַסקעט אין פענצטער ווי אַ גרויסער, בייזער פליגל. איך מוז מיך צוהערן, גוט צוהערן. אפשר וועט די שטים שטיל שעפּטשען... און אַ קול דממה דקה וועט געהערט ווערן, ווי עס שטייט געשריבן. און ווי איז צו מיר, אויב איך וועל זי נישט הערן! אויב זי וועט קומען, ווען דער לאָדן וועט געקלאַפּט דורכן ווינט...

דער האָק אויף דער וואַנט קוקט אַראָפּ צו מיר קאַלט און בייז.

— זיי נישט אין כעס אויף מיר, האָק. איך האָב דיך לאַנג נישט אַרויסגעלאָזט פון מיין האַנט. לאָז מיך אַ ביסל זיצן. אָפּרוען זיך אַ ווייל. בלויז אַ ווייל. אַ ווייל. כ'וועל הערן...

— ירו־חמ־קע!

וואָס? דאָס איז די שטים?

מען קלאַפּט.

ירו=חמ=קע!

דעם פּעטערס שטים! ווו איז די שטים? איז זי געקומען? ווען איך בין געשלאָפן. איך בין געשלאָפן.

— ירוחמקע, ווו ביסטו?

— פּעטער! — וויל איך ענטפערן, אָבער איך קען נישט. איך קען נישט שטעלן אַ טראָט פאָרויס. די טיר ווערט בּרייט געעפנט. דער פּעטער מיט אַ לאָמטערן רייסט זיך אַריין אין חדר און גלייך צו מיר.

— ניין, ניין, ניין! — שריי איך אויס. — די שטים פון אויבן, איך האָב זי נאָך נישט געהערט!

דער פּעטער הייבט מיך אויף און וויל מיך אַריינגעמען אין זיינע אָרעמס. אָבער איך האַלט מיך פעסט ביים האָק, טופּע מיט די פיס און שריי. — ניין, ניין, איך מוז שטיין אין שאַנד=קרייז!

דער פעטער באַמערקט ביי דער שיין פון לאָמטערן דעם ווייסן שאַנד=קרייז.

— אויסגעריסן זאָל ער ווערן! — שרייט ער און לויפט אַרויס פון שטוב.

— וווהין איז דער פּעטער אַוועק? איך וויל נישט בלייבן אַליין אין דער פינצטער.

— פּעטער, פּעטער!

טריט ביים פענצטער. דער פּעטער!

דעם רבינס בייזע שטים:

דער קליינער שוטה! דער קליינער שוטה! צוואָס האָט ער געוואַרט? ווער האָט געקענט טראַכטן, אַז ער וועט נישט אַרויסגיין פון דעם קרייד=קרייז, באַלד ווי איך וועל אַוועק פון חדר!...

23

דער קאַנוואָי

— וווּהין גייסטו, ירוחמקע?

דאָס איז פּיניע כּלבֿוניק.. ער טראָגט אַ גרויסע שויב אונטער זיין אָרעם.

— אין ערגעץ נישט.

— הייגט לערנט מען נישט אין חדר?

— ניין, דער רבי איז קראַנק. דער פֿעטער זאָגט, אַז גאָט האָט אים באַשטראָפֿט.

— אַלזאָ, אויב דו גייסט הייגט נישט לערנען תּורה, אפשר וואָלסטו געוואָלט זיך אויסלערנען עפּעס אַנדערש, למשל, ווי אַזוי אַריינצושטעלן אַ שויב אין אַ פֿענצטער, אָדער אַ גלאָז אין אַ לאַמטערן? איך וועל דיך מיטנעמען אין דעם נייעם הויז, נעבן דער פּוילישער שול.

— יאָ, איך גיי!

— אויסגעצייכנט, אָט האָסטו די קיט! אָבער שפּיל זיך נישט דערמיט אויפֿן וועג ווי מיט אַ פּילקע און וואַרף עס נישט אַריבער ערגעץ הינטער אַ פּלויט.

ער האָט מיר געגעבן די קיט. עס איז אַזוי ווייך און רונדיק ווי מצה־קניידלעך, וואָס די מומע מאַכט אויף פּסח צו דער יויך. אָבער די קיט איז שווערער, און האָט אַ ריח פֿון אייל. איך לייג עס צו צו דער נאָז. איך קייקל עס צווישן מיינע הענט. אויב איך וויל קען איך עס וואַרפֿן הויך, ווי אַ פּילקע. דאָ זענען נישטאָ קיין שום פּלויטן. מיר גייען מיטן וועג צו דער פּוילישער שול. ס'איז קאָמיש צו זיין אַ גלעזער. וועלוול פֿאָרט קיין בזשעזשין צו ווערן אַ שניידער. און אויב איך וועל מיך אויסלערנען פֿאַר אַ גלעזער, וועל איך קענען אַרבעטן מיט מיינע הענט, ווי ער.

— איז שווער צו זיין אַ גלעזער, פּיניע?

— מען קען זאָגן, אַז שויבן אַריינשטעלן איז אַזוי לייכט, ווי פליקן פעדערן, און אַז מען וויל, קען מען זאָגן, אַז גלעזעריי איז די שווערסטע מלאכה אין דער וועלט.

— איך פאַרשטיי נישט, וואָס דו מיינסט.

— יאָ, ס'איז גאַנץ לייכט אַריינצושטעלן אַ שויב אין אַ לאַמטערן, זי זאָל באַלייכטן דיין וועג אין דער פינצטערניש. אָבער אמתע גלעזעריי איז אַ גאַנץ אַנדער זאַך. דאָס איז גלעזעריי, צו וועלכער עס נייטיקט זיך נישט קיין גלאָז.

— מען דאַרף אינגאַנצן נישט קיין גלאָז?

ער טרייבט שפּאַס? איך באַטראַכט זיין טייוולאָניש אייגל.

— מען דאַרף נישט קיין גלאָז פאַר לאַמטערנס, וואָס באַלייכטן דעם וועג פאַרן מענטשלעכן פאַרשטאַנד.

— וואָס זענען עס פאַר אַ לאַמטערנס? לאַמטערנס צו באַלייכטן דעם פאַרשטאַנד?

— וואָלסט געוואָלט זיין אַזאַ גלעזער, ירוחמל? דאָס איז אַ לאַנגע לערע און אַ שווערע. איך וואָרן דיך.

— ווהין דאַרף איך פאָרן זיך עס אויסצולערנען? קיין בזשעזשין?

— ניין, ירוחמל, דאָ אויפן אָרט. אומעטום, דאַרפסט זיך לערנען פון פאָלק, אויב דו ווילסט מאַכן לאַמטערנס צו באַלייכטן זיין וועג פאָרויס.

ווו האָט זיך פּיניע אויסגעלערנט דיביידע מינים גלעזעריי?...

— קוק, זעלנער!

— ניין, זשאַנדאַרן, — זאָגט פּיניע כלבוניק. — דאָס איז אַ קאָנוואָי.

זיי גייען אַנטקעגן אונדז אויפן וועג, אָבער זיי זענען נאָך ווייט. אין גרויע אוניפאָרמען. אָבער נישט אַלע.

— וואָס איז עס אַזוינס קאָנוואָי?

זשאַנדאַרן גייען ביי דער זייט פון אַרעסטאַנטן, און זיי פירן זיי פון איין שטאָט אין דער צווייטער, — זיין קליין אייגעלע לאַכט. — זיי גייען צוזאַמען נישט צוליב דעם, כדי זיך נישט צו לאַנגווייליקן.

דער קאָנוואָי דערנעענטערט זיך. מענטשן לויפן אָן פון אַלע זייטן. מען שרייט:

— אַ קאָנוואָי!

— אַ קאָנוואָי גייט!

דער קאָנוואָי איז שוין נאָענט. דער פאָדערשטער זשאַנדאַר שרייט עפּעס, אויף רוסיש. די שווערד אין זיין האַנט גלאַנצט, ווען ער הייבט זי אויף, און רויטע שנירלעך טרייסלען זיך אויף זיינע אַרבל. אַלע לויפן אָפּ אין אַ זייט. איך מיט פּיניע כלבוניק רוקן זיך צו צו אַ וואַנט.

— קריך אַרויף אויף דער טאַטשקע, ירוחמל. — פּיניע כלבוניק העלפט מיר אַרויפקריכן.

— דאָרט איז אַ מיידל אויך פאַראַן. פיר מענער און איין מיידל, — זאָגט אַ פרוי.

— אַ יונג מיידל און שוין אַ פאַרברעכערין — זאָגט מרים דעם קרע־מערס וויב. — מסתם באַגנבעט איר באַלעבאָס, אָדער עפּעס אַנדערש. אַ מצווה אויף איר!

פאַרוואָס זענען קייטן אויף די הענט פון די צוויי מענער, וואָס גייען פאָרויס? און קייטן אַרום זייערע לענדן, וואָס ציען זיך אַראָפּ ביז צו די פיס? זענען זיי נישט שווער די פּעק אויף זייערע פּלייצעס? האָבן זיי פריי־ווישן אויך אַזוי געשמידט, ווען זיי האָבן אים געפירט אין דער תפיסה?

ביי דער זייט פון יעדן אַרעסטאַנט גייט אַ זשאַנדאַר, אַ זשאַנדאַר גייט פון הינטן און אַ זשאַנדאַר פון פאָרנט. זיי טראָגן אַלע אויף זייערע רוקנס ביקסן מיט שפּיציקע באַגנעטן און שווערדן אין זייערע הענט.

— פאַרוואָס פירט מען זיי אין תפיסה? איז דאָ צווישן זיי עמעץ פון אונדזער שטאָט? — פרעגט אַ מענטש, וואָס שטייט נעבן פּיניע כלבוניק.

— פאַר זייערע מידע פיס וואָלט צונויז געקומען אַ ווייכע פערענע, — רופט זיך אָן פריידע־מלכה היגטער מיר. — ווער ווייסט דורך וויפל שטעט און דורך וויפל תפיסות מען וועט זיי נאָך אַרומשלעפּן.

— קוק! קוק! — איך צי פּיניע כלבוניק פאַרן אַרבל. דאָרט גייט פרימעט! זי איז צוריקגעקומען.

— יאָ, פרימעט! — זאָגט ער שטיל. ער מאַכט אַ טראָט פאָרויס און בלייבט שטיין.

פרימעט! זי איז עס. זי גייט צווישן די אַרעסטאַנטן. איר פּנים איז בלאַס. זי זעט גאָר אַנדערש אויס. וואָס האָבן זיי מיט איר געטאָן?

ס'הערן זיך קולות:

— קוק, דאָס איז פרימעט.

— אסתר דער זאָגעריננס טאָכטער!

— מען האָט זי צוריקגעבראַכט, די חצופה, ווי אַ פאַרברעכערין!
— גו, יאָ, צוליב איר פאַרבינדונג מיטן „בונד“.
— פאַרברעכערין? איר האָט פאַרביטן די יוצרות! — הייבט פיניע כלבוניק אויף זיין שטים. — ס'האַנדלט זיך דאָ בלויז וועגן אַ פּאַספּאָרט. זי וועט אין אַ טאָג אַרום באַפרייט ווערן. זיי האָבן גאָרנישט קעגן איר. זי איז אַ יונג מיידל.

זי וועט די טעג באַפרייט ווערן! און אויב זיי וועלן זי נישט אַרויס־לאָזן? זיי מוזן זי אַרויסלאָזן.

און ווער איז דער הויכער מאַן, וואָס גייט הינטער פּרימעטן, אין אַ די־קער קורטקע, די הענט געשמידט אין קייטן? ווער האָט אים געמאַכט אַ גרויסן שגיט אויפן פּנים? פאַרוואָס קוקט ער אויף מיר און גלאָצט מיט די אויגן אַזוי, ווי ער וואָלט וועלן אָנטרייבן אויף מיר אַ שרעק?
— צי זענען זיי אַלע אָן פּאַספּאָרטן?

— עטלעכע מוזן זיין גנבים אָדער רויבער, וועלכע מען פירט אין תפיסה, — האָט מרים דעם קרעמערס ווייב געזאָגט.

ס'איז געווים אַ רויבער! איך שרעק זיך פאַר פּרימעטן. ווייסט זי, אַז אַ רויבער מיט אַ רויבערישער צורה גייט הינטער איר?
— קוק, אָט איז איר מאַמע! — הערט מען אַ שטים.

עולם טרעט איר אָפּ דעם וועג. אסתר די זאָגערין רייסט זיך אַריין אויפן וועג מיט אַ געשריי:
— ווי איז צו מיר! פאַרפינצטערט איז מיין לעבן! מיין טאָכטער פּרימעט!

דער קאָנוואָי בלייבט שטיין. די שווערדן גלאַנצן אין די הענט פון די זשאַנדאַרן. דער פאָדערשטער זשאַנדאַר דרייט זיך אויס און מיט גע־שריי גיט ער אַ באַפעל אין רוסיש.

— ער זאָגט, מען זאָל זיך אָפּרוקן און נישט רעדן מיט די אַרעס־טאַנטן, — דערקלערט פיניע כלבוניק. — זיי האָבן מורא, מיר זאָלן זיך נישט דערוויסן, ווער די אמתע פאַרברעכער זענען.

דער זשאַנדאַר נעבן פּרימעטן שרייט צו אסתר דער זאָגערין:
— זשידאָווקאַ!

איך פאַרשטיי דאָס דאָזיקע וואָרט. ער באַפעלט איר זי זאָל אָפּגיין. אסתר די זאָגערין רוקט זיך נישט אָפּ. זי שטרעקט אויס אירע הענט צו פּרימעטן און שרייט:

— טאָכטער, קינד מיינס! פאַרשאָלטן זאָלן ווערן די שוועסטער=און=ברידער, וואָס זיי האָבן פון דיר געמאַכט! קוקט, יידן רחמנים בני רחמנים, וואָס זיי האָבן געמאַכט פון אַ יונגער יידישער טאָכטער.

— פאַרשאָלטן זאָלן ווערן די, וואָס שילטן די שוועסטער=און=ברידער, — רופט זיך אָן פריידע=מלכה.

— ס'איז אסתרס גליק, וואָס די זשאַנדאַרן פאַרשטייען נישט קיין יידיש, — זאָגט פיניע כלבוניק, אַ נישט וואָלט זי שוין געהאַט אַ טאָכטער אין סיביר.

— מעגלעך, אַז זי וויל דאָס, — זאָגט פריידע=מלכה. — זי איז נישט ווערט צו האָבן אַזאַ טאָכטער. זי מיט איר פאַרשימלטן פאַרשטאַנד.

אסתר די זאָגערין האָט זיך געווענדעט צו די זשאַנדאַרן:

— לאָזט איר גיין! גיט מיר צוריק מיין קינד!

פרימעט שטייט און קוקט פאָרויס. זי שטייט און קוקט נישט אויף דער מאַמען. דער פאָדערשטער זשאַנדאַר גיט אַ באַפעל.

דער זשאַנדאַר, וואָס שטייט נעבן פרימעטן שטופט אָפ אסתרן. דער קאָנוואָי רירט פון אָרט. פרימעט איז אויך אַוועק.

פון הינטן הערט זיך די הויכע שטים פון יאָסל גרעפּצער:

— אָט אַזוי ווערט געטאָן מיט אַ יידיש מיידל, וואָס גייט אַראָפ פון גלייכן וועג און שלעפט זיך אַרום מיט די שוועסטער=און=ברידער. זי אַנט=לויפט זומערצייט און אין האַרבסט ברענגט זי דער קאָנוואָי צוריק אַלס גנבטע, ווי איר ברודער דעם גנב.

— און פון וואַנען ווייסטו, לשון=הרעניק, אַז דאָס איז פאַר גנבה? — האָט זיך פיניע כלבוניק געווענדעט צו יאָסל גרעפּצער. — אויב עס וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן גנבה, וואָלטן זיי זיך צוערשט גענומען צו דיין באַלע=באָס, מרדכי=לייב, וועלכער צאָלט פאַר דיינע מסירות וועגן די גאַרבער מיטן געלט, וואָס ער באַרויבט טאַקע פון זיי. היט זיך מיט דיינע רייד, יאָסל. צייטן בייטן זיך!

באַלעבאַטישער אונטערלעקער! — האָט אים דער פעטער גרשון אָנ=גערופן בעת דער פאָרשטעלונג פון די פורים=שפּילער. און ער איז געווען גערעכט.

פיניע כלבוניק דרייט זיך אויס צום עולם אַרום אונדז:

— ווען זי איז פאַרביי געגאַנגען, האָט איר דען באַמערקט אַ שולד אין אירע אויגן, ווי מיר זעען אין לייזער פראָצענטניקס אויגן, ווען ער

גייט פֿאַרביי דעם מאַרק־פּלאַץ? האָט איר דען געזען, אַז זי גייט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ? דער קאָנוואָי פֿירט זי אין תּפֿיסה, ווי אַ פּשוטן פֿאַרברעכער, אָבער דאָרט וועט זי זײַן דער ריכטער און זי וועט אַרויסטראָגן דעם אורטייל.

זיי פֿירן זי אין תּפֿיסה. ווען וועלן זיי זי אַרויסלאָזן? וואָס וועלן זיי מיט איר טאָן? אויב זיי וועלן זי אַרויסלאָזן אין אַ טאָג אַרום, וועט זי קענען אַנטלויפֿן? אָבער דענסטמאָל וועט זי זיך דאַרפֿן אַ גאַנצן טאָג אויסבאַהאַלטן אין אַ שטוב, ווי פֿייוויש און אַרויסגיין בלויז בײַנאַכט. ווייסט פֿייוויש וועגן פֿרימעטן? אָבער אויב אפֿילו ער ווייסט, קען ער דאָך נישט קומען אינמיטן העלן טאָג? ווען פֿייוויש וואָלט געקענט זיך דאָ באַווײַזן, וואָלט ער זיך דורכגעשלאָגן דורכן עולם מענטשן און, צוגייענדיק צום זשאַנדאַר נעבן פֿרימעטן, וואָלט ער אַרויסגעריסן די שווערד פֿון זײַן האַנט און וואָלט אויסגערופֿן מיט זײַן פֿעסטער הויכער שטים: פ ר י מ ע ט. ד ו ב י ס ט ב אַ פ ר יי ט!

איך וויל נאָך איר נאָכלויפֿן און רופֿן: דערלויב מיר גיין צוזאַמען מיט דיר. דערלויב מיר זיך צוצורירן צו דײַן פּנים, פֿרימעט! פֿאַרוואָס קוקן נישט דײַנע אויגן אויף מיר? אָבער פֿרימעטס אויגן קוקן פֿאָרויס. זי האַלט הויך איר קאָפּ. זי גייט משפּטן און אַרויסטראָגן אַן אורטייל.

24

די קאַרוזעלע

— פּס־ס־ס־ט.

איך שטיי אויף די שול־טרעפּ און קוק אין דער ריכטונג צום אָפּגעגעם פּלאַץ.

דער פעטער גבריאל! ער שטייט אין דער שטוב־טיר פון דעם בעקער אהרן דעם קאַלטן. זיינע אויגן ווינקען צו מיר. איך שטיי אויפן העכסטן טרעפּל ביי דער שול־טיר. דורך דער אָפענער טיר הערט זיך אַ פּילשטימיקע זשומעריי און גערויש פון יום־טובדיקע תפילות. דער פעטער וואָלפּקע וואַרט אויף מיר אינעווייניק.

— פּס־ס־ס־ט.

דער פעטער גבריאל ווינקט צו מיר. ווען ער פאַרמאַכט איין אויג, הייבט עס אָן צו שפּילן אין באַהעלטעניש. ק ו ם א ו ן ז ו ך מ י ר, ק ו ם א ו ן ז ו ך מ י ר! דאַן שפּרינגט ער אַרויס פון דער באַהעלטעניש מיט אַ געלעכטער.

איך גיי אַראָפּ פון די טרעפּ. איך וועל נאָר צוגיין און זען, וואָס דער פעטער גבריאל וויל. בלויז אויף אַ רגע, דערנאָך וועל איך צוריק צולויפן אין שול. איך גיי אַראָפּ פון די טרעפּ. די מומע וועט זיין אין כעס, אויב זי וועט זען, אַז איך גיי צום פעטער גבריאל — אַ בחור פון אַ יאָר צוואַנציק, וועלכער איז ראוי לחופּה און קוקט נישט אַריין אין מחזור און פאַסט אפילו נישט אום יום־כיפּור. ער זיצט אין שטוב, בעת אַלע יידן דאַווענען. איך שטיי שוין ביי דער בעקעריי פון אהרן דעם קאַלטן און אין דער טיר שטייט דער פעטער גבריאל מיט אויפגעהויבענע הענט:

— גוט יום־טוב, ירוחמל.

— גוט יום־טוב, פעטער גבריאל.

— און וואָס ווינטשסטו דעם פעטער צו ניי־יאָר?

— אָבער ס'איז שוין נאָך ראש־השנה.

— בלויז דריי וואָכן נאָך ראש־השנה. די צייט פון ווינטשעניש איז נאָך נישט אַריבער.

— יאָ, ביז היינט ביינאַכט. אין דער נאַכט פון הושענא־רבה, — האָט דער רבי געזאָגט, — ווערט דער גורל פון יעדן איינעם פאַרחתמעט אין ספר־הזכרונות אויפן הימל.

— איך ווינטש דיר אַ כתיבה וחתימה טובה צום גייעם יאָר, — ענטפער איך אויף לשון־קדוש, אַזוי ווי דערוואַקסענע ענטפערן.

— גם אתם, — ענטפערט דער פעטער אויף לשון־קודש. זיין האַנט דריקט פעסט מיין האַנט. זיינע ליפן שמייכלען. ווי קען ער זאָגן אַזעלכע ווערטער, אויב ער קוקט קיינמאָל נישט אַריין אין קיין סידור?

— ירוחמל, אין שטאָט איז אַ יאַריד!

— אַ יאַריד?

— מיט אַ קאַרוזעלע! האָסט חשק צו גיין?

— צו דער קאַרוזעלע! ווען, פעטער גבריאל, ווען?

— היינט. איצט. בלויז אויף היינטיקן טאָג בלייבט זי אין סטריקאָוו.

— אָבער, אָבער, ס'איז דאָך היינט הושענא־רבה!

— ווער דאַרף דערפון וויסן? ווען דו וועסט קומען צוריק, וועסט נאָך האָבן גענוג צייט אויף דאַווענען.

— ווער דאַרף וויסן? אָבער גאָט וועט דאָך וויסן. ער וועט אָראָפּקוקן, און וועט זען, אַז איך בין נישטאָ אין שול. ער וועט זען, ווי איך רייט אום הושענא־רבה אויף דער קאַרוזעלע מיט גוייִשע יינגלעך, ווען יעדער ייִד און יעדעס ייִדיש ייִנגל דאַרף זיין אין שול. און אַלע מאַכן הקפות מיט לולבים אין די הענט און זינגען הושענאָ. גאָט וועט זען מיין פעטער וואָלפקע און אַ טלית, וואָס בעט נישט בלויז פאַר זיך און פאַר דער מומען, נאָר אויך פאַר מיר, פאַר זייער ירוחמען...

— ס'איז אַ חטא, היינט, אום הושענאָ־רבה.

— ס'איז אַ חטא דורכצולאָזן דעם יאַריד און די קאַרוזעלע. דו וועסט זיך קיינמאָל נישט מוחל זיין.

— פאַרוואָס האָט נישט געקענט דער יאַריד פאָרקומען אין אַן אַנדער־טאָג פאַרוואָס האָט ער נישט געקענט אָפּוואַרטן ביז נאָך סוכות? ס'איז בלויז צוויי טעג.

— צוואָס האָבן פרעטענזיעס צום יאַריד, וואָס איז גאָט די נשמה שולדיק? די, וואָס האָבן צונויפגעשטעלט דעם ייִדישן קאַלענדאַר, האָבן

געדאַרפט א טראכט טאָן, אז אין דעם און דעם טאָג וועט פאָרקומען א יאריד. לאָמיר זיין צופרידן, וואָס דער יאריד איז נישט באַשטימט געוואָרן אויף יום־כיפור.

— פעטער גבריאל, פאַרוואָס פאסטו נישט יום־כיפור?

— איך פאסט צווישן איין מאָלצייט און דעם צווייטן. געווען הונגעריק מען אין סמאָרגאָן פון איין יום־כיפור ביזן צווייטן. זאָל פאסטן לייזער־מאיר דער פראָצענטניק, אברהם דער האַלץ־סוחר, מרדכי־לייב און מרדכי לייבס זון. זיי פרעסן א קיילעכדיק יאָר אי פאַר זיך, אי פאַר מיר, אי פארן פעטער וואָלפקע און פאַר דער מומע לאה און זינדיקן אויך לגבי אונדז. און זינדיקן נישט אויף די הילצערנע קאַרוזעלע־פערדלעך.

מיר גייען היינטער דער בעקעריי פון אהרן דעם קאַלטן און דורך אַ זייטיק געסל צום טייך. איך גיי, אָבער עמעץ פענטעט מיינע טריט. פאַרוואָס איז די קאַרוזעלע געקומען קיין סמאָרגאָן פונקט אינעם טאָג פון הושענאָ־רבה?

— וועט מען היינט אין שול דוכענען, פעטער גבריאל?

— דוכענען? אך, דוכענען? ניין, הושענא־רבה דוכנט מען נישט.

— פעטער גבריאל, ווען דו ביסט געווען א קינד, ביסטו געשטאַנען אונטער א טלית, צו כל הנערים?

— יאָ, איך בין געשטאַנען, ווי אין א זאק!

— און האָסט די גאנצע צייט נישט אַרויסגעקוקט?

— איך האָב געהאַלטן ביידע אויגן צוגעמאַכט, — ער פאַרמאַכט פעסט ביידע אויגן און דריקט צו די ציין, — משוועקעס וואָלטן זיי פעסטער נישט געהאַלטן צוגעמאַכט.

— האָסטו נישט געפרוווט ארויסצוקוקן?

— האָב איך דען געוואָלט בלינד ווערן? ווייסט דען נישט, אז אויב מען קוקט ארויס צום ערשטן מאָל, ווערט מען בלינד אויף איין אויג, און אויב דו קוקסט ארויס א צווייט מאָל, ווערסטו בלינד אויפן צווייטן אויג?

יאָ, יונגה חכמה־צאָן האָט אויך אזוי געזאָגט.

— און, און, ווען דו קוקסט אַרויס צום דריטן מאָל? פעטער גבריאל ענדיקט נישט זיינע רייד, און די גרויסע ווייסלען פון זיינע אויגן זענען פול מיט וואָרענונג.

— ווערט מען בלינד אויפן... — איך ווער אַנטשוויגן.

ווי קענסטו קוקן א דריטן מאָל, אויב דו ביסט שוין בלינד אויף ביידע אויגן? וואָס מיינט ער דערמיט? וואָס דערציילט ער מיר? ווערט מען

טאַקע בלינד, ווען מען קוקט ארויס פון אונטערן טלית, בעת מען דוכנט? צי איז דען עמעצער אַמאָל אַזוי בלינד געוואָרן?

דער פעטער גבריאל קוקט מיר אין די אויגן אריין און לאַכט.

דער פעטער וואָלפקע זאָגט, אז ער וואָלט זיך קיינמאָל נישט אָנגעטאָן מאָדיש, אין א קורצער מאַרינאַרקע, אין הויזן איבער די שטיוול און ער וואָלט קיינמאָל זיך נישט געלאָזט גאָלן די באָרד, ווי זיין פריינד יאנקל. ער ווייסט, אז דער פעטער גבריאל רויכערט אום שבת, ווען קיינער זעט נישט און ווער ווייסט, צי ער עסט נישט אַמאָל חזיר־פלייש.

— געראָטן אין זיין ברודער נפתלי, — האָט די פאַרגאַנגענע וואָך געזאָגט די מומע. — זאָל גאָט שומר ומציל זיין, אז ירוחמקע זאָל גיין אין זיינע טאַטנס דרכים. די געדענקסט דאָך מסתם, אז ווען נפתלי איז צוגעקומען צו דער גרענעץ אויפן וועג קיין לאָנדאָן, האָט ער מיט פישל דעם באַלעגאָלע אָפגעשיקט אהיים זיין טלית און תפילין, כדי גאַנץ סטריקאָוו זאָל וויסן, אז ער האָט פאַרענדיקט מיטן דאַווענען. ביז צו דער חתונה האָט ער געקוועטשט די באַנק אין ישיבה, אָבער ווי נאָר ער האָט איבערגעלאָזט די שטאָט הינטער זיך, האָט ער אַרויסגעשמיסן א פייג דער ישיבה און דער גאַנצער יידישקייט. און גבריאל איז פונקט ווי זיין ברודער, פאַרמאָגט אָבער נישט זיין תורה.

— אָבער דערלויב מיר צו זאָגן, — האָט די מומע ווייטער גערעדט, — ער געפעלט מיר בעסער אַזאַ ווי ער איז: ווייניקער תורה, ווייניקער משומד.

איך ווייס, די מומע האָט ליב דעם פעטער גבריאל. ער איז דער בעסטער בעקער אין שטאָט, פלעגט זי תמיד טענהן. בלויז אדאנק אים באַק איך מיינע חלות און שטעל דעם טשאָלנט אין דער בעקעריי פון אהרן דעם קאַלטן, וועלכער זאָגט קיינמאָל קיינעם נישט קיין גוט־מאָרגן.

דער פעטער גבריאל שטעלט לאַנגע טריט און איך לויף און שפרינג, כדי נישט אָפשטיין פון אים. ער שטעלט נאָך לענגערע טריט און איך לויף שנעלער און לאַך. דער פעטער גבריאל שטעלט תמיד אַזעלכע גרויסע טריט. פונקט אזוי גייט יאנקל. ווען ביידע גייען צוזאמען, איז די שטאָט צו קליין פאַר זיי.

...און דער פעטער וואָלפקע האָט אים אויך ליב. איינמאָל, דאָס איז געווען פונקט נאָכדעם, ווי דער פעטער גבריאל איז געוואָרן בר־מצווה און אָנגעהויבן לייגן תפילין, האָט שמיליק באַלעגאָלע אויסגעשמירט דעם פע־

טער גבריאלס פרישן ווייסן קראַגן מיט דזשעגעכץ. דאַן איז דער פעטער וואָלפקע אין שול אין מיטן דאַווענען צוגעגאַנגען צו שמיליק באַלעגאָלע און צו אים געזאָגט:

— דייַן האַנט האָט פאַרשמירט זייַן קראַגן?

— א האַנט, וואָסער הילוק, ווער דאָס האָט געטאָן? שמיליק באַלעגאָלע לאַכט צו די, וואָס שטייען אַרום אים. — דאָס וועט זייַן פאַר אים אן אָנלערעניש, ער זאָל מער אין שול נישט קומען אין בלאַנק־ווייסע קראַגנס.

— און דו מייַנסט, אז אויב דער יונג איז א יתום, האָט ער נישט קיינעם, וואָס זאָל זיך פאַר אים אָננעמען און אַרויסטרעטן קעגן אַן אויסגעפּאַשעטן חזיר? — האָט דער פעטער געזאָגט און נישט געקוקט דערויף, וואָס שמיליק באַלעגאָלע איז א געזונטער יונג, האָט אים דער פעטער אַראָפּגעלאָזט אַזא פּאַטש אין באַק, אז דער גאַנצער עולם אין שול האָט געהערט. עולם האָט אָפּגעהאַלטן שמיליקן, ער זאָל זיך נישט וואַרפן אויפן פעטער. אך, ווי איך וואָלט געוואָלט זייַן דערבייַ! איך וואָלט אַרויסגעשפּרונגען אויף שמיליק באַלעגאָלע און אים אָפּגעפּליקט א פּאה. איצט קען דער פעטער גבריאל שלאָגן צען באַלעגאָלעס, ווי שמיליק. הלוואי זאָלן זיי זיך נאָר צונויפטרעפן! האָט ער דען נישט געהרגעט גליתן בעתן פּורים־שפּיל? דער פעטער גבריאל טראָגט אונטער יעדן אָרעם יצו זאק מעל און א דרימן אין די ציין. איינמאָל האָט ער דעם לייטער, וואָס שטייט אָנגעלענט בייַ דער וואַנט פון שול, אויפגעהויבן זייער הויך צוזאַמען מיט יונה שמש, וואָס האָט פאַרריכט דעם דאַך. איבער א סך גאַסן האָט ער אַרומגעטראָגן דעם לייטער מיט יונה שמש אויפן שפּיץ, און יענער האָט געהאַלטן אין איין שרייַען: :„שמע ישראל“! לאָז מיך אַראָפּ! דער פעטער גבריאל האָט צו אים אַרויפגעשריגן: ווּעסט נאָכאַמאָל יאָגן מייַנע טייבן פונעם שול־דאַך?

— זונטיק בולבע...

דער פעטער גבריאל זינגט:

— מאָנטיק בולבע,
דינסטיק און מיטוואָך בולבע,
דאָנערשטיק און פרייטיק בולבע...

זייַן מעכטיקע הויכע שטים שפּרינגט פון איין טאָן צום צווייטן.

— שבת איז א נאָווינע קלאָצקעלעך פון בולבעס,
זונטיק ווידער בולבע.

— זינג עם נאַכאַמאָל, זינג עם נאָכאַמאָל, פעטער גבריאל.

— לאָמיר זינגען צוזאַמען, ירוחמל. דו זינג סאָפּראַן, ווי משהלע אין כאָר, און איך וועל זינגען מיט אַן אַלט.

— ז ו נ ט י ק ב ו ל ב ע ס,

מ אָ נ ט י ק ב ו ל ב ע ס...

מיר זינגען און מאַרשירן ווי זעלנער. דער פעטער גבריאל פון פאָרנט און איך הינטער אים.

מיר זענען אויף דער בריק, אויפן וועג קיין זגערזש, וווּ די שטאָט ענדיקט זיך.

— יאָרט איבער דער בריק, אין דער יאריד, — זאָגט דער פעטער גבריאל. — דו הערסט די מוזיק פון דער קאַרוזעלע?

די קאַרוזעלע־מוזיק! פּונקט ווי פאַר די אויגן וואַלטן זיך געדרייט פאַרשידענע קאָלירן: געל און רויט, גרין און בלוי.

און אָט איז די קאַרוזעלע! איבערהייך, ווי א גרויסער, ברייטער רעגנבויגן, דרייט זיך דער געפּאַסקעוועטער שירעם און די מוזיק שפּילט! און אויפן סאַמע שפּיץ דרייט זיך די קליינע גרינע פאָן. וועגעלעך און פערד יאָגן איינע די אַנדערע, פערד לויפן נאָך די וועגעלעך, און די וועגעלעך לויפן שנעלער! וועגעלעך און פערד יאָגן זיך פאָרויס, דאָ הייבן זיי זיך אויף, דאָ פאַלן זיי אַראָפּ. דאַכט זיך, אַז מאַמשעק פון אָסיאַנקע זיצט אויף א גרין־געל פערד! ער איז אַקאָרשט פאַרבייגעפלויגן, נאָכיאָגנדיק צוויי יינגלעך, וואָס זיצן פאָרויס אין א וועגעלע. די צוויי קליינע יינגלעך האַלטן זיך נאָענט איינער צום צווייטן. אָט לויפט ער ווידער פאַרביי און יאָגט זיך כסדר נאָך זיי, האַלטנדיק דעם קאַרוזעלע־שטעקן מיט דער האַנט!

— קום, לאָמיר צוגיין בעענטער, — זאָגט דער פעטער גבריאל, נעמענדיק מיך פאַר דער האַנט.

דער פלאַץ איז פול מיט מענטשן: יינגלעך, מיידלעך און דערוואַקסענע. פויערים אין לאַנגע סוקמאַנעס, אַנדערע אין העל אויסגעווייטע העמדער מיט קליינע גילדענע צלמימלעך אויף דער ברוסט. פויערטעס אין ברייטע רויטע ספּאָדניצעס מיט קערב אויף די פּלייצעס. פויערים באַגעגענען זיך און קושן איינער דעם צווייטן, קרייצנדיק זיך איבער די אַקסלען. אַלע זענען פּאָליאַקן, א טייל פון סטריקאָוו און אָסיאַנקע, ס׳רוב אָבער פון אַנדערע ערטער.

— א גרויסער יאריד, — זאָגט דער פעטער גבריאל. — מען איז זיך דאָ צונויפגעקומען פון אלע ארומיקע שטעט און דערפער, פונעם גאַנצן פּאָוויאַט. אָט יענער רימער, ביים טישל, איז פון לוקאָוו און אַנדערע זענען פון ווייטערע ערטער.

א מאָדנער געפיל: זיין די איינציקע יידן צווישן אַזויפיל פּאָליאַקן! איך כאַפּ אָן פעסטער דעם פעטער גבריאלס האַנט. איך האָב זיך נישט געקענט פאָרשטעלן אזא גרויסן עולם דאָ, ווען אַלע יידן זענען אין שול.

— צי וועט מען דאָ טרעפן יאַנעקן, פעטער גבריאל?

— ניין, ער אַרבעט היינט. ער האָט נישט קיין מזל צו האָבן הושענאַ־רבה און קענען גיין אויפן יאַריד.

— ווי לאַנג זענט איר שוין פריינד, דו און יאַנעק?

— די גאַנצע צייט, נאָך פאר מיין בר־מצווה. אונדזער חברשאַפט האָט זיך אָנגעהויבן באַלד, ווי מען האָט מיך אלס יתום אָפּגעגעבן צו א יידישן מילך־הענדלער אויף דער צווייטער זייט אָסיאַנקע. דאָס איז געווען שוין איינמאָל א פרעה, א"ב ס'האָט בכלל אַזעלכעס עקזיסטירט. שווערער פון א פערד האָב איך געאַרבעט און שטרוי האָט ער מיר געגעבן צו עסן. איך בין פון אים אַנטלאָפן און דאָן האָב איך באַגעגנט יאַנעקן. קיין סך האָב איך מיט אים נישט געדאַרפט רעדן. פון סאַמע אָנהייב איז ער געווען אויף מיין זייט. אָט אזא מענטש איז ער געווען. תמיד אויף דער זייט פונעם געפּלאָגטן: ער האָט מיך פאַרבאַהאַלטן פון זיין טאַטן אין א סטייג היי, און איך בין דאָרט געלעגן ווי אויף א בעט פון געגרזענע פעדערן. און איך געזאָרגט וועגן מיין מאָגן. — דער פעטער גבריאל פינטלט מיטן אויג. — דאָס עסן איז נישט שטענדיק געווען כשר, אָבער הונגער איז יאָ געווען! קיין מאַמע האָט ער אויך נישט געהאַט און ער איז געווען אין מיינע יאָרן. ער האָט געוואָלט וווינען אין שטאָט און ווערן א באַלמעלאָכע. „איך וועל גיין אין שול, פלעגט ער זאָגן, און זיך לערנען לייענען און שרייבן“. אויף אזא אופן זענען מיר ביידע אַנטלאָפן. ער איז געוואָרן א געזעל ביי א יידישן שלאָסער און איך האָב זיך געלערנט בעקעריי נישט ווייט פונעם אָרט, וווּ ער האָט געאַרבעט.

— איז ער געגאַנגען אין שול?

— ער האָט נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט. אָבער פיניע כלבוניק האָט מיט אים געלערנט. יאַנעק לייענט נישקשה. דאָס וואָס איך קען וועגן זיך נישט זאָגן.

איצט זעען מיר אינמיטן פונעם גאַנצן עולם. אָט דאָרט שטייט אַ באַקאַנטער, קובע דער שומר. ער שפּאַצירט אין זיינע ברייטע, געפּאַסקעוועטע גרין־רויטע הויזן, פאַרלייגט ביי די קני, איבער די כאַליעוועס.

ביים ראַנג פון אַ געסל זיצט אַן אַלטער בעטלער מיט אַ לאַנגער ווייסער באָרד. ער זיצט די פיס אונטער זיך און גרילצט אויף די איבערגעבליבענע צוויי סטרונעס פון א פידל.

— קומט צו מיר, מיינע קינדער.
מאַריע רופט אייך,
רופט אייך...

א פויערטע מיט א קליין מיידעלע ביי דער זייט גייט צו אים צו און שושקעט אים עפּעס אין אויער אַריין. דער בעטלער צלמט זיך און זאָגט א תפילה. די פרוי גיט אים א מטבע.

דער פעטער גבריאל דערלאַנגט מיר א גראָשן פאַרן בעטלער. מיינע פינגער ברענען, ווען איך ריר מיך צו צום געלט. ס'איז דאָך הושענאָ־רבה! דער בעטלער צלמט זיך אָפּ און זאָגט:

— א דאַנק, מיין זון, זאָל יעזוס דיר אָפּצאָלן.

יעזוס זאָל מיר אָפּצאָלן! אד, וואָס האָב איך געטאָן? אין א יידישן יום־טוב!

— פיין שפּילסטו, זיידע, — זאָגט דער פעטער גבריאל צום בעטלער.

א לאַנגער, דורכדרינגענדיקער פייף!

— היי, גאַווריליק! קוק, דאָרט איז גאַווריליק!

פון הינטער א געצעלט, נישט ווייט פון דער קאַרוזעלע. א הויכער, מאָגערער מאַן אין א גלאַנציק רויטער בלוזע, פאָכעט מיט א געלן שאַל צום פעטער גבריאל.

— דאָס איז יוזעף, יוזעף דער ציגיינער. ס'איז זיין קאַרוזעלע, — זאָגט צו מיר דער פעטער גבריאל.

— דו קענסט אים, פעטער גבריאל?

— אַוודאי, איך קען זיי אַלע.

ער קען יוזעף דעם ציגיינער! ער קען זיי אַלע מיין פעטער גבריאל!

איצט שטייען מיר אין פראָנט פון דער קאַרוזעלע. יוזעף ציגיינער בינדט צו אַ שטריק צו אַ געצעלט־סלופּ. זיין היטל זיצט אויף איין זייט,

און פון דער צווייטער קרייזלט זיך אינדערהויך א דיקע טשופריגע. דער דאַשעק איז שוואַרץ און גלאַנצט. זיין מינקל פנים ווען ער דרייט זיך אויס צו אונדז, ווערט אויפגעלויכטן מיט א שמייכל, ענלעך צו דער זון, וואָס טויכט ארויס פון אונטער א וואָלקן. זיינע שוואַרצע האָר גלאַנצן, ווי דער שוואַרצער דאַשעק פון זיין היטל.

— וואָס מאַכט דיין שותף, יוזעף? — דער פעטער גבריאל פאַרהילכט דעם טימל פון דער קאַרוזעלע.

— ער האָט זיך צעקלאַפט א פוס ביים פאַלן. אָבער דער טייוול וועט אים ניט נעמען. ער וועט איגגיכן זיין צוריק און שלינגען מעסערס אויפן יאַריד אין גלאָווגע.

אמתדיקע מעסערס? וועל איך קענען קומען אויפן גלאָווגער יאַריד?

— יוזעפס שותף איז א כישוף־מאַכער, — זאָגט צו מיר דער פעטער.

— ער קען טאָן נסים גרעסערע פון גערער רבין.

— היי, גאַווריליקע! זאָל דאָס ייגגל זיך דורכרייטן און נעם דיר אליין אויך א פערד! — שרייט יוזעף ציגייגער.

די קאַרוזעלע בלייבט שטיין. ייגגלעך טאַנצן אראָפ פון די פערד. דערוואַקסענע נעמען אראָפ זייערע קינדער פון די וועגעלעך.

— אָט אויף יענעם פערד וויל איך רייטן. ער איז העל־ברוין מיט ווייסע שטרייפן. דעם קאָפ האַלט ער הויך, זיינע אויגן זענען ברייט פאַנאַנדערגעעפנט און אויך זיין מויל איז אָפן. זיינע ווייסע ציין גלאַנצן און זיינע נאָזלעכער זענען רויט ווי א פלאַם.

איך קריך אַרויף אויפן פערד.

— איצט ביסטו א קאַוואַלעריסט. האַלט זיך פעסט, ירוחם.

א גלעקל קלינגט, און מיר פאָרן. צוערשט פאַוואָליע, דערנאָך שנעלער. איך בין אין דער קאַוואַלעריע. איך רייט אויף א גרויסן לויפער. דאָס בלויע פערד פון פאָרנט איז אָן א רייטער. ביי ביידע זייטן פון זאָטל גלאַנצן גרויסע געלע איידלשטיינער. מיר טראָגן זיך שנעלער. דער פעטער גבריאל שטייט אונטן צווישן דעם עולם. ער זעט אויס קלענער, ווי ער איז. דער עולם אונטן דרייט זיך אַרום, אַרום און אַרום, און דער פעטער צווישן זיי. פעטער גבריאל! צי האָט ער געהערט מיין שטים? ער באַוועגט מיט זיין האַנט. איך זע אים ווידער. בלויז זיין פנים און זיין האַנט. ווידער און ווידער! דאָס פערד פון פאָרנט איז אָן א רייטער. זיינע פאָדערשטע פיס זענען אויפגעהויבן און אין די קני געבויגן, ווי ער וואָלט זיך געגרייט צום

שפּרינגען. זײַנע קאָפּיטעס זענען שוואַרץ װי פּעך. ער טראָגט זיך שנעל, שנעל. ס'איז אַ פֿערד, אַ לױפֿער! קײנער קען אים נישט כאַפּן, זײַן װילדער קאָפּ איז אַראָפּגעלאָזט און זײַן געלע גריװע איז אָנגעצױגן. עס יאָגט װײַטער און װײַטער. קוק! מען האָט אים געפּאַקט! אַ מאַן איז אַרױפֿגעשפּרונגען אױף זײַן רוקן! ער האַלט אים פֿעסט בײַ דער גריװע, אָבער דאָס פֿערד לױפֿט כּסדר! דער רײַטער שפּײַט גלײַך מיט די פֿיס אין די פֿוסהאַלטערס. זײַן לאַכנדיק פּנים באַטראַכט מיך פֿון אַלע זײַטן. פֿעטער גבריאל! ער האָט זיך אַרױפֿגעכאַפּט אױף דעם גאַלאָפּירנדיקן פֿערד!

— איצט זענען מיר בײדע קאַװאַלעריסטן! — שרײַט דער פֿעטער גבריאל.

ער זיצט רײַטנדיק אױף זײַן פֿערד פֿאַר מיר. איך קען כמעט אים אָנרירן. ער דרײט אױס זײַן פּנים צו מיר.

— האַלט זיך פֿעסט בײַ דײַן פֿערדס גריװע, ירוחמל, און שמײס עס נישט, װײַל עס װעט דיך נאָך אָפּװעקפֿירן קײן מערקײ!

אָבער איך װאָלט געװאָלט האָבן אַ בײַטש און קנאַלן מיט איר אין דער לופֿטן, װי פּישל באַלעגאָלע. איך שרײַ, װי ער אױף פּױליש: — װיאָ, קאַשטאַן! װיאָ, אָדלער! — איך קנאַל מיט אַ לאַנגער בײַטש. — פֿלי, אָדלער! גלײַך קײן מערקײ!

די קאַרוזעלע דרײט זיך לאַנגזאַמער. די קלאַנגען פֿון דער מוזיק װערן שװאַכער. זײ קריכן אַרײַן אין דער קאַרוזעלע און װערן אַנטשװיגן.

— אַ פֿײַנער רײַטער איז דײַן פֿעטער גאַװריליק, נישט אמת? — האָט אױסגערופֿן יוזעף ציגײַנער, צוקומענדיק צו אונדז, בעת דער פֿעטער גבריאל האָט מיך אַראָפּגענומען פֿון פֿערד. — און דו װעסט אױך זײַן אַ גוטער רײַטער, — װענדט ער זיך צו מיר און גלעט מײַן קאָפּ.

— װי רופֿט מען דיך?

— ירוחם.

— מײַן פּלימעניק, — זאָגט דער פֿעטער גבריאל. — דו האָסט גע־דאַרפֿט זען, װי ער לײענט די ביבל. איך האָב אים געבראַכט, ער זאָל אַ קוק טאָן אױף דײַן קאַרוזעלע. איך מוז דיר זאָגן דעם אמת: דו האָסט געבראַכט אַ גאַנץ פֿײַנע פֿאַרװײַלונג אין אונדזער שטאָט. נאַ, יוזעף אַ ביסל סעמעטשקעס. און אָט אַ ביסל פֿאַר דיר, ירוחמל.

יוזעף ציגײַנער שלעפּט אַרױס פֿון זײַן בלוזע־קעשענע אַ גרין־געמאָלט פּײַפֿל. ער שפּײַט אױס אינדערלופֿטן די שאָלעכץ פֿון אַ סעמעטשקע און

פאַרוואָרפט אויף אַהינטער אַ לאָקן האָר פון זיין שטערן. זיינע לוסטיקע שוואַרצע אויגן זענען ברייט צעעפנט און זיינע פינגער טאַנצן אויף די לעכלעך פונעם פייפל. ער בלאָזט אינעם פייפל און טענער פליען אַרויס, ווי קליינע ווילדע פייגעלעך. דער פעטער גבריאל אַקאָמפּאַנירט מיט געזאַנג:

אָי דאַנאַ,
אָי דאַנאַ־דאַנאַ־דאַ,
אָי דאַנאַ־דאַנאַ־דאַ,
אָי האַנאַ־האַנאַ־דאַ,

— היי, גאַווריליק — אַ קאָזאַצקע!

יוזעף ציגיינער שפּרינגט אַיבערלויפט מיט אַ הויכן היי, האָ!

דער פעטער גבריאל, מיט איין האַנט אויף דער פּאָטילביצע, בייגט די קני און לאָזט זיך אַוועק טאַנצן, צופּאַלנדיק נידעריק צו דער ערד. זיינע אויגן לאַכן. זיינע אויגן זינגען. זיינע פיס וואַרפט ער פאָרויס. איינמאָל און נאָכאַמאָל, איינמאָל און נאָכאַמאָל. און ער פאַלט נישט. יוזעף ציגיינער פּאַטשט מיט די הענט און זינגט. אַ עולם האָט אים אַרומגערינגלט. אַלע פּאַטשן מיט די הענט און זינגען. דער פעטער גבריאל טאַנצט די קאָזאַצקע און יוזעף ציגיינער טאַנצט נידעריק אַנטקעגן אים. איך פּאַטש אויך מיט די הענט און זינג...

דער טאַנץ איז פאַרענדיקט. יוזעף ציגיינער קלאַפּט דעם פעטער גבריאל איבער דער פּלייצע.

— נאַ, יערעמקע, — זאָגט ער, דערלאַנגענדיק מיר דאָס פייפל. — און בעט דיין פעטער גאַווריליק, ער זאָל דיך אויסלערנען שפּילן אויף אים. איך האָב עס אַליין אויסגעשניצט פון אַ קאַשטאַן־צווייגל אין אָסיאַנקע.

אַך, ער האָט עס מיר אַוועקגעגעבן! ער האָט מיר אַוועקגעגעבן דאָס פייפל! דאָס גרינע אויסגעשניצטע פייפל!

מיר דערנעענטערן זיך צו דער שול. ס'איז נאָכמיטאָג. אָבער דאָס דאַווענען האָט זיך נאָך נישט פאַרענדיקט. די גאַסן זענען נאָך פּוסט. דער פעטער רופט זיך אָן:

— איצט, לכל־הפּחות, האָבן מיר פאַרוואָס זיך צו שלאָגן על־חטא. ס'איז נישט קיין פּעולה מתפּלל צו זיין סתם אין דער וועלט אַריין. מאָטל־

דוד, מדרום דער הייליקער און די אַלע אַנדער־ע כּלי־קודש האָבן געמוזט תּפילה טאָן און שלאָגן זיך על־חטא מיט דער אייגענער פויסט אין ברוסט. אָבער העלפן העלפט עס נאָר דאַן, ווען עס שלאָגט אַ פרעמדע פויסט און איצט קענסט גיין און אַריינכאַפּן אַ שטיקל דאַווענען. שרעק דיך נישט, די טייוולאָנים וועלן האָבן אַזויפיל רוקנס צו טרייבערן מיט זייערע שטעקנס, אַז ווען עס וועט דערגיין צו אונדז וועלן זיי שוין אַלע זיין שטאַרק פאַרמאַטערט.

איך גיי אַריין אין שול, פאַרבאַהאַלטנדיק מיין חטא אין זיך. איך קוועטש זיך דורך הורכן עולם מתפּללים, וועלכע שטייען נאָך אַלץ מיט די טליתים איבער די קעפּ, שאָקלען זיך און דאַווענען שטיל. איך גיי צו צום פעטער. ער שטייט ביים אויוון, נישט ווייט פון דער טיר. ער דערזעט מיך אָבער ס'איז אינמיטן שמונה־עשרה און ער טאָר נישט אויסרעדן קיין וואָרט. זיינע אויגן זענען פול מיט פאַרוואורף, ווען ער קוקט אויף מיר און אויך מיטן צאָרן. וואָס וועט ער מיר זאָגן, ווען מיר וועלן קומען אַהיים? טרערן שטעלן זיך מיר אין די אויגן. ער עפנט דעם מחזור און דערלאַנגט אים מיר. איינגיכן דאַרף זיך ענדיקן דאָס דאַווענען.

היינט ביינאַכט וועט דער ספר־הזכרונות אויפן הימל פאַרמאַכט ווערן און דער לעצטער פּסק־דין וועט אָפּגעחתמעט ווערן. ווי קען איך בעטן אויף אַ גוט מזל אין ספר־הזכרונות? אפשר איז נאָך פאַרבליבן אַ ביסל צייט, כּדי מיין תּפילה זאָל אַרויף אינדערהייך צוזאַמען מיט די קולות פון די מתפּללים. האַלט אָפן דעם ספר־הזכרונות, גאָט! גיב מיר די מעגלעכקייט בלויז איין תּפילה צו טאָן, גאָט!....

מיינע ליפּן באַוועגן זיך נישט. ווי קען איך בעטן גאָט אויף חסד?... דער גאַנצער עולם אין שול, אַלע ייִנגלעך, זיי אַלע קענען בעטן, דער ספר־הזכרונות זאָל נאָך זיין אָפן פאַר זיי. זיי זענען געווען אין שול די גאַנצע צייט, בעתן דאַווענען זענען זיי נישט געווען אויפן יאַריד, זיי האָבן נישט געריטן אויף דער קאַרוזעלע, האָבן נישט געגעסן סעמעטשקעס און נישט געפּאַטשט מיטן די הענט בעתן טאַנצן אַ קאַזאַצקע אום הושענאַ־רבה צוזאַמען מיט די גויים. און ווינד און ווי, צו קיינעם פון זיי האָט אַ פּוילישער בעטלער נישט געזאָגט — „זאָל יעזוס דיר אָפּצאָלן“.

...אַ ר י י נ ג י י ן א ו ן כ אַ פּ ן א ת פּ י ל ה. איך בלעטער אויף צוריק די זייטן פון מחזור. אָבער איך קען קיין וואָרט נישט אַרויסרעדן. אך, דערהויב זיך מיין שטים אַרויף, כּל־זמן דער ספר־הזכרונות

זיך דערהייבט פאַרוואָס איז נאָך נישט געשלאָסן! וווּ איז מיין שטים? איך פרוּוו דאַווענען נישט מיין שטים צוזאמען מיט אלע אַנדערע שטימען? אויפן קול. איז עס מיין קול, די שטים, וואָס איך הער? דאָס איז דאָס פייפל, יוזעף דעם ציגיינערס פייפל אין מיין בוזעם־קעשענע! יוזעף דעם ציגיינערס גרויסע אויגן לאכן און זיינע פינגער מאַנצן איבער די לעכלעך פונעם פייפל:

אָי דאַנאַ־דאַנאַ־דאַ,
אָי דאַנאַ־דאַנאַ־דאַ...

25

זעלבסטשוץ

אויפן שול־הויף איז אַ גרויסער געפּילדער. שחרית האָט זיך נאָך נישט אָנגעהויבן. מענער און ייִנגלעך אין שבתדיקע בגדים אײַלן זיך אַרײַנצוגיין אינעווייניק, אָבער אַ טייל בלײַבט שטיין אינדרויסן. זיי וואַרעמען די הענט אין די אַרבל. זיי שטייען צונויפגעפּרעסט אין הויף. ציטערן פון קעלט און שמועסן. ייִדן רײַבן זיי אַרום, כּדי צוצוהערן. מאַנכע צוקן מיט די אַקסלען און גייען אַרײַן אין שול.

די הינטערשטע וואַנט פון דער שול איז אַלט, גרוי און אָפּגעקראַצט. זי שטייט אין איר פאַרשטיינערטער הויכקייט און מיט אירע קאַלטע פענצטער־אויגן קוקט זי אויפן געפרוירענעם טײַכל. זי הערט נישט די קולות פונעם עולם אין הויף. זי קוקט נישט אַראָפּ צו אונדז. דער פעטער זאָגט, אַז אָט אַזוי איז זי געשטאַנען אין זײַן טאַטנס צײַטן און אין זײַן טאַטנס טאַטנס צײַטן און וועט ווײַטער שטיין נאָך ווי לאַנג זי שטייט, אפשר אַזוי לאַנג, ווי די וואַסערן פונעם טײַכל פליסן. לכתּחילה האָט זי געקענט הערן אַלץ, יעדעס וואָרט פון יעדער תּפילה, אַפילו אײדער עס איז נאָך געזאָגט געוואָרן. אָבער איצט זענען אירע אַלטע אויערן אָנגעשטאָפּט מיט קולות און זי הערט נישט די רייד פון עולם אויפן שול־הויף...

דער פעטער ווייסט נישט, אַז איך בין אַרויסגעגאַנגען, איך מוז אוועקטראָגן דעם סידור צו דער מומען אין ווײַבער־שול און ערשט שפּעטער, וועל איך אַראָפּקומען צו אים. אָבער איך וועל בלײַבן דאָ אין הויף און זיך צוהערן. איך וויל דאָ בלײַבן מיטן פעטער גבריאל. חוץ דעם איז נאָך דאָ געגוג צײַט, היות דער חזן קומט ערשט איצט אָן. דער האַלדז איז בײַ אים אַרומגעבונדן מיט אַ בונט טיכל, ער זאָל זיך נישט צוקילן.

— די גאַנצע שולד האָבן זיי געגומען אַרויפלייגן אויף אונדזערע

קעפּ, — זאָגט וועלוולס מאַמע. — די גענעראַלן האָבן פאַרשפּילט די מלחמה און מיר זענען דער שעיר־לעזאזל.

— יאָ, — זאָגט פּיניע כלבוניק, — יעדעס מאָל, ווען דאָס ברויט פּאַלט ביי זיי מיט דער פּוטער אַראָפּ, דאַרפן זיי האָבן עמעצן וועמען צו באַשולדיקן.

— האָט איר געהערט, וואָס געבן האָט דערציילט אברהם דער האָלץ־סוחר אויפן מאַרק־פּלאַץ? — פרעגט לייביש גיבור. — ער איז אָקאָרשט געקומען פון אוקראַינע. ער דערציילט, אַז אין א שטאָט נעבן זשיטאָמיר האָט מען אַרעסטירט א יידישן פערד־הענדלער. און ווי מיינט איר וואָסער בלבול האָבן זיי אויף אים אויסגעטראַכט? אַז ער קויפט פערד, כדי זיי צו אויעקצושיקן אין דער יאַפּאַנישער אַרמיי.

אלע לאַכן, אָבער עוזר זאָגט:

— ווי איז צו אַזא געלעכטער. איצט פאַרשפּרייטן זיי קלאַנגען, אַז יידן אין דער גאָרער וועלט קלייבן געלט, כדי עס אַוועקצושיקן דעם מיקאַ־דאָ, דעם יאַפּאַנישן צאַר. עס ווילט זיך זיי פּאָגראָמען. זיי בענקען נאָך צו צווייטן קישעניעוו.

א פייער פלאַקערט אין עוזרס שטים.

פאַריקס יאָר, אויף א יאַריד, האָט א זונגער אין טינקעלע ברילן געזונגען וועגן דעם, ווי אין קישעניעוו האָט מען אויפגעשניטן די בייכער פון מאַמעס און ווי אַזוי מען האָט צעקלאַפּט די קעפּלעך פון קליינינקע קינדער אין דער וואַנט.

— פאַרוואָס שמעקט זיי אַזוי דווקא יידיש בלוט, — זאָגט דער פעטער גבריאל פאַרביטערט.

— דאָ האַנדלט זיך גישט בלויז וועגן יידיש בלוט, — זאָגט פּיניע כלבוניק. נעמט, למשל, די אַרמענער. אויך קעגן די אַרמענער האָבן זיי געמאַכט פּאָגראָמען. און דער בלוטיקער זונטיק? רוסיש בלוט שמעקט אויך גאַנץ גוט דעם צאַר.

— וואָס איז עס אַזוינס דער בלוטיקער זונטיק?

עולם קוקט מיך אָן. איינער זאָגט:

— צוואָס זאָל א קינד אויסהערן אַזעלכע געשפּרעכן?

— עס וועט אים גאָרנישט שאַטן. זאָל ער ווייסן, וועמען מען דאַרף זיך קעגנשטעלן, — ענטפערט דער פעטער גבריאל.

פּיניע כּלבוניק לייגט אַרויף זיין האַנט אויף מיין פּלייצע.

— דער בלוטיקער זונטיק, ירוחם האָט פּאַסירט פּונקט מיט א חודש צוריק, קורץ נאָך חנוכּה אין פּעטערבורג. צענדליקער טויזנטער ארבעטער זענען געגאַנגען צום צאַר אויסצובעטן עטוואָס מער ברויט צום עסן, אַ ביסל לערע פאר זייערע קינדער און א ביסל מער פרייהייט צום אָטעמען — דאָס וואָס מיר אלע ווילן. זיי זענען אַוועק צום ווינטער־פּאַלאַץ. זיי האָבן געטראָגן איקאָנעס אין זייערע הענט און האָבן געזונגען „גאָט היט דעם צאַר".

און וואָס האָט פּאַסירט?

אַלע קומען צו נעענטער, כּדי צו הערן, וואָס פּיניע כּלבוניק וועט ענטפערן. פיל מענטשן, גייענדיק אין שול אריין, האָבן זיך אָפּגעשטעלט. אַנדערע האָבן זיך אַפילו צוריקגעקערט פון די טרעפּ. זיי האָבן איינגאַנצן פאַרגעסן וועגן דער קעלט.

— איינגיכן וועט דאָ זיין א גרעסערער עולם, ווי דאָרט אינעווייניק, — האָט זיך אָנגערופן א מאַן מיט א קליין בערדל.

— זיי האָבן געבעטן פרייהייט און א בעסער לעבן, — האָט פאָרגע־זעצט פּיניע כּלבוניק, — פּונקט דאָס פאָלק האָט געפאָדערט מען זאָל אים אונטערטראָגן אין א טעלערל פוטער־קוכנס און קאָנפיטורן, וואָס מען שיקט ביי אונדז פורים־צייט שלח־מנות! פרייהייט האָט אין יענעם טאָג דער צאַר געגעבן! די קאָזאַקן, וועלכע האָבן זיך אַריינגעריסן אין המון, געשאָסן אין די מענטשן אויפן פּאַלאַץ־פּלאַץ און געהרגעט אריבער טויזנט מענער, פרויען און קינדער און צוויי טויזנט פאַרוווּנדעט.

א הויכער מאַן, אין א מאַנטל ארומגעזוימט מיט פוטער, גייט פאַרביי דעם שול־הויף. סאַראַ הויכער גלאַנציקער שטערן מיט צוויי גוליעס ביי די זייטן, ווי זיי וואָלטן געווען אויסגעקלאַפּט פון קופּער. שטייף און גלייך הענגט אראָפּ זיין ווייסע באָרד. ער הערט זיך צו, וואָס פּיניע כּלבוניק רעדט.

— מודרוס דער הייליקער, — טוט עמיעץ א שושקע.

זיינע ברייטע אקסלען און זיין מיט פוטער ארומגעזוימטער מאַנטל הייבן אָן זיך אַדורכצושטופּן פון צווישן עולם ביי דער טיר.

— און וואָס האָט רב מודרוס צו זאָגן וועגן דעם? — פרעגט אים לייביש גיבור הויך אויפן קול.

מודרוס דער הייליקער דרייט זיך האַסטיק אוים.

— איך זאָג, אַז נישט פאַר אונדז ייִדן איז צו ברעכן זיך אונדזער קאָפּ מיט אַזעלכע ענינים.

— אפשר ווען רב טודרוס אונדז, פּשוטע מענטשן, זאָגן, וואָס מיר האָבן צו טאָן? — רוקט זיך אַרויס פאָרויס פּיניע כלבוניק. — זיינע פּאַוואָליע אַרויסגערעדטע ווערטער זענען שאַרף ווי נאָדלען.

טודרוס דער הייליקער קוקט אויף דער שול־טיר און נישט אויף פּיניע כלבוניק.

— די גמרא זאָגט אונדז: זאָל זיין אין אונדז די מורא פאַר׳ן הימל, ווי די מורא פאַר אַ בשר־ודם. וואָס קען מען טאָן? האָבן בטחון אין אויבערשטן און זיך נישט מישן אין זאכן, אין וועלכע איר דאַרפט זיך נישט מישן.

— איר הערט וואָס ער זאָגט? — רופט אויס פּיניע כלבוניק. — הערט זיך צו צו די ווערטער פונעם הייליקן מיטן פּוסטענעם קאָלנער. — ברעכט נישט דעם קאָפּ מיט אַזעלכע זאַכן. לייגט אייך, ייִדן! זאָלן זיי אייך שעכטן, אייערע ווייבער און אייערע קינדער. אָבער איר — מישט אייך נישט.

— אַפּיקורס! נבלה! — שרייט צוריק טודרוס דער הייליקער. ער הייבט אויף זיין האַנט צום הימל. — זאָל דער אויבערשטער שומר ומציל זיין!

— יאָ, דער אויבערשטער און די זעלבסטשוץ, — זאָגט עוזר, אויסדרייענדיק זיך צום עולם. — איר ווייסט, וואָס עס האָט פּאַסירט אין מאָהילעוו, אין ווייסרוסלאַנד, ווען עס איז דאָרט פאָרגעקומען די מאָביליזאַציע. דער פּאָליציי האָט געהאָלפן די שיכורע כוליגאַנעם. ווען נישט די זעלבסטשוץ וואָלט די בלוט־באָד געווען אַ סך אַ גרעסערע. ווען די זעלבסטשוץ וואָלט אָרגאַניזירט געוואָרן באַצייטנס, וואָלט זי אפשר אָפּגעשראָקן די פּאָגראָמשטשיקעס.

— מיר מוזן דאָ אין סטריקאָוו אָרגאַניזירן אַ זעלבסטשוץ, — האָט אַ שטים אויסגערופן.

אַ זעלבסטשוץ! אַ זעלבסטשוץ! צי וועלן זיי אַריינגעמען אויך יינגלעך אין דער זעלבסטשוץ! קיין חומש־יינגלעך, ניין, אָבער איך לערן דאָך שוין אַ בלאַט גמרא...

— כופרים בישראל! — קוויטשעט דער הייליקער טודרוס. — אַלע צרות פאַלן אויפן ייִדישן פאָלק צוליב אַזעלכע, ווי איר. איר קומט אהער

נישט צו דאווענען, איר טרעט אפילו נישט אַריבער די שוועל פון דער שול. איר קומט אהער, כדי קאַליע צו מאַכן אַנדערע ייִדן מיט אייערע דיבורים. מיר דאַרפן נישט אייער זעלבסטשוץ! מיר וועלן מכריז זיין א תענית, און די ייִדישע קהילה קען שטענדיק געפינען מיטלען צו פאַרשטאַרקן די פּאָליציי־שמירה.

— מיר האָבן שוין געזען, הייליקער טודרוס, וואָס אייער כאַבאַר גיט אונדז, — ענטפערט עוזר מיט א געשריי. — אַ שטאַרקערע פּאָליציי, כדי דעם פשוטן מענטשן אַריינצולייגן אין דער אדמה. און נישט בלויז רובלם גיבן די אָנפירער פון דער ייִדישער קהילה! צי מיינט איר, אַז מיר ווייסן נישט וועגן אייערע רשימות? יאָ, די רשימות מיט ייִדישע נעמען פון די, וואָס דאַרפן אינמיטן נאַכט אַרויסגעשלעפּט ווערן פון זייערע בעטן און פאַרשיקט ווערן קיין סיביר!

אַך, זיי טאָרן נישט געפינען פּיוויש. זיי טאָרן אים נישט אַרויס־שלעפּן פון זיין בעט און פאַרשיקן קיין סיביר. ווי קען מען זיי אָפּ־האַלטן? ווי אַזוי קען איך אים אָנזאָגן?

— לאָזט מיר אַדורכגיין! מאַכט אַ וועג, פאַראייניקטער ערב־רב! — שרייט טודרוס הער הייליקער און שטופּט זיך דורכן עולם. — עס פּאַסט גאָרנישט פאַר אַ בן־תורה זיך אָפּצושטעלן און פאַרפירן אַ שמועס מיט שניידער־ און שוסטער־יונגען.

ער טוט אַ שפּײַ מיט כעס אויף דער ערד. ער גרייט זיך אַוועקצוגיין. אָבער קיינער טרעט אים נישט אָפּ דעם וועג. איך שטיי נעבן פעטער גבריאל און טרעט אים אויך נישט אָפּ דעם וועג.

פּיניע כלבוניק רופט אויס:

— מיר וועלן נאָך זען ווער אויף וועמען וועט שפּייען. טודרוס און די אַלע אַנדערע באַגילדטע הייליקע ווילן באַווייזן די פּאָגראָם־אָנפירער, אַז זיי זענען שיינע, פיינע, פון שמן־זית אויסגעקנאָטענע ייִדן. — ער באַמיט זיך מיט אַ זיס שמייכעלע נאָכצומאַכן זייערע רייד: — „ניין, הויכגעבוירענע הערן, מיר זענען נישט, ווי דער ערב־רב, וואָס מאַכט דע־מאָנסטראַציעס און שלאָגט צוריק. מיר קענען זיך דערלויבן צו באַצאָלן אַ שפּאָר ביסל רובלם, כדי צו פטרן די רעדלפירער, אָדער אַוועקשיקן זיי קיין סיביר. און פאַר אייער טרחה וועגן, הויכגעבוירענע הערן, זייט מוחל, וואָס איך דערמאָן וועגן דעם, וועט זיך תמיד געפינען עפּעס, וואָס וועט זיך אַריינגליטשן אין אייערע קעשענעס. האַ, וואָס, הער שטיוול־קראַצער, אונטערלעקער, גאָטס־סטראַפּטשע טודרוס?

אַ הויכער געלעכטער. טודרוס דער הייליקער פּאַטשט מיט דער פויסט אין פּיניע כלבוניקס פּנים און זיינע אויגן שפּריינגען כמעט אַרויס פון כעס:

— וואַרט, איר וועט נאָך האָבן צו געדענקען טודרוסן, משומדים וואָס איר זענט, שפּרייקערס, נבלות! מיר האַלטן איבער אייך אַן אויג! מיר וועלן אייך עוקר מן השורש זיין, אַז עס וועט פון אייך קיין זכר נישט בלייבן!

טודרוס דער הייליקער מאַכט זיך מיט כוח אַ וועג, ביי אַן אַלגעמיי־נעם געלעכטער פון די יידן, וואָס זענען געקומען אין שול.

— ער האָט אים גישקשהדיק אַריינגעזאָגט, אונדזער פּיניע! — האָט זיך איינער אָנגערופן.

— ער האָט אים אַריינגעזאָגט פאַר אונדז אַלע.

— ער האָט אים אַריינגעזאָגט, אַז ער וועט האָבן צו דערציילן זיי־נע קינדס־קינדער.

— און צי איז עס נישט אַזוי? יעדעס וואָרט איז ממש דורכגעזאַפּט מיט אמת.

— ברידער, מיר וועלן אָרגאַניזירן אַ זעלבסטשוץ! — זאָגט עוזר, אויסדרייענדיק זיך צום עולם.

מען איגעוויניק הערן זיך קולות פון די מתפּללים. מען האָט אָנגע־הויבן דאַווענען שחרית. אַך, איך האָב פאַרגעסן אַוועקצוטראָגן דער מוטען דעם סידור! אָבער זי דאַוונט סיי ווי סיי נישט פון אים. אַ הויכע שוש־קעריי פּילט אָן די לופט, ווי אַ ווינט די סאָד־ביימער אין אָסיאַנקע, ווען דער זומער גייט צום סוף. איינער קוקט אויפן צווייטן. קיינער רירט זיך נישט אַריינצוגיין.

— מען קען אָנהייבן פון פּיניען און מיך, — זאָגט עוזר. — און די ביסט גרייט צו גיין מיט אונדז, לייביש גיבור? — פרעגט פּיניע כלבוניק.

— אַריינטרעטן? איך בין שוין דאָרט, טאָ ווי קען איך אַריינ־טרעטן? — לאַכט לייביש גיבור.

איך טו פּיניען אַ צי פאַרן מאַנטל:

— איך ווייס, אַז דער פעטער גבריאל וועט אַריינטרעטן אין דער זעלבסטשוץ. ער איז שטאַרק.

— אַ פֿײַנער געדאַנק, — שמייכלט צו מיר פּיניע כלבוניק. ער רופֿט זיך אָן נאָך העכער. — זאָל גבֿריאל אַליין באַשליסן, וואָס ער האָט צו טאָן.

דער פֿעטער גבֿריאל לאַכט.

— אַ גאַנץ לעבן האָב איך דערפֿון געטרוימט. זאָל מיך עמעצער איצט דערפֿון פּרוּוון אָפּהאַלטן!

— בראַוואָ! — קלאַפּט אים עוזר אין רוקן. — ווער אויב נישט דו?

— איך טרעט אויך אַרײַן.

דאָס איז וועלוועלס טאַטע.

— גוט, שׂמחה, — זאָגט עוזר. — שניידער, גאַרבער און בעקער דאַרפֿן זיך שטענדיק האַלטן צוזאַמען.

פּיניע כלבוניקס קליין טײַוואַלאַניש אייגעלע ווינקט צו עוזרן: דו מיינסט נאָך אַליץ, אַז ער איז נאָך נישט צוגעפּאַסט?

אַ מאַן, וועלכן איך קען נישט, טרעט אַרויס פֿון עולם:

— איך וויל אַרײַנטרעטן. צי וועט איר אָננעמען אַ ציוניסט?

ער איז הויך און מאָגער מיט אַ קליין צעפּלוישט בערדל, העל ווי פֿלאַקס. נעבן אים שטייט אַ צווייטער, בײַ וועמען עס שפּראָצט אַ באָרד. דער רופֿט זיך אָן:

— מיר ביידע טרעטן אַרײַן.

עוזר דריקט זיי די הענט.

— די זעלבסטשוץ איז פֿאַר אַלעמען.

דער פֿעטער גבֿריאל טרעט אַרויס:

— צי קען איך אַרײַנטרעטן מיט נאָך עמעצן?

ער שטרעקט אויס זײַן האַנט צו עוזרן.

— איך בעט פֿאַר יאַנעקן. ער וואָלט עס אַליין געטאָן, ווען ער וואָלט דאָ געווען.

— עוזר דריקט פֿעסט זײַן האַנט:

— פֿאַר יאַנעקן.

פֿאַר יאַנעקן! עוזר דריקט אים די האַנט פֿאַר יאַנעקן. יאַנעק טרעט אַרײַן אין דער ייִדישער זעלבסטשוץ אויפֿן ייִדישן שול־הויף. ד י ז ע ל ב ס ט ש ו ץ א י ז פֿ אַ ר אַ ל ע מ ע ן.

פאַר אַלעמען! וועט עס אָפּהאַלטן אַרויסצושלעפּן מענטשן פון זייערע בעטן אינמיטן דער נאַכט? וועט עס אָפּהאַלטן טודרוס דעם הייליקן? שטאָלץ און בייז שפּרייזט ער פאַרביי אונדז, גייט אַרויף די טרעפּ, טרעט אַריבער די שוועל פון דער שול. אָבער איך זע טודרוס דעם הייליקן אַזוי, ווי פּיניע כלבוניק — ווי ער טרעט אָפּ הינטערווײלעכטס און בייגט זיך מיט אַ שמייכעלע ביז צו דער ערד: ... — פאַר אייער טרחה, זייט מיר מוחל, וואָס איך דערמאָן וועגן דעם, וועט זיך תמיד געפינען עפּעס, וואָס וועט זיך אַריינגליטשן אין אייערע קעשענעס, הויכגעבוירענע הערן...

26

דער יאַריד

— אַ קאָפּיקע אַ גלאָז! וויסאָצקים טיי! טיי מיט ציטרין און צוקער. עולם, וואַרעמט אָן אייערע הערצער!

צוליבן גרויסן טומל אויפֿן מאַרק קען מען נישט הערן דבֿורהס שוואַכע שטים. בלויז איך הער דעם גרויסן פּולקעס מאַמע, ווען איך בין ביי איר טיש, אויף וועלכן עס שטייט אַ סאַמאָוואַר. קיינער שטעלט זיך נישט אָפּ, קיינער טרינקט נישט איר טיי, קיינער פֿון דעם גרויסן המון, וואָס גייט צו די קראָמען פֿאַרביי איר. און די טיי־גלעזער, וואָס זענען אויסגעשטעלט אין אַ ריי אין ווייסע טעצעלער, האָבן אַ טרויעריקן אויסזען, ווי פֿאַרשעמטע כּלות. טיי מיט ציטרין און צוקער! איך וויל פֿאַר איר שרייען איבערן גאַנצן מאַרק־פּלאַץ, איבערשרייען דעם גערויש פֿונעם עולם, פֿון די פֿערד, חזירים און גענדז. אַ קאָפּיקע אַ גלאָז! זעט, וואָס זיי האָבן אָפּגעטאָן מיט איר פּולקען! זיי האָבן אַוועקגענומען אים אין דער אַרמיי מיט אַן ערשטער לאַגע!

ביי ביידע זייטן פֿון איר, לענגאויס דעם ווינשטאָק, זיצן יידישע ווייבער מיט טיכער אויף די קעפּ אויף בענקלעך, קאַסטנס מיט קוישן עפּל, רעטעכלעך, באָבעס, מיט לאַנגע צעפּ פֿון ציבעלע און קאָבל, מיט קעז און גאָמלקעס פּוטער, איינגעוויקלט אין ווייסן לייוונט. דאָרט זיצט אויך רבֿקה די טרויעריקע מיט אירע עפּל. איך האָף, אַז צוליבן מאַרק־טאָג וועט זי היינט פֿאַרקויפֿן איר גאַנצן קויש. אַ מאַן אין אַ זאַק־פֿאַרטעך, האָט היטל אַראָפּגערוקט אויף איין זייט, שטייט ביי אַ פֿעסל. ער קוקט אַריין אין די פּנימער פֿון די פֿאַרבייגייער און שרייט: — געשמאַקע הערינג, הערינג מיט מילך, הערינג מיט רויגן! דער אַלטער טרעגער בערל, שלעפּט אַ גרויסן זאַק אויפֿן נאַקן און אַ צווייטן צוגעבונדן מיט אַ שטריק צו זיין פּלייצע. דער עק פֿון זיין לאַנגער גרויער באָרד איז פֿאַרשטעקט אונטער זיין צוגעשפּילעטן בגד

אַראָפּ פֿון וועג, — שרייט ער, גייענדיק אײַנגעבויגן צווישן דעם עולם מענטשן.

א פּויליש מיידל פֿירט א קאַלב אויף א שטריק פֿאַרביי דעם קלויסטער. העל־רויטע זענען די שטרייפֿן אויף איר ברייטער ספּאָדניצע. איר גרין טיכל איז פֿאַרבונדן אונטער דער גאָמבע, און די אַרויסגעשטאַרצטע האָר האָבן דעם קאָליר פֿון פֿלאַקס. דאָס קאַלב דרייט זיך און באַמיט זיך אַרײַנצו־קריכן אין קלויסטער־טויער. דאָס מיידל ציט מיט כּוח דעם שטריק צו זיך.

— צוריק, צוריק, צוריק, בונטע! — שרייט זי.

— לאָז דאָס קאַלב אַרײַן און זאָל עס תּפֿילה טאָן, — לאַכט אַ פּויער, וואָס שפּרייזט זיגזאַגנדיק. ער טראָגט א האַרמאָניע אונטערן אָרעם. — מסתּם א פֿרום קאַלב, אָדער אַפֿשר האָט עס א ביסל צוגעזינדיקט.

פֿישל באַלעגאָלע שטייט ביים גלחס הויז, דאָרט, וווּ עס הייבט זיך אָן דער פֿערד־מאַרק. ער שטייט פֿאַר א פֿערד און קוקט אים אין מויל אַרײַן. דאָס פֿערד הירזשעט. פֿישל באַלעגאָלע קלאַפּט אים אין זייט. א פּויער אין א בלוי היטל מיט אַ שוואַרצן דאַשעק נעמט אָן דאָס פֿערד פֿאַרן צוים און לויפֿט מיט אים הין און צוריק אויף בזשעזשינער טראַקט. די פּאָלעס פֿון זיין רויטן קאַפּטן פֿלאַטערן איבערלופֿטן. דער פּויער קומט צוריק צולויפֿן מיטן פֿערד צום אָרט, וווּ פֿישל באַלעגאָלע שטייט. פֿישל באַלעגאָלע פּאַטשט דעם פֿערדס הינטן און לאַכט צום פּויער.

וואָס איז עס פֿאַר א גערויש נישט ווייט פֿונעם רימערס טישל אויפֿן פּלאַץ. וואָס באַדייט די ווילדע זינגעריי?

— אַזויפֿיל צורות ווי היינט האָב איך נאָך קיינמאָל נישט געזען — זאָגט די טרויעריקע רבקה. — אָבער דאָס זענען נישט קיין ייִדישע ליים, וועלכע זענען געקומען עפּעס קויפֿן.

— איר הערט, איר הערט? — רופֿט זיך אָן מרים דעם קרעמערס ווייב, אַרויסשטעקנדיק פֿון קרעמל איר קאָפּ באַדעקט מיט א טיכל — פֿונוואַנען האָט זיך גענומען אין קרעמשמע אָט די האָזיקע יונגע כאַ־ליאַסטרע?

— עס וואָלט א סך בעסער געווען, ווען זיי קומען אַהער אָנצוואַ־רעמען זייערע הערצער מיט א גלאָז טיי, אַזאַ טיי! — זאָגט די אַלטע דבורה.

— כּדי עס זאָל זיך זיי גלוסטן צו טרינקען טיי, דאַרפֿן זיי צוערשט פֿאַרזוכן מיינע הערינג, — דרייט זיך אויס דער הערינג־סוחר צו דער

אלטער הבורה און ווארטט אריבער דאָס היטל אויף דער צווייטער זייט.

— פאַרזוכן מיינע עפּל, — זאָגט רבקה די פּרויעריקע — איז אַלץ איינס ווי טרינקען דעם בעסטן סאָק. ווייַן, אמתער וויין, זאָל איך אַזוי לעבן!

— דער קרעטשמער פאַרדינט אין איין שעה מער, ווי מיר אַלע צוזאמען דעם גאַנצן מאַרק־טאָג — זאָגט דער הערינג־סוחר, קוקנדיק אויף דער קרעטשמע.

— מע קען מיינען, אז דער רשע איז א הייליקער, גאָטס ברכה האָט זיך א גאַנצן טאָג אראָפּגעלאָזט אויף זיין קרעטשמע, — זאָגט מרים דעם קרעמערס ווייב.

— נישט גאָטס ברכה, — ענטפערט דער הערינג־סוחר, — זאָג בעסער די ברכה פונעם פּאָליצמייסטער. ער האָט גערעדט מיט די בולי־גאַנעס און געגעבן זיי געלט. זיי זאָלן שיכורן א גאַנצן טאָג. איך האָב עס אַליין געזען מיט מיינע אייגענע איגן.

— דו קענסט זיין זיכער, אַז נישט זיין געלט האָט ער געגעבן, — זאָגט רבקה די פּרויעריקע. — אונדזער פּאָליצמייסטער האָט א האַנט בלויז צו נעמען.

— איך טראַכט, ווער האָט געגעבן דאָס געלט, זיי זאָלן טרינקען,— שאָקלט די אלטע הבורה מיטן קאָפּ. — ווער עס זאָל נישט האָבן געגעבן, קיין גוטס וועט דערפון נישט אַרויסקומען.

— אָט, דאָרט! דער מאַן מיט די לופט־באַלאָנען. בלוי און רויט און געל און גרין! זיי פלאַטערן איבער זיין קאָפּ, ווי א גרויסער פילפארביקער ווייגשל. צומבעסטן געפעלט מיר דער העכסטער לופט־באַלאָן, דער רוי־טער. איך וואָלט אים געלאָזן פליען העכער פונעם גלאָקן־טורעם. איך וואָלט געוואָלט האָבן א קאָפּיקע צו קענען אים קויפן. ניין, ניין, איך קען זיך נישט צורירן צו די צען גראָשן, וואָס די מומע האָט מיר געגעבן אויף ציקאָריע און אויף גילזן פאַרן פעטער.

א שיכורער קומט צו צום טישל פון היטלמאַכער. ער האַלט א פלעשל הויך אין זיין האַנט און קוקט אויפן שטויס היטלען אויפן קאָפּ פונעם מאַן הינטער דעם טישל. ער זינגט מיט א באַזויפענער שטים:

קום מיט מיר, פלעשל, אויף מלחמה,
מיט דיר וועל איך זיגן און נעמען נקמה.

ער מיט א שליידער זיין פלעשל, און דער שטיים היטלען פאלט אראפ פונעם היטלמאכערס קאפ.

— גידער מיט דער יידישער קרוין! — שרייט דער שיכור.

— ראטעוועט! — שרייט דער היטלמאכער הינטער דעם טיש. — ראטעוועט! — ער שטרעקט אויס זיינע הענט, אויפצוהייבן די אראפגע־פאלענע היטלען, וואס וואלגערן זיך אונטער די פיס פון די פארבייגייער.

— גידער מיט דער יידישער קרוין! — שרייט ווידער דער שיכור.

עס קומען אן נאך שיכורים פון דער קרעטשמע. זיי טרעטן די היטלען און שרייען:

— די יידן האבן פארפירט די מלחמה! ס'איז א יידישע מלחמה!

— זיי ווערן רייך פון אונדזער בלוט!

דער שיכור שפרייזט נעבן די טישלעך, טראגנדיק א היטל אויף דער הויך אויפגעהויבענער פלאש. די איבעריקע שיכורים לויפן נאך אים מיט היטלען אין די הענט. דער שיכור צעזעצט די פלאש אויף דער ערד. זיי אלע שרייען:

— גידער מיט דער יידישער קרוין!

דער היטלמאכער לויפט זיי נאך מיט א געוואלד. זיי בלייבן שטיין ביי דער קרעטשמע. אן עולם מענטשן רינגלט זיי ארום. ס'רוב קומט ארויס פון דער קרעטשמע. מ'ווארפט אויסרופן קעגן יידן. פונוואנען האבן זיך דא גענומען די דאזיקע פרעכע פנימער, וואס האבן פארפירט דעם סקאנדאל?

א גאנצע באנדע גייט געשלאסן פון סטראגאן צו סטראגאן. געשרייען פון אלע זייטן:

— זיי ראבירן די סטראגאנעס!

— זיי שלאגן יידן!

— ראטעוועט!

נעבן מיר שטייט די אלטע רבקה און יאמערט:

— מיינע עפל! מיינע וויין־עפל אין רינשטאק! וואס איז מיר גע־בליבן? פארפינצטערט איז מיין וועלט

איך גיי איר העלפן אויפצוקלייבן די עפל, אבער א ליארעם האלט מיך אפ.

— ראטע־וועט — רימשעט א מאגסביל מיט א העבער קול ווי פון א שופר, העכער ווי עס רעוועט אן אקס. האט געשריי קומט פון די

קצבישע מ׳שלעך און שפרייט זיך אויס אין א הימל פון פחד איבער דער גאנצער שטאָט.

א געוויש פון פיס. א טופעריי. אויף ווייכן באָדן, אויף די שטיינער פון ברוק. איבער די פארמאכטע צודעקן פון די קעלערס.

— ראטעוועט רא=טע=וועט! — ווייבערישע געשרייען פון די פיש=ביידלעך! מענער=געשרייען פון בזשעזשינער טראַקט, פון פערד=מאַרק. די הייזער, די הייזער שרייען! די זייטיקע געסלעך שרייען!

אַלע לויפן צו זייערע הייזער. א האַנט שלעפט מיך האַסטיק אריין אין שפייז=געשעפט.

דורך דער טיר, פארשטאָפט מיט מענטשן, זע איך ווי מען לויפט. אין די געשרייען שפירט זיך שרעק. פערד הירזשען און רייסן זיך פון זייערע וועגענער. א פרוי שרייט מיט א קינד אין די אָרעמס. א יינגל פאלט אונטער א פערד. א טישל ווערט איבערגעקערט. די שטיוול צעפליען זיך אויף אַלע זייטן. א מאַן מיט א צעבלוטיקט פנים לויפט און שרייט: ש מ ע י ש ר א ל!

דאָרט, איבער די קעפ פונעם לויפנדיקן עולם — די לופט=באַלאָנען! בלויז א טייל פון זיי זעען צעזייט. ווו איז דער רויטער לופט=באַלאָן, דער העכסטער פון שמים, און ווו איז דער גילדענער? בלויז עטלעכע פון זיי שוועבן איינע אַליין, נישט ווייסנדיק וווהין, ווי פארלאָזענע יתומים...

מען שטופט מיך אָפּ פון דער טיר אין קראָם אַריין. אן איבערגע=קערטע פאַס מיט זויערע אוגערקעס. א שאַרפער ריח. אוגערקעס וואַלגערן זיך אונטער די פיס. די טונקעלע פליסיקייט האָט געשאַפן א קאַלוזשע אויף דער פאָדלאָגע.

א געשריי:

— צומאַכן די לאָדנס אויף די שטאַבעס! זיי רייסן זיך אין די קראָמען אַריין!

— זיי האָבן זיך אַריינגעריסן אין מאָטל=רודס אייזן=געשעפט!

— זיי וועלן איצט אַרויסקומען מיט מעסערס און אייזערנע שטאַנ=גען. שנעל! שנעל!

אַ געקלאַנג פון אייזן, מען פאַרמאַכט די לאָדנס. דער פעטער גבריאל העלפט. ער איז פונקט אין דער מינוט אַריינגעקומען. וועלוועל טאַטע און עוזר — ביידע העלפן.

אין ליארעם הערט זיך עוזרס שטים:

— עולם קוראַזש! העלפט איינער דעם צווייטן. די זעלבסטשוץ איז אויף די גאַסן.

— און די פּוילישע אָרגאַניזאַציע העלפט, — מעלדעט דער פעטער גבריאל אַלעמען, — זיי זענען אַרויסגעטראָטן אויפן מאַרק־פּלאַץ קעגן די כוליגאַנעס. די פּויערים נעמען נישט קיין אָנטייל. זיי זענען זיך אַלע צעפאָרן.

איך שטיי צווישן אַן עולם מענטשן. אינדרויסן געשרייען און אַ טופּעריי פון פיס. די געשרייען ווערן העכער. איך שטיי שטיל. איך ש־עק מיך צו אָטעמען. אַך, מומע! מומע און פעטער! ווי קען איך צוקומען צו אייך אַהיים? מומע, לאָז מיך נישט טייטן! לאָז מיך נישט טייטן!

דער פעטער גבריאל איז נעבן מיר. ער לאָזט מיך נישט אָפּ. וועלוולס מאַמע איז אויך צו אונדז צוגעקומען.

— וואָלטן מיר איצט נאָר געהאַט געווער, גבריאל! זיי זענען אָנגעפאַלן אויף אונדז אומגעריכט. מיר האָבן נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו באַוואָפענען זיך.

— מיר וועלן באַקומען. עזר איז אַוועק צו דער זעלבסטשוץ. מיר וואַרטן דאָ.

עס דערנעענטערן זיך די געשרייען און דער טומל. מען טראַסקעט איבער די שטאַבעס.

— זיי זענען ביי דער טי־!

א פילשטימיקע גערימשעריי.

א מאַן טרעט אַרויס פאָרויס. א מאַן אין א פּוילישער מאַרינאַרקע און אין א פּויליש היטל. דאָס איז יאַנעק! ער לויפט צו דער טיר און עפנט זי. ער איז מיטן רוקן צו אונדז. ער שטייט ביים אַריינגאַנג.

— היי דאָרט, הערט אויף!

זיינע פּוילישע ווע־טער קלינגען העכער ווי די געשרייען אינדרויסן.

— יאַנעק, קום ארויס, קום אַרויס! — הערן זיך שטימען.

— שטייט און האָרכט מיך אויס, פּוילישע ברידער! יאַנעק דער־שלאָסער, יאַנעק מאַטושעווסקי רעדט צו אייך.

דער טומל אינדרויסן ווערט שטילער. יאַנעק רעדט:

— פּוילישע ברידער, האָרכט מיך אויס, די אַלע וואָס האָבן נאָך מענטשלעכע געפילן אין זייערע הע־צער. מען האָט אייך אָנגעשטאָפּט מיט ליגנס וועגן דער מלחמה. מען באַווייזט אייך נישט די אמתע שולדיקע. דער צאַר איז אויך קעגן אונדז, פּאָליאַקן.

געשרייען פון דער גאַס:

— די יידן האָבן פאַרפירט די מלחמה!

— א טויט די יידן!

דער פעטער גבריאל און וועלוול זענען צוגעגאַנגען צו דער טיר.

— יאנעק, גיי אַוועק. לאָז אונדז צוריגלען די טיר! — שרייט דער פעטער גבריאל. ער באַמיט זיך אָפּצושלעפּן יאנעקן.

— גיין, לאָז מיר! איך וועל זיי צום שכל ברענגען.

דער פעטער גבריאל און וועלוולס טאַטע שטייען ביי ביידע זייטן פון יאנעקן.

די געשרייען ווערן שטאַרקער און מוראדיקער. אָבער יאנעק רעדט ווייטער:

— הארכט מיך אויס, פוילישע ברידער, מיר געהערן אַלע צו די אָרעמע און אונטערדריקטע. אָבער זיי ווילן אָפּווענדן אייער אויפמערקזאמקייט פון אייערע אייגענע צרות. מען באַנוצט אייך ווי שלעגער. די פאָליציי האָט אייך געגעבן בראָנפן און צוגעזאָגט געלט. אָבער דאָך זענט איר מיינע ברידער, און דערפאר זאָג איך אייך...

— ער איז אן אנטיקריסט!

— עס האָבן אים אונטערגעקויפט קריסטוסעס מערדער!

אך, הערט אים אויס, איר שלעכטע מענטשן פון דרויסן! פאַרוואָס זענט איר אַלע נישט ענלעך צו יאנעקן? האָרכט נישט די פאָליציי. אך, יאנעק, יאנעק, באַרואיק זיי מיט דיין שטים, מיטן געזאנג, וואָס דו זינגסט אין אונדזער שטוב:

ל אָ מ י ר אַ ל ע — פ אָ ל י א ק ן יי ד ן, ר ו ס ן !

— גייט אהיים, גוטע מענטשן! — שרייט יאנעק. — לייגט אייער וואָפן! לייגט עס אַוועק ביז וואנען איר וועט עס דאַרפן פארן אמתן שונא, פאָליאקן...

יאנעקס ווערטער ווערן פארלוירן אין טומל. נעבן מיר הערן זיך געשרייען:

— זיי האָבן אראָפּגעשלעפּט יאנעקן!

א טראסקעריי פון צעבראָכענעם גלאָז.

— גאָט אין הימל! זיי הרגענען יאנעקן! זיי דערהרגענען אים!

— שמע ישראל!

יאנעק, אך, יאנעק!

די מענטשן שטופּן זיך צוריק. בלעכענע פּושקעס און שאַכטלען וואַלגערן זיך אויף דער פּאָדלאָגע. צעקלאַפּטע בלעשער. ציקאָריע, צימערינג, נאַפֿט — אַן אויסמיש פֿון שאַרפֿע ריחות הייבט זיך פֿון דער פּאָדלאָגע. דער פֿעטער גבריאל, וועלוולס טאַטע און אַנדערע שלעפּן אַריין יאַנעקן. דער פֿעטער האַלט אים אונטער מיט אַ האַנט פֿאַר דער פּלייצע. זיין צווייטע האַנט הענגט אַראָפּ. ער קען זי נישט באַוועגן. דער קאָפּ פֿון וועלוולס טאַטע איז באַגאָסן מיט בלוט. יאַנעק ליגט אויסגעצויגן אויף דער פּאָדלאָגע צווישן צעוואָרפֿענע שאַכטלעך און רירט נישט מיט קיין אבר.

איך בין שנעל אַריינגעכאַפּט געוואָרן צווישן פֿעסטע אָרעמס. דורך אַ לייטער האָט מען מיך אַראָפּגעטראָגן אין אַ פֿינצטערן קעלער פֿול מיט מענטשן. איבער מיר הערן זיך טריט. עמעצער אויפֿן לייטער רופֿט אויס:

— די פּוילישע אָרגאַניזאַציע איז אָנגעקומען! און מער מענטשן פֿון דער זעלבסטשוץ! — זיי פֿאַרטרייבן די כוליגאַנעס!

— שאַ־שטיל, זיי זענען נאָכנישט אַוועק.

— רואיק, ש־ש־שאַ!

אַ שטילשווייגעניש.

איך ליג מיטן פּנים אַראָפּ אויף אַ שטויס קוילן. איך ווייס אַפֿילו נישט, ווער איז נעבן מיר. זיי האָבן געטויט יאַנעקן. פֿאַרוואָס האָבן זיי עס געטאָן? זיי האָבן געהרגעט, געטייט. די קלאַפּעריי פֿון די פּיס איבער אונדזערע קעפּ ווערט שוואַכער און שוואַכער. איך פֿאַרשטעק מיין פּנים אין די קוילן...

27

מען נייט די פאָן

פרימעט! דאָ איז פרימעט.

זי איז אַרויס פון תּפיסה. ווען האָבן זיי זי אַרויסגעלאָזט? צי איז זי נאָך געווען אין תּפיסה נעכטן, ווען די אומרוען זענען אויסגעבראָכן? ווייסט זי וועגן יאַנעקן? ווער וועט עס איר דערציילן. וואָס וועט זי איצט טאָן, אַז יאַנעק איז טויט? איז יאַנעק באמת טויט? ווען נישט דער נעכטיקער טאָג, וואָלט ער נאָך געלעבט... וווהין גייט זי אַזוי שנעל אויף דער גאַס? איך וועל איר נאָכגיין. צי זעט זי אויס ווי פריער? פון הינטן קען איך נישט זען איר פּנים. איך וויל אָנקוקן איר פּנים און רעדן צו איר. זאָל זי נאָר נישט גיין אַזוי שנעל. אפשר וועט זי זיך אויסדרייען און מיך אָנקוקן. זי גייט צו סענדער לעווינען צו דער רויטהאָריקער פייגע.

ווי געדרייט און פינצטער די שטיגן זענען! אין דער הויך, גאָר אויבן איז ליכטיק. איך שטייג העכער און העכער, וווהין פרימעט איז אַריין. ווער וווינט דאָרט אין באַלויכטענעם בוידעם־שטיבל? א געזאַנג לאָזט זיך הערן דורך דער אָפענער טיר. אָבער מיטאַמאָל הערט עס אויף. האָבן זיי דערהערט מיינע טריט? ניין, דאָס געזאַנג האָט אויפגעהערט, ווען פרימעט איז אַריינגעקומען. וועט זיך ווידער הערן דאָס צאַרטע געזאַנג פון די מיידלשע שטימען? איך וועל דאָרט אַהינגיין אויף די שפּיץ־פינגער.

ס'איז פרימעטס קול. זי רעדט מיט כעס:

— איך בין אַרויס. יאָ, איך בין אַרויס. אָבער ער וועט קיינמאָל נישט אַרויס. בעסער וואָלט געווען ווען זיי וואָלטן מיך נישט אַרויסגעלאָזט. בעסער...

איר שטים ווערט אָפּגעבראָכן. זי וויינט.

— ער האָט נישט געוואָלט אָפּטרעטן פון דער אַריינגאַנג־טיר, —

זאָגט די רויטהאָריקע פייגע, — און האָט זיך נישט געלאָזט אָפּשלעפּן דורך גבריאלן און שמחהן. דער המון האָט זיי אויך צעשלאָגן.

— איך ווייס. די גאַנצע געשיכטע האָב איך געהערט אין תפיסה. וואָס מאַכן זיי איצט?

— גבריאל האָט א צעבראָכענע האַנט און שמחה האָט באַקומען א מיפן שניט אין קאָפּ.

צי ווייסן זיי, אז דער אפּטייקער האָט זיי ביידן געגעבן באַנדאַזשן? דער פעטער גבריאל האָט באַקומען א פעטליע פאַר זיין צעבראָכענער האַנט, זאָל איך זיי עס דערציילן? ניין, זיי וועלן זיין אין כעס, דערוויסנדיק זיך, אז איך בין דאָ. זאָל איך אַוועקגיין? איך בין איבערגעשראָקן. זיי קענען נאָך דערהערן מיינע טריט. איך שטיי שטיל אין דער פינצטער. איך הער פרימעטס שטיל געוויין.

— איך גלויב, אַז עס טויג נישט פאר דיר, פרימעט, זאָלסט קומען מאָרגן אויף דער לוויה, — רופט זיך אָן א הייסע שטים. — דאָס איז פריידע-מלכה.

— כ׳וועל קומען, — ענטפערט פרימעט מיט אַ שטרענגער שטים.

ווי זעט זי אויס? כ׳וועל צוגיין נעענטער. וועלן זיי מיך דערזען, ווי איך שטיי דאָ און קוק אַריין אינעם באַלויכטענעם צימער? איך שטיי שטיל אין דער פינצטער און קוק.

די ווענט זענען שיפּועדיק ווי די באַלקנס אין פיניע כלבוניקס בוידעם-שטיבל און דער קוימען וואַקסט אַרויס פון דער פּאָדלאָגע. איצט זע איך פרימעטס פּנים! ווי בלאַס זי איז? אירע אויגן זענען געשוואָלן פון וויינען.

א לאָמפּ הענגט נידעריק איבער זיי. אין צימער איז האַלב-טונקל.

— מאָרגן וועט זיך צונויפקומען אַ עולם. די גאַנצע שטאָט וועט קומען.

פרימעטס ווערטער זענען איצט ווייך, ווי דער קלאַנג פון שטיינדלעך, ווען איך וואַרף זיי אין סטאַוו פון אָסיאַנקע.

— מענטשן וועלן קומען, אָבער די פּאָליציי קען זיי פאַנאַנדערטרייבן, — זאָגט פריידע-מלכה. — די פּאָליציי האָט זיך באַמיט אַוועקצוגנבענען דעם טויטן קערפּער, זיי האָבן אים געוואָלט באַערדיקן אינדערשטיל, קיינער זאָל נישט וויסן. אָבער פיניע כלבוניק האָט זיך געוועגן דעם דערוווּסט און האָט יאַנעקס קערפּער פאַרבאַהאַלטן אין א זיכער אָרט.

— ווייט פון פאָלק? — פרימעט לאַכט מיט ווייטיק אין איר געלעכטער. — פריער האָבן זיי אים נישט געלאָזט לעבן מיטן פאָלק אויף איין ערד, און איצט לאָזן זיי נישט, אַז דאָס פאָלק זאָל אים אונטער דער ערד באַהאַלטן.

זאָל די פּאָליציי זוכן, זאָלן זיי נישטערן! זיי וועלן קיינמאָל נישט געפינען יאַנעקס קערפּער! פּיניע כּלבֿניק איז קליגער פון זיי. ער ווייסט, ווו צו באַהאַלטן.

— זיי ווילן אים באַגראָבן הינטערן פּלויט, ווי אַ זעלבסטמערדער און פאַרברעכער, — זאָגט פריידע-מלכּה מיט אַ ביטערקייט אין איר שטים. — ער איז געווען אַן אומגלויביקער, זאָגט דער גלח, און זיי ווילן אים נישט מאַכן קיין קריסטלעכע לוויה. אַן אומגלויביקער! ער, וואָס האָט אַוועקגעגעבן זיין לעבן פאַר דער אידעע אין וועלכער ער האָט געגלויבט!

די רויטהאָריקע פייגע זאָגט:

— די פּוילישע אָרגאַניזאַציע פירט אונטערהאַנדלונגען וועגן יאַנעקן. מען קען דעם קלויסטער צווינגען, ער זאָל אים מאַכן אַן אָנשטענדיקע לוויה.

— ער וועט באַגראָבן ווערן אין אונדזערע הערצער, — זאָגט פרימעט מיט אַ וואַקלענדיקער שטים. — אַך, פאַרוואָס האָט עס אים געטראָפן? אַך, יאַנעק, יאַנעק! — זי וואַרפט איר קאָפּ אויף פריידע-מלכּהס אַקסל און וויינט און וויינט אָן אויפהער.

— וויין נישט, פרימעט, — גלעט פריידע-מלכּה איר קאָפּ. — ער איז פאַר אונדז נישט פאַרלוירן, פאַר אונדז אַלע. ער וועט זיין צווישן אונדז און וועט אונדז זינגען זיינע קאַמפס-לידער.

יאַנעק שטייט ביי אונדזער פענצטער און זינגט. די שוועסטער-און-ברידער שטייען נעבן אים. זיין געזאַנג איז ווי דער געקלאַנג פון אייזן.

לאָמיר אַלע, פּאָליאַקן, יידן, רוסן געבן זיך די הענט.
מיר ווילן נישט קיין קייסער, מיר ווילן אַ פּרעזידענט.

— ער האָט געדאַרפט לעבן און זינגען און נישט שטאַרבן, — שרייט פרימעט דורך געוויין. — ער האָט געוואָלט לערנען, זיין אַ בעסערער קעמפער. אַזוי ווי איך בין אַ שלאָסער, — האָט ער איינמאָל מיט אַ געלעכטער צו מיר געזאָגט, — מוז איך מיך אויסלערנען צו מאַכן אַזאַ שליסל, מיט וועלכן מען זאָל קענען עפענען די טירן פאַרן אַרבעטער-קלאַס.

אין א קרייז אויף דער פּאָדלאָגע זיצן אַלע דריי און נייען. אין דעם ליכט פון לאָמפּ איבער זיי זע איך א טיף־רויטע מוך אויף דער פּאָדלאָגע — ברייט און לאַנג ווי דער פּרוכת אויפן ארון־קודש. פריידע־מלכה העפט אויס גרויסע שווארצע אותיות איבערגעמיטן. די רויטהאָריקע פייגע נייט די קאַנטן. פרימעט פּרוווט אריינציען א פאָדעם אין דער נאָדל, אָבער די מרערן שטערן איר.

בעת זיי נייען זינגען זיי שטיל. צוערשט פריידע־מלכה, הערנאָך אַלע דריי צוזאַמען:

ניט פון גאָלד־שטאָף, ניט פון זייד
איז אונדזער פאָן געמאַכט.

זייערע שטימען פליסן זיך צונויף, ווי די כוואַליעס אין טייך, ווען איך שטיי ביי דער וואַסערמיל; זיי צעגייען זיך. איין שטים, פייגעס, פליט העכער און שפּרינגט לייכט אַריבער אַלע אַנדערע; נאָכדעם קומען זיי זיך צונויף זינגענדיק, טונקל, שטיל און טרויעריק.

די רויטהאָריקע פייגע בלייבט שטיין און זאָגט:

— פאַרזיכטיק, מיר פאַרגעסן, אז ווענט האָבן אויערן.

ווענט האָבן אויערן! מיינע אויערן אין דער האָזיקער וואַנט, ביי דער טיר! ווען זיי וויסן? ווען זיי וואָלטן מיך דאָ געפונען? זאָל איך אריינגיין? ניין, ניין, זיי וועלן זיין אין כעס. זיי וועלן וויסן, אז איך האָב געהערט. אָבער איך וועל ניט דערציילן. איך וועל ניט דערציילן. איך האָב אויך וועגן פּיוויש ניט דערציילט. אָד, הערט ניט אויף צו זינגען. זינגט ווייטער.

איצט זינגען זיי שטילער:

אין פינצטע קעלערן
ביי חלבנע ליכט
די בלאַסע אָרעמקייט
וועבט אירע גרויע פעדעם.
און פאַרבט זיי טיף
מיט בלוט פון יעדער וווּנד.
פון תפיסה־לעכער,
פון טיפע אָפּגרונטן,

פון הונגעריקע דערפער,
פון זומפיקע שטעט.
אלע ווייבער, אלע לײַדן
ביטערקייט און צאָרן
די פאָלקס־גוויט
וועבן די פעדעם אויף רויט.

וואָס איז עס פאַר א מאָדנע רויטע מוך, וואָס זיי גייען אוים מיט שוואַרצע פוילישע אותיות? ווי קען דאָס בלוט פון יעדער וווּנד אהין אריין? צי דאָס בלוט, וואָס דער פעטער הוסט אוים בייגאַכט נאָך דער אַרבעט, איז אויך פון א וווּנד? קען מען דען דאָס דאָזיקע בלוט אַריינוועבן? קען מען אויך דאָס בלוט פון פּיווישן, בעת מען האָט אים געשלאָגן אין תּפיסה? צי דאָס בלוט פון יאַנעקן?... דאָס גייען זיי פאַר אים דאָס רויטע מוך, פאַר יאַנעקן!

— עס ברענט אים דער פאָלקס־צאָרן, — זאָגט פרימעט. עס שפּירט זיך גישט קיין געוויין אין אירע רייד. — איך האָב געזען, ווי מען האָט אין לאָדזש פּראָקלאַמירט א גענעראַל־שטרייק. דאָס זעלבע איז פאָרגעקומען אין א סך אנדערע שטעט. און דאָס איז געווען בלויז אן אָנהייב.

איצט איז איר שטים ווי א פייער, וואָס האָט אויפגעהערט צו פלאַ־קערן. זי שטייט און קוקט פאַרשטאַרט אויפן רויטן מוך...

זיי מאָרן גישט הערן, ווי איך גיי אראָפּ אויף די שפּיץ פינגער פון די טרעפּ. אפשר האָב איך גישט געדאַרפט אריינקוקן אין צימער און הערן, וואָס זיי רעדן. וועלן זיי מיך לאָזן מאָרגן גיין אויף דער לוויה? וועלן אַלע מענטשן קומען? אך, מענטשן, בלייבט גישט פון דער ווייטנס! קומט מאָר־גן! קומט אויף יאַנעקס לוויה!

28

די לוויה

גיסט ווי זעלנער, נאָך פּאַוואָליע, מיט טרויעריקע פּנימער קומט א גרויסער עולם אלץ נעענטער און נעענטער. ברייטע, טינקעלע רייען, איין ריי נאָך דער צווייטער. און כסדר אַלץ מער מענטשן שטראָמען פון גלאָוונער וועג צום מאַרק־פּלאַץ.

איך שטיי מיט פעטער און מיט דער מומען ביי די קצבישע יאטקעס. פונדאַנען זעט מען דעם גאַנצן פּלאַץ. סאַרא חילוק פון היינט ביזן יארידטאָג. איז עס דען דאָ געשען? דאָ האָט מען עס אראָפּגעשליידערט דעם שטורים הימלען פון דעם סטראַגאַנטשיקס קאָפּ, איבערגעקערט טישן און קוישן. און ווו אן איבערגעשראָקענער עולם איז געלאָפן און געשריגן?

די טראָטוארן אויף ביידע זייטן זענען איבערפולט מיט מענטשן. פיגיע כלבוניק און לייביש גיבור זענען דאָ. אויך פריידע־מלכה און רבקה די טרויעריקע געפינען זיך דאָ. דאָרט איז שמחה שניידער מיט פאַרבאַנדאַזשירטן קאָפּ. ער האָט אן אנדער אויסזען. ער האָט אן אומעטיקן אויסזען. וועלוול איז מיט אים.

א טייל קרעמער האָבן פאַרמאַכט די לאָדנס. אַלע חדרים זענען געשלאָסן. ס'איז יאַנעקס לוויה, און יאַנעק האָט אוועקגעגעבן זיין לעבן פאַר יידן.

א מאַן אין א בלויער בלוזע מיט א שוואַרצן גאַרטל שפּרייזט אינמיטן מאַרק־פּלאַץ און רופט אויף אַלע זייטן:

— רייניקט אָפּ דעם פּלאַץ! אַלע אויף די טראָטוארן!

צוויי מענער אין בלויע בלוזעס, א פּאָליאַק און א ייד קוקן אויף די רייען קראָמען און רופן אויס, איינער אין פּויליש, דער צווייטער אין יידיש:

— פאַרמאַכן די געוועלבער!

— כבוד דער לוויה פון יאנעק מאַטושעווסקי!

— אין נאָמען פון דער זעלבסטשוץ!

— אויפן באַפעל פון דער אָרגאַניזאַציע!

א קלאַפעריי פון צומאכנדיקע קראָמען, א טראסקעריי פון אייזערנע טירן און שטאַבעס.

א לאָדן איז אָפּגעריסן אין מאָטל־דודס שויפענצטער, די שויב איז צעבראָכן. די העק און סערפּן זענען פארשוואונדן. ס'זענען פארבליבן בלויז עטלעכע צעוואָרפענע פּאָדקאָוועס.

א מאַן גייט צו צו מאָטל ־דודס אייזן־געשעפט און צום שכנותדיקן געשיר־געשעפט, וועלכע זענען נאָך אָפן. ער רופט אויס:

— שליסן די קראָמען! אויפן באַפעל פון דער אָרגאַניזאַציע!

דער געשטופלטער עליע, דער זון פונעם געשיר־סוחר, שפּרינגט אַרויס פון קראָם, ווי פון א שרפה און לויפט צומאַכן די לאָדנס. פונעם אייזן־געשעפט רוקט זיך ארויס א האַנט דורך דער אָפענער טיר. איז עס מאָטל־דודס האַנט? ער איז פּיוווישעס א ברודער. ווען פּיוויש וואָלט אים געזען, וואָלט ער אים געצוווּנגען פריער צומאַכן די קראָם. ווען פּיוויש וואָלט גע־קענט קומען צו דער לוויה! דאַן וואָלט איך אים געקענט זען.

— זיי קומען אָן מיט דער טרומנע, — זאָגט די מומע.

א שעפּטשעריי, ווי א טרויעריקער ווינט, טראָגט זיך אדורך דורכן עולם.

ווער זענען עס די פיר פון פאַרנט, וועלכע גייען טראָגט ביי טראָגט מיט אַנטבלויזטע קעפּ און טראָגן אויף זייערע אַקסלען א גרויסן קאַסטן, א טרומנע באַדעקט מיט רויטן טוך? זיי טראָגן יאנעקן! פאַרוואָס טראָגט מען יאנעקן אין א קאַסטן, פּונקט ווי אילזען, און יידן לייגט מען אריין אין די קברים באַדעקט מיט ברעטער? אָט גייט עוזר פון פאַרנט. ער טראָגט יאנעקן. און ווער איז דער הויכער מאַן אין ב־ילן, וואָס גייט נעבן אים? ער איז א פּאָליאַק. ווער איז ער? און הינטער עוזרן אַן אנדער פּאָליאַק און דער פעטער גבריאל, ביי וועמען איין האַנט איז אויף א פעטליע, ער טראָגט יאנעקן, זיין פ־יינד, בלויז מיט איין האַנט, פּונקט אזוי, ווען ער האָט אים געבראַכט א טויטן. יאנעק איז א מידער אומגעפאַלן און איצט טראָגן אים די שוועסטער־און־ברידער אויף די אַקסלען אהיים, אויף אָפּרו...

— דאַרט איז גבריאל, — זאָגט דער פעטער. — געלויבט איז גאָט, וואָס ער געפינט זיך צווישן די לעבעדיקע.

מענטשן פון די טראָטואַרן פאַראייניקן זיך צו די מענטשן, וואָס גייען הינטער יאַנעקן. די רייען פאַרגרעסערן זיך. זיי קומען צו נעענטער און נעענטער. וויפל בלומען האָט מען אַרויפגעלייגט אויף יאַנעקן! אַלע בלומען־קרענץ אויף אים זענען רויט, ווייס, און טונקל־רויט.

— זעט, דאָרט איז זיין טאַטע, דער אַלטער מאַטושעווסקי, — זאָגט דער פעטער, — דער אַלטער מאַן, וואָס גייט גלייך הינטער דער טרומנע.

— נו, לאָמיר אויך גיין, — זאָגט לייביש גיבור און הייבט אָן צו גיין.

— יאָ, יאָ, לאָמיר גיין!

— לאה, ירוחמקע, מיר מוזן גיין אַהיים, — זאָגט דער פעטער.

— גיין, איך וויל גיין מיט דער לוויה, פעטער.

— ס'איז אַ קריסטלעכע לוויה, און מיר זענען יידן. לאָמיר בעסער גיין אַהיים.

דער פעטער דרייט זיך אויס אַוועקצוגיין, אָבער די מומע האַלט אים אָפּ:

— ווען יאַנעק האָט געזונגען ביי אונדז אין שטוב ביינאַכט מיט די שוועסטער־און־ברידער, האָב איך נישט געקענט אונטערשיידן, ווער איז אַ ייד און ווער איז נישט קיין ייד צווישן זיי.

דער פעטער שאָקלט פאַוואָליע דעם קאָפּ:

— דאָ איז נישט קיין אָרט פאַר אונדז, לאה.

די מומע האַלט אים אָפּ:

— אַך, וואָלפקע, וואָלפקע, ער האָט אַוועקגעלייגט דעם קאָפּ פאַר אונדזער ירוחמקען. — זי האַלט איין אירע טרערן.

דער פעטער ענטפערט נישט. ער לאָזט אַראָפּ די אויגן.

פיניע כלבוניק איז צו אונדז צוגעגאַנגען. זיין גרוים מלאך־אויג קוקט דעם פעטער גלייך אין פנים אַריין:

— גיי אַהיים, וואָלפקע, און זאָל מען זיין טויטן קערפּער אַוועקלייגן אין פערדישן מיסט און צווישן געפגרטע הינט. דאָס איז דיין ברודערלעכע באַציונג פון אַ ייד צו אַ ברודער, וואָס האָט אַוועקגעלייגט זיין קאָפּ פאַר אונדז. גיי אַהיים, וואָלפקע. גיי אַהיים און האַלט זיך ביי דיין גלויבן.

דער פעטער קוקט אַריין טיף אין פיניע כלבוניקס אויגן. ער זאָגט גאַנץ שטיל:

— מיר וועלן גיין מיט דער לוויה.

ער נעמט מיך אָן ביי דער האַנט, מיר גייען מיטן עולם. מיר גייען מיטן עולם נאָך יאַנעקן.

צוויי פּאָליציאַנטן שטייען נעבן מאָטל=דודס אײַזן=געשעפט.

— איר שטייט דאָ, ווײַל איר האָט מורא, מיר זאָלן דאָ נישט אַרײַנגיין נאָך וואָפן? — פֿיניע כּלבֿוניקס ווערטער זענען שמעכעדיק ווי מעסער. ווו איז די פּאָליציי געווען בעת יאַריד=טאָג? דעמלט האָט זי נישט געשטערט די כוליגאַנעס אַרויסצושלעפּן וואָפן פֿון דעם דאָזיקן געשעפט.

פֿריידע=מלכּה זאָגט:

— ווען די זעלבסטשוץ וואָלט נישט אָפּגענומען די קאָסעס און די העק בײַ די כוליגאַנעס אויפֿן מאַרק=פּלאַץ, ווער ווייסט וואָס עס וואָלט דאַן פּאַסירט?

— ווער ווייסט עס נישט, אַז די פּאָליציי איז געשטאַנען הינטער דער גאַנצער אַפֿערע? — פֿרעגט לייביש גיבור.

— זיי האָבן געקענט נישט דערלאָזן מען זאָל דערהרגענען יאַנעקן, פֿאַרשאָלטן זאָלן זיי ווערן! — שמחה שניידער הייבט אויף אַ פֿויסט.

מענטשן פֿון אַלע גאַסן זענען זיך שוין צונויפֿגעקומען אויפֿן מאַרק=פּלאַץ. מענטשן פֿון די הײַזער אַרום דעם טײַכל, פֿון שול=גאַס הינטער אונדז, פֿון זגערזשער וועג, פֿון גלאָוונער וועג, ייִדן און פּאָליאַקן. די רויטהאָריקע פֿון זגערזשער וועג, פֿון גלאָוונער וועג, ייִדן און פּאָליאַקן. די רויטהאָריטיגע איז דאָ. זי גייט מיט אַן אַנדער מיידל, מיט פֿרימעטן. די רויטהאָריטיגע איז דאָ. זי גייט מיט אַן אַנדער מיידל, מיט פֿרימעטן. די רויטהאָריטיגע ציקע פֿייגע טראָגט אַ שוואַרץ קלייד און פֿרימעטס קלייד איז שוואַרץ. ציקע פֿייגע טראָגט אַ שוואַרץ קלייד און פֿרימעטס קלייד איז שוואַרץ. האָט זי געדאַרפֿט קומען? פֿריידע=מלכּה האָט איר נישט געראָטן. די אויגן פֿון ביידע פּאָליציאַנטן זענען געצילט אין איר. עטוואָס ווייטער שטייט דער פּריסטאַוו און קוקט אויף אַן אַנדער זײַט, אָבער מעגלעך, אַז ער קוקט אויף איר מיט דער זײַט פֿון אַן אויג. פֿרימעט, אַך, פֿרימעט! דערנענטער זיך נישט צו זיי! צי לייענסטו נישט אין זייערע אויגן, אַז זיי ווילן דיך צוריק פֿירן אין תּפֿיסה?

— קוקט, דאָרט איז אסתּר דער זאָגערינס טאָכטער, — ווײַזט עמעץ אָן.

— פֿרימעט! וואָלפֿקע, דאָרט איז פֿרימעט, זיי האָבן זי אַרויסגעלאָזט! — שרײַט די מומע.

איך האָב קיינעם נישט דערציילט, קיינעם נישט דערציילט וועגן נייען די פֿאָן.

— גאָט צו דאַנקען, — זאָגט דער פֿעטער. — ענדלעך. ווי לאַנג קען מען האַלטן אַ יונג מיידל צוליב אַ פֿאַספּאָרט?

— זיי וויקלען פאַנאַנדער די רויטע פאָן, — זאָגט פריידע־מלכה. די רויטע פאָן!

די פאָן, וואָס איך האָב געזען, ווי מ'האָט זי געניייט פאַר יאַנעקן. מען האָט זי איצט אויפגעהויבן ביזן הימל.

— נעמט אַראָפּ די היטלען! — קלינגט א מיידלשע שטים. — אין נאָמען פון דער זעלבסטשוץ!

דאָס איז פרימעט. די טרערן, וואָס זי האָט פאַרגאָסן ביים נייען די פאָן, זענען אויסגעטריקנט. בלויז צאָרן קלינגט אין איר שטים.

— נעמט אַראָפּ די היטלען! — שרייט פיניע כלבוניק. אַנדערע שטי־מען כאַפּן אונטער דעם רוף.

ארום מיר האָבן אַלע אַראָפּגענומען די היטלען. פּאָליאַקן אין א טייל יידן גייען מיט אַנטבלויזטע קעפּ. איך טראַכט אויך אַראָפּנעמען דאָס היטל. אָבער ווי קען עס טאָן אַ יידיש יינגל? דאָך צוליב יאַנעקן, ווי פיניע כלבוניק האָט אויפגעקלערט דעם פעטער. איך וויל עס טאָן און איך מוז עס טאָן. דער פעטער זעט מיך ארומגיין מיט א הוילן קאָפּ, אָבער ער זאָגט קיין וואָרט ניט.

פיניע כלבוניק, לייביש גיבור און שמחה שניידער — אַלע גייען זיי מיט אַנטבלויזטע קעפּ. וועלוול האָט אויך אַראָפּגענומען זיין היטל. אָבער דער פעטער נעמט דאָס היטל נישט אַראָפּ.

יונגע יידן און פּאָליאַקן רינגלען ארום די פּאָליציאַנטן.

— די היטלען אַראָפּ! — בעפעלט איינער פון זיי.

די פּאָליציאַנטן קוקן זיך אָן איינער דעם אַנדערן און נעמען נישט גערן אַראָפּ זייערע היטלען.

דאָרט שטייען פעטער גרשון און זעלדע! יאַנעק וואָלט נישט דער־לאָזט, אז פּוילישע יינגלעך זאָלן שלאָגן זעלדען און טרעטן אויף אונדזער שבועות־גרינס... אָט דאָרט גייט קובע דער שומר.

— קוקט, לייזער־מאיר פּראָצענטניק איז אויך אהער געקומען, — ווייזט אָן דער פעטער.

— קומענדיק אויף דער לוויה, קען ער לכל־הפּחות אויף אזא אופן אָפּדאַנקען יאַנעקן, — זאָגט די מומע. — ווען די אומרויען זענען אויס־געבראָכן, איז ער פּונקט געווען אין געוועלב פון מרים דעם קרעמערס ווייב, כדי איינצוקאַסירן זיינע פּראָצענטער.

— אפשר וועט ער וועלן האָבן א קרקע אויף א קבר אויבן־אָן? — שמייכלט פיניע כלבוניק.

— זאָל ער עס באַקומען אין קבר, — זאָגט לייביש גיבור מיט א שמייכל.

— כל זמן ער געפינט זיך דאָ אויף דער לוויה, — האַקט אים איבער די מומע, — דאַרפן מיר אים נישט שילטן.

דער עולם זינגט:

קרבנות זענט איר געפאלן אין ביטערער שלאַכט,
געקעמפט האָט איר פאַר פרייהייט קעגן דער נאַכט.
איר קעמפט פאר ברודערשאפט, איר שטאַרבט פאר רעכט,
פאר א שענערן מאָרגן, פאר א וועלט אָן קנעכט.

— וואָס זינגען זיי, פעטער?

— דאָס איז דער טרויער־מאַרש, — ענטפערט מיר פיניע כלבוניק.

— ער ווערט געזונגען פאַר די, וואָס פאלן אין קאַמף.

דער עולם בלייבט שטיין.

דער בית־עלמין, דער קריסטלעכער בית־עלמין.

פאַרוואָס שטייען זעלנער ביים טויער פון בית־עלמין? וועלן זיי אונדז אַריינלאָזן? וועלן זיי אונדז לאָזן אריינטראָגן יאנעקן? מען האָט אויפגעהערט צו זינגען. אַלע שווייגן. אָבער די פאָן, די פאָן אויפן ווינט רוט נישט.

צוויי מענער זענען צוגעגאַנגען צו די זעלנער. פוילישע מענער. זיי רעדן מיט זיי. זיי ווייזן אָן אויפן עולם. די רויטע פאָן פלאַטערט און בעט זיך מען זאָל זי אריינלאָזן: ל אָ ז ט א ו נ ד ז אַ ר יי ן! ל אָ ז ט י א נ ע ק ן אַ ר יי ן!

די ביידע מענער קומען צוריק.

— זיי ווילן אונדז נישט אַריינלאָזן, — זאָגט פיניע כלבוניק.

דער עולם באַוועגט זיך לאַנגזאם ווייטער, אָבער דער ווינט וויל נישט ווייטער גיין. ער שפּאַרט פאָ־ויס צום טויער.

אונטער אַ בוים, הינטער דעם בית־עלמין־פלויט שטייט פרימעט ביי אַן אָפענעם קבר און רעדט:

„...ווען קעמפער פאלן,פאלן די בעסטע...“

יאנעק הערט זיך צו אין דער לאַנגער טרומנע, באַדעקט מיט בלומען און מיט א רויטן טוך...

„...מיר האָבן אלע פארלוירן... אַזוי פיל...“

ווי געשפּאָלטענע קומען די ווערטער אַרויס פון איר מויל.

וויין ניט, פרימעט, ער איז פאר דיר ניט פארלוירן...

זי קוקט אראפ, ווו יאנעק ליגט.

...מיר שטייען ביים קבר, יאנעק, אָבער מיר זאָגן ניט קיין קדיש. מיט צוויפיגעדריקטע פויסטן שיקן מיר אונדזער קללה די, וועלכע האָבן אנדערע געגעבן העק אין די הענט אויסצוהאַקן אזא שיינעם בוים. פארשאָלטן זאָלן ווערן די, וואָס טיילן אָפּ יידן פון ניט־יידן און א ברודער פון א ברודער!

— פאַרשאָלטן! פאַרשאָלטן! — שרייען ארום מיר צושטימיקע קולות.

פרימעט רעדט:

— יאנעק וועט ניט ליגן רואיק אונטער דער ערד. ער וועט זיין צווישן די ארבעטס־לייט אין די גארבערייען און ביי וועבער־שטילן אין זייערע הייזער און אין יידישע בתי־מדרשים. ער וועט זיין צווישן די פוילישע פויערים אין די דערפער, אין באַטקעס און אויף די פעלדער. ער וועט רופן, זיי זאָלן אויפשטיין. און אלע, אפילו די, וואָס האָבן פריער זיך צו אים ניט צוגעהערט, וועלן אים איצט אויסהערן און פאַרשטיין...

עס רעדט א פּאָליאַק. דאָס איז דער הויכער מאַן מיט די ברילן, וועלכער האָט געטראָגן יאנעקס טרומנע. זיינע באַקן פאַלן איין, דערנאָך ווערן זיי אָנגעשוואָלן. טייל פון זיינע פוילישע ווערטער זענען לאַנגע און מאָדנע, און איך פאַרשטיי ניט, וואָס זיי באַדייטן. אָבער איך הער אים גערן. זיינע ווערטער קלינגען ווי האַמערס אויף א קאָוואדלע.

— פעטער, וואָס רעדט ער?

דער פעטער קוקט אויף פיניע כלבוניק: אפשר וועט עס דערקלערן פיניע, ער מאַכט עס בעסער.

פיניע כלבוניק בייגט זיך איין צו מיר. ער קוקט אויפן פּאָליאַק און הערט. דאַן זאָגט ער מיר אין אויער אריין:

— ער זאָגט: זיי האַלטן, אַז ער האָט זיך ניט פאַרדינט אויף אַן אנשטענדיקער קבורה. זאָל ער ליגן מיט הינט אונטערן פלויט! — פיניע שמעלט אָן דאָס אויער. — ער איז געשטאָרבן פאר זיינע חברים, ער איז געשטאָרבן ווי קריסטוס איז געשטאָרבן, אָבער מען האָט אים אָפּגעזאָגט אין א קריסטלעכן קבר! אָבער דער קערפער, וואָס מיר האָבן דאָ היינט צו רו געבראַכט, וועט דאָס דאָזיקע אָרט צו א הייליקייט מאַכן. ער זאָגט, אז ער רעדט אין נאָמען פון דער פוילישער אָרגאַניזאַציע און ער גיט אָפּ כבוד די יידן, וואָס זענען געוואָרן פאַרוואונדעט. ווען דאָס

פּוילישע פֿאָלק, קריסטן און יידן אינאיינעם, וועלן אראָפּוואַרפֿן די טיראַ־ נען, וואָס פֿאַרשקלאַפֿן זיי, וועלן זיי דערמאָנען דעם דרייסטן קעמפֿער פֿון סטריקאָוו, יאַנעק מאַטושעווסקין...

דריי מאַן הייבן אויף די טרומנע מיט יאַנעקן און לאָזן אים אראָפּ אין אָפֿענעם קבר. דער עולם הייבט אָן שטיל צו זינגען:

בריִדער און שוועסטער פֿון אַרבעט און נויט,
און אַלע, וואָס זענען צעזייט און צעשפּרייט...

די שטימען ווערן העכער:

צוזאַמען, צוזאַמען, די פֿאָנע איז גרייט,
זי פֿלאַטערט פֿון צאָרן, פֿון בלוט איז זי רויט.

מיט בלוט איז זי רויט! מיט בלוט פֿון יעדער ווונד. מיט יאַנעקס בלוט. דעריבער פֿלאַטערט זי פֿון צאָרן. יאַנעקס בלוט האָט רויט געמאַכט די לופֿט. איצט ווערט די גאַנצע וועלט קענען זען, ווי הויך זיי האַלטן יאַ־ נעקן, זיי הייבן אים הויך אין אַ רויטער באַדעקונג, מיט אויסגעהאַפּטענע הייליקע ווערטער, ווי די ספֿר־תּורה, וואָס מען שטעלט אַריין מיט געזאַנג אין ארון־קודש. פֿריידע־מלכּה האָט אויסגעהאַפֿטן די הייליקע ווערטער, די רויטהאָריקע פֿייגע האָט אויסגענייט די קאַנטן, און פֿרימעט האָט גע־ וויינט, בעת זי האָט זיי געהאָלפֿן, ווייל זי האָט ליב געהאַט יאַנעקן. און זיי האָבן געזונגען „די רויטע פֿאָן". איך האָב זיי געזען און זיי געהערט. אַך, יאַנעק, יאַנעק! שטיי אויף פֿון דיין קבר און טו אַ קוק אויף פֿרימעטן און אויף אַלעמען, וועלכע זענען געקומען אויף דיין לוויה. טו אַ קוק אויף די בלומען, וואָס זיי האָבן דיר געבראַכט און הער די געזאַנגען, וואָס זיי זינגען פֿאַר דיר! שטיי אויף און זע. זיי האָבן דיר נישט געקענט אין גע־ היימניש ערגעץ־ווו פֿאַרשטעקן, יאַנעק, און האָבן נישט געקענט אָפּהאַלטן דעם עולם פֿון קומען אַהער!

דער אַלטער מאַטושעווסקי, אַ גרויער, שטייט איבערגעבויגן איבער יאַנעקס קבר. ער רעדט נישט קיין וואָרט. ער בייגט זיך אַלץ נידעריקער און נידעריקער. ער פֿאַלט אויף די קני.

— אַך, זון, זון, אַך גוטער זון, קינד מייגס! מיין יאַנעק!

זיין האַנט שאַרט אראָפּ ערד אויף דער טרומנע.

—... איך בין געווען אַזעלכער ווי זיי. שלאָגט מיך, פֿאַרשטיינט מיך, גוטע מענטשן! — ער שלאָגט זיין קאָפּ אין קבר, — ווי זיי! פֿאַרגיב מיר,

יעזוס! איך בין געווען קעגן די יידן. איך וואָלט אויך געקענט מיט א האַק זיך וואַרפן אויף זיי, איך וואָלט אויך געקענט טויטן מיין אייגעגעם זון!

טאַ קרעכצן די מענטשן.

דער פעטער! טרערן גיסן זיך פון זיין פּנים. אך, פעטער, פעטער! וויין נישט, פעטער! אך, יאָ, יאָ, וויין איבער יאַנעקן פעטער! וויין צוזאמען מיט די שוועסטער און ברידער...

— ירוחמקע, וויין נישט, — דריקט די מומע מיין פּנים צו זיך, — וויין נישט, נשמה מיינע...

שרעקן דען אונדז ביקסן און קאַנאָנען?

דער פעטער זינגט! דער פעטער זינגט און די מומע זינגט אויך!

פּאָליאַקן, יידן און רוסן, גיט זיך ברידערלעך די הענט.

איך זינג צוזאמען מיטן פעטער און מומען. מיר זינגען פאַר יאַנעקן...

29

ידיעות פון לאָנדאָן

פיניע כלבוניק זיצט ביי אונדזער טיש און טרינקט טיי פון א טעצע־לע. מיט די עלנבויגנס אָנגעלענט אויפן טיש, האַלט ער מיט ביידע הענט דאָס טעצעלע ביי די ליפּן און טשמאָקעט רויִק דאָס שטיקל צוקער. דאַמף הייבט זיך פון זיין טעצעלע צו זיין פּנים און זיין קיילעכדיקער באָרד. נאָך יעדן זופּ שטעלט ער זיך אָפּ. זיין קליין לינק אויג קוקט אינדערהייך, פינטלענדיק פון צייט צו צייט צו מיר. זיין פּנים ווערט מיטאַמאָל באַלויכ־טן, ער אָטעמט הויך און לאַנג: — אה־אה־ה!

— איך קען זיך שוין נישט דערוואַרטן אויף די נייעס, וואָס פישקע לאַנג־הענטל האָט געבראַכט פון דיין שוועסטער אין לאָנדאָן, — האָט רבקה די טרויעריקע געזאָגט, וואַרעמענדיק די הענט ביי איר טיי־גלאָז.

— די נייעס פאַר מיר האָב איך שוין געהערט, — זאָגט די מומע, קוקנדיק אויף מיר מיט טרויעריקע אויגן. — געבן דיר נאָך א גלאָז טיי, פיניע? — זי נעמט זיך צום טשייניק.

— א קראַנקן פרעגט מען, נישט אמת, פיניע? — לאַכט דער פעטער.

— גוט, איך האָב נאָך עטלעכע שטיקלעך צוקער מיט זיך, — שמייכלט פיניע כלבוניק. ער שלעפּט אַרויס פון וועסטל־קעשענע עטלעכע שטיקלעך צוקער איינגעוויקלט אין א פּאַפּירל.

— האָט דען פישקע לאַנג־הענטל געבראַכט שלעכטע נייעס, זאָל גאָט שומר ומציל זיין, לאה? — פרעגט רבקה די טרויעריקע.

— פאַר אַנדערע וואָלטן זיי נישט געווען קיין שלעכטע, פאַר אונדז אָבער יאָ, — ענטפערט די מומע. — ער האָט היינט אינדערפרי באַגעגנט וואָלפקען אויפן מאַרק־פּלאַץ און אים געזאָגט, אז ער האָט פאַר אונדז נייעס פון ירוחמקעס טאַטע־מאַמע.

א ידיעה פון מיין טאַטע־מאַמע!

— זיי ווילן האָבן ירוחמקען אין לאָנדאָן, — זאָגט דער פעטער.

— דאָס איז די בשורה. — די מומע לייגט צו דאָס פארטעך צו די אויגן.

איך וויל נישט פאָרן קיין לאָנדאָן. איך וויל בלייבן דאָ מיט דער מומען און פעטער.

— איך מיין, אז איר האָט אליין נישט געטראַכט זיי זאָלן אייך ירוחמקען איבערלאָזן ביז צו דער חופה? — פרעגט פיניע כלבוניק.

— און פאַרוואָס נישט ביז צו דער חופה? — דער מומעס שטים ווערט אָנגעפילט מיט כעס. זיי האָבן צוויי אנדערע קינדער, זאָל זיי זיין צו לאַנגע יאָר! זענען מיר פאַר זיי פרעמדע, וואָס זיי דאַגהן אַזוי פאַר זייער ירוחמקען? וואָלטן מיר דען פאַר אן אייגענעם זון מער געטאָן, ווען גאָט וואָלט אים אונדז געגעבן?

שטיל איז געוואָרן אין צימער.

א בלאַס, מאָגער פנים. א וואָגן פאָרט אויפן טראַקט. א שווארצע, קיילעכדיקע באָרד, צוויי שווארצע אויגן פינטלען צו מיר מיט א שמייכל. א האַנט רוקט זיך צו מיר אַרויס פונעם וואָגן, דער פעטער האַלט מיך הויך אויף זיין פלייצע און באַוועגט מיין האַנט: ירוחמקע, *זאָג זיי געזונט דעם טאַטן*. ווייטער, ווייטער לויפן אויפן וועג די פערד מיטן וואָגן. און כסדר פינטלען צו מיר די צוויי שווארצע אויגן. איצט זעען די צוויי אויגן ווייט, זייער ווייט... און דאָס געזיכט פון מיין מאַמען — ווי זעט עס אויס? איך געדענק זי אינגאַנצן נישט. פאַרוואָס געדענק איך נישט דאָס פנים פון מיין מאַמען? פאַרוואָס האָט זי מיך איבערגעלאָזט אויף אזא אופן, אז איך געדענק נישט איר אויסזען? צי געדענקט זי, ווי איך זע אויס? ניין, איך ווייס, אז נישט. ווען זי האָט מיך איבערגעלאָזט, האָט זי אויך פאַרגעסן מיין פנים... צי *וואָלטן מיר פאַר אן אייגענעם זון מער אויפגעטאָן?* ניין, מומע, פעטער, ניין. נאָך אייך וועל איך זאָגן קדיש... אָבער ווי באַלד איך וועל קדיש זאָגן נאָך מיין מומען און פעטער נאָך זייער טויט, זענען זיי דען נישט מיין טאַטע־מאַמע? יאָ, זיי וועלן ווערן. יאָ, איך וויל זיי זאָלן ווערן...

רבקה די טרויעריקע זאָגט:

— איך קען‌מ זיין זיכער, אַז אויב פּישקע לאַנג־הענטל האָט אויס־געדרייט דעם דישל צוריק און געקומען אַזוי שנעל פון לאָנדאָן, איז אַ סימן, אַז ער האָט קיין געלט אויף די גאַסן נישט געשאַרט.

— זיינע הענט, גלויב איך, זענען נישט גענוג לאַנג געווען פאַר לאָנדאָן, — זאָגט פיגיע כלבוניק און זיין קליין אייגעלע קוקט אַרויס פון דעם מעצעלע.

— באמת, — זאָגט די מומע, — דאָ, פאַרשטייט זיך, האָבן מיר קיין בעסערע נישט געזען, אָבער אַז ער איז אַריינגעפאַלן אין לאָנדאָן צווישן גרויסע גנבים, האָט ער נישט געקענט אונטערשיידן צווישן אַ פענצטער און אַ טיר.

— פירן גנבה קיין לאָנדאָן איז דאָס זעלבע ווי פירן כישוף קיין מצרים. — פיגיע כלבוניק נעמט ווידער אַריין אַ שטיקל צוקער אין מויל און זופּט ווידער פון מעצל.

— און לאָמיר אייך זאָגן, — דער פעטער גיסט זיך אָן אַ גלאָז טיי פון משיוניק, — אַז אין די ענינים פון גנבה זענען די סטריקאָווער נישט די לעצטע אונטער דער זון. פונוואַנען שטאַמען די בעסטע גנבים פון אונ־דזער געגנט? אויב עס האַנדלט זיך וועגן פּישקע לאַנג־הענטל, וועט ער דעם פייף פון דיין ביימש אַוועקגנבענען און דו וועסט נישט וויסן.

— ער איז געקומען צוריק אַהיים אין שיינע צייטן, — זאָגט פיגיע כלבוניק. — אומעטום שטרייקן איצט די גנבים.

דער פעטער קוקט אים אָן און לאַכט:

— וואָס, די גנבים שטרייקן?

— און פאַרוואָס נישט? איר מיינט, זיי לעקן האָניק, האָבנדיק צו טאָן מיט דער פּאָליציי? אין ליטע, דאָרט ווי דער שוואָגער עוזר איז גע־בוירן געוואָרן, האָבן די גנבים געמאָלדן אַ שטרייק, כדי אָפּצושניידן די פּאָליצייאישע רווחים פון פינף און זיבעציק פּראָצענט אויף פינף און צוואַנ־ציק. און וואָס מיינט איר האָט די פּאָליציי געענטפערט? זי האָט גענומען אַרעסטירן די גנבים דערפאַר, וואָס זיי האָבן נישט געגנבעט.

— אַזעלכע זאַכן קענען פּאַסירן בלויז אין ליטע! — דער פעטער שלעפּט אַרויס אַ שטיקל קויל פון דער פלימע און פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס.

— דאָרט איז אַלץ מיט קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף!

— וואָס האָסטו קעגן ליטע, וואָלפקע? — פרעגט פיגיע כלבוניק.

— וואָס איך האָב קעגן ליטע? מיר געפעלט נישט דער משונהדיקער יידיש, וואָס זיי רעדן דאָרט.

— פאר זיי קלינגט מן הסתם אונדזער אויסשפראך משונהדיק.

— אונדזער אויסשפראך משונהדיק? — דער פעטער לאכט. — אָבער זייער שפראך איז בכלל קיין שפראך נישט. דאָס איז פשוט־גענומען און אוועקגעהרגעט אונדזער שפראך. ווען מיר זאָגן פ י ט ע ר קומט ביי זיי אַרויס פ ו ט ע ר און ווען מיר זאָגן פ ו ט ע ר דרייען זיי איבער אויף פ אָ ט ע ר.

— אפשר איז גאָר זייער פ ו ט ע ר ריכטיק און אונדזער פ י ט ע ר צעהרייט, — רופט זיך אָן פיניע כלבוניק. — האָסטו וועגן דעם אַמאָל אַ טראַכט געטאָן, וואָלפקע? אַלנפאַלס איז זייער פ ו ט ע ר געענטער דעם דייטשישן Butter, פונוואַנען די יידישע ווערטער שטאַמען אָפּ.

— אָט דאָס זאָג איך דאָך, אַז זייער שפראך איז נישט פאר יידן, — טרעט נישט אָפּ דער פעטער. — ווי דו זאָלסט זיך נישט פילפּלען, זע איך נישט ווי מ'קען אָנשמירן אויף ברויט פ ו ט ע ר, פונקט ווי מען שמירט אָן פ י ט ע ר. דאָס וועט נישט האָבן דעם זעלבן טעם.

— איך ווייס, איך ווייס, — לאכט פיניע כלבוניק. -- דו וועסט בעסער עסן טרוקן ברויט איידער עס באַשמירן מיט פ ו ט ע ר, נישט אמת, וואָלפקע? — ער האָט אויפגעהערט צו לאכן. — עפן דיינע אויגן, וואָלפקע. זע נישט בלויז דאָס, אויף וואָס דו האָסט געקוקט א גאנץ לעבן. ווען דו זעסט עפּעס נייס, שרעק דיך נישט איבער און מיין נישט, אַז אַלץ וואָס איז אַלט איז גוט.

די טיר עפנט זיך.

— ברוך־הבא, — פישקע, ענטפערט דער פעטער, אויפהייבנדיק זיך פון אָרט.

די מומע גייט צו צו מיר און נעמט מיך ביי דער האַנט.

— א גאסט, א גאַסט פון לאָנדאָן, — זאָגט רבקה די טרויעריקע.

אַ שיקלדיקער אָן אַ באָרד שטייט ער ביי דער טיר און שמייכלט. ער איז קורץ געקליידט ווי אַ גוי, די הויזן איבער די שטיוול. זיין שטייפער, קיי־לעכדיקער קאַפּעלוש איז ענלעך צו דער מומעס שוואַרצן טאָפּ, בלויז די ראַנדן זענען עטוואָס אונטערגעהויבן. ער דרייט אַ שטעקל אין זיין האַנט.

טראָגט מען אַזעלכע היט אין לאָנדאָן? טראָגט אויך מיין טאַטע אַזאַ הוט? צי איז אויך זיין פנים אָן אַ באָרד?

— שלום־עליכם, וואָלפקע! — פישקע לאַנג־הענטל גייט צו צום פעטער. ער דריקט פעסט זיין האַנט און שאָקלט זי אַרויף און אַראָפּ,

פונקט ווי דער נייער וואַסערטרעגער שאָקלט דאָס העניטל פון דער פלומפּ. זיינע אויגן זענען קליין און גרין, ווי אַגרעסט. ווען ער לאַכט איז זיין מויל ברייט אָפן, און עס גלאַנצט אין אים אַ גאָלדענער צאָן! זיינע ווערטער זענען שנעל און שאַרף, ווי דאָס קוואַקען פון אַ הון.

— היי, וואָלפּקע, — ער קלאַפּט פּעסט דעם פעטער איבער דער פּלייצע, — דו האָסט געמיינט, פישקע איז אַוועק קיין לאָנדאָן און איבער נאַכט האָט ער פאַרגעסן זיין היים־שטאָט און זיינע גוטע שכנים, ווי געוויסע חזירים, וואָס טראָגן זיך אַריבער אין גרויסע שטעט? ניין, וואָלפּקע, ברודערקע, דאָס טוט נישט פישקע! — ער קלאַפּט ווידער דעם פעטער אין דער פּלייצע. — וואָס וואָלט געווען, ווען איך וואָלט אָנגעשאַרט אַ פאַרמעגן און געלעבט ווי אַ גראַף? דו קענסט מיר געבן גאָלדענע שטעט און גאַסן ברוקירט מיט פערל — פישקע איז געבוירן געוואָרן אין סטריקאָוו און וועט שטאַרבן אין סטריקאָוו.

פישקע לאַנג־העניטלס קליינע אַגרעסט־אייגעלער באַוועגן זיך, ווען ער רעדט. ווען ער רעדט צום פעטער קוקן זיינע אויגן אויף דער מומען שפּעטער שפּרינגען זיי אַריבער צו רבקה דער טרויעריקער און דאַן צו מיר.

— אָט דאָס איז ער, ירוחמקע, האַ? איך דערקען אים פון דער פאָטאָגראַפיע, וואָס איר האָט געשיקט קיין לאָנדאָן.

ער האָט געזען מיין פאָטאָגראַפיע אין לאָנדאָן!

— אָבער וואָס איז געשען מיט דיין באָרד, פישקע? — פרעגט דער פעטער. האָבן זי די פיש אין ים אויפגעפרעסן?

— מען האָט זי ביי אים מסתמא אַוועקגעגנבעט אין לאָנדאָן, — שושקעט מיר אין אויער אַריין פיניע כלבוניק.

— איך האָב אויסגעטוישט די באָרד אויף אָט דאָס, — פישקע לאַנג־העניטל ווייזט אָן אויפן גאָלדענעם צאָן אין זיין מויל. — אויב דו האָסט אַ גאָלדענעם צאָן אין מויל, איז עס דער ערשטער סימן, אַז דו ביסט שוין נישט קיין גרינער, דאָס הייסט אַזאַ, וואָס איז אָקאָרשט אַראָפּ פון דער שיף. מען דאַרף טראָגן אַ גאָלדענעם צאָן און ענדערן די פאַמיליע. דאָרט האָב איך געהייסן פיליפּ.

— פיליפּ! ווי קומט פישקע צו פיליפּ? — פרעגט דער פעטער.

— פאַרוואָס נישט פיליפּ? — מישט זיך אַריין פיניע כלבוניק. — פאַרוואָס נישט ענדערן דעם נאָמען, אויב די ענדערונג באַדייט, אַז היינטערן נייעם נאָמען שטייט אַ נייער מענטש?

די מומע טראָגט צו אַ בענקל פון אויוון צום טיש.

— וועסט אויסטרינקען מיט אונדז אַ גלאָז טיי, פישקע?

— וואָס מאַכסטו, לאה? — פרעגט פישקע לאַנג־הענטל דער מומען און זייגע באַוועגלעכע אויגן קוקן אויפן פעטער. — בעת איך קוק אויף דיר, לאה, קען איך שווערן, אַז איך קוק אויף דיין שוועסטער מרים. צוויי עפּל פון איין און דעם זעלבן בוים.

— זעגעז נאָך מיין שוועסטערס באַקן רויט? וואָס מאַכט זי? איז נפתלי נאָך אַלץ דער זעלבער ליץ און האַלט אין איין זינגען? און די קינדער? ווי איך וואָלט זיי געוואָלט זען!

— זעץ דיך, פישקע, — ווייזט אָן דער פעטער אויפן בענקל, — און דערציייל אונדז אַלץ ביי אַ גלעזל טיי. געבראָטענע גענדז האָבן מיר נישט, אָבער טיי, ברוך השם, פעלט אונדז נישט.

דער עיקר, אויב דו האָסט געבראַכט גענוג צוקער מיט זיך, — רופט זיך אָן פיניע כלבוניק. — איך האָב שוין געפּטרט דאָס לעצטע שטיקל צוקער.

— פיניע! — פישקע לאַנג־הענטל דערלאַנגט אים די האַנט. ער האָט קורצע פינגער, אָבער אַלע רופן אים פישקע לאַנג־הענטל. — שלום עליכם, פיניע. און פאַר דעם זעלבן געלט, פאַרוואָס זאָל איך נישט זאָגן ה אַ ל ל אָ? דער ענגלענדער, צי ער קומט צו אייך אין שטוב אַריין, צי ער טרעפט אייך אויף דער גאַס, איז שטענדיק ביי אים ה אַ ל־ל אָ־אָ! זיי האָבן נישט קיין צייט פאַר אַ סך ווערטער. ה אַ ל ל אָ איז גענוג פאַר אַלץ. דאָס הייסט: וואָס מאַכסטו, וואָס מאַכט דיין משפּחה, ווי גייען דייגע געשעפטן, צי האָסטו עפּעס נייס פון דיין אַלטער היים און ווען מאַכסטו חתונה דיין טאָכטער?

— אַ גאַנצער ענגלענדער, זאָל איך אַזוי לעבן, פישקע, — זאָגט די מומע, אָנגיסנדיק זיין גלאָז, — און אַזאַ קורצע צייט.

— פאַרוואָס דען נישט? — לאַכט פישקע לאַנג־הענטל. — ס'איז אַ שפּראַך, וואָס קוילערט זיך פון דער צונג:

All right. Shut the door. Mind your own business. Hold your horses. *)

אָט אַזוי רעדן ענגלישע לאָרדן און ליידים.

---

*) אָל רייט. פאַרמאַך די טיר. טראַכט וועגן דיינע אייגענע ענינים. יאָג דיך נישט.

סאַראַ שווערע שפּראַך! וועל איך זי אַמאָל אויסלערנען?

— ס'איז אויך דאָ אַ לײַכטערע שפּראַך, פאַר פּשוטע בשׂר־ודם. איך האָב אָבער געלערנט די צווייטע. איך קען אײַך זאָגן, אַז ענגליש איז אַ גאָלדענע שפּראַך. אויב איר ווילט רעדן אַזוי ווי מען דאַרף זי רעדן, דאַרפט איר טאָן ווי די העברעע ענגלישע געזעלשאַפט טוט. זיי האָבן אַ ספּעציעלן צאָן־דאָקטער, אַ דאַנטיסט, ווי זיי רופן אים. אַלזאָ, דער דאַנטיסט רײַסט אַרויס זייערע בײַנערנע ציין און שטעלט זיי אַרײַן נײַע, גאָלדענע ציין. איר האָט געדאַרפט הערן דעם ענגליש מיט יענע ציין. יעדעס וואָרט איז ריינעס גאָלד! ווען איך וואָלט דאָרט פאַרבליבן, אָך, סאַר אַן ענגליש איך וואָלט גערעדט! ווען איך האָב זיך אַרײַנגעשטעלט אַט דעם גאָלדענעם צאָן, — ער עפנט זײַן מויל און ווײַזט אָן אויף אים, — האָב איך תיכף דערשפּירט, אַז איך הייב אָן צי רעדן ווי אַן אמתער ענגלענדער און זינג ווי אַן ענגלענדער. די ווערטער קומען מיר אָן לײַכט, ווי זמירות:

Hallo, my honey
Shaw me your money. *)

ער הייבט אָן צו טאַנצן אויף דער פּאָדלאָגע, דרייט מיט זײַן שטעקל און זינגט:

Put on your Sunday clothes.
And come along with me... **)

— גאָלדענע קלאַנגען, נישט אמת? דעם דאָזיקן טאַנץ רופט מען קייקוואָרק.

— פון מײַנעטוועגן, — זאָגט די מומע, — זאָלן די רײַכע לײַדים און לאָרדן האָבן זייער גאָלדענע שפּראַך, זאָל מען זיי אַרויסרײַסן אַלע ציין, אַבי נישט מײַנע.

— לאַה, איך האָב פאַר דיר געבראַכט גרוסן פון דײַן שוועסטער און פון דײַן שוואָגער, און נאָך וואָסערע גרוסן! פאַר דיר, וואָלפקע, און אויך פאַר ירוחמקען.

די מומע האַלט מיך פעסט בײַ דער האַנט, איך האַלט זי פעסט. ער קען מיך איצט נישט אַוועקנעמען קיין לאָנדאָן, ער קען נישט!

*) האַלאָ מײַן טײַערע, באַווײַז מיר דײַנע קלינגערס.
**) טו אָן דײַנע יום־טובדיקע בגדים און קום מיט מיר.

— קום אַהער ירוחמקע, פֿאַר דיר האָב איך געבראַכט עפּעס רעכטס פֿון דיין קליין ברודערל און שוועסטערל אין לאָנדאָן. — ער טוט מיר אַ קניפּ אין באַק און שלעפּט מיך צו צו זיך. אָבער איך האַלט מיך פֿעסט פֿאַר דער מומעס האַנט.

פֿון מיין קלייניעם ברודער און שוועסטער אין לאָנדאָן! וואָס האָט מיר פֿישקע לאַנג־הענטל פֿון זיי געבראַכט? אפשר האָט ער מיר געבראַכט אַ פּאָר תפֿילין מיט אַן אויסגעשטריקט פּלושענעם זעקל צו בר־מצווה. אין פֿיר יאָר אַרום וועל איך ווערן דרייצן. אָבער מאַכט מען דען תפֿילין אין לאָנדאָן?

פֿישקע לאַנג־הענטל נעמט אַרויס אַ פּעקל פֿון זיין קעשענע.

איז עס דאָס תפֿילין־זעקל? ניין, ס'איז צו פּלאַך פֿאַר אַ תפֿילין־זעקל.

— יאָ, לאַה, — ער קוקט אויף פֿיניע כלבוניק. — איך קען דיר נאָר זאָגן, אַז דו וואָלסט נישט דערקענט דיין שוועסטער. אַן אמתע ענג־לישע ליידי! וויסן זאָלסטו, אַז אין קיך טראָגט זי אַ רייך זיידן קלייד!

— ווער, מרים, מיין שוועסטער?

— ס'פֿרעגט זיך בלויז אַ שאלה, ווי רייך איז די קיך? — רופֿט זיך אָן פֿיניע כלבוניק.

— און זי איז אַזוי דיק, — פֿישקע לייגט נישט קיין אַכט אויף פֿי־ניעס שאלה, — אַזוי דיק, ווי די רייכסטע באַלעבאָסטע אין סטריקאָוו. אַזוי דיק, אַז זי קען נישט דורכגיין דורך קיין טיר.

— גאָטס נסים! — זאָגט די מומע. — אין סטריקאָוו האָט מען זי געקענט דורכציען דורכן לעכל פֿון אַ נאָדל.

— אוודאי, פֿון געזאַלצענע הערינג ווערט מען נישט פֿעט, — קרעכצט רבֿקה די טרויעריקע. — וואָס פֿאַר אַ לעבן האָבן מיר דאָ, מיש־טיינס געזאָגט!

פֿיניע כלבוניק זאָגט:

— איר מעגט זיין זיכער, אַז אויך אין ענגלאַנד זענען דאָ אַזעלכע, וואָס קומען אָפּ בלויז מיט אַ געזאַלצענעם הערינג צו אָוונטברויט, און אפשר האָבן נאָך ירוחמס עלטערן נאָך גאָרנישט פֿאַרגעסן דעם דאָ־זיקן טעם.

פֿישקע לאַנג־הענטל טוט אויף פֿיניען אַ בייזן קוק, אָבער ער רעדט ווייטער.

— ווען וועט ער עפענען דאָס פּעקל?

— איצט, ווען ירוחמקעס מאַמע גייט אויף דער גאַס, וועלכע הייסט דאָרט ווייטשעפּל, נעמען אַלע הערן אַראָפּ פאַר איר דעם הוט. — פּישקע לאַנג־הענטל נעמט אַראָפּ און הייבט אויף זיין הוט, פאַרנייגט זיך פאַר דער מומען און האַלטנדיק דעם שוואַרצן הוט אין דער האַנט, מאַכט ער מיט אים אַ ברייטן קרייז.

אַלע הערן נעמען אַראָפּ זייערע היט פאַר מיין מאַמען!

— און וואָס מאַכט מיין שוואָגער נפתלי? — פרעגט די מומע.

דו מיינסט, מ י ס ט ע ר נפתלי. אין לאָנדאָן וועסטו נישט צוגיין צו עמעצן מיט אַ פּשוטן „וואָס מאַכסטו, אברהם? ווי גייט עס דיר, רבקה?“ פּונקט ווי דו וואָלסט מיט זיי צוזאַמען חזירים געפּיטערט. דאָרט איז מ י ס ט ע ר און מ י ס י ס. אָן מ י ס ט ע ר און מ י־ ס י ס וועסטו אפילו נישט פרעגן וויפל איז דער זייגער.

— ווי „רב“ אין סטריקאָוו, — זאָגט דער פעטער. — רב טודרוס, רב מרדכי־לייב. אַ וואַזשנער גס איז דיין מ י ס ט ע ר! נאָך אים ביסטו געלאָפן אַזש מעבר־לים?

— דער גס איז דער, וואָלפקע, — זאָגט פּישקע לאַנג־הענטל, קוקנ־דיק אויף רבקהן דער טרויעריקער, — וואָס דאָ איז בלויז רב טודרוס, בלויז רב מרדכי־לייב אין אַנדערע אָנגעשטאָפּטע בייכער „רב“, אָבער קיינמאָל נישט רב וואָלפקע, רב פּיניע, רב פּישקע, בעת אין לאָנדאָן איז יעדער איינער אַ מ י ס ט ע ר. אָרעם אָדער רייך — אַלע זענען מ י ס ט ע ר ס.

רב וואָלפקע! דאָ האָב איך קיינמאָל נישט געהערט מען זאָל מיין פעטער אַזוי אָנרופן. איך וואָלט שטאַרק געוואָלט מען זאָל אים אָנרופן רב וואָלפקע. אין לאָנדאָן וואָלט מען אים גערופן מ י ס ט ע ר וואָלפ־קע. עס קלינגט זייער שיין.

— אויב אַזוי, טאָ ווי קען מען דאָרט וויסן, ווער איז אָרעם און ווער איז רייך? — פרעגט די מומע.

— איך מיין, אַז מ י ס ט ע ר ווערט אַרויסגערעדט אַזוי אָדער אַנדערש, אָפּהענגיק פון דעם וויפל גאָלדענע ציין איינער האָט, — זאָגט פּיניע בלבוביק, פאַרקוקנדיק זיין קליין אייגל אויפן סופיט.

— לאָמיך צורו מיט דיין מיסטער־מיסיס. וואָס קענסטו מיר, פּיש־קע, דערציילן וועגן מיין שוואָגער, ירוחמקעס טאַטע? — פרעגט דער פעטער.

— דיין שוואָגער, וואָלפֿקע, איז אַלע ייִדן נישט ערגער געזאָגט געוואָרן. ער קויפֿט אויף אַלע דימענטן, וואָס מען ברענגט קיין ענגלאַנד.

— דימענטן! — שרייט אויס די מומע און קוקט אָן דעם פֿעטער. — ווי אַזוי קומט נפֿתלי צו דימענטן?

— נו, ווען איך בין דאָרט געווען זענען פֿאַר אים געווען אָפֿן די טירן פֿון די גרעסטע יוועליר־געשעפֿטן און בענק, אָנהייבנדיק פֿון ראָטשילדס וכדומה. איבעריקנס, אויף לאָנדאָן פֿרעג נישט קיין קשיות, לאה. אַלע דימענטן, וואָס קומען אָן פֿון אַמסטערדאַם קיין לאָנדאָן גייען אַדורך דורך זיינע הענט. — פּישקע לאַנג־הענטל קוקט אויף אַלעמען מיט אַ גאַווהדיקער מינע.

אין פּעקל זאָלן זיין דימענטן! מיין טאַטע האָט געשיקט אַ פּעקל מיט דימענטן!

— אַ מאַגנאַט, נפֿתלי אַ מאַגנאַט? — זאָגט די מומע מיט אַ בייזן בליק. — באָבע־מעשיות! אויפֿן הימל אַ יאַריד! איך וויים, אַז ער האָט קיין שום שייכות נישט מיט דימענטן!

פֿאַרוואָס גלייבט זי נישט? אַז איך וועל פֿאָרן קיין לאָנדאָן, וועט דער טאַטע מיר קויפֿן אַזאַ לאַמטערן ווי ביי יאשקע־דעם־טאַטנס, איך זאָל באַלייכטן ביינאַכט דעם וועג פֿון חדר.

— דו זאָגסט מאַגנאַט? — פּישקע לאַנג־הענטל גיסט זיך אַליין אָן אַ צווייט גלאָז טיי. — אַ מאַגנאַט? וואָס איז דער חידוש? זיי וווינען אין איסט־ענד, אויף ראָיעל סטריט. ר אָ י ע ל, באַדייט דאָס אָרט, וווּ עס שטייט דער פּאַלאַץ פֿונעם ענגלישן קייזער, און נפֿתלי פֿאָרט אין אַ זילבערנער קאָטש.

— אַז מען פֿאָרט מיט אַזאַ קאָטש איז מן הסתם די ביימש באַפֿלאַסטערט מיט דימענטן, — רופֿט זיך אָן פּיניע בלבוניק, צוטראָגנדיק דאָס טעצעלע צום מויל.

— און פֿאַרוואָס טאַקע נישט מיט דימענטן? — פֿרעגט פּישקע לאַנג־הענטל. נפֿתלי האָט, ברוך השם, גענוג געלט.

— אפֿשר וועט שוין אויף היינט גענוג זיין מיט די גאָלד און זילבער און דימענטן, פּישקע? פֿאַרוואָס זאָלסטו ירוחמקען נישט עפֿענען דאָס פּעקל?

— באַלד, לאה, באַלד.

ער עפֿנט דאָס פּעקל מיט די דימענטן! ער נעמט אַראָפּ די ברוינע פּאַקונג און ציט אַרויס פֿון אַ דין ווייס־זײַדן פּאַפּיר אַ פֿאָטאָגראַפֿיע.

— דאָס איז פֿאַר דיר, ירוחמקע. די פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון דײַן ברודערל און שוועסטערל אין לאָנדאָן.

די פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון מײַנע קלײנע ברודער און שוועסטער! איז דאָס מײַן קלײן ברודערל שמחהלע אָט דאָס ייִנגל, וואָס שטייט בײַ אַ פֿערד אויף רעדלעך און האַלט זיך בײַ זײַן גריווע? און דאָס קלײנע מיידעלע מיט די לאָקנס איז מײַן שוועסטער? איך קען זיי גאָרנישט. מײַן שוועסטער האָב איך קײנמאָל נישט געזען און מײַן ברודער געדענק איך נישט. ווי אַזוי קענען זיי זײַן מײַן ברודער און מײַן שוועסטער, אויב זיי זענען אַזוי ווײַט, און איך קען זיי נישט?

— קוק, וואָס האַלט זי אין איר האַנט, מומע?

— אָט דאָס? דאָס איז אַ בלומען־קויש. אין וואַרשע, אינעם רײַכן הויז, ווו איך האָב געדינט, האָט די קלײנע טאָכטער תמיד באַקומען אַזעלכע קוישן צו איר געבורטסטאָג.

— וואָס האָב איך אײַך געזאָגט? — רופֿט אויס פּישקע לאַנג־הענטל, — זיי לעבן דאָרט, ווי גאָט אין פֿראַנקרײַך.

— קײן עין־הרע, אַזעלכע שײנע קינדער, — זאָגט די מומע. דאָס קלײנע מיידעלע, מירעלע, איז ווי אַ ליאַלקע.

— און זי איז ווי צוויי טראָפּנס ענלעך אויף ירוחמען, — זאָגט רבקה די טרויעריקע.

— וואָס פֿאַר אַן אַנצוג טראָגט ער עס, פֿעטער, מיט אַזאַ גרויסן געשטרײַפֿטן קראַגן און מיט אַזויפֿיל קנעפּ.

דער פֿעטער קוקט אויף פּישקען לאַנג־הענטל.

— ער טראָגט אַ מאַטראָסן־אַנצוג, — ענטפֿערט פּישקע לאַנג־הענטל. — דער קלײנער שמחהלע און דאָס אײניקל פֿונעם ענגלישן קייזער טראָגן די זעלבע אַנצוגן און שפּילן זיך צוזאַמען. אוז די קלײנע מירעלע איז קײן עין־הרע נישט, אַזוי שײן, אַז דער ענגלישער קייזער און די קייזערינע האָבן געשיקט אַ שדכן צו דײַן שוועסטער אַהײם. אָבער נפֿתּלי און מרים ווילן דערפֿון נישט הערן.

וועט מען מיר אַרויסרײַסן די ציין, כּדי איך זאָל קענען רעדן ענגליש? וועל איך מוזן האָבן גאָלדענע ציין, כּדי צו טראָגן אַזאַ מאַטראָסן־אַנצוג?

— און זיי האָבן נישט געוואָלט הערן פון אַזאַ שידוך? — שרייט אויס רבקה די טרויעריקע. — זאָגט וואָס איר ווילט, אַז מען וויל זיין אַ ייד, קען מען זיין אַ ייד אפילו אין לאָנדאָן.

— גיי פאַרשטיי גאָטס דרכים, — זאָגט דער פעטער. — דאָ איז ער געווען כמעט אַ משומד און דאָרט, ווו מען טראַכט נישט פון גאָט, איז ער אַזוי פרום.

— פרום? דו זאָגסט פרום? — רופט אוים פישקע. — דו ווייסט אפילו נישט וואָס הייסט זיין פרום. למשל, ס'איז דאָרט דאָ אַ בריק. טאוער ברידזש הייסט זי דאָרט. אַ בריק, וואָס ציט זיך, וואָס זאָל איך אייך זאָגן: די לענג איז אַזוי ווי פונדאַנען קיין זגערזש און אפשר ביז לאָדזש.

— אַזאַ לאַנגע בריק? — לאַכט די מומע. — ווו נעמען זיי אַזויפיל וואַסער, עס זאָל אונטער אַזאַ בריק פליסן?

— זיי האָבן דאָרט איבערגענוג וואַסער, — זאָגט פישקע. — די לאָנדאָנער טרינקען אַזויפיל טיי, אַז אָן אַזאַ בריק וואָלטן זיי תמיד געווען דורשטיק. אַלזאָ, די דאָזיקע בריק איז נישט אַזוי הויך ווי לאַנג, און ווען אַ גרויסע שיף דאַרף אונטער איר אַדורכגיין, — וואָס מיינט איר פאַסירט? די בריק, ווי איר זעט מיך דאָ אַ לעבעדיקן, עפנט זיך אין סאַמע מיטן, אוןביידע אירע אויפגעעפנטע זייטן שטייען גלייך, ווי צוויי גרויסע אייזערנע הענט אויסגעשטרעקט צום הימל, און די שיפן גייען אַדורך.

— גאָטס נסים! — זאָגט רבקה די טרויעריקע.

— וואָס האָט דאָס אַלץ צו טאָן מיט נפתלים פרומקייט? — פרעגט די מומע.

— אַן אומגליק מיט די ווייבער, יעדע מעשה מוזן זיי איבעררייסן! — זאָגט פישקע לאַנג-הענטל און קוקט אויפן פעטער. — וואָס האָט עס צו טאָן? יעדעס מאָל, ווען די בריק הייבט זיך אָן צו עפענען און שטעלט זיך אויף אירע הינטערשטע פיס — האָט איר אַ טראַכט געטאָן, וואָס עס קען פאַסירן מיט די מענטשן, וועגענער, פערד, טראַמווייען אויף דער בריק? טויזנטער מענטשן, צווישן זיי אַ סך יידן, קענען חלילה, דערטרונקען ווערן, ווי די מצרישע רייטער מיט זייערע פערד, ווען משה האָט געשפּאָלטן דעם ים-סוף. אָבער וואָס טוט גאָט? יעדעס מאָל, ווען די בריק עפנט זיך, געשעט אַ נס פון הימל און אַלע מענטשן ווערן באַצייטנס געראַטעוועט פון דערטרונקען ווערן. און גאַנץ לאָנדאָן ווייסט, אַז דעם דאָ-

זיקן נס האָט מען צו פאַרדאַנקען דעם מיסטער נפתלי, ווייל ער איז אַזאַ פרומער ייד.

— נו, — זאָגט די מומע, — איך וועל אַלץ גלויבן וועגן לאָנדאָן, פישקע, אָבער דאָס וואָס דו זאָגסט, אַז נפתלי איז דאָרט געוואָרן אַזאַ צדיק, איז אפילו אויב גאָט אַליין וועט קומען און מיר עס זאָגן, וועל איך נישט גלויבן.

— דער נס אַרבעט בעסער אויף דער לאָנדאָנער בריק, ווי דאָ, — רופט זיך אָן פיניע כלבוניק.

— אָבער צוליב וואָס דערצייל איך אייך דאָס אַלץ וועגן נפתלים רייכקייט און פרומקייט? — פרעגט פישקע לאַנג־העגטל. — איך דער־צייל עס אייך דערפאַר, כדי איר זאָלט וויסן, וואָסערע פיינע דערציונג ירוחמקע וועט דאָרט קריגן.

— אַזוי, איצט פאַרשטייען מיר, — זאָגט די מומע מיט כעס. — פאַרוואָס האָסטו דערמיט נישט אָנגעהויבן, אָנשטאָט אונדז פאַרהאַקן דעם קאָפּ מיט מעשיות וועגן דימענטן, שדכנים, בריקן און פלאַי־פלאַים?

אַלזאָ, קיין דימענטן זענען דאָרט נישטאָ? דער ענגלישער קייזער האָט אפילו נישט געהאַט אינזינען צו מאַן אַ שידוך צווישן זיין אייניקל און מיין שוועסטער? און קיין נסים האָבן גאָרנישט פאַסירט?...

— וואָסער חילוק, צי איך האָב עס געזאָגט צום אָנהייב, אָדער צום סוף? — פרעגט פישקע לאַנג־העגטל. — אַלץ האָט מען געדאַרפט דערציילן.

—פישקע, דעם אמת! — דער פעטער רוקט אָפּ דעם שטול און האַלט זיך אָן ביים קאַנט פון טיש. — זיי טראַכטן צוצונעמען ביי אונדז ירוחמקען?

— צי ווייסן זיי, צי ווייסן זיי, אַז ירוחמקע לערנט שוין גמרא? — פרעגט די מומע, — און אַז די קהילה וויל אים שיקן אין לאָמזשער ישיבה?

ווי וועל איך אויסקוקן אין אַ מאַטראָסן־אָנצוג מיט אַ גרויסן גע־שטרייפטן קראַגן און מיט אַזויפיל קנעפּ? אָבער מען קען דאָך נישט זיין קיין ייד, ווען מען טראָגט אַזאַ אָנצוג און ווען מען שפּילט זיך מיטן קיי־זערס אייניקל. שפילן זיי אין קלאַסן, ווי מיר דאָ? אין וואָסער שול וועל איך דאָרט גיין? ניין, איך וועל אָנקומען אין לאָמזשער ישיבה. איך וויל בלייבן מיטן פעטער און דער מומען.

— צי ווייסן זיי, אַז ירוחמקע לערנט שוין גמרא? זיכער ווייסן זיי, — ענטפערט פישקע לאַנג־הענטל. — מרים זאָגט, אַזוי צו זאָגן: ס'איז זייער גוט, וואָס ער לערנט. מיר הערן, אַז ער האָט אַ גוטן קאָפּ, קיין עין־הרע. אָבער וואָס וועט פון אים ווערן אין סטריקאָוו? אַ שטאָט, וווּ איר ווערט פאַרזונקען אין בלאָטע ביז איבער די אויערן! און נפתלי זאָגט: ער קאָן גאָרנישט האָפן, אַז עפּעס זאָל פון אים דאָרט אַרויסקומען. וואָס פאַר אַ תכלית איז צו זיין אַ ישיבה־בחור, עסן טעג, יעדן טאָג ביי אַן אַנדער באַלעבאָס, און שטאַרבן פון הונגער אין די טעג, ווען די באַלעבאָסטע פאַרגעסט אים נישט, שלאָפן אויף האַרטע ברעטער אין דער ישיבה, אַרומגיין מיט צעריסענע שיך, נישט האָבנדיק קיין וואַרעמען בגד אויף ווינטער. אַז איך וועל האָבן מיין זון דאָ אין לאָנדאָן, זאָגט ער, קען ער ווערן אַן אַדוואָקאַט אָדער אַ דאָקטער. אין לאָנדאָן האָט אַ זין זיך צו לערנען. יאָ, — פישקע לאַנג־הענטל וואַרפט אַ בליק אויף אַלעמען.

— דאָרט איז אַלץ פאַרפעסטיקט מיט גאָלדענע טשוועקעס.

— איצט איז פאַר אונדז קלאָר, פאַרוואָס זיי פאַלן נישט אַראָפּ פון דער בריק, — זאָגט פיניע כלבוניק, אויפהייבנדיק זיין קליין אייגעלע.

פישקע לאַנג־הענטל איז אַוועקגעגאַנגען. די מומע און דער פעטער זיצן און שווייגן. פיניע כלבוניק שטייט ביי דער טיר:

— ווען ער וועט אויסוואַקסן און וועט זיך נישט פאַרקויפן, — זיין גרויס רעכט אויג איז פאַרקוקט אויף מיר, — וועט ער ברענגען מער נוצן דער וועלט לערנענדיק אין לאָנדאָן, איידער קנייטשן יאָרנלאַנג די באַנק איבער דער גמרא: ש ו ר ש נ ג ח א ת ה פ ר ה... — שאָקלט זיך פיניע און זינגט מיטן ניגון פון אַ ישיבה־בחור. — אָט מיט וואָס זיי ווילן אָנשטאָפּן דעם מאַרך פון ירוחמען אין דער ישיבה. יאָ, צוואָס פטרן דעם יינגלס אויגן און האָפענונגען אויף יאָרן פון אומנוצלעכן לערנען?

די מומע און דער פעטער זיצן און שווייגן. זיי קוקן אויפן טיש און זאָגן נישט אַרויס קיין וואָרט...

איך האַלט די פאָטאָגראַפיע אין דער האַנט. אַ מאַטראָסן־אָנצוג. מיין קאַפּאָטע הייבט) אָן צו ווערן קירצער און די קנעפּ הייבן אָן צו גלאַנצן מיט גאָלד. מיין קליין יידיש היטעלע איז געוואָרן פלאַכער. דער דאַשעק איז פאַרשוווּנדן און דער ראַנד איז אויסגעברייטערט געוואָרן. איך שטיי ביי אַ פערד אויף רעדלעך און האַלט מיין האַנט אויף זיין גריווע, איך

שפּרינג אויף אים אַרויף. איך רייט איבער גאַסן, איבער די גאַסן פון לאָנדאָן! ווען ער וועט אויסוואַקסן און וועט זיך נישט פאַרקויפן, וועט ער ברענגען מער נוצן דער וועלט לערנענדיק אין לאָנדאָן... צי ווייסן זיי, צי ווייסן זיי, אַז ירוחמקע לערנט שוין גמרא?... פּישקע, דעם אמת! זיי טראַכטן ביי אונדז צוצונעמען ירוחמקען?

...די מומע! זי טראָגט מיך אין אירע אָרעמס אין אַ הייסן זומערטאָג איבער די גאַסן פון לאָדזש. לאַנג־לאַנג האָט זיך מיך געטראָגן, און איך בין שווער אין אירע אָרעמס, און דאָס שפּיטאָל איז נאָך ווייט. אָט דאָ, אויפן ראָג פון דער גאַס, ביי דער וואַנט, לאָמיר אַ ביסל אָפּרוען, ירוחמקע. שטעל דיך אויף איין פוס, און איך וועל האַלטן דעם באַנדאַזש, מיין קרוין. צוואָס האָסטו דיך געדאַרפט שפּילן אין הוידעלקעס און דער קלאָץ האָט געדאַרפט פאַלן אויף דיין פוס? קנאַפּ צרות שיקט גאָט אויף אונדזער קאָפּ, און דאָס האָט ער נאָך געדאַרפט אָנשיקן אויף מיין יינגל? שנייד אָפּ אַ שטיקל פלייש פון דיין ליטקע און לייג עס צו צו דיין פוס, דאָרט, וווּ די וווּנד איז! אויך מיר דאָקטוירים, וואָס לייגן פאַר אַזעלכע זאַכן! אַ קצב וואָלט עס נישט געטאָן לגבי זיין אָקס. זאָל מען פון זיי אַליין שטיקער שניידן, ליבער גאָט! איך וועל דיך אַרומטראָגן פון שפּיטאָל צו שפּיטאָל, נשמה מיינע, ביז וואַנען איך וועל געפינען אַ דאָקטער, וואָס וועט היילן דיין וווּנד, נישט מאַכנדיק דיר קיין אַנדערע...

— מומע, פעטער! איך וויל נישט פאָרן קיין לאָנדאָן!...

30

די רעדע

דאָס זאַמד=בערגל שיינט אויף דער זון. דאָס בערגל איז אַ גאָלדן אָנגעצינדן ליכט אַנטקעגנאיבער דעם גרויסן זאַמד=באַרג. פונדאַנען ברענגט באַרטעק דער זאַמדפירער יעדן פרייטיק דעם העלן זאַמד, וואָס ווערט אויסגעשאָטן אויף יידישע פאָדלאָגעס ערב=שבת. — זאַמד=אָ=אָ! זאַמד=אָ=אָ! — שרייט ער, בעת ער פאָרט מיט דעם אַלטן אויסגעהאָרעוועטן פערד און וואָגן פאַרביי די הייזער.

כאַראַ מחנות מענטשן אויפן וועג צו די זאַמד=בערגלעך, צום שעכטהויז און ווייטער אין דער ריכטונג פון דער אייזנבאַן=ליניע, אַזויפיל גאַרבער, אַזויפיל פעל=קראַצער פון אַלע גאַרבערייען און וואַרשטאַטן! דאָרט איז איציק סוכאָטניק. זיינע באַקן זענען איינגעפאַלן. אומגליקלעכער מענטש! זיינע זין קאָנען שוין אָנהייבן צו לערנען קדיש אויף אויסנווייניק, — האָט דער פעטער געזאָגט. און אָט איז גאָדל=מאיר פון קרינעק. זינט גאַרבעריי איז גאַרבעריי, איז נישטאָ אַזאַ שטאָט, ווי קרינעק, — פלעגט ער תמיד זאָגן. אָבער ער איז דאָ אַלט געוואָרן און דאָ וועט ער שטאַרבן, — זאָגט דער פעטער, — און אויף שטאַרבן איז נישטאָ קיין בעסערע שטאָט, ווי סטריקאָוו.

איך שטיי נעבן פעטער און עוזרן.

— קוקט, עס קומען אָן אַלץ מער און מער, — שרייט גאָדל=מאיר קרינקער, אויסדרייענדיק זיין לאַנגן דינעם האַלדז צו דער שטאָט. — אַלע קומען צו דער רעדע.

— היינט אַרבעט נישט קיין שום גאַרבעריי, — זאָגט עוזר.

— ווען וועט זיך אָנהייבן די רעדע?

— מען מוז וואַרטן ביז די איבעריקע גאַרבער וועלן אָנקומען. זיי האָבן געזאָגט, אַז תיכף נאָך שחרית קומען זיי.

וואָס איז עס פאַר אַ רעדע? דאָס מוז זיין אַ גרויסע רעדע פון אַ כך שטימען, וואָס רעדן צוזאַמען. דעריבער וואַרט מען אויף אַלע איבעריקע גאַרבער. דאָס רעדט מן הסתם דער גאַנצער עולם צוזאַמען אין איין שטים, פונקט ווי ביים דאַווענען. און דווקא אונטערן פרייען הימל, נישט אין שול. אָבער אויב נישט דאַווענען, טאָ וואָס קאָן דער גאַנצער עולם זאָגן?....

פרימעט! אין אַ ווייסער בלוזע מיט לאַנגע שוואַרצע אַראָפּהענגענדיקע צעפּ. וואָס טיילט זי דעם עולם? שטיקלעך פּאַפּיר, ווי בלעטלעך פון אַ בוך מיט רויט געדרוקטע אותיות. ביים צווייטן עק פונעם עולם טיילט די רויטהאָריקע פייגע אויך אַזעלכע בלעטלעך. זיי גייען פון גאַרבער צו גאַרבער און גיבן יעדן איינעם צו איין בלעטל. אויסגעשטרעקטע הענט פון הינטן און פון אַלע זייטן. שטימען:

— גיב מיר אויך.

— וואָס איז עס?

— לאָמיר אַ קוק טאָן, וואָס דאָרט שטייט געשריבן.

יאָסל גרעפּצער זאָגט צו גאָדל־מאיר קרינקער:

— צוואָס טויג עס דיר? דו קאָנסט דאָך נישט לייענען.

דער פעטער נעמט אַ בלעטל פון פרימעטס האַנט. זי גיט מיר אויך איינס. זי שמייכלט און גלעט מיך איבער דער באַק:

— צו פרי האָסטו זיך אָנגעהויבן צו לערנען, ירוחמקע, אין אַ געוויסן טאָג וועסטו שוין אַליין פאַנאַנדערטיילן אַזעלכע פלוג־בלעטלעך און אפשר טאַקע זיי נאָך אַליין אָנשרייבן אויך.

פלוג־בלעטלעך? דאָס איז אַ פלוג־בלעטל. צוואָס דאַרף מען זיי?

די ווערטער אויבן זענען גרעסער פון די ווייטערדיקע.

גאַרבער פון סטריקאָוו!

פייגע כלבוניק לייענט אויפן קול פאַר די מענטשן, וואָס שטייען אַרום אים דאָס, וואָס עס שטייט געשריבן אויפן פּאַפּיר. אַנטקעגנאיבער דעם וועג לייענט די רויטהאָריקע פייגע די ווערטער פאַר אַנדערע. איך הייב אָן צו לייענען די יידישע ווערטער פאַרן פעטער:

— עלנט זענען די באַדינגונגען פון די גאַרבער.

אַ סך מענטשן האָבן אונדז אַרומגערינגלט. איך בלייב שטיין. דער פעטער זאָגט: לייען ווייטער, ירוחמקע! עולם וויל וויסן, וואָס דאָס פּליגבלעטל זאָגט. — ער קוקט אויף די גאַרבער אַרום אים. ער האָט אַ שטאָלצן אויסזען. ער בעט מיך איך זאָל לייענען פאַר אַלעמען.

— הונגער איז אין יעדער שטוב... דריי אָרעמע רובלס אַ וואָך פאַר פעל־קראַצער און פון דריי ביז פיר רובל פאַר גאַרבער, און פאַר די אַרבעטלאָזיקע טעג. נעמט זיך אַריין אין זינען דעם פאַרדינסט...

— שטיל! עס הייבט זיך אָן, — רופט עוזר אויס.

דער עולם רינגלט אַרום דאָס געלע זאַמד־בערגל. פון שעכטהויז, וואָס איבערן וועג, דערטראָגט זיך צו אונדז אַ שאַרפער ריח פון שאָף־בלוט. אַן אָקס ברילט. דער פעטער הייבט מיך אויף אויף זיין אַקסל. איצט קאָן איך אַלץ זען. דער טונקל־גרינער בית־עולם ביי דער זייט פון שעכטהויז, ליגט שטיל ווי די נאַכט. ענג־צונויפגעפרעסטע מצבות שטייען און הערן זיך צו...

ווער איז דער, וואָס רעדט אויפן שפּיץ פונעם העלן זאַמד־בערגל? זיין פּנים איז מאָגער און בלאַס, אָבער זיינע אויגן און זיינע האָר זענען שוואַרץ, ווי דער אַנצוג וואָס ער טראָגט, דעם גויישן אַנצוג מיט אַ קורצער מאַרינאַרקע.

— דאָס איז הערשקע! — זאָגט צו מיר דער פעטער.

זעלדעס ברודער! מיין שוועסטערקינד, מיין שוועסטערקינד הערשקע!

ער קוקט די מענטשן אין די אויגן און רעדט:

— זיי האָבן געזאָגט, אַז איר וועט זיך דאָ נישט צונויפקומען אויסצוהערן אַ רעדע.

איז דאָס די רעדע? ער אַליין. נישט דער גאַנצער עולם צוזאַמען?

— די גאַרבער קאָנען זיך צונויפקומען אין קרינעק, האָט מען געזאָגט, אָבער נישט דאָ. קרינעק איז קרינעק און סטריקאָוו איז סטריקאָוו, — האָבן זיי אייך געוואָלט איינרעדן. אָבער איר זענט געקומען, גאַרבער און פעל־קראַצער פון סטריקאָוו. פאַרוואָס? ווייל ס'איז נישט קיין חילוק צווישן דעם הונגער אין קרינעק און — דעם הונגער אין סטריקאָוו, און די נויט אין סטריקאָוו איז די זעלבע, ווי די נויט אין קרינעק.

— אמת, אמתע ווערטער, — קרעכצט דער פעטער.

— פּערל, פּערל שיטן זיך פון זיין מויל. — זאָגט גאָדל־מאיר קרינקער.

— ווער וואָלט געקאָנט גלויבן, אַז דאָס איז גרשון דעם קלעזמערס זון, דער קליינער פּענטאַק, וואָס איז אַרומגעלאָפן איבערן מאַרק מיט אַן אַרויסגעשטעקט העמד? — האָט עמעץ הינטער דעם פּעטער געזאָגט.

— לאָדזש, לאָדזש מאַכט זיי פאַר מענטשן, נישט ווי אונדזערע פאַרשאָלטענע בלאָטעס דאָ, — האָט געזאָגט איציק סוכאָטניק. — וואָס וועט ווערן פון מיינע זין?

— ס'איז נישט בלויז לאָדזש, — האָט פּיניע כּלבוניק געענטפערט.

— ס'פעלן נישט קיין בלאָטעס אויך אויף די לאָדזשער גאַסן. ס'גייט אין דעם, וואָס ער האָט זיך דאָרט אויסגעלערנט, און וואָס אַנדערע דאָ און אין אַנדערע ערטער קאָנען זיך אויסלערנען.

— זיי האָבן צו אייך געזאָגט, פאַרלאָזט אייך אויף אונדז, — רעדט הערשקע, — מיר, די באַלעבאַטים און הויז-ווירטן פון סטריקאָוו, וועלן זען, אַז איר זאָלט באַקומען אייערס. און זיי האָבן געהאַלטן וואָרט, מיינע ברידער. אייערס האָט איר באַקומען פון אייערע שטינקענדיקע בגדים, פון אייערע געלע הענט, פון די אָפּגעברענטע פינגער און פון די גפּטרטע אויגן. אייערס איז דאָס וואָס איר באַקומט — איינגעפאַלענע באַקן, דאָס הוסטן אַ גאַנצע נאַכט, קינדער ווי שטעקעלעך און פרויען, וואָס פאַר-שעלטן זייער לעבן.

אַרום מיר הערן זיך שטימען:

— אַך, ער ווייסט עס גוט, ער ווייסט עס!

— זאָגט וואָס איר ווילט, אָבער די שוועסטער-און-ברידער פאַר-שטייען אַלץ.

— מיין גאָלדע וואָלט עס געדאַרפט הערן. זי וואָלט אים צעקושט.

אַזוי וואָלט אויך געטאָן מיין מומע! מיין מומע וואָלט אויך אַזוי געטאָן! איך וואָלט געוואָלט, אַז מיין מומע זאָל דאָ זיין און זי זאָל אויס-הערן, וואָס הערשקע, מיין שוועסטערקינד, רעדט. זיין קול איז קלאָר און קלינגעוודיק. און זיינע ווערטער קומען אַרויס גלאַטיק, איינס נאָכן צווייטן אַלץ פון זיין קאָפּ, נישט אַריינקוקנדיק אין סידור. צי וועל איך קאָנען פאָרן קיין לאָדזש, ווען איך וועל זיין אַ גרויסער? געקליידט זייז אין אַ שוואַרצן אַנצוג מיט אַ ווייסן קראַגן און אַ שניפּס, האָבן אַ בלאַס מאָגער פּנים, קומען צוריק מיט דער באַן קיין סטריקאָוו און האַלטן אַזאַ מין דרשה?

— איר זענט היינט זיך צונויפגעקומען, ווייל איר האָט איין ענטפער: מיר ווילן זיך פאַרלאָזן אויף זיך אַליין! און אויב זיי וועלן אייך ברענגען

די הייליקע ספרים, כדי אייך אָפּצוהאַלטן צו טאָן עפּעס פאַר זיך און פאַר אייערע משפּחות, לאָמיר זיי ענטפערן מיט די ווערטער פון תלמוד: אם אין אני לי מי לי, ואם לא עכשו אימתי? *)

— דער תלמוד! האָט איר געהערט, ווי ער רעדט אויף לשון־קודש?

— רופט זיך אָן דער פעטער מיט אַ פאַרחידושט פנים.

— טע־טע־טע! גאָט האָט געבענטשט גרשון קלעזמער מיט אַ זון! — זאָגט איציק סוכאָטשניק.

— אויב איר טייטשט אויס די הייליקע ספרים פשוט, זענען זיי אויף דער זייט פון פאָלק, — זאָגט גאָדל־מאיר פון קרינעק.

ווי אַזוי לייענט מען די הייליקע ספרים פשוט? ווי אַזוי האָט פיניע כלבוניק און הערשקע געלערנט צו לייענען פשוט? ווער זענען געווען זייערע מלמדים?

— אויב מיר ווילן קלערן וועגן זיך — בייגט זיך איין הערשקע פאָ־רויס און קוקט אַריין אין די פנימער פונעם עולם, — דאַן מוזן מיר טאָן פאַר זיך. מיר אַלע, ווי איינער!

— יאָ, אַלע, ווי איינער! — הערן זיך שטימען.

ד אָ ס א י ז ד י ר ע ד ע. דער עולם האַלט די רעדע צוזאַמען מיט הערשקען!

אַ הויכע שטים פון עולם:

— מיר דאַרפן נישט קיין בונטאָווששטיקעס!

— יאָסל גרעפּצער! קוקט אים נאָר אָן! — שרייט עוזר.

— פאַרשטאָפּט אים דאָ מויל! פאַרמאַך ס׳מויל! — הערן זיך שטימען.

— רואיק שרייט הערשקע. — רואיק! יאָסל אָדער אַנדערע קענען זאָגן, וואָס זיי ווילן. דערצו האָבן מיר זיך דאָ אַלע צונויפגעזאַמלט. יאָסל, דו ביסט דאָך אויך אַ גאַרבער. צי וואָלטן נישט פעל־קראַצער און די גאַרבער געדאַרפט באַקומען נאָך אַ רובל אויף לעבן און אַרבעטן נישט מער ווי צען שעה אַ טאָג און באַהאַנדלט ווערן ווי מענטשן און נישט ווי קיין הינט?

יאָסל גרעפּצער שטייט און רירט זיך נישט פון אָרט. זיין גרויסער קאָפּ דרייט זיך אויס צום עולם.

---

*) אויב איך וועל פאַר זיך נישט זאָרגן, טאָ ווער וועט פאַר מיר זאָרגן, און אויב נישט איצט, טאָ ווען?

— מיר דאַרפֿן נישט קיין פֿרעמדע, וואָס קומען אַהער און רעדן אונדז איין אַוועקצוואַרפֿן אונדזער ברויט. מיר זענען זיך, ברוך השם, ביז איצט אין סטריקאָוו באַגאַנגען אָן שטרייקן און מיר וועלן אויך ווייטער אויסקומען אָן זיי!

דער פֿעטער דרייט זיך אויס צו איציק סוכאָטשניק:

—יאָ, צוואָס פּלוצלונג אַ שטרייק?

ער נעמט מיך אַראָפּ פֿון זיין פּלייצע.

— דו ביסט געוואָרן אַ ביסל צו שווער, ירוחמקע. אפֿשר וועסטו אַ ביסל שטיין.

גאָדל־מאיר קריגקער הייבט מיך אויף.

— איך וועל אים נעמען, וואָלפֿקע. איצט קענסטו ווידער זען די גאַנצע וועלט!

עוזר! ווי אַזוי איז ער אַזוי שנעל צוגעקומען צו הערשקען אויפֿן זאַמד־בערגל? ער שטייט מיט צאַרנדיקע אויגן פֿאַרן עולם:

— גאַרבער און פֿעל־קראַצער פֿון סטריקאָוו! ווער האָט די העזה צו זאָגן, אַז הערשקע איז אַ פֿרעמדער? הערשקע, איז אונדזער, ווי די ערד און די לופֿט פֿון סטריקאָוו. הערשקעס מאַמע, עליה השלום, ליגט אויפֿן בית־עולם אַנטקעגן אונדז. — ער ווייזט אָן אויף די מצבות, וואָס שטייען צונויפֿגעפּרעסט ביים וועג.

— און זי איז געווען אַ גוטע פֿרוי און אַ גוטע מאַמע, — רופֿט זיך עמעץ אָן.

יאָ, זי ליגט דאָ נישט ווייט. תשעה־באב האָט זעלדע מיך מיטגענו־מען, ווען זי איז מיטן פֿעטער גרשון געגאַנגען אויף קבר־אבות, וויינען אויף דער מומע שיינדלס קבר. אפֿשר הערט זי איצט הערשקעס רעדע און וויינט מיט גאווה...

עוזר רעדט ווייטער:

— הערשקע איז פֿלייש פֿון אונדזער פֿלייש און בלוט פֿון אונדזער בלוט. ווי אַן אָרעם ייִנגל אָן אַ מאַמען, האָט ער צוזאַמען מיט אונדז געליטן הונגער אין סטריקאָוו. ער קען גאַנץ גוט, פּונקט ווי מיר אַלע, האָבן אָרעמע שטיקל ברויט, וואָס יאָסל שרעקט זיך מיר זאָלן עס פֿאַרלירן.

— יאָסל גרעפּצער רעדט נישט אין אונדזער נאָמען! מיר זענען פֿאַר אַ שטרייק! — רופֿט אויס לייביש גיבור, וועלכער שטייט אינמיטן עולם.

— אַ שטרייק!

— אַ שטרייק!

— יאָ, יאָ, אַ שטרייק! — שרייען שטימען פון אַלע זייטן.

— אויב אַ שטרייק, הייסט עס אַ שטרייק פאַר אַלע, — זאָגט הערש־קע. — יעדער גאַרבער, יעדער פעל־קראַצער, יעדער וואָל־וואַשער, יידן און פּאָליאַקן, אַלע מוזן אַרויסטרעטן. אויף אַזאַ אופן האָט מען פאַריקס יאָר געוווּנען דעם שטרייק אין קרינעק, אַלע האָבן אָנטייל גענומען.

— זינט גאַרבעריי איז גאַרבעריי, איז נישטאָ אַזאַ שטאָט, ווי קרי־נעק, — זאָגט גאָדל־מאיר קרינקער.

— אָבער אין בזשעזשין האָט מען דעם שטרייק נישט געוווּנען! — שרייט יאָסל גרעפּצער. — די שניידער פון בזשעזשין האָבן דעם שטרייק פאַרשפּילט.

— פאַרוואָס? ווייל מען האָט אַרעסטירט די אָנפירער, — ענט־פערט הערשקע. — די באַלעבאַטים האָבן צוגעשטעלט אַ רשימה דער פּאָליציי, און זי איז געקומען און זיי אַרויסגעשלעפּט פון די בעטן אין מיטן נאַכט.

— וואָס וועט זיין, אויב די היגע באַלעבאַטים וועלן אַזוי טאָן? — פרעגט דער פעטער, קוקנדיק אויף עוזרן, וואָס שטייט אויפן זאַמד־בערגל.

— זאָלן זיי נאָר פּרובירן! — שרייט אוים עוזר. — זיי וועלן שטאַרק חרטה האָבן, ווען זיי וועלן זיך מיט אונדז אָנהייבן.

הערשקע טרעט אַרויס פאָרויס:

— הערט זיך אַלע צו! אויב די באַלעבאַטים האָבן אויף דער פאַר־זאַמלונג אַרויסגעשיקט זייערע שפּיצלעס, וועט די אָרגאַניזאַציע דורך זיי שיקן אַ וואָרענונג: אויב די באַלעבאַטים טראַכטן צו לאָזן אַרעסטירן די אָנפירער, דאַן וועלן מיר זיי צעברעכן און געשעפטלעך רואינירן. זיי וועלן אין ערגעץ נישט זיין זיכער מיט זייערע פעלן און וואָל, וווּהין זיי זאָלן עס נישט שיקן. די אָרגאַניזאַציע האָט אירע הענט אין יעדער שטאָט.

— און ווימריאַל איז, ברוך השם, ביליק! — רופט עמעץ אוים.

— מיר קענען גלייך אָנהייבן, — שרייט גאָדל־מאיר קרינקער.

— מיר וועלן אונטערשניידן אויפן טייך די שטריק, אויף וועלכע עס ווייקן זיך די פעלן.

מיט אויפגעהויבענע פויסטן שרייט מען:

— מיר וועלן אָפּשניידן די שטריק!

— און זאָלן זיי שווימען נאָך זייערע פעלן צו דער ווייסל!

— מיר וועלן שפּאַלטן דעם קאָפּ יעדן איינעם, וועלכער וועט זיך שטעלן צו דער אַרבעט בעתן שטרייק!

פּיניע כלבניק רופֿט אויס:

— ברידער אַרבעטער! מיר דאַרפֿן דאָ אַזוי נישט רעדן. לאָמיר נישט פֿאַרלירן די קעפּ און קיינעם נישט שפּאַלטן די קעפּ. מיר מוזן זיך אַלע האַלטן צוזאַמען און אַלץ גוט אַדורכטראַכטן. מיר מוזן אויסאַרבעטן אַ שטרייק־פּלאַן.

— ברידער! — קלינגט הערשקעס שטים, — לאָמיר צוגרייטן אונדזערע פֿאָדערונגען און אויסקלייבן אַ קאָמיטעט צו אונטערהאַנדלען מיט די באַלעבאַטים.

— די באַלעבאַטים וועלן נישט וועלן רעדן מיט קיין שום קאָמיטעט — רופֿט אויס יאָסל גרעפּצער. — פּונקט ווי זיי קענען נישט באַקומען דאָ אויפֿן אָרט, אָדער אין אַנדערע שטעט אַרבעטער, וואָס זאָלן פֿאַרנעמען אונדזערע ערטער!

— זיי קענען באַקומען פּויערים פֿון די דערפֿער, — האָט אויסגערופֿן אַ מאַן, וואָס איז געשטאַנען נעבן יאָסל גרעפּצער.

— מיר וועלן בלייבן אָן אַרבעט און אָן פּלעצער, — ענטפֿערט יאָסל גרעפּצער. — הערט, ייִדן, וואָס איך וועל אייך זאָגן: ליגט אייך נישט מיט אַ געזונטן קאָפּ אויף אַ קראַנק בעט. שטרייקן, קאָמיטעטן, האָבן קיין שום ווערט נישט פֿאַר אונדז.

שטימען נעבן יאָסל גרעפּצער רופֿן אויס:

— אפֿשר איז יאָסל גערעכט.

— מיר דאַרפֿן טראַכטן וועגן אונדזערע משפּחות.

— יאָ, טראַכט וועגן אייערע משפּחות, — ענטפֿערט הערשקע. — טראַכט וועגן זיי און וועגן דעם ביטערן לעבן פֿון אייערע ווייבער און קינדער. דאָ האַנדלט זיך טאַקע בלויז וועגן אויסקעמפֿן אַ בעסער לעבן פֿאַר זיי. און וואָס שייך אייערע פּלעצער, איז זיי נישט אַזוי לייכט צו פֿאַרטרעטן. אייער פּראָפֿעסיע קען מען זיך איבער דער נאַכט נישט אויסלערנען.

יאָסל גרעפּצער וויל ווייטער געמען דאָס וואָרט. הויכע אויפֿגערעגטע שטימען לאָזן אים נישט רעדן. עטלעכע וואַרפֿן זיך אויף אים מיט אויפֿגעהויבענע פֿויסטן. געשרייען פֿון אַלע זייטן:

— מיר ווייסן ווער עס צאָלט אים דערפֿאַר!

— הערט אים נישט, דעם מסור, לאָמיר אויסקלייבן אַ קאָמיטעט.

ב א ל ע ב א ט י ש ע ר ט ו ע ל י ע ר ל ע ק י ע ר! איך וואָלט געוואָלט, דער פעטער גבריאל זאָל דאָ איצט זיין און אים אָנרופן מיט דעם דאָזיקן נאָמען.

דאָרט, וווּ יאָסל גרעפּצער איז געשטאַנען, איז אויסגעבראָכן א געשלעג.

— אויפהערן! קיינער זאָל דאָ נישט וואגן אויפהייבן די האַנט! — הערט זיך הערשקעס קול צווישן דעם טומל. — דאָס ווילן די באַלעבאַטים, מיר זאָלן זיך אַרומרייסן צווישן אונדז. שאַנעוועט אייערע פויסטן, ברידער, זיי וועלן אייך נאָך צונוץ קומען.

דאָס געשלעג האָט אויפגעהערט. אָבער דער עולם איז נאָך אַלץ אויפגערעגט. מען הערט נישט וואָס מען רעדט.

א פייף! דער לאָקאָמאָטיוו .

דער צוג איז אָנגעקומען אויף דער סטאַציע, האָט זיך אָפּגעשטעלט. איך הער עס. איז עמעצן אויסגעשטיגן? פונדאַנען איז זייער שווער צו באַמערקן. עס גייט דאָרט עפּעס א מענטש אויפן וועג. אפשר איז ער אהער געקומען א רעדע האַלטן. אָבער ער באַוועגט זיך זייער לאַנגזאַם. היי, קריך דאָרט נישט, דו וועסט פארשפּעטיקן די גאַנצע רעדע. איך וועל אים לויפן אַנטקעגן און אים זאָגן, ער זאָל זיך איילן. איך וועל אים געבן מיין פּלוי־בלעטל. איך וועל אים איבערגעבן אַלץ, וואָס הערשקע האָט געזאָגט און אויך וואָס עוזר האָט געזאָגט.

ווען ער זעט, ווי איך לויף אים אַנטקעגן און מאך מיט דער האַנט? פארוואָס ענטפערט ער מיר נישט מיט דער האַנט און פארשנעלערט נישט זיינע טריט? ווער איז ער? ס'איז א זעלנער! ער טראָגט א שינעל. ווי הויך ער איז! אָבער ער איז א קריפּל. ער איז איינגעבויגן אויף איין זייט. איין אַקסל דערהייבט זיך ווי האָרב ביז צו זיין אויער, דער צווייטער אַקסל איז אראָפּגעזעצט און די האַנט איז אומבאַוועגלעך. איין פוס איז אויסגע־דרייט אין א זייט און שלעפּט זיך נאָכן צווייטן. אויף דער ערד שלעפּט זיך נאָך אים א קליין פּעקל. פּאַוואָליע קומט ער צו נענטער. זיין פּנים איז אויף איין זייט צעקריפּלט!

אפשר וויל ער גאָרנישט, איך זאָל צו אים צוגיין. אפשר וויל ער נישט, איך זאָל קוקן אויף אים. איך וועל צוריקגיין. אָבער איך קען נישט. ער האָט מיך באַמערקט.

— פּולקע דער גרויסער!

— פעטער! — איך לויף צוריק. — פעטער, קוק — פּולקע דער גרויסער! זע, וואָס זיי האָבן פון אים געמאַכט אויף דער מלחמה!

איך לויף מיט אַ געוויין צווישן עולם. אַלע קוקן אויף מיר און הערן.

די רעדע איז איבערגעריסן געוואָרן. אַלץ האָט אויפגעהערט. איך שטיי נעבן פעטער און קלאַמער זיך צו אים.

אַרום מיר שטומען. עולם דרייט זיך אויס. זיי דערזעען פּולקע דעם גרויסן.

— זעט, זיי האָבן פון אים אַ קאַליקע געמאַכט!

— ווי איז צו אונדז, וואָס זיי האָבן געמאַכט פון פּולקע דעם גרויסן!

עוזר שרייט אַראָפּ פונעם בערגל:

— קוקט זיך צו דאָרטן. דאָס איז דער ענטפער אויף אונדזערע ספקות!

איך קוק אויך. פּולקע דער גרויסער שלעפּט זיך פּאַוואָליע אין אונדזער ריכטונג. ער שלעפּט קוים דאָס פעקל נאָך זיך.

— דאָרט! — עוזר רעדט. ער ווייזט אָן אויף פּולקע דעם גרויסן. — זעט, וואָס זיי האָבן פון אים געמאַכט! — זיין שטים ווערט שוואַכער. ער קען זי נישט אויפהייבן. דאָך באַמיט ער זיך ווייטער צו רעדן. — אָט דאָ האָסטו, יאָסל, דעם ענטפער אויף אַלע דיינע פראַגן, ענלעכע צו דיינע. פּולקע איז געווען אַן אמתער שמשון הגיבור און זע, וואָס זיי האָבן פון אים געמאַכט. יעדער איינער ווייסט אויף וועמענס אָרט ער איז גענומען געוואָרן אויף דער מלחמה. יענער גייט אַרום אין אונדזער שטאָט און לאַכט זיך אויס פון אונדז. ער איז אַ זון פון אַ רייכן גאַרבעריי-אייגנטימער, און פּולקע איז געווען בלויז אַן אָרעמער וואַסערטרעגער, וועלכער האָט געשפּייזט זיין מאַמע די אלמנה. אָבער איר ווייסט, ברידער, פאַרוואָס זיי האָבן אַזוינס געקענט אָפּטאָן מיט פּולקע דעם גרויסן? ווייל נישט געקוקט אויף זיינע כוחות איז ער געווען פאַראייניזאַמט. פּונקט ווי שמשון הגיבור איז ער איינער אַליין געשטאַנען קעגן די פּלשתים.

— אמת! דאָס, וואָס עוזר זאָגט, איז אמת.

דער פעטער, דער פעטער האָט עס געזאָגט.

עוזר רעדט ווייטער:

— מיר האָבן מרדכי-לייבן, זיין זון און די אַלע, וואָס האָבן געגעבן כאַבאַר פאַרשאָלטן. יעדער פון אונדז האָט זיי מיטן גאַנצן האַרצן פאַרשאָלטן. אָבער פּולקע דער גרויסער איז געשטאַנען אַליין. ברידער, מיר אַלע זענען פּולקעס! מיר זענען שמשונים! אָבער זיי קענען צו אונדז קו-

מען, די פלשתים און מאכן פון אונדז א תל, אויב מיר ווילן זיין אָפּגע־זונדערט איינס פון אַנדערן. ברידער־אַרבעטער! — זיין שטים שאַלט, ווי א טרומייט פון א שפּיץ באַרג. — זאָל זיך יעדער האַלטן באַזונדער, אָדער מיר זאָלן צוזאמען אַרויסטרעטן אין א שטרייק?

— צוזאמען! צוזאמען! — שרייט איינציק דער גאַנצער עולם.

צוזאמען!... קומט א ווידערקול פון בית־עלמין. די מתים שטייען אויף פון אונטער זייערע מצבות און שרייען צוזאמען מיט די לעבעדיקע. און פולקע דער גרויסער שטייט צווישן די לעבעדיקע און די טויטע. פון זיין צעקריפּלט פּנים הער איך א געשריי: צו־זא־מען !

31

די שמיץ

נתן רמאי קומט אריין אין חדר. ער איז אין כעס. אין איין האַנט האַלט ער אַ שטעקן און מיט דער צווייטער פירט ער יאָשקע־דעם־טאַטנס. פון אונטער זיין שוואַרץ־סאַמעטן היטעלע הענגען אַראָפּ זיינע געלע פאות, ווי פראָפּנציערס פון מערן. ער קוקט נישט אויפן רבין.

— ווייז זשע מיר וואָס פאַר אַ יינגל! ווייז אויף אים, יאָשקע! — זיין האַרטע, הילצערנע שטים דונערט אין חדר און זיינע קליינע אייגעלעך, ווען זיי גישטערן, טרייבן אָן אימה.

דער רבי הייבט זיך אויף פון טיש:

— גוט מאָרגן, רב נתן, גוט מאָרגן. אַ געווונטשענער גאַסט אין מיין חדר! וואָס איז געשען, רב נתן? האָט עפּעס פּאַסירט, רחמנא לצלן, מיט אייער יאָשקען?

— אַ סך איז געשען. אַ סך, אַ סך! ווייז אָן אויף אים, יאשקע, ווער איז דאָס יינגל?

יאשקע קוקט פון איין יינגל אויפן אַנדערן. ער ווייזט אָן אויף מיר:

— ירוחם.

די יינגלעך — און אַלע פיר ווענט — דרייען זיך אוים און קוקן מיך אָן.

— וואָס איז געשען? — דער רבי דרייט זיך אוים צו מיר. — וואָס האָסטו אָפּגעטאָן, ירוחם? זאָג, וואָס האָסטו אָפּגעטאָן! — באַפעלט ער מיט אַ הויכער שטים.

נתן רמאי שטעלט עטלעכע טריט צו מיר:

— אָט דאָס איז ער, דער קליינער חכם־עתיק! מען האָט עס שוין געקענט באַמערקן דעמאָלט, ווען איך האָב אים פאַרהערט אין מיין שטוב.

ווי איך בין א ייד. איך האָב עס שוין דעמלט געזען! איך האָב עס געזען אין זיין פּנים און אין זיינע געדריידלטע תשובות.

ער הייבט אויף זיין שמעקן אויף מיר און שרייט:

— איך האָב שוין דעמלט געזען דעם גנב אין דיינע אויגן!

— ירוחם א גנב? מיין בעסטער תלמיד? — דער רבי קוקט אָן נתן רמאי, און קוקט אָן מיך.

— פרעג מיין זון, — שרייט נתן רמאי. — זאָל מיין יאָשקע דיר זאָגן. דערציייל דעם רבין, דערציייל דעם גאַנצן חדר, שרעק דיך נישט. זאָלן זיי וויסן, וואָסער פרומען תלמיד זיי האָבן צווישן זיך. דערציייל זיי, דערציייל זיי, מיין קינד, וואָס דו האָסט מיר דערציילט.

די ייִנגלעך הייבן זיך אָן אָפּצורוקן פון מיר. איך שפּיר, ווי זייערע אויגן ברענען מיך. דעם רבינס ווייב עפנט אויף די קיך־טיר. זי שטייט אין איר פאַרטעך מיט א קאָך־לעפל אין דער האַנט. יאָשקע־דעם־טאַטנס זאָגט:

— ער, ער...

נתן רמאי זאָגט מיט צאָרן:

— ער, ערקע נישט. דערציייל וועגן דער שמעק־טאַבאַק־פּושקע.

— ער, ער האָט מיר געזאָגט, איך זאָל זי אוועקגנבענען.

— און וואָס האָסטו געזאָלט טאָן מיט איר? וואָס האָט ער דיר געזאָגט? — פרעגט נתן רמאי.

— ער האָט געזאָגט, אַז מירן עס פאַרקויפן, וועלן מיר קויפן פּאַפּיראָסן „עלעגאַנטסקע“ און שפּראָטן אין א פּושקע.

— אָט וואָס איך האָב זיך דערוווּסט, — ווענדט זיך נתן רמאי צום רבין. — מיין שמעק־טאַבאַק־פּושקע באַזעצט מיט פּערל איז פאַרשוווּנדן געוואָרן און מיין צען־יעריקער יאָשקע רויכערט אין קיך א פּאַפּיראָס. דו הערסט, רב מלך? א רשע, ווי ירבעם בן נבט, וואָס האָט אַליין געזינדיקט און אַנדערע געמאַכט זינדיקן! נישט נאָר ער אַליין איז א גנב, דער תכשיט דיינער, נאָר ער האָט אויך אָנגערעדט מיין קינד עס זאָל מיך באַגנבענען, ער האָט געמאַכט א גנב פון מיין יאָשקעלע! — ער גלעט יאָשקען איבערן קאָפּ.

די ייִנגלעך הייבן זיך אָן צו שושקען. דער רבי קלאַפּט אין טיש: — שטילער, לאָבוזעס, צוריק אויף אייערע ערטער! — ער הייבט אויף זיין קאַנטשיק מיט די גיין רימענס — איך הייס אייך די מינוט זיך נעמען צום

לערנען די סדרה פון מאמע אָנהייב! איר הערט! ער רופט צו זיך יאָשקע־דעם־מאמנס:

— ביסט זיכער, יאָשקע, אַז דאָס איז געווען ירוחם? מו גוט א טראכט.

— וואָס הייסט, צי ער איז זיכער? — רופט אוים נתן רמאי. — דאכט זיך, דו האָסט פון אים געהערט קלאָרע דיבורים. איך האָב געהערט, אַלע דאָ האָבן געהערט, און דו פרעגסט, צי איז ער זיכער! האָט מיר דען אמאָל געקענט איינפאלן א רעיון, אַז אין חדר פון אזא חשובן מלמד, זאָל נתן בענדערס זון זיין א ליגנער, אַן אינטריגאנט און וואָלפקע גארבערס אונטערגעוואָרפענער תכשיט — א היילינקער. אָן שום פארוורף!

— באַליידיק דיך נישט, רב נתן. פארוואָס זאָלסטו אזוי רעדן? — זאָגט דער רבי. — גאָט זאָל מיך אויסהיטן צו ווארפן א שאָטן אויף רב נתן בענדערס קינד. איך האָב בלויז געוואָלט בעסער אויפקלערן דעם גאנצן ענין.

— נו, איצט איז פאר דיר אלץ קלאָר. שפראָצן און פאפיראָסן „עלעגאנטסקע“, נישט מער און נישט ווייניקער! ער ווייסט, וואָס ער וויל, דער קליינער גנב!

— איך בין נישט קיין גנב! איך האָב נישט...

— הרך־ארץ פאַר רב נתן, קיין וואָרט זאָל איך פון דיר נישט הערן!

— קלאַפט דער רבי מיטן פוס.

— און אַלס צולייג איז ער נאָך אומפארשעמט! אַלע מעלות, — זאָגט נתן רמאי.

— האָט ער דיך געבעטן זאָלסט נאָך עפּעס גנבענען? — פרעגט דער רבי.

— ניין, רבי ענטפערט יאָשקע.

— וואָרט צו אַ ביסל, רב מלך, — זאָגט נתן רמאי. — צוערשט טאַבאַק־פושקעס באַזעצט מיט פערל, דערנאָך פאַפּיראָסן, שפעטער שיינע ביימעלעך און דאַן עפּעס אויף אַריינצולייגן אין די ביימעלעך! נו, ירוחם לאַבוז! רב מלך, אַז דו קוקסט אים אָן, זעט מען, אַז ער איז געווען אַ גנב אין זיין מאַמעס בויך. די גאַנצע משפחה איז אַ פיינע, אויסגע־מישט מיטן שטרייק און מיט די שוועסטער־און־ברידער. ווי איך בין אַ ייד! דער לאָבוז וועט ענדיקן אויף דער תליה!

דעם רבינס ווייב קומט אריין.

— זייט מיר מוחל, רב נתן, אויב ער האָט אפילו געטאָן דאָס, וואָס אייער זון זאָגט, איז ער דאָך בלויז אַ קינד פון ניין יאָר. ער האָט, ברוך

השם, אַ גוטן מלמד, אַ גוטן פעטער און אַ גוטע מומע, וואָס ווען אים דערציִען!

— ווי איינער איז צו גיין, אַזוי איז ער צו גיינציק, — זאָגט נתן רמאי. — איבעריקנס, צוואָס נוצט עס מיר איינצוטענהן מיט אַ נקבה? רב מלך, דו האָסט געהערט, וואָס ס׳איז געשען?

— פאַרוואָס גייסטו נישט צוריק אין קיך אַריין. גיך? — שרייט דער רבי אויף זיין ווייב. — צוואָס מישסטו זיך אַריין אין מיינע חדר־ענינים? בעסער ברענג מיר אַ בעזעם פון קיך.

— אַ בעזעם? — רופט אוים דעם רבינס ווייב. זי קוקט מיך אָן מיט איבערגעשראָקענע אויגן. — אָבער דו האָסט דאָך גאָרנישט געפרעגט דאָס ייִנגל, צי ס׳איז אמת! צוואָס נוצן אַ ייִנגל פון גיין יאָר פאַפּיראָסן?

— צוואָס דאַרף איך מיר ברעכן דעם קאָפּ צו דערגיין, וואָס ער וועט מיט זיי טאָן? אויב ער קען צו גיין יאָר גנבענען, כדי צו קויפן פאַפּיראָסן, קען ער אויך רויכערן צו גיין און אפילו אום שבת, פאַרוואָס נישט? עבירה גוררת עבירה.*)

— און אויב ער רויכערט נישט אַליין, — זאָגט נתן רמאי, — צי קען ער זיי דען נישט פאַרקויפן? פאַרקויפנדיק צו גנבישע פרייזן, וועט ער געווינען קוגים געפינען פאַר אַזעלכע פאַפּיראָסן.

— אָבער קיינער האָט נאָך דעם ייִנגל קיין וואָרט נישט געפרעגט. מלך, פאַרוואָס פרעגסטו אים נישט, צי ס׳איז אמת?

— בהמה! אייזל! צוואָס דאַרף איך אים פרעגן? אויב ער וועט אפילו אָפּלייקענען, צי קען מען אָנטקעגנשטעלן די ווערטער פון אַ גנב און אַ שטרייקערס אַ לאָבוז מיט די ווערטער פון רב נתן און רב נתנס זון?

— לויטן דין, זאָל מיר רב נתן מוחל זיין, זענען די ווערטער פוןביידע ייִנגלעך גלייך אין די אויגן פון גאָט.

— אַ נקבה קומט מיך לערנען גערעכטיקייט! אַ סברא, אַז דו וועסט מיך נאָך פאַרטרעטן און לערנען מיט די קינדער אין חדר! וואָס וועט דערפון אַרויסקומען? געקאָכטע תפילות און געפּרעגלטע געבאָטן צום שבת־טיש!

*) איין עבירה, שלעפּט די צווייטע עבירה.

— מלך, טראַכט זיך גוט אַריין, וואָס דו גייסט טאָן! — שרייט אויס דעם מלמדס ווייב. — ס'איז דאָ אַ גאָט אין הימל, און גאָט וועט נישט רוען. דעם ייִנגלס טאַטע־מאַמע זענען מעבר־לים. ער איז אַ האַלבער יתום. מיר האָבן אַ קינד אין זייַנע יאָרן, און גאָט וועט זיך נוקם זיין!

— גאָט האָט אונדז באַפוילן: לא תגנוב, זאָלסט נישט גנבענען! — זאָגט דער רבי, — און זיין געבאָט איז חל סיי אויף אַ האַלבן יתום, סיי אויף אַ גאַנצן יתום. און דאָ גאָר נישט לאַנג איז ירוחם געשטאַנען אין שאַנד־קרייז, ווייל ער האָט געשטעלט אין ספק גאָטס ווילן. דערלאַנג מיר, גיטל, אַ בעזעם און קער זיך אום צו דייַנע טעפּ.

דעם רבינס ווייב גייט צוריק אַוועק אין קיך מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. דער רבי וואַרט. ער קוקט אויף דער קיך. דעם רבינס ווייב קומט נישט צוריק.

אַך, זי קומט נישט צוריק. האָט זי פאַרבאַהאַלטן דעם בעזעם? זאָל זי נישט צוריקקומען, גאָט!

— גיי און ברענג דעם בעזעם, עזרא! — שרייט דער רבי.

דער באַהעלפער עזרא דער לאַנגער גייט אַוועק אין קיך. פאַרבייגייענדיק שטויסן זיך זייַנע בליקן אָן אויף מייַנע. אַך, לאַנגער עזרא, דערמאָן זיך וועגן משיחס פערד! מיר זענען צוזאַמען נאָך אים געלאָפן. ברענג נישט דעם בעזעם מען זאָל מיך שמייסן.

דער רבי שטייט אַ בייזער און טופּעט מיטן פוס. עזרא דער לאַנגער קומט נישט צוריק. נתן רמאי שמייכלט צום רבין. דער רבי גייט אַוועק אין קיך. ער קומט צוריק מיט אַ נייעם בעזעם אין דער האַנט.

— ביידע זענען זיי ווי אין דער ערד אייַנגעזונקען! — וואָרטשעט ער, אַרומקוקנדיק זיך מיט כעס אויף דער קיך. ער וואַרפט דעם בעזעם פאַר זיך אויפן טיש.

— ייִנגלעך, יעדער פון אייך וועט אַרויסרייסן אַ רוט פונעם בעזעם. איין רוט און איין שמיץ. און דאָס זאָל זיין אַן אָנלערנונג פאַר יעדן איינעם, וואָס טראַכט, אַז הינטער גאָטס פּלייצעס קען ער עובר זיין אויף תורת משה. ירוחם, גרייט דיך!

איך קוק אויפן רבין און קען נישט רעדן. רבי, איך בין נישט קיין גנב! איך האָב נישט געהייסן יאָשקען, ער זאָל גנבענען די שמעק־טאַבאַק־פּושקע. איך האָב נישט... איך האָב

גישט... איך האָב גאָרנישט געוווסט וועגן די שפּראָטן און וועגן די „עלעגאַנטסקע" — פּאַפּיראָסן! אָבער איך קען נישט רעדן. איך קוק אַרום זיך, אויף די יינגלעך. זייערע אויגן זאָגן: מיר גלויבן דיר נישט. איך קוק אויף די קאַלטע פּנימער פונעם קייזער און דער קייזערינע אויף דער וואַנט. מיר גלויבן דיר נישט, מיר גלויבן דיר נישט. טרערן שטייען אין מיינע אויגן. איך זע גאָרנישט פאַר זיך.

— ווען דו וואָלסט געוויינט איידער דו ביסט געגאַנגען זינדיקן, וואָלסטו איינגעשפּאָרט די טרערן פון שמייסן.

— גאָלדענע ווערטער, רב מלך, גאָלדענע ווערטער! — רופט זיך אָן נתן רמאי.

— ירוחם, קום אַהער צום רבין. שטעמעוודיק, האַ? אַ שטעמעוודיק יינגל, — ווענדט זיך דער רבי צו די יינגלעך. — דאָס נעמט זיך אַלץ פון זיין אומשולד.

עטלעכע יינגלעך לאַכן.

— נו, אויב ער גייט נישט אַליין...

דער רבי טוט זיך אַ לאָז צו מיר. גרויסע הענט כאַפּן מיך אַרום, הייבן מיך אויף. איך לאָז מיך נישט. איך שריי; — עזרא! עזרא! — אַ האַנט פאַרשטאָפּט מיין מויל. איך בייס! דער רבי שפּרינגט אויף און רעוועט. איך פאַל אויף דער באַנק. מיט זיין פויסט שלאָגט ער מיך איבערן מויל, איבערן קאָפּ, אין בויך. — איך וועל דיך אָנלערנען! איך וועל דיך לערנען, ווי אַזוי צו בייסן! — זיין האַנט האַלט מיין קאָפּ מיטן פּנים אַראָפּ צו דער באַנק. אַלץ איז פאַרטונקלט געוואָרן פאַר מיינע אויגן. דער קאָפּ טוט מיר וויי, און איך פיל ווי וואַרעם בלוט פליסט פון מיין נאָז. דער רבי זיצט אויף מיינע פיס. ער קנעפּלט פאַנאַנדער מיינע הויזן פון הינטן.

—יינגלעך, האָט יעדער פון אייך אַרויסגעצויגן אַ רוט?

— יאָ, רבי! — הער איך ענטפערס.

— איצט שטעלט אייך אויס אין צוויי רייען, פּנים אל פּנים. צווישןביידע רייען מאַכט אַ ברייטן וועג. און ווען ער וועט דורכלויפן, פאַרגע⸗דענקט, אַ שמיץ מיט דער רוט איבערן הינטער⸗חלק, יעדער איינער נישט מער ווי איין שמיץ. איר הערט?

— יאָ, רבי!

דער רבי פירט מיך צו פאַרן אויער צו די צוויי רייען ייִנגלעך, וועלכע שטייען מיט ריטער אין די הענט. איך האַלט צו היגטן מייִנע הויזן. דער רבי ציט מיך פאַרן אויער, צוזינגענדיק מיט אַ ניגון:

— פאַרוואָס איז די שטראָף פון אַ גנבֿ גרעסער, ווי די שטראָף פון אַ גזלן? ווייל די גמרא זאָגט אונדז, אַז דער גזלן שרעקט זיך נישט פאַר גאָט און נישט פאַר מענטשן. אָבער דער גנבֿ, וואָס גנבֿעט אין דער שטיל, שרעקט זיך פאַר מענטשן, אָבער נישט פאַר גאָט, וואָס זעט אַלץ.

דער רבי מיט מיר אַ שטאַרקן ריס פאַרן אויער. ער טוט מיך אַ שטויס אויף די קינדער. איך פאַל מיטן פּנים צו דער ערד.

— יאָשקע, דו טוסט דעם ערשטן שמיץ! — שרייט דער רבי.

איך דערשפּיר דעם שמיץ. נאָדלען שטעכן מיך. איך הייב זיך אויף. איך לויף. ריטער האַגלען אויף מייִן נאַקעטן גוף, אַראָפּ און אַרויף. מען שטופּט מיך פון האַנט צו האַנט. צוריק, פאָרויס פון ריי צו ריי. אַ הויכער געלעכטער. אַ געשריי פון מאיר־דעם־טאַטנס: האַלט אים, איך האָב אים נישט גוט געטראָפן! איך לויף. עמעץ שטעלט מיר אונטער אַ פוס. איך פאַל, געלעכטערס, שמיץ שטעכן מיך. איך הייב זיך אויף. דורך טרערן גיב איך אַ קוק אין וועלוועלס אויגן! ער שטייט און זייַן האַנט הייבט נישט אויף די רוט! איך שטיי ווי אַן איינגעגראָבענער פאַר וועלוועלען, הגם שמיץ ברענען מייַן רוקן, מייִנע הענט...

— וואָס איז געשען? — שרייט דער רבי און טופּעט מיטן פוס. — וואָס, אַ ווידערשפּעניקער אין מייַן חדר, אַ נמרוד? קום נאָר אַהער, וועלוועל!

וועלוועל גייט פּאַוואָליע צו צום רבין.

— פאַרוואָס האָסטו אים קיין שמיץ נישט געטאָן?

— אפשר האָט ער אַ האַנט אין דער גנבֿה, — זאָגט נתן רמאי. — קענטיק, אַז ער שטאַמט פון קבצנים און שטרייקער, ווי דער.

וועלוועל שטייט און קיין וואָרט קומט נישט פון זייַן מויל. דער רבי טרייסלט אים.

ענטפער, לאָבוז, ענטפער!

— ירוחם, ירוחם איז נישט קיין גנבֿ. ער האָט נישט...

— וואָס האָב איך געזאָגט, רב מלך? איין חבֿרה, דאָס דאָזיקע פּאָרל, דתן ואבירם!

— אַזוי, מיין מלאך־הגואל! — זאָגט דער רבי: — און פונוואַנען ווייסטו, אַז ירוחם איז נישט קיין גנב? ביסטו אפשר בייגעווען ביים גנבענען?

עטלעכע יינגלעך לאַכן.

דער רבי לאָזט אַראָפּ אַ קלינגענדיקן פּאַטש איבער וועלוולס פּנים. וועלוול בויגט זיך איין ביז צו דער ערד, אָבער ער פאַלט נישט.

— זאָל דאָס זיין פּאַר דיר רבי־געלט, איידער דו פּאָרסט די קומענ־דיקע וואָך קיין בזשעזשין! קענטיק, אַז אונדזער אויפפירונג געפעלט נישט דעם שניידער־יונג. שמייסן! זאָלן אים די איבעריקע מכבד זיין מיט אַ שמיץ!

פינצטער איז אַרום מיר אין קעלער. איך ליג אויף האַרטע קאַרטאָפל, וועלכע שניידן זיך איין אין מיר, ווי שטיינער. די טרערן אויף מיינע באַקן זענען אויסגעטריקנט און שטייף איז די הויט אונטער מיינע אויגן. ווי לאַנג דאַרף איך דאָ נאָך ליגן? איך קען בלויז ליגן אויפן בויך און קען זיך נישט איבערקערן אויפן רוקן. און זיין פּירוש מאַכט רש״י, אַז דער שטיין, אויף וועלכן יעקב אבינו האָט זיך געלייגט אָפּרוען, איז צוערשט געווען נישט איין שטיין, נאָר אַ סך קליינע שטיינער. דאַן האָבן די שטיי־נער זיך אָנגעהויבן קריגן צווישן זיך. — עלי ינוח צדיק את ראשו!״ אויף מיר זאָל דער צדיק אַרויפלייגן זיין קאָפּ! און גאָט האָט פאַרוואַנדלט אַלע קליינע שטיינער אין איין שטיין. ווען איך וואָלט געווען אַ צדיק, וואָלט פון אַלע קאַרטאָפל געוואָרן איין גרויסע, ווייכע קאַרטאָפל און איך וואָלט געקאָנט ליגן אַן ווייטיק. ווען איך וואָלט געווען אַ צדיק, — אָבער צי שמייסט מען אַ צדיק מיט בעזעם־ריטער? שטראָפט מען דען אַ צדיק פאַר גנבה? יוספס שר־המשקים האָט געפונען יוספס זילבערנעם בעכער אין בנימינס זאַק, און מען האָט בנימינען אָנגערופן גנב, און מען האָט אים אַוועקגענומען אין יוספס הויף קיין מצרים. אַך, ווו איז מיין יוסף, ער זאָל זאָגן דעם רבין, אַז ער האָט באַפוילן זיין דינער אַריינצו־לייגן דעם בעכער צו מיר אין זאַק! אָבער פאַרוואָס האָט ער אויך נישט באַשטראָפט יאָשקען? איך ווייס. ווייל גתן המאי איז רייך. ער דאַרף נישט שטרייקן, כדי צו באַקומען מער פון דריי רובל אַ וואָך, און ער קען תמיד צאָלן שכר־לימוד און מיט אַ צולייג דערצו. ניין, זאָג גאָרנישט דעם רבין, יוסף! וועלוול גלויבט מיר. און דעם רבינס ווייב גלויבט מיר. און עזרא דער לאַנגער. די מומע וועט מיר גלויבן און אויך דער פעטער.

פאַרוואָס פרעגט מיך נישט אויס דער רבי? פאַרוואָס פרעגט ער נישט? פאַרשאָלטן זאָל ער ווערן! פאַרשאָלטן זאָלסטו ווערן, מלמד! איך וועל שרייען אויפן קול:

— פאַרשאָלטן זאָלסטו ווערן, מלמד!

מען שאַרט איבער מיין קאָפּ, אויף דער קעלער־עפענונג! דער צודעק עפנט זיך. ליכט איז אַריינגעדרונגען! דער מומעס שטים:

— ירוחמקע, ירוחמקע, נשמה מיינע, לעבן מיינס! ווי ביסטו, ירוחמקע? אך, מומע, מומע! זיי האָבן מיך געשלאָגן און מיך אָנגערופן גנב! איך האָב עס נישט געקענט אַרויסשרייען. איך האָב גאָר געשפּירט געזאַלצענע טרערן אין מיין מויל.

איך שפּיר דער מומעס קושן, אויף מיינע נאַסע באַקן, אויף מיינע אויגן. זי זיצט אינדערפינצטער אויף די קאַרטאָפל און שאָקלט זיך. אירע הענט האַלטן מיך און דריקן צו זיך:

— מיין קליין טייבעלע, נשמה מיינע! ווי איז צו מיר! אין אַ פינצטערן קעלער מיט די שטשורעס! מיין האַרץ האָט מיר עפּעס שלעכטס געזאָגט, ווען דו ביסט נישט געקומען צו מאָלצייט! און אַז איך האָב דערהערט אַ קלאַנג פון אַ קול אין קעלער, האָט מיר דאָס האַרץ געזאָגט, אַז דאָס איז מיין ירוחמקע.

זי שלעפּט מיך אַרויס דורכן קעלער־לייטער. איר הויכע שטים איז פול מיט צאָרן:

— קום, לאָמיר גיין אויפזוכן דעם מערדער, וואָס רופט זיך דיין מלמד, זיך דערוויסן פאַרוואָס ער האָט צעבלוטיקט און געמאַטערט מיין קינד!

איך שטיי פאַרן רבין, ביי דער זייט פון מיין מומען. אין חדר איז שטיל. די ייִנגלעך זיצן ביים טיש, קוקן אין חומש און הייבן נישט אויף די קעפּ. דער רבי שטייט אויף פון טיש. ער גייט צו צו מיר. ער לייגט אַרויף זיין האַנט אויף מיין פּלייצע און זאָגט מיט אַ צאַרטער שטים:

— גיי אַריין אין קיך, ירוחם. גיטל וועט אַרומוואַשן דיין פּנים און דיינע הענט.

— איר וועט נישט אָפּוואַשן אייער שאַנד מיט וואַסער, רב מלך! שטיי דאָ, ירוחמקע! איך וועל אָפּדעקן דיין רוקן און פירן דיך איבער די גאַסן. זאָל גאָט זען און מענטשן זאָלן זען, וואָס רב מלך, דער גאָטספאַרכטיקער מלמד, האָט געמאַכט מיט אַן אומשולדיק קינד!

— אויב אַ ייִנגל איז אַ גנבֿ, וועלן אים בעזעם־ריטער אויסהיילן — זאָגט דער רבי.

— בייסט זיך פֿריער אָפּ אייער צונג, רב מלך, איידער איר זאָגט, אַז מיין ירוחמקע איז אַ גנבֿ!

— פֿרעגט נאָר אָט דאָס ייִנגל, לאה, און איר וועט זיך איבערצייגן, אַז ווען מען באַשטראָפֿט אין מיין חדר אַ ייִנגל, האָט ער פֿולשטענדיק פֿאַרדינט זיין שטראָף.

די מומע גייט צו צו יאָשקע־דעם־טאַטנס. זי הייבט אויף זיין קאָפּ און קוקט אים מיט אין די אויגן אַריין.

— יאָשקע, איך וויל פֿון דיר, זאָלסט מיר זאָגן דעם אמת, דעם אמת פֿאַר גאָט. וואָס האָט דיר ירוחמקע געהייסן גנבֿענען, דיר אָדער אַן אַנדערן?

יאָשקע־דעם־טאַטנס לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ און ענטפֿערט נישט.

— פֿאַרוואָס רעדסטו נישט, יאָשקע? — זאָגט דער רבי. — פֿאַרוואָס דערציילסטו נישט ירוחמס מומע, וואָס דו האָסט דערציילט דעם טאַטן און דעם גאַנצן חדר?

— ירוחם האָט מיר געהייסן אַוועקגנבֿענען דעם טאַטנס שמעק־טאַבאַק־פּושקע, וואָס איז באַזעצט מיט פּערל.

— און וואָס טאָן מיט איר? — פֿרעגט אים דער רבי.

— באַקומען געלט און דערפֿאַר קויפֿן שפּראָטן און פּאַפּיראָסן, — ענטפֿערט יאָשקע.

— אָט האָסטו דיר, לאה, — זאָגט דער רבי. אָט האָסטו דיין אומשולדיק קינד!

— איז דאָס אמת, ירוחמקע? איז עס אמת?

— ניין, ניין, מומע! איך האָב אים נישט געהייסן גנבֿענען! — ווי־דער האָבן זיך טרערן געשטעלט אין מיינע אויגן.

— ווען האָט ער עס דיר געהייסן טאָן, יאָשקע?

— פֿאַריקע וואָך, ווען מיר זענען צוריקגעגאַנגען אַהיים.

די מומע דרייט זיך אויס צו מיר:

— זענט איר צוזאַמען געגאַנגען אַהיים?

— יאָ, מומע. יאָשקע האָט מיך אָפּגעפֿירט אַהיים מיט זיין לאַמטערן.

— ביסטו זיכער, אַז ער האָט געהייסן קויפֿן פּאַפּיראָסן, יאָשקע? וואָסערע פּאַפּיראָסן האָט ירוחם געהייסן קויפֿן?

יאָשקע־דעם־מאַמנס טראַכט:

— פּאַפּיראָסן „פּרימאַ“.

אַ שושקערייַ הערט מען אין חדר.

— ווי געצנדינער! — שרייַט דער רבי. — לערנט ווייטער!

— לאה! — ס'איז וועלוול. ער איז אויפגעשטאַנען. — לאה, ער האָט פריער געזאָגט „עלעגאַנטסקע“ פּאַפּיראָסן!

— וואָס איז דער חילוק? — זאָגט דער רבי. פּרימאַ — עלעגאַנטסקע, סאַר אַן אונטערשייד! דער חטא איז דער זעלבער.

— יאָשקע, — פרעגט די מומע. זי האַלט יאָשקע דעם מאַמנס פאַר דער פּלייצע און קוקט אים אַריין אין די אויגן. — פאַרוואָס האָסטו פריער געזאָגט „עלעגאַנטסקע“ און איצט זאָגסטו „פּרימאַ“?

יאָשקע־דעם־מאַמנס שטייט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און ענטפערט נישט.

— זאָג, יאָשקע, פאַרוואָס?

— איך ווייס נישט.

די מומע נעמט דעם חומש פון טיש:

— שווער, יאָשקע, שווער ביי דעם הייליקן חומש, אַז ירוחם האָט דיר געהייסן גנבענען. און געדענק, וואָס מען טוט אין גיהנום מיט ייִנגלעך, וועלכע שווערן פאַלש. מען ברענט און מען בראָט זייערע צינגער, ביז זיי ווערן פאַרוואַנדלט אין שוואַרצן אַש.

יאָשקע־דעם־מאַמנס לייגט נישט אַרויף זיין האַנט אויפן חומש.

— יאָשקע, יאָשקע, קוק מיר גלייך אין די אויגן אַריין און ענטפער, פאַרוואָס האָסטו געזאָגט, אַז ירוחם האָט דיר געהייסן גנבענען?

יאָשקע־דעם־מאַמנס שטייט און קוקט אויף דער פּאָדלאָגע.

— עס האָט זיך מיר געחלומט. פאַריקע נאַכט האָב איך געזען אַזאַ חלום.

דער זילבערנער בעכער! איצט ווייסן זיי שוין ווער עס האָט אים אַריינגעלייגט אין זאַק! איצט ווייסן זיי שוין. אַך, מומע — מיין יוסף.

— יאָשקע! — באַפעלט דער רבי, רויט פאַר חרפּה, — גיי באַלד צו ירוחמען און בעט אים, ער זאָל דיר מוחל זיין!

— מיר נייטיקן זיך נישט אין דעם, רב מלך! — שרייַט אויס די מומע. — איר, מלך, דאַרפט זיך לייגן אין בלאָטע און בעטן מחילה! אַ

פרומער מלמד, וואָס כאַפּט גאָט פאר דער באָרד! ווייל איר האָט זיך געהאַלטן אין די ווערטער פונעם אויסגעפּאַשעטן נתן דעם רמאי און זיין כנופיא און האָט צומאָל נישט געוואָלט אפילו אויסהערן דאָס יינגל פונעם פעל-קראַצער! וואָלפקע גאַרבער האָט אייך נישט קנאַפּער געצאָלט ווי נתן דער גביר! מיר צאָלן אייך מער! יעדער האַלבער רובל, וואָס מיר שיקן אייך וואָכנטלעך, איז באַגאָסן מיט בלוט. און וואָס איז ווערט דאָס, וואָס איר נעמט אונדזער יינגל אין די רייכע הייזער, כדי איר זאָלט זיך קענען באַרימען וואָס פאר א גוטער מלמד איר זייט און זיך א נאָמען מאַכן. ער ברענגט אייך אריין צען מאָל מער שכר-לימוד פון אַנדערע! אָבער וואָס פאר א ווערט האָבן מיר, אָרעמעלייט פאר אייך? גנבים, וועלכע מען דאַרף שמייסן און שפייען אויף זיי! אָן זיי, די גבירים? זיי קומען און גיבן ארויס באַפעלן, וועמענס תחתונים מען דאַרף אראָפּלאָזן. שטיוול-לעקער ביי די גבירים! זאָל אייער צונג קרעציק ווערן, זאָלן אייערע הענט אָפּגעטריקנט ווערן פאַר דעם, וואָס איר האָט אָפּגעטאָן מיט מיין זון! קום, ירוחמקע, דו וועסט בעסער ביי מיר אַרומלויפן מיט די הינט איבער די גאַסן, איידער זיך לערנען ביי א מלמד, וואָס איז א שמייסער ביי די נגידים!

32

דער שטרייק

אייגנטלעך וואָלט איך געדאַרפֿט אַהיים גיין. די מומע ווייסט נישט, וווּ איך בין. יונה חכמה־צאָן, וועלכער האָט זיך אַרויסגעדרייט צו גיין אין חדר, געפֿינט זיך מיט מיר אויפֿן דאַך פֿון דער גאַרבעריי־שאָפּע. וואָס וועט דער טאַטע זאָגן, אויב ער וועט מיך דאָ דערזען? איצט גיי איך שוין נישט אין קיין שום חדר. די מומע זאָגט, אַז אויף אַ נייעם חדר דאַרף איך וואַרטן, ביז דער שטרייק וועט ווערן פֿאַרענדיקט, ווייל אַן שטיב איז נישטאָ קיין געלט.

אויפֿן פֿוסטן פּלאַץ הינטער מרדכי־לייבס גאַרבעריי און ווייטער אַהין איבערן וועג צו דער נייער גאַרבעריי, אויף דער אַנדערער זייט פֿון דער ציגל־וואַנט, איז אַ געטומל פֿון קולות.

— גוט, וואָס מיר געפֿינען זיך אויפֿן דאַך פֿון דער שאָפּע, — זאָגט יונה חכמה־צאָן, — פֿונדאַנען קענען מיר זען דעם גאַנצן שטרייק. ווען איך דערצייל עס די ייִנגלעך אין חדר! אַ מצווה אויף זיי, זיי האָבן אַליין אַהער געמעגט קומען.

— אַ שאָד, וואָס וועלוול איז אַוועקגעפֿאָרן קיין בזשעזשין. ער וואָלט דאָ אויך איצט געווען.

אונטער אונדז הייבט זיך אויף איציק סובאָטניק פֿון קלאָץ, אויף וועלכן ער איז געזעסן און גייט צו צו עוזרן געבן דער שאָפּע.

— זיי זענען שוין דאָ אַ לענגערע צייט. — ער קוקט צו דער ציגל־וואַנט הינטערן פֿעלד.

— זאָלן זיך וועגן דעם זאָרגן הערשקע און לייביש גיבור, — ענטפֿערט עוזר. — דער קאָמיטעט וועט פּונקט אַזוי צווינגען צו לייגן די אַרבעט מרדכי־לייבס גאַרבער, ווי ער האָט עס געטאָן מיט די פּעל־קראַצער.

— אַ כּלב שבכּלבים, דער דאָזיקער מרדכי־לייב, — זאָגט גאָדל־

מאיר קרינקער. — צו רויבן איז ער דער ערשטער, צו צאָלן — דער לעצטער.

— ער וועט באַצאָלן מיט פּראָצענט און מיט פּראָצענט אויף די פּראָצענטער, — זאָגט עוזר. — ער קלאָגט, אַז צו אונדז פּעל־קראַצער האָט ער דערלייגט געלט, אָבער נישט געקוקט דערויף פאַרגרעסערט ער זיין אונטערנעמונג צו באַארבעטן פעלן און האָט אַוועקגעשטעלט אַ נייע גאַר־בערײַ בײַ דער זייט פון דער אלטער.

— אָרעמער מרדכי־לייב, וויפל געלט וועט ער מוזן דערלייגן אויך צו זייַנע גאַרבער.

— עס וועט זיין שווערער ארויסצופירן די וואָל־וואַשער, — זאָגט איציק סוכאָטניק.

— יאָ, פויערים פון די דערפער, — מישט זיך אַריין אַ מאַן מיט אַ הייזעריקער שטים. — וואָס ווייסן זיי פון שטרייקן?

— זיי וועלן וויסן, זיי וועלן וויסן, — ענטפערט עוזר. — וואָס האָבן מיר געוווּסט פון שטרייקן מיט דריי וואָכן צוריק? איצט שטרייקן אַלע גאַרבערייען, אחוץ מרדכי־לייבס, און די פעל־קראַצער פון אַלע אונטער־נעמונגען און שאַפּעס, אַרייַנגערעכנט מרדכי־לייבס. זינט דאַן האָבן מיר זיך אַ סך אויסגעלערנט און איצט קאָנען מיר שוין אַנדערע לערנען.

— פיניע, זינג אונדז ווידער דאָס נייע ליד, וואָס דו האָסט פאַר־פאַסט, — בעט גאָדל־מאיר קרינקער פיניען כלבוניק.

יונה חכמה־צאָן בייגט זיך איבער דעם ראַנד פונעם דאַך.

— קום אַהער, יונה, פונדאַנען וועלן מיר הערן דאָס גאַנצע ליד.

— וואָס טוט דאָ פיניע כלבוניק, ירוחם? ער איז דאָך נישט קיין גאַרבער, נישט קיין פעל־קראַצער.

— איך קען גיין אין געוועט, אַז ער וואָלט געקענט פעל קראַצן און גאַרבן, ווען ער טוט נאָר אָן אַ פאַרטעך.

אונטן האָבן אַלע אונטערגעכאַפּט:

— דאָס נייע ליד, דאָס נייע ליד, פיניע!

— דאָס ליד פון די שטרייקער! דאָס ליד פון די שטרייקער! — איך פּאַטש מיט די הענט.

יונה חכמה־צאָן קלאַפּט אויפן דאַך מיט אַן אָפּגעריסענעם שינדל און זינגט:

— דאָס שטרייקער־ליד, ליד, דאָס שטרייקער־ליד!

— וואָס טוט איר דאָ, פּענטאַקעס? אַהיים לויפט! — דער מאַן מיט דער הייזעריקער שטים וויל אונדז אַראָפּטרייבן פון דאַך. — וואָס האָבן חדר־יינגלעך צו טאָן אויף אַ שטרייק־מיטינג?

— איך האָב וועגן דעם שטרייק געוווּסט, אפשר איידער איר האָט געוווּסט, — שרייט יונה חכמה־צאָן.

ווי אַזוי האָט ער געוווּסט? ער ווייסט אַלץ.

— שאַ, שטיל! — רופט איינער אויס.

פּיניע כלבוניק זעצט זיך אויף אַן איבערגעקערט פעסל און זינגט. זיין פּנים און זיין קליין אייגעלע קוקט פריילעך:

צי האָט איר געהערט, ליבע לייט,
וואָס דער שטרייק אין שטאָט באַדייט?
די אַרבעטער זענען אויפן פערד
און די באַלעבאַטים — אין דער ערד!

די שטרייקער זינגען מיט אים צוערשט שטיל, נאָכדעם הויך:

די אַרבעטער זענען אויפן פערד
און די באַלעבאַטים אין דער ערד!

דער פעטער זינגט מיט אַלע אַנדערע.

די וואַרשטאַטן ווי בית־עלמינס,
די שאַפּעס זענען טויט,
מיר קענען זיי באַלעבן,
אָבער נישט אַן ברויט!
לעבן זאָל דער שטרייק!
צו אַרבעט זיך נישט קערן!
אין קאַמף אַלץ העכער שטייג —
דער זיג וועט אונדז געהערן.

— נאָכאַמאָל, ווידער, צוזאַמען! — שרייט פּיניע כלבוניק און פּאַ־כעט מיט די הענט. איך זינג און יונה חכמה־צאָן זינגט און מיר פאָכען מיט די פויסטן צוזאַמען מיט אַלעמען.

לעבן זאָל דער שטרייק!
צו אַרבעט זיך נישט קערן!

אין קאַמף אַלץ העכער שטייג —
דער זיג וועט אונדז געהערן.

— זע, דאָ איז דיין פעטער גבריאל, — ווייזט אָן יונה הכמה־צאָן. — ער איז אָקאָרשט געקומען.

— וואָס טוט ער דאָרט!

ער גייט גלייך צו עוזרן און פיניען כלבוניק און שמועסט מיט זיי. איך קען נישט הערן, וואָס ער רעדט.

— ווי מיינסטו, יונה, וועגן וואָס רעדן זיי?

יונה חכמה־צאָן בייגט זיך אַריבער איבערן דאַך, כדי זיך צוצוהערן. ס'איז שווער צו הערן, אָבער ער וועט שוין עפּעס אויסגעפינען. ער זעצט זיך ווידער צו.

— ער דערציילט זיי עפּעס, עפּעס, וואָס זיי דאַרפן וויסן צום שטרייק.

עוזר רופט צו אַנדערע. זיי ריגגלען אים אַרום און ער רעדט:

— מיר מוזן שאַפן אַ קאָמיטעט, וואָס זאָל תיכף גיין צו די וואָל־וואַשער. דאָס איז נישט קיין לייכטע זאַך. די באַלעבאַטים, די פרומע באַ־לעבאַטים זענען אַוועק נאָך הילף צום גלח אום זונטיק, — גבריאל האָט עס געהערט פון די פויערים, — האָט דער גלח אָנגעזאָגט די וואָל־וואַ־שער, זיי זאָלן נישט אַראָפּ פון דער אַרבעט און נישט הערן די יידי־שער שטרייקער.

צאָרנדיקע געשרייען. פיניע כלבוניק זאָגט:

— די פּוילישע אָרגאַניזאַציע וועט שיקן אַ רעדנער צו די וואָל־וואַ־שער. די מענטשן, וואָס מיר שיקן מוזן זיי תיכף אַלץ אויפקלערן און גיין מיטן רעדנער אין דער וואַשעריי.

— גוט, — זאָגט עוזר, — מיר דאַרפן פינף מאַן, פעל־קראַצער און גאַרבער. דו גייסט, גאָדל־מאיר און דו אויך, איציק. ווער וויל נאָך גיין?

צוויי אַנדערע זאָגן:

— מיר וועלן גיין.

— הייסט עס פיר, — זאָגט עוזר. — און דו, וואָלפקע, וועסט זיין דער פינפטער. גאָדל־מאיר וועט אָנפירן, און גבריאל וועט אָנווייזן דעם וועג.

דער פעטער וואָלפקע גייט אויך!

דאָרט װעלן זײַן פּלוג־בלעטלעך אויף פּויליש. זאָל זײַן מיט הצלחה! — עוזר קלאַפּט גאָדל־מאיר קרינקער אויף דער פּלײצע און לאַכט צו די מענטשן, װאָס גײען מיט אים. — איצט לאָמיר װײַזן, װאָס מיר קענען אויפטאָן.

זײ גײען שנעל אַװעק. דער פּעטער האָט מיך נישט געזען!

עמעץ קומט אָן פֿון הינטער דער ציגל־װאַנט, פֿון מרדכי־לײבס נײַער גאַרבערײַ.

— לײביש גיבור! ער װעט אונדז מסתמא עפּעס דערצײלן פֿונעם קאָמיטעט, — הערן זיך שטימען.

— אַלזאָ, לײביש, דערצײל אונדז, װאָס האָט דאָרט פּאַסירט, — פֿרעגט פּיניע כלבוניק.

לײביש גיבור רעדט שנעל.

— װעגן לױן־העכערונג װיל ער נישט הערן און געדענקען. און װאָס שײך אַ צען־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג: װאָס! — מאַכט ער, — מײַנע גאַר־בער זענען אַזעלכע למדנים, אַזעלכע תלמידי־חכמים, אַז זײ דאַרפֿן האָבן מער צײַט צום לערנען?

— און װאָס איז מכוח אָפּשאַפֿן די שטראָפֿן פֿאַר פֿאַרשפּעטיקונג, מכוח אַ בעסערער באַציִונג צו די אַרבעטער?

— מכוח? ער האָט שיעור נישט געפּלאַצט פֿאַר געלעכטער. דאָס אַלץ, — האָט ער געזאָגט, — איז אַן ענין פֿאַר יום־כּיפּור, װען מיר שטײען אַלע צוזאַמען אין שול און בעטן אײנער בײַם צװײטן מחילה. אָבער אינמיטן יאָר? װאָסער חילוק װאָלט דאָן געװען צװישן באַלעבאָס און גאַרבער, קײנער װאָלט נישט געװוּסט װער װאָס איז?

— מיר װעלן דעם כלב לערנען, װער און װאָס! — זאָגט עוזר. — לײביש גיבור רופֿט זיך אָן:

— פֿאַרשטײט זיך, מרדכי־לײב װיל אויך נישט הערן װעגן דער פֿאָדערונג צו ברענגען אַ דאָקטער קײן סטריקאָװ. ער זאָגט, פֿאַרװאָס פֿאָ־דערט איר נישט פֿון מיר, איך זאָל מאַכן אַ נײַעם דאַך אויף דער שיל, און אויב ס׳האָלט שוין יאָר דערבײַ, טאָ פֿאַרװאָס זאָלן אויף מײַן חשבון נישט אויסגערײניקט װערן די בלאָטעס אין סטריקאָװ?

— איר מײנט, אַז דאָס װאָלט געװען אַ שלעכטע פֿאָדערונג? — זאָגט פּיניע כלבוניק. ער רוקט אונדז אונטער גוטע געדאַנקען.

לײביש גיבור רעדט װײַטער:

— ער האָט אונדז געסטראַשעט מיט סיביר. קיינער וועט ניט שטרייקן אין מיין נייער גאַרבעריי. מיך דעם ערשטן וועט איר אַרויס־טראָגן! — מאַכט ער נאָך מרדכי־לייבס גראָבע שטים.

— מעגלעך, אַז מען וועט אים אַרויסטראָגן, — לאַכט פיניע כלב־ניק — פונקט ווי מיכאַל גאָלדפּאַרבס שטרייקערס האָבן אים אַרויסגע־פירט אין אַ טאַטשקע פון זיין גאַרבעריי, איינגעוויקלט אין אַ ליילעך.

אַ הויך געלעכטער. לייביש גיבור רעדט ווייטער:

— מיר ווייסן, פאַרוואָס ער שלעפּט אָפּ. איינער פון די גאַרבער האָט געזאָגט הערשקען, אַז ער רעכנט אויף די באַלעגאָלעס, וואָס דאַרפן אַהער קומען.

— באַלעגאָלעס! — הערן זיך באַזאָרגטע שטימען.

— יאָ, מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז די באַלעבאַטים שיקן זיי אַהער, — זאָגט לייביש גיבור.

— זאָלן זיי קומען! — זאָגט עוזר מיט צאָרן. — מיר וועלן זיי מאַכן אַ שיינעם ברוך־הבא. מיר האָבן אַ גרייטע אָפּטיילונג פון די שטאַרקסטע צווישן די שטרייקער און טיילווייז פון דער זעלבסטשוץ.

— עס וועט זיי העלפן, ווי אַ טויטן באַנקעס, — זאָגט פיניע כלבוניק

לייביש גיבור רעדט ווייטער:

— אַלע גאַרבער ווייסן וועגן אונדזערע פלוג־בלעטלעך, און צוויי פון זיי האָבן גערעדט וועגן דער לוין־הוספה. ברידער, — זיין שטים קלינגט העכער, — מרדכי־לייבס גאַרבער וועלן אַ ליאַדע מינוט פאַר־שטרייקן!

— און יאָסל גרעפּצער?

— איר האָט אים געדאַרפט אָנקוקן, — ענטפערט לייביש גיבור. — איר וואָלט געקענט מיינען, אַז ער איז אַ שותף צו זיינע געשעפטן. ער האָט געוואָלט אַרויסרייסן די פלוג־בלעטלעך פון די גאַרבערס הענט און זיך געפּרוווט וואַרפן אויף הערשקען. אָבער הערשקע האָט אים געוואָרנט:

— האָרך, יאָסל, דו הייבסט ווידער דיין פויסט. אָבער געדענק, אַז ווען דער שטרייק וועט זיך ענדיקן, וועט די אָרגאַניזאַציע זיך שוין באַמיען מען זאָל דיך צו דער אַרבעט מער נישט צולאָזן!

— אָט דאָס הייסט געזאָגט, — רופט זיך אָן דער מאַן מיט דער הייזעריקער שטים.

— הוררא! הוררא!

— הורראַ! — ענטפערן די מענטשן, וואָס גייען אַרויס פון דער גאַרבערײַ מיט פלוג-בלעטלעך אין די הענט. הערשקע איז צווישן זיי.

— הורראַ! הורראַ! — מיר שפרינגען און טאַנצן אַרויף און אַראָפּ אויפן דאַך. — הורראַ, הורראַ! אַך, יונה חכמה-צאָן האָט זיך אַראָפּגעגליטשט! ער איז שיעור נישט אַראָפּגעפאַלן. איך שלעפּ אים פעסט פאַר דער האַנט, איך שלעפּ און שלעפּ. שווער אָטעמענדיק און קרעכצנדיק שלעפּט ער זיך אַרויף אויפן דאַך. ער איז שוין מיט ביידע פיס אויפן דאַך.

— הורראַ! — שרייען מיר ווידער.

— איצט זענען אַלע גאַרבער און פעל-קראַצער פון סטריקאָוו אין שטרייק! — שרייט הערשקע אונטער אונדז.

געשרייען, גאַנץ אַנדערע געשרייען קומען אָן פון דער צווייטער זייט פון פוסטן פעלד. ווער זענען זיי, די מענטשן, וואָס באַוועגן זיך שנעל אין אונדזער ריכטונג דורכן געדרייטן וועג פון דער שטאָט? איינע טראָגן אַקסן, אַנדערע לאָמען אין זייערע הענט.

— די באַלעגאָלעס! — הערן זיך שטימען.

— קיינער זאָל נישט אַנטלויפן! מיר זענען גרייט זיי צו טרעפן. — שרייט עוזר. — שויץ פאָרויס!

פעסטע מענער שטעלן זיך אויס אין אַ ריי פון פאָרנט. לייביש גיבור שטייט אין איין עק, עוזר אין צווייטן עק.

— שמיליק און די איבעריקע פון אייך! — שרייט עוזר צו די באַלעגאָלעס, וואָס קומען אָן נעענטער און נעענטער. — גייט בעסער מיט גוטן צוריק, איידער מען וועט אייך אַוועקטראָגן!

שמיליק באַלעגאָלע צעלאַכט זיך מיט אַ הויך געלעכטער.

— מיר וועלן זען, וועמען מען וועט אַוועקטראָגן!

הערשקע טרעט אַרויס:

— שטיי, שמיליק! איך וויל אייך, באַלעגאָלעס, עפּעס זאָגן.

די באַלעגאָלעס בלייבן שטיין נישט ווייט פון דער שויץ-גרופּע.

— האָרך זיך צו, שמיליק און די איבעריקע פון אייך. קעגן וועמען זענט איר אַהער געקומען מיט אייערע כלי-זין? איר זענט אַזעלכע אַרבעטער ווי די גאַרבער און פעל-קראַצער.

— מיר זענען נישט קיין שטרייקער און מחלל-שבתניקעס, מיר זענען נישט שוועסטער און ברידער! — טרעט אַרויס פאָרויס אַ באַלעגאָלע פאָכענדיק מיט דער פויסט.

הערשקע רעדט:

— די אַלע אַרבעטער גייען אין בית־מדרש און לייגן תפילין, ווי איר. די באַלעבאַטים ווייסן עס. איר ווייסט אויך, פאַרוואָס זיי מאַכן אייך פאַר שומרי־שבתניקעס. זיי ווילן געבן אַ הייליקן נאָמען פאַר אייער טרי־פהנער אַרבעט.

אַ טייל פון די באַלעגאָלעס באַוועגט זיך פאָרויס. אָבער הערשקעס קול ווערט שטאַרקער:

— הערט, הערט! די באַלעבאַטים האָבן אייך נישט פאַרבעטן צוליב דעם, ווייל איר זענט גרויסע צדיקים, אָדער למדנים. ניין, איר זענט באַ־לעגאָלעס און פורמאַנעס! איר אַרבעט נישט אַלע אונטער דער בייטש פון איין באַלעבאָס. יעדער איינער אַרבעט ביי זיין פערד און וואָגן און איר מיינט, אַז איר האַלט די בייטש.

— מיר האַלטן זי און איר וועט זי אינגיכן דערפילן! — האָט אַ באַלעגאָלע אים איבערגעריסן.

אָבער הערשקע רעדט כסדר:

— די באַלעבאַטים, וועלכע גיבן אייך צו פירן זייערע משאות און זיך אַליין מייגען, אַז איר באַלאַנגט צו זיי מיט אייער גוף און נשמה. זיי מיינען, אַז זיי האָבן אָפּגעדונגען אייערע הענט, אין וועלכע איר האַלט די אַקסן און די לאָמען. מיר שטרייקן אויך פאַר אייך. דאָס לעבן קאָן נישט אָנגיין מיטן אַלטן וועג. מיר פאַרלאַנגען אַ רובל אַ וואָך מער. מיר פאַר־לאַנגען אַ קירצערן אַרבעטס־טאָג. מיר פאַרלאַנגען, די באַלעבאַטים זאָלן אונדז באַהאַנדלען ווי מענטשן. וועט עס אייך ברענגען שאָדן? ניין! דאָס וואָס די גאַרבער און די פעל־קראַצער וועלן געווינען, וועט אויך זיין אַ גע־ווינס פאַר די באַלעגאָלעס און פורמאַנעס. איך זאָג אייך צו, אַז די אָר־גאַניזאַציע וועט אַלץ טאָן, כדי אויסצובעסערן אייערע באַדינגונגען. איך זאָג אייך: וואַרפט אַוועק אייערע לאָמען און אַקסן און מיר וועלן אייך אויפנעמען ווי ברידער.

איין באַלעגאָלע לייגט אַוועק זיין אַקס. דאָס איז פישל באַלעגאָלע!

די פויסט פון שמיליק באַלעגאָלע האָט זיך אויפגעהויבן און ווי מיט אַ האַמער דערלאַנגט אַ זעץ פישלען אין פנים. פישל איז געפאַלן אויפן רוקן.

אַ צאָרנדיקער געשריי ברעכט אויס צווישן די גאַרבער. עוזר איילט זיך צו פישל באַלעגאָלע, וואָס ליגט אויף דער ערד.

— פּאַרזיכטיק, עוזר! — רופט מען פון אַלע זייטן.

אך, עוזר!

שמיליק באַלעגאָלע וואַרפט זיך אויף אים מיט אַן אויפגעהויבענער אַקס. די שוץ־לייט שפּרינגען אַרויס פּאַראויס. די איבעריקע באַלעגאָלעס לויפן אָן מיט הויכע קולות. עוזר, אך, ער איז געפאַלן! ער ליגט אויסגע־צויגן אויף דער ערד, לויפנדיקע פיס טרעטן איבער אים. אַ געשריי פון לייביש גיבור: „זיי דערהרגענען עוזרן!“ ער און עטלעכע אַנדערע מאַכן אַ וואַנט אַרום עוזרן. אָט איז דער פעטער גבריאל! ער איז צוריקגעקומען. פּאַרזיכטיק! אַן אַקס האָט אים געטראָפן! ער איז געפאַלן. ניין, ער האָט זיך אויפגעהויבן! ער העלפט אַרויסטראָגן עוזרן פונעם געשלעג. עוזר קרעכצט. די שוץ־לייט און די באַלעגאָלעס שלאָגן איינע די אַנדערע מיט אַקסן, שטעקנס און לאָמען. אַ טייל זענען צעבלוטיקט.

— שנעל, יונה! לאָמיר אַפּרייסן שינדלען פון דאַך און זיי וואַרפן אויף די באַלעגאָלעס!

— ניין, עס וועט לאַנג דויערן, ביז מיר וועלן זיי אָפּרייסן. לאָמיר בעסער נעמען שטיינער.

— אָ, קוק פּאַראויס דאָרט!

לייביש גיבור האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף שמיליק באַלעגאָלע. שמיליק באַלעגאָלע גייט אויף אים מיט אַן אַקס. לייביש גיבור האָט גע־כאַפּט אַ לאָם און אַרויסגעשלאָגן די אַקס פון שמיליק באַלעגאָלע. ער טוט אַ הייב אויף שמיליק באַלעגאָלע אינדערלופטן ווי אַ מעל־זאַק און שלײַ־דערט אים אַוועק אויף דער ערד.

— ירוחם, דאָרט אונטן איז אַ בערגל שטיינער! גלייך הינטער דער שאַפּע.

מיר קריכן שנעל אַראָפּ פון דאַך. מיר זענען אויפן גאַרבער־הויף.

— שנעל, יונה, לאָמיר אָנגעמען שטיינער, וויפל מיר קענען.

מיר הערן געשרייען פון יענער זייט שאַפּע, ווי דאָס ברילן פון אָקסן, ווי די קולות פון ווילדע שופרות.

— אַהער, יונה, איך וועל אַרויפקריכן דער ערשטער און דו וועסט מיר דערלאַנגען די שטיינער. דאַן וועסטו....

אַ נייער געקלאַנג! וואָס זאָל עס באַדייטן? אַ לאַנגע פייפעריי.

— פּאָליציי!

— פּאָליציי!

יונה חכמה־צאַן וואַרפט אַוועק די שטיינער און אַנטלויפט. איך וויל אויך אַנטלויפן. אָבער איך בין שוין אויפן דאַך. די פּאָליציי לויפט פאַרביי. זיי זעען מיך נישט. נאָך דער פּאָליציי זעט מען יאָסל גרעפּצער... אָבער ער גייט נישט ווייטער. ער שטייט פאַרבאָרגן הינטער דער שאַפע. איך בין דער איינציקער, וואָס זעט אים!

צוויי פּאָליציאַנטן האַלטן הערשקען. רעוואָלווערן גלאַנצן אין זייערע הענט.

— ווו זענען די איבעריקע? — פרעגט דער איספּראַווניק, אַרומ־קוקנדיק זיך אויף צוריק.

איך זע ווי יאָסל גרעפּצער טײַטלט מיטן פינגער פון זיין פאַרבאַ־העלטעניש.

דער איספּראַווניק גייט צו עוזרן, וועלכער ליגט נעבן דער שאַפע.

— ניין, מיר קענען אים נישט נעמען. ער וועט נאָך שטאַרבן אויפן וועג.

זיי פירן הערשקען דורכן המון. די שטרייקער רינגלען אים אַרום. די פּאָליציאַנטן הייבן אויף זייערע רעוואָלווערן. הערשקע דרייט אויס דעם קאָפּ און שרייט:

— לאָזט אייך נישט שפּאַלטן! לאָזט נישט ברעכן דעם שטרייק. האַלט אייך צוזאַמען, גאַרבער! מיר וועלן געווינען, מיר וועלן זיגן!

די פּאָליציי שטויסט הערשקען פאַר זיך. יאָסל גרעפּצער וויל אומ־באַמערקט פאַרשווונדן ווערן. איך מוז... איך מוז...

— זעט, אַלע, זעט! יאָסל גרעפּצער, דער מסור איז מיט דער פּאָלי־ציי געקומען!

דער פעטער גבריאל וואַרפט אַ שטיין און טרעפט יאָסל גרעפּצערן אין קאָפּ אַריין. ער פאַלט מיט אַ געשריי אויף אַ זייט.

דער פעטער גבריאל האָט געזאָגט, אַז ער וועט עס טאָן ביי דער פורים־שפּיל. — א י ך װ ע ל ש פּ א ל ט ן ד י י ן ק א פּ, ד י י ן ק ר ו י ן א ו ן א ל ץ, פ א ַ פ ֿ י ר ע נ ע ר מ ל ך, וו אָ ס ד ו ב י ס ט ! איצט האָט ער עס געטאָן! און איך האָב אים צוגעהאָלפן.

די באַלעגאָלעס זענען פאַרשוונדן. די שטרייקער יאָגן זיך נאָך זיי מיט הויכע געשרייען. מענטשן לויפן פאַרביי דער שאַפע. איך קריך אַראָפ פון דאַך און לויף אויך.

— צום טייך! — שרייט פיניע כלבוניק. — אַלע צום טייך!

— צום טייך! — כאַפּן אויף אַנדערע שטימען דעם ריף.

— קום, ירוחמקע. — דער פעטער גבריאל נעמט מיך פאַר דער האַנט. איך לויף נעבן אים. שנעלע טריט, טריט פון אַלע זייטן, פון פאָרנט, פון הינטן.

פאַרוואָס צום טייך? איך לויף צו שנעל און קען נישט פרעגן.

מיר זענען שוין הינטער דער שול. דאָרט איז דער טייך. ווען וועלן אַלע שטרייקער אַהער אָנקומען? עס קומען נאָך און נאָך. מען גייט און מען לויפט.

— זיי האָבן געשיקט זייערע שומרי־שבתניקעס, צו ברעכן דעם שטרייק! שרייט פיניע כלבוניק. — זיי האָבן געלאָזט אַרעסטירן הערשקען און שיעור נישט דערהרגעט עוזרן.

— ווו איז עוזר? ווו איז עוזר?

— לייביש גיבור און עטלעכע שוץ־לייט האָבן אים אַוועקגעטראָגן אַהיים. זיי מוזן אים פירן צו אַ דאָקטער, קיין גלאָווגע. ברידער, נאָכדעם וואָס זיי האָבן אָפּגעטאָן עוזרן, וואָס זיי האָבן אָפּגעטאָן הערשקען און אונדז אַלע, וועלן מיר זיי נישט געבן דעם געהעריקן ענטפער?

— גיין, מיר מוזן!

געשרייען פון אַלע זייטן:

— נקמה פאַר עוזרן!

— באַפרייען הערשקען!

— מיר וועלן אָפּצאָלן די באַלעבאַטים פאַרן אונטערהעצן אויף אונדז די באַלעגאָלעס!

מענטשן לויפן צו צום ברעג פון טייך. טייל זענען צעבלוטיקט און צעביילט.

— צעשניידט די שטריק! — שרייען צאָרנדיקע קולות.

הענט כאַפּן זיך צו די שטריק. גרויסע פעלן הייבן אָן שפּרונגען אויפן וואַסער.

— וואַרט! — הערט זיך אַ שטים. — אונדזער ברויט, אונדזער ברויט וועט מיט די פעלן אַוועקשווימען אויפן וואַסער.

— וואָס וועלן מיר גאַרבן, ווען דער שטרייק וועט זיך ענדיקן? — פרעגט אַן אַנדער שטים.

— זיי וועלן רווחים האָבן, וועלן זיי ברענגען נייע פעלן, — ענטפערט פיניע כלבוניק. — אָבער לאָמיר זיי געבן צו וויסן, אַז מיר קענען שלאָגן איבער זייערע בייטלען, ווו עס זענען פאַרבאַהאַלטן זייערע נשמות. מיר

וועלן זיי צווינגען פּאַנאַנדערצולאָזן די באַנדע שומרי־שבתניקעס, איידער זיי וועלן אָנהייבן צו ווייקן גייע פּעלן אין דעם דאָזיקן טייך!

דאָס וואַסער הערט זיך צו, וואַרט און הערט, וואָס פּיניע כלבוניק רעדט. דאָס וואַסער וואַרט מיט גלאַנצנדיקע אויגן, כדי אַוועקצושווימען מיט די פּעלן.

מעסערס גלאַנצן ביי די שטריק.

ווען איך וואָלט געהאַט אַ מעסער! איך וויל אויך שניידן די שטריק. אָבער עס ליגט אין מיין קעשענע דאָס מעסערל, וואָס דער רוסישער זעל־נער האָט מיר געגעבן! אָט, דאָ, איין שטריק האָב איך איבערגעשניטן. אַ פּעל שווימט אַוועק מיטן וואַסער.

דאָס וואַסער שעפּטשעט צום עולם: שנעלער, שנעלער! שניידט די שטריק, איינס, נאָך איינס, אַלע. דאָס וואַסער שעפּטשעט: איך וועל זיי אַוועקטראָגן וויט־וויט אין ווייסל אַריין. און דער ווייסל וועל איך זאָגן: ווייסל, ווייסל, זע, וואָס איך האָב דיר געבראַכט אויף מיינע כוואַליעס! זע, וואָס די שטרייקער פון סטריקאָוו האָבן דיר געשיקט.

דאָס פאַרבלוטיקטע העמד

אַזויפיל נייע פּנימער היינט אין שול! ביי דער טיר, וווּ איך שטיי מיטן פעטער, און ווייטער. אין קיין שום שבת האָב איך נישט געזען די דאָזיקע אַלע נייע פּנימער און אַזויפיל אָן בערד.

— אויב זיי קומען שוין יאָ אין שול, — זאָגט דער פעטער צו פּיניען כלבוניק, — טאָ פאַרוואָס זענען זיי אין בלויע בלוזעס און אָן טליתים?

— ווער זאָגט, אַז זיי דאַווענען? — פינטלט פּיניע כלבוניק מיט זיין קליין אייגעלע.

דאָרט שטייט דער פעטער גבריאל. ער קומט קיינמאָל נישט אין שול אַריין. ער שטייט אין אַ קורצער מאַרינאַרקע און האַלט נישט קיין סידור אין האַנט. פּיניע כלבוניק קומט צייטנווייז אַהער. ער באַוועגט זיך צום מיטן, אָן אַ סידור און לייביש גיבור גייט נאָך אים. אַנדערע גאַרבער זענען אויך אַוועק פון דער טיר, פון אויוון נעענטער צום בעלעמער און צי דער מזרח-וואַנט. וואָס זאָל עס באַדייטן? די מענטשן פון די גרויסע הייזער שטייען און שאָקלען זיך אין זייערע טליתים, פּונקט ווי זיי וואָלטן גאָרנישט באַמערקן. אָבער איך קען זען, ווי מיטן ווינקל פון אַן אויג וואַרפט מרדכי-לייב בייזע בליקן אויף לייביש גיבור.

ווי קען גאָט זיך צוהערן צו די תפילות פון מרדכי-לייב און אַנדערע באַלעבאַטים און גלייכצייטיק צו די תפילות פון די גאַרבער און פעלקראַצער, וועלכע פאַרלאַנגען פּונקט דעם היפוך פון די באַלעבאַטים? די מומע זאָגט, אַז גאָט איז אויף דער זייט פון די שטרייקער. אַלזאָ, מוזן זיי זיגן. אָבער אויב די באַלעבאַטים וועלן זיגן, דאַן קומט אויס, אַז זיי זענען שטאַרקער פון גאָט?

די קריאת-התורה איז פאַרענדיקט. מען האַלט שוין ביי דער הפטורה. אַ האַנט פון אונטער אַ טלית אויפן בעלעמער טוט אַ ווונק און דער גאַנ-

צער עולם שטייט אויף. עס שטייען אויף די אַלע, וואָס זיצן ביי די לאַנגע באַקעטע טישן נעבן די ווענט. פון דער ווייבער=שול אינדערהייך הינטערן פאָרהאַנג הערט זיך אַ געוויש פון די אויפשטייענדיקע ווייבער. די שטים פון שליח=ציבור שאַלט איבער דער שול:

„הנותן תשועה למלכים
וממשלה לנסיכים... *)

זיין שטים איז נישט די זעלבע, ווי אין די אַנדערע שבתים, ווען ער זאָגט די זעלבע תפילה. די ווערטער גייען אַרויס פון זיין מויל אָן געזאַנג, איינגעאַנצן אָן אַ ניגון, לאַנגזאַם און מיט פחד.

...הפוצה את דוד עבדו מחרב רעה
הנותן בים דרך ובמים עזה נתיבה...**)

עפּעס אַ מאָדנע באַוועגונג ביי דער טיר? וואָס באַדייטן די מורמלענדיקע שטימען? בערדיקע פּנימער, קעפּ מיט שוואַרצע יאַרמלקעס קוקן אַרויס פון אונטער די טליתים מיט אויפגערעגטע בליקן. דער שליח=ציבור קוקט אויפן עולם, כדי אים צו באַרויקן. ער הייבט אויף זיין שטים:

...הו יברך וישמור וינצור ויעזור וירומם
ויגדל וינשא למעלה את אודנני המלך ניקאָלאַי
אַלעקסאַנדראָוויטש ירום הודו ואת המלכה....***)

אַ מאַן איז אַרויפגעשפּרונגען אויף דעם בעלעמער.

— גענוג! מער קיין תפילות פאַרן צאַר!

ער איז געווען אָן אַ טלית, נישט געטראָגן קיין באָרד און איז געקליידט געווען אין אַ שוואַרצער מאַרינאַרקע. ער האָט אַוועקגעשטופּט אין אַ זייט דעם שליח=ציבור און מיט דער פויסט אַ פּעסטן זעץ געטאָן אין בערן טיש. זיין קול האָט אָפּגעהילכט ווי אַ באַפעל פון אַ הויכן באַרג... די דאָזיקע טיפע, קלאָרע שטים, — ווו האָב איך זי פריער געהערט?

פ יי וו י ש !

זיין נאָמען איז אַריבער פון מויל צו מויל איבער דער גאַנצער שול.

---

*) דער וואָס גיט הילף מלכים,
און פירשטן — הערשאַפט.

**) וועד עס האָט אויסגעלייזט זיין קנעכט דוד פון אַ בייזער שווערד, האָט דורכגעלייגט דורכן ים אַ וועג און אַ שטעג דורך ברויזנדיקע וואַסערן.

***) ...ער וועט בענטשן, באַהיטן, שטיצן, העלפן, דערהויבן, פאַרהערלעכן און דערהייבן דעם מלך ניקאָלאַי אַלעקסאַנדראָוויטש און זיין ווייב די מלכה...

פ יי ו י ש ! איך זע אים! איך קוק אויף אים! ווען איך האָב וועגן אים געטראַכט האָט ער זיך מיר תמיד אַזוי אויסגעוויזן: שטאַרק, ברייטע באַקן און שנעלע העלע פלאַמען אין זיינע אויגן. פּייוויש! ס׳איז דאָך איצט העלער טאָג, נישט נאַכט און דו ביסט אַרויס פון רבקה דער טרויעריקערס שטוב!

עולם גלאָצט אויף אים מיט די אויגן. אַלע שטופּן זיך צו בעלעמער.

— אַרבעטער און בירגער!

געשרייען פון דער מזרח־וואַנט שלאָגן איבער זיינע רייד:

— אַזעלכע ווערטער זענען אַ לעסטערונג פאַר דער שול!

— כופר בישראל, אַראָפּ פון בעלעמער!

עס הערן זיך געשרייען פון דער ווייבער־שול. צי שרייט אויך די מומע?

לייביש גיבור און דער פעטער גבריאל מיט נאָך צוויי מאַן שטייען אַלס שומרים פאַרן בעלעמער.

פּייווישעס קול שרייט איבער אַלע שטימען:

— פאַר וועמענס לעבן און געזונט טוט איר תפילה? פאַרן געקרוינטן מערדער ניקאָלאַי?

שטאַרקערע געשרייען פון דער מזרח־וואַנט. נתן רמאים שטים איז די שטאַרקסטע:

— „פאַריין“־לאַבוז, אַרעסטאַנט, מיר ווייסן, אַז דו ביסט אַנטלאָפן פון תפיסה, אָבער נישט אויף לאַנג, וועגן דעם וועלן מיר שוין זאָרגן!

אך, פּייוויש, פאַרוואָס ביסטו אַרויסגעגאַנגען פון דיין באַהעלטעניש אינמיטן העלן טאָג און ביסט אַהער געקומען, וו עס געפינען זיך מענטשן פון די גרויסע הייזער?

נעבן אונדז, ביי דער טיר און ביים אויוון הערן זיך געשרייען:

— לאָזט אים רעדן!

— רעד! לאָמיר הערן רעדן אַן אייגענעם מענטש.

— נידער מיט ניקאָלאַיען! —שרייט איינער אויס אויף רוסיש.

— מען האָט דאָ אונדז אָנגערופן כופרים פון פאָלק ישראל...

פּייוויש שטייט מיטן פנים צום עולם און רעדט. אַליין איז דאָ עפּעס אַנדערש! דער שליח־ציבור שטייט מיטן רוקן צום עולם ביי דער טיר.

— ווער האָט אונדז אָנגערופן מיטן דאָזיקן נאָמען? זיי וועלכע לעקן די שטיוול, וואָס טרעטן אויפן האַלדז פונעם פאָלק!

פּראַ שטילקייט אין שול. ס'איז אַזוי שטיל, אַז דער ווינט הערט דורך די פענצטער יעדעס וואָרט און הויכט זיי אויס אין טייך, וואָס האָט געהאָלפן די שטרייקער.

— כופרים פון פאָלק ישראל? אָט ווער ס'זענען די כופרים פון אונדזער פאָלק. — ער ווייזט אָן מיטן פינגער אויף דער מזרח-וואַנט. — זיי ווילן אָפּווענדן אונדזערע קללות אויף דעם בלוטיקן ניקאָלאַי און פאַרוואַנדלען זיי אין ברכות. זיי זענען עס די כופרים פון פאָלק ישראל!

— זיי! זיי זענען עס! — הערן זיך קולות.

— כופרים איז אַ צו גוטער נאָמען פאַר זיי. פאַררעטער, משחיתים, אָט וואָס זיי זענען!

— ...מיר ווייסן פון די פּאָגראָמען אין קישעניעוו און האָמעל, וועגן דער בלוט-באָד אין ביאַליסטאָק, וועגן דער שחיטה פון אונדזערע אַרמענישע ברידער אין באַקו!

אייגער אַליין, אומדערשראָקן שטייט ער אויפן בעלעמער. אַך, ווי ער רעדט צום עולם, מיין פּיוויש! ווי מען הערט אים אויס, ווי מען קוקט אים אין די אויגן אַריין! אַפילו די מענטשן פון די הויכע הייזער זענען רואיק. אַ טייל שטייען מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן. איך זע מאָטל-דודן ביי זיין שטענדער נעבן פענצטער. ער האָט איינגעהילט זיין קאָפּ אין טלית, קיינער זאָל נישט וויסן, אַז ער איז פּיווישעס ברודער.

— ווער וועט אָפּלייקענען, אַז דער צאַר איז דער צאַר פון די שוואַרצע מאהגיקעס און פּאָגראָמשטשיקעס? מיר האָבן דעם טעם פאַרזוכט אין אונדזער שטאָט. אָט אַזוי האָט מען אונדז אָפּגעדאַנקט פאַר די אַלע ברכות, וועלכע מיר בעטן אויס פאַרן לעבן און געזונט פון צאַר און זיין משפחה! אַרבעטער פון סטריקאָוו!

זייגע ווערטער זענען פלאַמען פייער, זיין שטים איז אַ שטאַרק געזאַנג.

— אַרבעטער און בירגער! דעם צאַרס פּאָליציי האָט געשאָסן אין אַ דעמאָנסטראַציע פון דרייסיק טויזנט אונדזערע יידישע אַרבעטער-ברידער פאַר דער תפיסה פון וואַרשע!

וואָס האָט ער עפּעס אויפגעהויבן? אַ העמד מיט גרויסע טונקל-רויטע פלעקן! עולם שטופט זיך נעענטער צום בעלעמער.

— די רויטע פלעקן אויף דעם העמד איז דאָס בלוט פון אַ יידישן אַרבעטער. זיי האָבן אים דערשאָסן ביי דער תפיסה-וואַנט. אָבער דאָס דאָזיקע העמד איז אונדזער פאָן, און מיר הייבן זי אויף!

אַ טעמפּער קלאַפּ אין אַ שטענדער פון דער מזרח־וואַנט און אַ הויך געשריי:

— ראַטעוועט! ווי איז צו אונדז, און וואָס זיי האָבן פאַרוואַנדלט אַ מקום־קדוש!

אַ שטים עגטפערט אָפּ:

— דאָס איז אונדזער הייליקייט! דאָס בלוט אויפן העמד איז הייליק!

פייוויש רעדט העכער:

— דעם צאַרס טראָן וואַקלט זיך. מוקדען איז געפאַלן. דאָס פאָלק דערוואַכט. די רעוואָלוציע האָט זיך אָנגעהויבן. דער שטרייק אין די פּוטילאָווער זאַוואָדן איז געווען נאָר אַן אָנהייב. גענעראַל־שטרייקן זענען אויסגעבראָכן אין באַקו, דווינסק און ריגע. די לאָדזשער אַרבעטער האָבן הײַיטעג געקעמפט קעגן די צאַרישע זשאַנדאַרמען. און אונדזער שטרייק, ברידער, דער שטרייק פון די גאַרבער אין סמאָרגאָן, איז אַ רינג אין אַ שטאַרקער קייט. מיר זענען שטאַרק, ברידער. מיר וועלן אויסהאַלטן. די באַלעבאַטים מוזן נאָכגעבן.

זיי מוזן נאָכגעבן.

אין אייב איר מיינט, — פייוויש ווענדט זיך צו די אויף דער מזרח־וואַנט, — אויב איר מיינט, אַז דערמיט, וואָס מען האָט אַרעסטירט הערשקען און שיעור בישט דערמאָרדעט עוזרן האָט איר געבראָכן דעם ווילן פון די שטרייקער, זאָג איך אייך, אַז אייערע האָפענונגען זענען נישט זיכערער פון די שטריק מיט די פעלן, וואָס מען האָט אָפּגעשניטן אין וואַסער.

— די פעלן, אונדזערע פעלן!

— שמע ישראל! וואָס האָבן זיי אָפּגעטאָן?

קיינער פון זיי האָט נישט געוווסט. קיינער האָט זיי נישט געזאָגט, אַז מען האָט אָפּגעשניטן די שטריק, אָבער פייוויש האָט געוווסט. ווי אַזוי האָט ער זיך דערוווסט?

געוואַלדן ביי דער מזרח־וואַנט. די געוואַלדן קענען צעשמעטערן די וואַנט. מיכאל גאָלדענפאַרב, מרדכי־לייב, נתן רמאי און אַנדערע באַלעבאַטים שלעפּן אַראָפּ די טליתים און לויפן צו דער טיר. עס הערן זיך ווילדע געשרייען פון מענטשן, וואָס לויפן מיט אויפגעהויבענע פויסטן איבער די קעפּ.

— מערדער, גזלנים! זיי האָבן איבערגעשניטן די שטריק!

— לאָזט מיך אַרויס! לאָזט מיך אַרויס! — רעוועט מרדכי־לייב.

זיין דיק פּנים איז רויט, זיינע אויגן פאַרדרייט אַזוי, אַז עס זעען זיך באַ־
די ווייסלען.

אַ מענטשן־וואַנט האָט זיך געשטעלט ביי דער טיר. דערוואַקסענע
יינגלעך און מענער, טייל אין בלויע בלוזן, האָבן זיך געשטעלט די באַלע־
באַטים אין וועג. זיי שטייען אייגער געבן דעם אַנדערן מיט געשלאָסענע
אָרעמס. דערזען די געזונטע פּלייצעס ביי דער טיר, בלייבן די באַלעבאַטים
שטיין. לאַנגזאַם טרעטן זיי אָפּ צוריק, ווי אין שמונה־עשרה. איצט באַ־
וועגט זיך שוין קיינער נישט אין דער ריכטונג צו דער טיר.

— אונדזער פּראָצע! אונדזער פאַרמעגן! — קלאַגט אַ שטים נעבן
ארון־קודש.

— איר וועט באַצאָלן! איר וועט אין דער פולער מאָס באַצאָלן פאַר
הערשקען און פאַר עוזרן! — שרייט מען פון אַלע זייטן..

— איר וועט באַצאָלן! איר וועט באַצאָלן!

— און אַלע תפילות פאַרן געזונט פון צאַר וועלן אייך נישט העלפן!

— שרייט לייביש גיבור ביי דער טיר.

— אַ ייד זאָל אָפּטאָן אַ יידן! שטרייקער, באַנדיטן!

פּייוויש קלאַפּט מיט דער פויסט אין עמוד:

— און וואָס יידישע באַלעבאַטים האָבן אָפּגעטאָן יידישע אַרבעטער,
וועגן דעם מאַכט איר אַ שוויַיג!

— בונטאָווש־שיקעס, משומדים! — שרייען די באַלעבאַטים. —
זאָלט איר איינגעזונקען ווערן, ווי קורח!

— האַלט!

אַ מיידלשע שטים! ס'איז פרימעט!

דער גאַנצער עולם האָט גענומען קוקן אין דער הויך. איר האַנט
האָט פאַנאַנדערגערוקט דעם פאָרהאַנג אין דער ווייבער־שול.

— מיר וואָרענען אייך, באַלעבאַטים! זייט ווייסן, אַז מיט קיין געדונ־
גענע מערדער וועט איר דעם שטרייק נישט ברעכן!

דער צאָרן לייכט אַראָפּ פון איר פּנים. זי האָט פאַנאַנדערגע־רוקט
דעם פאָרהאַנג אין ווייבער־שול. זי האָט פאַנאַנדערגערוקט דעם פאָרהאַנג,
וואָס האָט אָפּגעטיילט די ווייבער, ווי פאַרפעסטעטע... דער עולם האַלט
זיך רואיק. קיינער שרייט נישט. פרימעט שטייט אַ גלייכע אין דער עפּע־
נונג פון דער פאָרהאַנג און, האַלטנדיק איין האַנט אויפן פאַראָפּעט, רופט
זי אויס:

— גידער מיטן צאַר! זאָל לעבן די רעוואָלוציע!

שטימען פון צווישן עולם ענטפערן איר מיט אַ קול, ווי מתפּללים ענטפערן אָפּ דעם חזן: אמן!

— נידער מיט די טיראַנען!

— זאָל לעבן די רעוואָלוציע! זאָל לעבן די רעפּובליק!

איך שריי צוזאַמען מיט פּייוויש:

— זאָל לעבן די פרייהייט!

34

אַרעסט אין מיטן דער נאַכט

ס'איז שוין מסתמא אַ שעה נאָך קריאת־שמע און איך קען נישט איינשלאָפן. איך דאַרף מיך באַמיען נישט צו הוסטן. דאָס קליינע נאַכט־לעמפּל קוקט אַראָפּ צו מיר פון אויוון. עס ווינקט צו מיר: ד ע ר ש ט ר ײ ק א י ז ג ע װ ו נ ע ן, ד ע ר ש ט ר ײ ק א י ז ג ע װ ו נ ע ן! לייביש גיבור האָט עס היינט אָוונט דערציילט דעם פעטער, אַריינכאַפּנדיק אים אין זיינע גרויסע אָרעמס: נאָך אַ רובל אַ וואָך וועט עפּעס געבן, נישט אמת? און אָפּגעשאַפט די שטראָפן פאַר פאַרשפּעטיקונג. איצט קענען מיר זיך משמח זיין, וואָלפקע, ברודער! פיניע כלבוניק האָט אויך דאָס זעלבע געזאָגט, ווען ער האָט מיט אַ טענצל אַרי־בערגעטראָטן אונדזער שוועל, צוגעטאַנצט צו דער מומע, אַרומגעכאַפּט זי ביי דער טאַליע און עטלעכע מאָל געדרייט זי אַרום זיך: דער שטרייק איז געוואונען, דער שטרייק איז געוואונען! און אַ צען־שעהדיקער אַרבעטס־טאָג! און לאה, לאה, מיר וועלן האָבן אַ דאָקטער אין סטריקאָוו! די באַלעבאַטים האָבן געשיקט נאָכן שטרייק־קאָמיטעט.

— זיי האָבן געמוזט נאָכגעבן, — האָט געזאָגט לייביש גיבור. — ווי נאָר מיר האָבן אַראָפּגענומען פון דער אַרבעט די וואָל־וואַשער, האָבן זיי מער זיך נישט געקענט קעגנשטעלן. זיי האָבן זיך געקנייפּט אין די באַקן די פאַרב זאָל שטיין. אָבער זיי האָבן געוווסט, אַז זיי פאַרלירן באַ־שטעלונגען און די פעלן הייבן אָן צו פוילן אין די פעסער. ווען מיר האָבן אָפּגעשניטן די פעלן, וואָס האָבן זיך געווייקט אין וואַסער, האָבן זיי גע־שאָלטן און געמוזט נאָכגעבן.

און די מומע זאָגט:

— איך וואָלט איצט געוואָלט אָנקוקן מרדכי־לייבס פּנים. ער וועט קריגן אַ האַרץ־שלאַג. ווו איז, מרדכי־לייב, דיין זיכערקייט, אַז דו וועסט

געווײנען! זי האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט פינגער, ווי מרדכי=לייב וואָלט נעבן איר געשטאַנען: דו האָסט געמײנט, אַז דו וועסט אונדז אויסהונגערן. אָבער מיר ווערן שטאַרקער פון די טרוקענע שטיקלעך ברויט, וואָס מיר עסן און אונדזערע צרות ביגדן אונדז צוזאַמען. דער סוף איז אָבער געווען, אַז דו האָסט מיט דײַן גאַנצער עשירות שנעלער זיך אויסגעהונגערט.

און פּיניע כלבוניק האָט געזאָגט:

— דאָס פאָלק נעמט די עניִים אין זײַנע אײגענע הענט. אין אַ שטאָט, וווּ ס'איז פאָרגעקומען אַ שטרייק, האָט דאָס פאָלק אַז אייגן געריכט באַשטימט. זיי האָבן פאַרמשפּט אַ באַלעבאָס, וואָס האָט צוגע־שטעלט די זשאַנדאַרן אַ רשימה מיט נעמען פון שטרייקער.

ווען דער פעטער זאָל נאָר צוריקקומען פון „שטרייק=קאָמיטעט. דעמלט וועל איך הערן ווי ער דערציילט דער מומען וועגן די געשעענישן, און וואָס האָט דער דאָקטער פון גלאָזערנע געזאָגט וועגן עוזרן. וועט ער שנעל געזונט ווערן? אינגיכן וועלן מיר האָבן אַ דאָקטער אין סטריקאָוו. אָבער די מומע איז אײַנגעשלאָפן אין איר בעט, און דעם פעטער וואָלט זיכער ג שט געפעלן געווען, וואָס איך שלאָף נאָך נישט. דער פעטער איז שטאַרק באַזאָרגט דערפון, וואָס איך גיי נישט אין חדר, זינט די מומע האָט מיך אַוועקגענומען פון רב מלכן. און ווי אין כעס איז ער געווען, וואָס איך בין געלאָפן צו די שטרייקער! אָבער די מומע האָט געזאָגט:

— פאַרוואָס זידלסטו דאָס ייִנגל, וואָלפקע? דאָרט, וווּ ער איז נעכטן געווען, האָט ער זיך אויסגעלערנט מער, ווי אין יעדן חדר.

דער פעטער האָט אָפּגעענטפערט:

— חדר איז חדר און שטרייק איז שטרייק. איך בין אַ פעל=קראַ־צער מוז איך זײַן האָרט, ווו די פעל=קראַצער געפינען זיך. אַנדערש איז מיט אַ חדר=ייִנגל.

אָבער די מומע האָט נישט נאָכגעגעבן.

— איצט, — האָט די מומע געזאָגט, — וועט דער גאַנצער שכר־לימוד דאַרפן באַצאָלט ווערן פונעם לוין פון אַ פעל=קראַצער. ומעגלעך, אַז ער וועט זיך איצט בעסער לערנען, ווייסנדיק ווי דאָס געלט ווערט שווער פאַרדינט.

...שלאָפן, לאָז מיך שלאָפן, קליין נאַכט=לעמפּעלע! איצט קוקט עס אויף מיר מיט זײַן דורכדרינגלעך אויג. ד אָ ס ב ל ו ט א ו י פ ן ה ע מ ד א י ז ה ײ ל י ק... איצט זאָגט עס: ד ע ר ש ט ר ײ ק

איז געוווּנען, דער שטרייק איז געוווּנען! ווייסט עס פּייוויש? — צי מיינט איר, אַז איר וועט ברעכן דעם ווילן פון די שטרייקער? — האָט ער געזאָגט אין שול הייניטיקן פרימאָרגן. ווי קרעפּטיק און גוט זיין פּנים איז! איך האָב געוווּסט, אַז ער וועט אַזוי אויסזען. איך האָב געמיינט, אַז זיין פּלייצע וועט זיין נאַקעט, זיין פּלייצע מיט די ווונדן באַקומענע פון די קלעפּ אין דער תּפיסה. זיי זענען געווים פאַראַן אונטער זיין שוואַרצן אַנצוג. איך זע זיי.

צי ווייסט פּייוויש, אַז דער שטרייק איז געוווּנען? קיינער וועט צי אים נישט קומען אין זיין באַהעלטעניש אים צו דערציילן. אָבער ער מוז עס וויסן. עמעץ דאַרף אים זאָגן. איך וועל עס טאָן! איך בין אַ ייִנגל פון אַ שטרייקער. און איך בין געווען אויפן שטרייק, דאָרט ווו דאָס געשלעג איז פאָרגעקומען. און איך האָב געהאָלפן אָפּשניידן די שטריק מיט מיין קעשענע=מעסערל, וואָס דער רוסישער זעלנער האָט מיר געגעבן. יאָ, איך וועל עס טאָן, איך וועל אים זאָגן! אָבער ווי אַזוי? וועט ער וועלן זיך זען מיט מיר? ער קען מיך אַפילו נישט. ער קאָן נאָך אַמאָל מיך חושד זיין... ניין, ער וועט נישט טראַכטן, היות איך האָב קיינמאָל נישט גערעדט, קיינמאָל, אפילו ווען זיי וואָלטן צוגעלייגט הייסע קוילן צו מיין צונג וואָלטן זיי מיך נישט געצוווּנגען צו רעדן. פּייוויש וועט מיך אויסהערן. ער וועט מיט מיר רעדן. איך וועל מיך אָנטאָן. די מומע שלאָפט, און דער פעטער האָט געזאָגט, אַז ער וועט נישט קומען פריער ווי צוועלף ביינאַכט. וועל איך טרעפן צו אים אין צימער? עס איז אויף דער צווייטער זייט וואַנט. ווי נאָענט ער איז. ווען דאָ וואָלט געווען אַ טיר, וואָלט איך זי געקאָנט עפענען און גלייך אַריינגיין, און ער וואָלט געזאָגט:

ווער ביסטו, ייִנגעלע?

איך בין ירוחם פון שכנותדיקן צימער. וואָלפּקע גאַרבער איז מיין פעטער. איך האָב קיינעם גאָרנישט דערציילט, וואָס איך האָב אין יענער נאַכט געהערט דורך דער וואַנט. גאָט באַהיט, אַז עמעץ זאָל זיך דערפון דערוויסן אין די גרויסע הייזער. קיינער וועט דערפון נישט וויסן. אָבער גיי, פּייוויש, מער נישט אַרויס בייטאָג. גיי אַפילו נישט אין שול אַריין, כדי דאָרט צו האַלטן אַרעדע זייטאָרן נישט קומען נאָך דיר פיי=

וויש. זיי שאַרן זיך נישט אַוועקנעמען צוריק אין תפיסה אַריין. און אויב דו נייטיקסט דיך אין עמעצן, וואָס זאָל דערלעדיקן דייגעניגים, וועל איך עס טאָן. ביטע, שיק מיך וווּ די דאַרפסט, פּייוויש....

ווי שונקל ס'איז אין דורכגאַנג. איז עס דאָ? ס'איז די איינציקע טיר, דורך וועלכער עס לייכט זיך דורך. ס'איז מסתמא זיין צימער. אָבער אפשר איז ער אַרויס. ער גייט דאָך בלויז אַרויס ביינאַכט. אפשר איז עס גאָרנישט זיין צימער. איך וועל מיך צוהערן. קיין שאָרך, יאָ, עמעץ באַוועגט זיך דאָרט. איך וועל פּרווון און אפשר זאָל איך גיין צוריק? וואָס וועט זיין, אויב די מומע וועט זיך אויפכאַפּן, אָדער דער פעטער וועט אַהיימקומען? זיי וועלן מאַכן אַ געוואַלד, אָנהייבן מיך זוכן. זיי קאָנען קומען אַהער און דאַן איז אַלץ פאַרפאַלן! איך מוז מיך איילן, איך וועל עפענען די טיר...

וועמענס טריט זאָל עס זיין? ווער איז דער מיט דעם לאַמטערן אין האַנט? איז עס מעגלעך, אַז רבקה די טרויעריקע זאָל זיצן אַזוי שפּעט? זי גייט גלייך אויף מיר. אַך, וווהין קאָן איך זיך באַהאַלטן?

— ווער איז דאָס?

דאָס איז פּרימעט! ס'איז איר שטים. זי דרייט זיך אום און קוקט מיר ביים שיין פון הער לאַמטערן אַריין אין פּנים.

— ירוחם! וואָס טוסטו דאָ אַזוי שפּעט ביינאַכט?

זי רעדט שטיל, כמעט פליסטערנדיק.

— איך... איך... איך וויל זאָגן איינעם, אַז דער שטרייק איז געווונען. איך רעד אויך שטיל. פּרימעט קוקט מיר גלייך אין די אויגן אַריין:

— עמעצן? וועמען? ניין, לאָמיר דאָ בעסער נישט רעדן.

זי שטייט און ווייסט נישט וואָס צו טאָן. נאָכדעם פליסטערט זי, און קוקט אויף דער טיר.

— דו ווייסט, נישט אמת?

איך באַשטעטיק מיטן קאָפּ.

— פונוואַנען ווייסטו?

—דורך דער וואַנט, כ'האָב געהערט.

— שוין לאַנג?

איך באַשטעטיק ווידער מיטן קאָפּ.

— האָסטו עמעצן דערציילט?

איך שאָקל מיטן קאָפּ אויף ניין.

— ירוחם!

זי דריקט מיין קאָפּ צו איר ברוסט. זי טוט שנעל אַ זאָג:

— קום אַריין מיט מיר.

זי קלאַפּט אָן אין טיר, צוערשט צוויי מאָל, דערנאָך איין מאָל, די טיר עפנט זיך. איך בין אין זיין צימער! אין ז יי ן צימער! אַזוי נאָענט צו אונדזער צימער, און אַזוי ווייט איז ער געווען די גאַנצע צייט. דאָס בעט, אין וועלכן איך שלאָף יעדע נאַכט, — שטייט עס ווירקלעך גלייך אויף דער צווייטער זייט וואַנט?

— גוטאָוונט, פּייוויש.

— גוטאָוונט, פרימעט און?... — ער קוקט אויף מיר און אויף פרי־מעטן.

— דאָס איז ירוחם, דיין קליינער שכן, דאָ דערנעבן. — פרימעט שאָקלט באַדייטנדיק מיטן קאָפּ, ווי זי וואָלט געזאָגט: ה אָ ב צ ו א י ם צ ו ט ר ו י, פ יי וו י ש, פּ ו נ ק ט ווי א י ך ה אָ ב צ ו א י ם צ ו ט ר ו י. — ער איז געשטאַנען הינטער דיין טיר, כדי צו ברענגען גוטע נייעס.

פּייוויש בייגט זיך איין צו מיר מיט אויגן, אין וועלכע ס׳לינט טרויער, מיט פאַרוואונדערטע אויגן און הייבט אָן שמייכלען.

— וואָס ווילסטו מיר דערציילן, ירוחם?

אפשר ווייסט ער, אפשר ווייסט ער שוין?

— דער שטרייק איז געווונען.

— וווּנדערבאַרע נייעס, ירוחם, וווּנדערבאַרע.

ער זעצט זיך אויף אַ שטול נעבן זיין קליינעם טיש ביי דער וואַנט, און ציט מיך אַריין צווישן די קני.

— און פאַרוואָס ביסטו צו מיר געקומען מיר עס צו דערציילן?

— פאַרוואָס? איך קוק אין דעם זעלבן שטאַרקן ברייטן פּנים, וועל־כעס איז געווענדעט געווען צום עולם אין שול. אָבער זיינע אויגן זענען איצט רואיק.

— ווייל, ווייל דו ביסט דער פירער.

פּייוויש לאַכט אַ ווייל.

— כ'דאַנק דיר, ירוחם, כ'דאַנק דיר דערפאַר, וואָס דו ביסט גע־קומען מיר עס אָנצוזאָגן. דאָס וואָס דו האָסט מיר געזאָגט העלפט מיר אויפצוקלערן פרימעטן נאָכוואָס איך האָב זי אַהער גערופן.

ער ווענדעט זיך צו פרימעטן:

— איך וועל קיין אַנדער מעגלעכקייט נישט האָבן מיט דיר צו רעדן.

— דו פאָרסט אַוועק? — פרימעטס ווערטער זענען שאַרף פון ווייטיק.

— יאָ, פאַר זון־אויפגאַנג. איך מוז, איצט, נאָכדעם, ווי מ'האָט מיך געזען.

פ אַ ר ז ו ן א ו י פ ג אַ נ ג. ע ר מ ו ז.

פרימעט האַלט אַראָפגעלאָזט דעם קאָפ. פיוויש זאָגט:

— זאָרג דיך נישט, פרימעט. אויב זיי וועלן מיך אפילו נעמען, וועט עס נישט זיין אויף לאַנג. די ערד פרייסלט זיך איצט אונטער זיי. — ער בייגט זיך איין צו פרימעטן. — איך וויל מיט דיר רעדן וועגן דער אָרגאַניזאַציע.

— וואָס מיינסטו דערמיט?

— איך מיין, פרימעט, אַז מיר אַלע קעמפן פאַר איין זאַך, און דאָך זענען מיר אָרגאַניזאַציאָנעל געטיילט.

וואָס? ווי קאָן עס זיין?

— אָבער מיר זענען יידישע אַרבעטער, נישט אמת, פיוויש?

— מיר זענען, פרימעט, אַ טייל פונעם אַרבעטער־פאָלק פון פוילן און פון גאַנץ רוסלאַנד. זיי אַלע האָבן פיינט דעם צאַר און מאַכן די רעוואָלוציע. דער יידישער באַלעבאָס אין זיין וואָל־וועשעריי שטעלט אַרויס זיינע פוילישע אַרבעטער קעגן די יידישע שטרייקער. רויבער בלייבט רויבער. צי ער טראָגט אַ קורצע מאַרינאַרקע, צי אַ לאַנגע קאַפאָטע. אָבער מיר זענען נישט פאַראייניקט.

— אָבער פאַרוואָס געהערסטו נישט צו דער יידישער אָרגאַניזאַ־ציע, פיוויש? ליידן מיר דען נישט אויך דערפאַר, ווייל מיר זענען יידן?

— אמת, פרימעט. און דאָס וועט אַזוי לאַנג דויערן, כל זמן עס וועלן זיין באַלעבאַטים, וואָס זייען שנאה. אָבער דאָס באַדייט נישט, אַז מיר דאַרפן זיין אָפגעטיילט. באַשטעטיקט האָבן עס די באַריקאַדן אין לאָדזש, ווו יידישע און פוילישע אַרבעטער האָבן געקעמפט צוזאַמען ווי ברידער.

לאָמיר גיין צוזאַמען פּאָליאַקן, יידן און רוסן, — האָט יאַנעק געזונגען ביי אונדז אין שטוב.

פּייוויש קוקט דורכדריגגלעך אויף פּרימעטן:

—דער אָנפירער פון דער פּאַרטיי, צו וועלכער איך באַלאַנג, איז אַ טאָכטער פון יידישן פאָלק, ראָזאַ לוקסעמבורג. זי אַרבעט לטובת אַלע, אָן אונטערשיד אַ ייד, אָדער אַ גוי.

אַלע שווייגן. פּרימעט זיצט און קוקט אויף דער פּאָדלאָגע. אַ טאָכטער פון יידישן פאָלק, ראָזאַ לוקסעמבורג. איז זי ענלעך צו פּרימעטן? און ווען זי איז שטאַרק אין כעס ווערן אירע אויגן אויך פאַרוואַנדלט אין שוואַרצע קראָען?

— ס'וואָלט גוט געווען, ווען איך וואָלט געהאַט מער צייט, — זאָגט פּייוויש, אויפהייבנדיק זיך פון אָרט. — דו מוזסט אויך אַ טראַכט טאָן באַלד צו פאַרלאָזן סטריקאָוו. אָט דאָס האָב איך דיר נאָך געוואָלט זאָגן.

— צוואָס? מען דאַרף דאָך מיך דאָ האָבן.

— זיי וועלן פאָרזעצן זייער אַרבעט אָן דיר. זיי אַרבעטן דאָ. זיי זעבען שוין דאָ איינגעוואָרצלט. און דו דאַרפסט זיך נאָך דאָ איינוואָרצלען. דער קאַמף, אין וועלכן מיר געפינען זיך איז עפּעס, וואָס שטייגט אַריבער די גרענעצן פון דעם היינטיקן טאָג, פּרימעט, און איז גרעסער פון סטריקאָוו. אין אים וועסטו אויסוואַקסן אין דער גאַנצער קראַפט.

האָבן מענטשן וואָרצלען ווי די ביימער?

יאַנעק איז געווען אַ יונגער און אַ שיינער בוים, האָט פּרימעט געזאָגט אויף זיין לוויה און זיי האָבן אים אָוועקגעלייגט מיט העק. איך וויל בישט, אַז פּייוויש און פּרימעט זאָלן פאַלן פון העק.

— אָט האָסטו אַן אַדרעס אין לאָדזש. — פּייוויש דערלאַנגט איר אַ קאָנווערט — דער חבר וועט דיר העלפן אין דיין ווייטערדיקן וועג.

— ס'איז מיר אָבער שווער פונדאַנען אָוועקצופאָרן, פּייוויש. אַ סך זאַכן האַלטן מיך דאָ אָפּ. איך וואָלט אַוועקגעפאָרן, אָבער...

— דו דאַרפסט פאָרן. דו דאַרפסט אַ סך געבן, פּרימעט, און אַ סך זיך לערנען. דו מוזסט געפינען דיין וועג. דעם וועג אין דער צוקונפט. און דו געהערסט דער צוקונפט.

ווען ער האָט גערעדט האָט פּרימעט געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט די אויגן. מיטאַמאָל האָט זי זיי אויפגעהויבן און זיי האָבן געזאָגט: איך וועל טאָן, פּייוויש, ווי דו האָסט געזאָגט. איך וועל דעם וועג געפינען.

—איצט גיי פונדאַנען, פרימעט, און נעם מיט זיך דאָס יינגל. אַ גו־טע נאַכט, ירוחם. — ער נעמט מיך פעסט אַרום און קושט מיין שטערן. ער לאָזט מיך אָפּ. — איך מוז מיך צוגרייטן און שנעל אַוועק.

איך גיי הינטער פרימעטן אין דער פינצטער.

וווהין וועט ער אַוועק? און ווי? זיי טאָרן אים נישט כאַפּן אויפן וועג. און וווהין וועט פרימעט גיין? ווייט? וועט זי אַמאָל צוריקקומען? אַך, פרימעט, וועל איך דיך נאָך זען איידער דו פאָרסט אַוועק? וועסטו קענען געפינען דיין וועג צו דער צוקונפט? מעגלעך, ווען איך וועל אויס־וואַקסן, וועל איך אויך קענען געפינען דעם וועג און וועל זיך באַגעגענען מיט דיר און פייווישן?...

וואָס איז עס פאַר אַ טומל? ווי לאַנג בין איך געשלאָפן? דער פע־טער שלאָפט נעבן מיר. ווען כ'האָב זיך צוריקגעקערט איז ער נאָך נישט געווען.

די מומע שטייט ביי אונדזער בעט. איר שטים ציטערט פון שרעק.

— עפּעס האָט דאָ פּאַסירט אין שכנות, וואָלפקע! דו הערסט?

מענער־שטימען. רוסיש, געשרייען, קללות. עפּעס שווערס פאַלט אויף דער פּאָדלאָגע.

דער פעטער איז פון בעט אַרויסגעשפּרונגען.

— זיי נעמען אים צו! — זאָגט ער.

ס'איז פּאָליציי. זיי נעמען פייווישן אַוועק. אַך, ער איז נישט אַוועק פאַר זון־אויפגאַנג! לאָז דיך נישט נעמען, פייוויש, לאָז דיך נישט נעמען!

— וויין נישט, מאַמע, — הערט זיך פייווישעס קול הינטער דער וואַנט. — עס וועט נאָך גוט זיין. דו וועסט זען. עס וועט קומען אַ טאָג, ווען די הענט פון אונדזערע ברידער וועלן אויפעפענען די טירן פון אונ־דזערע תפיסות. וויין נישט, מאַמעלע...

אַ שווערע פוס־טריט שלינגט איין די ווערטער. אַ קלאַפּ מיט דער טיר. דאָס געוויין פון רבקה דער טרויעריקער צערייסט די וואַנט.

—זאָלן אָפּגעדאַרט ווערן די צינגער פון די, וואָס האָבן זיי אַהער געבראַכט, גרויסער גאָט אין הימל! — די מומע זאָגט אַרויס די ווערטער שטיל אָבער שטאַרק.

— ער האָט אין שול געהאַלטן אַ דרשה צום עולם, ווי אַ גרויסער רב, — זאָגט דער פעטער. — זאָל אים גאָט העלפן, ער זאָל גיך צוריק־קומען צו די אַרבעטער פון סטריקאָוו שטאַרק און געזונט.

דער פעטער קערט זיך אָפּ און פאַרדעקט דאָס פנים מיט די הענט.

פעטער! אַך, פּייוויש!

אָבער פּייוויש האָט נישט געהאַט קיין שרעק: א ו י ב ז י י װ ע ל ן מ י ך א פ י ל ו נ ע מ ע ן, װ ע ט נ י ש ט ז י י ן א ו י ף ל אַ נ ג. ד י ע ר ד ט ר י י ס ל ט ז י ך א י צ ט א ו נ ־ ט ע ר ז י י...

35

פאָלקס־געריכט

דער האָזיקער בוים איז אַ גוטער וואַך־טורעם פאַרן פאָלקס־געריכט. דער גאַנצער אויסגעהאַקטער פלאַץ אין וואַלד איז אונטער מיר און פון מיין הויכן צווייג קען איך דורכקוקן דעם גאַנצן וועג צום גלאָוונער טראַקט. אויב אויפן וועג וועט זיך באַווייזן פאָליציי, וועל איך דער ערשטער זיי דערזען און געבן צו וויסן דער וואַך. אָבער דער פעטער גבריאל האָט געזאָגט, אַז די פאָליציי האָט איצט מורא פאַר אונדז, פונקט ווי מיר פאַר זיי, כאָטש זי האָט אַרעסטירט פייווישן. ער האָט געהערט, אַז זיי באַהאַלטן זיך אויס, ווייל זיי האָבן מורא דאָס פאָלק זאָל נישט איבערנעמען די שטאָט, ווי מען האָט עס געטאָן אין קרינעק. דאָך זענען ביי אַלע זייטן פונעם אויסגעהאַקטן וואַלד־פלאַץ פאַנאַנדערגעשטעלט שומרים, דער פעטער גבריאל איז איינער פון זיי און אויך לייביש גיבור.

דער שניידער־מייסטער עובד־חיים שטייט און רעדט פאַרן ריכטערס קלאָץ אין וואַלד. דורך זיינע געדיכטע, געלע ברעמען קוקט ער אויף זיין בעזעלן ניסן. ער קוקט זיך איין אין די ריכטער — צוערשט אויף שמחה שניידער, דאַן אויף פיניע כלבוניק און ווידעראַמאָל אויף שמחה שניידער. אויף פריידע־מלכהן קוקט ער נישט. אפשר דערפאַר, ווייל ער וויל זיך נישט צוהערן צו די רייד פון אַ ריכטער — אַ נקבה? מיט דער האַנט דרייט ער און קוועטשט זיין ברייטע באָרד און אַ שמייכל, ענלעך צו אַ ווונד, וואָס שמאַרצט, צעקרימט איין זייט פון זיין פנים. ער ווענדעט זיך צו די מענטשן, וואָס שטייען נאָענט צו די ריכטער. דאָרט שטייט פישל באַלעגאָלע. זיין קאָפ איז פאַרבאַנדאַזשירט. נעבן אים שטייען מיין פעטער וואָלפקע און אַנדערע גאַרבער — שטרייקער.

עובד־חיים שרייט אויס מיט כעס:

— איך פאַרשטיי נישט צוואָס האָט מען געדאַרפט דאָס גאַנצע מע-

אַטער! איך צאָל ניסנען זיין לוין. פאַרוואָס קען איך נישט רעדן צו אים ווי אַ באַלעבאָס צו אַ גזלן?

— ניין, עובד־חיים, — זאָגט שמחה שניידער. — דו צאָלסט ניסנען פאַר זיין אַרבעט און נישט פאַר דאָס רעכט אים צו באַליידיקן.

— אָבער, אָבער, — עובד־חיים קוקט אויף אַלע זייטן, — איך בין זיין באַלעבאָס, אָדער אפשר נישט?

— דו ביסט באַלעבאָס איבער זיינע הענט, אָבער נישט איבער זיין נשמה.

מיר געפעלט, ווי פיניע כלבוניק רעדט.

עובד־חיים דרייט זיך אויס מיט אַ בייזן בליק צו ניסנען:

— ווען איך בין געווען אַ גזלן, מיינסטו האָט מיין באַלעבאָס זיך צו מיר צוגעזעצט, צוגעקליבן און געמאָסטן זיינע ווערטער, איידער ער האָט זיי מיר געזאָגט?

— וואָס גייט מיך אָן, ווי דיין באַלעבאָס האָט מיט דיר גערעדט, — שרייט ניסן. ער איז מאָגער און זיין פנים בלאָס. זיין מאַנטל איז מיט לאַטעס אויף די עלנבויגנס.

— ציימן האָבן זיך געביטן, עובד־חיים, — זאָגט צו אים שמחה שניידער. — דיין באַלעבאָס האָט דיך אַמאָל געקענט באַליידיקן און מיין. באַלעבאָס האָט מיך געקענט באַליידיקן, ווייל די אַרבעטער זענען דעמלט נישט געווען שטאַרק גענוג אים צו זאָגן: האַלט די צונג. היינט קען דיין אַרבעטער דיך אַרויסרופן צו אַ פּאַלקס־געריכט.

עובד־חיים צופּט זיך די באָרד:

— וואָס עפּעס מיטאַמאָל אַ פּאָלקס־געריכט? ווער זענט איר דען? פאַרוואָס מוז איך אייך פאָלגן? ווער האָט אייך אַוועקגעשטעלט אי־בער מיר?

איך ווייס, אַז דאָס איז דערפאַר, ווייל דער שטרייק איז געווונען. איצט זענען מיר שטאַרקער!

— אויב אַזוי, טאָ זאָג זשע אונדז, זיי מוחל, עובד־חיים, — ענט־פערט פיניע כלבוניק, — פאַרוואָס ביסטו אַהער געקומען אויף אונ־דזער רוף?

— איך בין אַ קליינער באַלעבאָס. צוויי געזעלן און איין לערן־ייִנגל. דאָס איז אַלץ, וואָס איך האָב. איך קען זיך נישט פאַרגינען אויף אַ שטרייק, ווי די גרויסע באַלעבאַטים.

— נו, אַט האָסטו דעם ענטפער, — זאָגט שמחה שניידער. — מיר, אַרבעטער, כאָטש מיר האָבן נישט די גאַנצע שטאָט אין אונדזערע הענט, קענען שוין עפּעס טאָן פאַרן פאָלק.

אַלע וואָס שטייען פאַר די ריכטער און די, וואָס זיצן אויף אָפּגעהאַקטע ביימער קוקן איינער אויפן צווייטן, שמייכלען און שטיינען:

— משיחס צייטן!

— איך וואָלט געוואָלט די גאַנצע שטאָט זאָל עס הערן.

— אין גאַנצן לאַנד קומען פאָר פאָלקס=געריכטן, — רעדט ווידער פיניע כלבוניק. — דאָס איז אַלץ אַדאַנק דער רעוואָלוציע. געדענקסטו די פוילישע ווערטער פונעם ליד?

Sędziami wówczas będziem my *)

וועלוול, צי ווייסטו מען דאָס אַלץ אין בזשעזשין, וווּ דו אַרבעטסטו? ווייסטו, אַז דיין באַלעבאָס טאָר נישט שלאָגן זיינע לערן=ייִנגלעך, ווי דער באַלעבאָס האָט געשלאָגן דיין טאַטן? יאָ, וועלוול, זיי מוזן עס איצט וויסן. די רעוואָלוציע איז אומעטום.

עובד=חיים שטייט און שווייגט.

שמחה שניידער דרייט זיך אויס צו פיניע כלבוניק און צו פריידע=מלכהן. זיי רוקן צונויף די קעפּ און שושקען זיך. שמחה שניידער שטייט אויף פון קלאָץ:

— עובד=חיים, אַזוי ווי דו אַליין לייקנסט נישט אָפּ די רייד פון דיין געזעלן ניסן בערמאַן, געפינט דעריבער אויך דאָס פאָלקס=געריכט, אַז דו ביסט שולדיק אין באַליידיקן דיין אַרבעטער. דו האָסט אים אין אָנוועזנהייט פון אַנדערע מענטשן באַליידיקט מיט זידל=ווערטער דערפאַר, וואָס ער האָט זיין שעניק אויף דער נאַכט אָפּגערוקט פון דער פייכטער וואַנט. דעריבער האָט דאָס פאָלקס=געריכט באַשלאָסן:

— וואָס שייך דעם לוין, זאָל דיין אַרבעטער באַקומען נישט קיין קלענערן געהאַלט, ווי געזעלן אין אַנדערע שניידעריי=וואַרשטאַטן. דו ווערסט אויפגעפאָדערט אָפּצורוקן דעם שעניק פון דער פייכטער וואַנט, אַז ער זאָל קענען שלאָפן אָן אַ סכנה פאַר זיין געזונט. ווערסט אויך אויפגעפאָדערט צו ברענגען דעם דאָזיקן געריכט אַ שריפטלעכע אַנטשולדיקונג פאַר באַליידיקן דיין אַרבעטער ניסן בערמאַן. די אָרגאַניזאַציע וועט געפי=

*) די ריכטער, וועלן דאַן מיר זיין.

נען אן אופן ווי צו פֿאַרעפֿנטלעכן דיין אנטשולדיקונג. ווייטער: אַזוי ווי דיין אַרבעטער פֿאַרדינט אַזוי ווייניק, אַז ער קאָן זיך נישט אָנשטענדיק אָנטאָן, באַפֿעלט דאָס פֿאָלקס־געריכט זאָלסט אים אויפֿנייען א נייעם אָנצוג פֿון גוטן וואָלענעם שטאָף.

— הוררא! הוררא די ריכטער! — הערט מען קולות פֿון אלע זייטן.

— דאָס האָבן מיר פֿריער געמעגט האָבן!

— ווייטער, ווייטער. דאָס הייסט גערעכטיקייט!

איצט קען קיין שום באַלעבאָס נישט באַליידיקן זיין ארבעטער. דאָס האָט דער שטרייק אויך געוווּנען. ווען עוזר וואָלט עס געקענט הערן! אך, עוזר, ווער שנעלער געזונט, זאָלסט עס קענען הערן! דו האָסט עס פֿאָרויסגעזאָגט מיט א צייט צוריק אין גארבערײַ־הויף, ווען דו ביסט ארויסגעטראָטן קעגן מרדכי־לייבן, אָננעמענדיק זיך פֿארן פֿעטער. דעמלט האָסטו עס געזאָגט.

די וואַך שטייט אויף אירע פּלעצער. קיינער האָט זיך פֿון אָרט נישט באַוועגט. זענען זיי נישט פֿארמאַטערט? איך פּאָכע מיט דער האַנט צום פֿעטער גבריאל. ער ענטפֿערט מיר מיט א שמייכל. דאגה נישט, פֿעטער גבריאל. דאגהט נישט, וואך־לייט, איך היט אייך!

האָבן אזוי געמשפּט די שופֿטים אין די ביבלישע צייטן? — ויהי בימי שפֿוט השופֿטים?... — אין דער צייט פֿון די שופֿטים. איז זייער געריכט דעמלט אויך פֿאָרגעקומען אונטער א ברייטן בוים אין א וואלד? דאָרט האָבן געמוזט זיין צעדער־ביימער און טייטל־ביימער. ווי האָט זיך שמחה שניידער געלערנט צו זיין א שופֿט? איך וואָלט געוואָלט, אז וועלוול זאָל דאָ זיין און אָנקוקן זיין טאַטן. פֿיגיע כלבוניק ווייסט און קען אַלץ. אָבער פֿריידע־מלכה. ווי קומט זי ביים קלאָץ צווישן די דריי ריכטער? קען מען זי פֿארגלייכן צו דבורה הנביאה, וועלכע האָט געוווינט אונטער א טייטלבוים און די קינדער פֿון ישראל פֿלעגן קומען צו איר זי זאָל משפּטן?

פֿאַרוואָס שטייט אסתר די זאָגערין פֿאַר די ריכטער? איר שטאַרקע שטים איז פֿול מיט צאָרן. צי זענען דאָ צוויי אסתרס, איינע די זאָגערין פֿון ווייבער־שול, וואָס זינגט מיט א געוויין פֿון די תחינות און די אסתר, וואָס רעדט מיט כעס און קוקט די ריכטער אין די אויגן אַריין? זי קוקט מער אויף פֿריידע־מלכהן, ווי אויף די אַנדערע ריכטער.

— צװוּאָס איך בין אַהער געקומען? אויף אַלע מיינע שונאים, גאָט אין הימל געזאָגט געװאָרן צוליב װאָס איך בין צו אײַך געקומען! — זי רעדט שוין בישט, זי שרייט. — איך בין געקומען צו אײַך, איר זאָלט מיר אָפּגעבן די טאָכטער מיינע, מיין פֿאַרבלאָנדזשעט קליין טײַבעלע, מיין פרימעט.

פרימעט איז דאָ! זי איז נאָך נישט אװעקגעגאַנגען. איך װעל זי װידער זען!

דער עולם הרייט זיך אויס צו פרימעטן. אירע אויגן ענטפֿערן מיט א פינצטערן בליק. די לאַנגע װיעס קענען קוים פֿאַרבאַהאַלטן דעם װייטיק אין אירע אויגן. זי שטייט נעבן די בײמער, װי א קליין, דין ביימעלע, און דער װינט בלאָזט די בלעטער פֿון אירע האָר.

אסתר די זאָגערין רעדט:

— דאָס לעבן פֿון א שמש, א בראָך איז צו אונדז! פֿינװאַנען קענען מיר אנסקראבען און צונויפֿקלאַפּן א נדן פֿאַר אונדזער טאָכטער? און װען גאָט קומט אונדז צו הילף און שיקט מיר צו איר באַשערטן, א טײַערן ייִד, א ייִד א סוחר, א פֿאַרמעגלעבער, פֿון א פֿרומער משפּחה און איז גרייט זי צו נעמען װי זי גייט און שטייט אָן א גראָשן נדן, אפֿילו נאָך דעם װי זי איז אנטלאָפֿן און צוריקגעבראַכט געװאָרן װי א פֿאַרברעכערין, — איז עס רעכט אזוי, אז זי, א ייִדישע טאָכטער, זאָל אַנטלויפֿן, זיך אָפּזאָגן פֿון דעם אלץ, נישט האָבן קיין חרפּה און קיין בושה פֿאַר גאָט און פֿאַר לייטן און זאָגן: גיין און נאָכאמאָל גיין, אַזוי אז די גאַל קען פּלאַצן?

— אָבער צי איז עס נישט נאָר אן עניין צווישן דיין טאָכטער און דעם סוחר? — פֿרעגט שמחה שניידער. — װאָס האָט דאָ די אָרגאַניזאַציע צו טאָן?

אסתר די זאָגערין װענדעט זיך צו אים:

— פרימעט פֿאָלגט דער אָרגאַניזאַציע מער, װי איר אייגענע טאַטע-מאַמע. די אָרגאַניזאַציע איז געװאָרן איר טאַטע-מאַמע. אַזעלכע צייטן זענען אָנגעקומען, זאָל גאָט שומר ומציל זיין! ברענג קינדער אויף דער װעלט, אַרבעט פֿאַר זיי טאָג און נאַכט, צעשנייד, צעשטעך די פֿינגער ביים װאַשן, ביים נייען, ביים שייערן פֿאַר זיי. און היט זיי אין זייערע װיגעלעך, זײַט געבן זיי גאַנציענע נעכט. היכט אָפּ תעניתים, כּדי צו קענען געבן דײַנע קליינע טעכטערלעך א הינערשע יויך, א װייך-אָפּגעקאָכט איי, װען זיי זענען קראַנק. האָדעװעסט זיי מיט צוקער און זאָרג, כּדי אז װען זיי װעלן אויס-װאַקסן זאָלן זיי דיר געבן א ביסל גליק און געפֿינען זייער באַשערטן. האָ-

דעווע אויס טעכטער, כדי נאָכדעם זאָל די אָרגאַניזאַציע ביי דיר פון די הענט זיי אַרויסרייסן! גיט מיר צוריק מיין טאָכטער! איך האָט די מאַכט, צו באַפעלן זי זאָל בלייבן און נישט אַרויסוואַרפן גאָטס געשאַנק אין מיסטקאַסטן!

פריידע־מלכה רופט זיך אָן:

— אסתר, דאָס וואָס דו פאַרלאַנגסט דאַרף פרימעט אליין אָנטשיידן. זי איז שוין נישט קיין קינד. דאָ האַנדלט זיך וועגן איר לעבן און זי דאַרפסט פרעגן וואָס זי וויל.

ווו האָט זיך פריידע־מלכה געלערנט צו רעדן ווי א ריכטער? אין אזא קורצער צייט.

אַלע דרייען אויס די קעפּ צו פרימעטן. זי רעדט:

— מאַמע, איך האָב נישט ליב דעם דאָזיקן מאַן. פאַראַן א סך זאַכן, צו וועלכע איך קאָן בעסער אויסנוצן מיין לעבן, לטובת אַנדערע מענטשן. און אויך פאַר דיר. לעבן באַדייט מער, ווי אונדזער קליין ווינקעלע. איך קען עס נישט פאַרן פרייז פון א גדן פאַרקויפן.

...מער ווי אונדזער קליין ווינקעלע, דאָס האָט פּיגוויש געזאָגט: דאָס גייט אַריבער די גרענעצן פון דעם הײַנטיקן טאָג און איז גרעסער פון סטריקאָוו.

— זי ליבט נישט דעם מאַן! — הוזקט אסתר די זאָגערין. — וואָס האָט עס צו טאָן דערמיט? האָט עמיץ אמאָל עפּעס אַזוינס געהערט? פונקט ווי זי וואָלט אים נישט געקענט אָנהייבן ליבן נאָך דער התונה! די ליבע וועט נישט אַנטלויפן!

זי דרייט זיך אויס צו פרימעטן:

— אויב דו טראַכסט נישט וועגן זיך אַליין, טאָ גיב א טראַכט וועגן דיינע אָרעמע טאַטע־מאַמע, וועלכע ווילן א ביסל געהאָלפן ווערן פון דעם דאָזיקן געשאַנק, וואָס גאָט האָט צוגעשיקט.

אירע ווערטער קומען איצט אַרויס ווייכער, ענלעך צו די תפילות, וואָס זי לייענט פאַר די ווייבער אין ווייבער־שול.

— ווו שטייט עס געשריבן, אז יונה שמש און זיין ווייב אסתר זאָלן עסן דאָס ברויט פון אָרעמקייט ביז צום סוף פון זייערע טעג?

— מאַמע, דו האָסט מיך געלערנט לייענען און שרייבן. דאָס האָט געעפנט פאַר מיר א ניי לעבן. איצט ווילסטו מיך צווינגען איך זאָל אוועק פון דעם דאָזיקן לעבן. דו קענסט עס נישט, מאַמע! איך האָב באַשלאָסן פונדאַנען אַוועקצוגיין — אין דער ברייטער וועלט אריין. איך בין שוין צו

ווייט זעלבסטשטענדיק געוואָרן. איך בין געווען אין לאָדזש, איך האָב עפּעס געזען, איך בין געזעסן אין תּפיסה. איך ווייס וויפל עס האַרף געטאָן ווערן, כּדי צו ענדערן אונדזער בויט. זעסטו נישט, אַז איך קען נישט גיין צוריק? קיינער, אַפילו פּאָליציי קען מיך נישט צוריקשלעפּן!

אַך, פּרימעט! אַזוי האָבן אויסגעקוקט דיינע שוואַרצע אויגן אין ווייבער־שול. איך וויל נישט זיין אַ פּוסבענקל פֿאַר מיין מאַן!

פריידע־מלכה רופט זיך אָן:

— אסתר, אפשר וועסטו אַנדערש אַ טראַכט טאָן און פאַרשטיין, אַז עס האָט דאָך עפּעס אַ באַדייט, וואָס פּרימעט האָט נישט ליב דעם סוחר.נדן איז נישט דער עיקר. פאַר דעם גליקלעכן, וואָס וועט חתונה האָבן מיט דיין טאָכטער, — זי טוט אַ קוק אויף פּרימעטן, — וועט זי אַליין זיין אַ גוטער נדן. דער עיקר האָט פּרימעט אַליין די דעה.

פּיניע כּלבוניק מישט זיך אַריין:

— האָרך, הער זיך גוט צו, אסתר. אַ טאָכטער איז נישט קיין גאַנדז, וואָס מען פּאַשעט אויף שמאַלץ, כּדי זי דערנאָך אַוועקצוטראָגן אויפן מאַרק. מיר ווייסן, אַז איר האָט אייך מקריב געווען פאַר אייער קינד. מיר זענען די זעלבע מענטשן. מיר קומען אַרויס פון די זעלבע כאַטקעס און קעלער־וואַרשטאַטן. מיר האָבן צעפרעסענע לונגען פון די זעלבע פייכטע ווענט. מיר זענען די מענטשן פון גאַנץ רוסלאַנד און פּוילן, וואָס שטרעבן צו אַ בעסער לעבן.

פריידע־מלכה רעדט ווידער:

— אין וואָס דען באַשטייט אונדזער קאַמף, אויב נישט אין דעם, אַז מאַמעס זאָלן מער נישט דאַרפן הונגערן, כּדי צו געבן זייערע קינדער אַז איי, אָדער אַ הינערשע יויך, אַז מאַמעס זאָלן נישט דאַרפן קוקן אויפן טויט פון זייערע קינדער, ווייל ס'איז נישטאָ קיין דאָקטער? — אין אירע ווערטער הערט זיך געוויין. — דערפאַר, אסתר, ווי ווייט דיין טאָכטער זאָל נישט אַוועקפאָרן, נעמט זי די אָרגאַניזאַציע נישט צו ביי דיר, נאָר דערנעענטערט זי צו דיר.

זי בייגט זיך איין און רעדט צו די איבעריקע צוויי ריכטער מיט צונויפגעדריקטע פויסטן.

אסתר די זאָגערין הייבט ווידער אָן:

— אָבער דו, פריידע־מלכה, ווי אַ מאַמע, ווייסטו...

פריידע־מלכה רייסט איר איבער:

— איך האָב דאָך שוין געזאָגט, אַז דאָ האַנדלט זיך אין פּרימעטעס לעבן. מיר האָבן אַלע געהערט איר פאַרלאַנג. דעריבער נעמט אָן דאָס פאָלקס־געריכט אַ פאָלגנדיקן באַשלוס: סיי דו און סיי דיין מאַן קענען זי נישט צווינגען דאָ צו פאַרבלייבן, אָדער צו האַנדלען קעגן איר ווילן.

פון דעם גאָענטסטן צווייג קען איך זען בעסער און זיך אפילו אויס־ציען. ס'איז גוט צו ליגן מיטן פּנים אַראָפּ און לאָזן די הענט זיך באַמבּ־לען און וויגן, וויגן און באַמבלען. דער פעטער וואָלפקע האַלט מיך איפן אויג. שרעק זיך נישט, פעטער, איך וועל נישט אַראָפּפאַלן פונעם צווייג, און די הענט באַמבלען זיך און וויגן, וויגן זיך און באַמבלען...

מ'גייט! מען גייט אויפן וועג, וואָס פירט פון גלאָוונער טראַקט־עמעץ אין גרויען. איז עס נישט אַמאָל פּאָליציי?

— שומרים! איינער גייט!

מענטשן קוקן אויף מיר. זיי הייבן זיך אָן צו באַוועגן. שטימען רעדן שטיל און שנעל.

דער פעטער גבריאל איז אונטער מיין בוים.

— וואָס זעסטו, ירוחם?

איצט קען איך שוין דערקענען, אַז דאָס איז נישט פּאָליציי.

— ס'איז אַ פרוי, פעטער גבריאל, זי גייט לאַנגזאַם אַהער. צוויי פרויען. דער פעטער גבריאל איז שוין אויפן וועג.

— דאָס איז די אַלטע דבורה, — מעלדעט ער. — די רויטהאָריקע פייגע פירט זי.

די אַלטע דבורה, וואָס טוט זי דאָ?

עולם גייט צוריק אויף די ערטער.

שמחה שניידער קוקט אַרום זיך:

— פאַרוואָס איז מרדכי־לייב נישט געקומען?

די רויטהאָריקע פייגע איז דורך אַ סטעזשקע אָנגעקומען אויפן אויסגעהאַקטן וואַלד־סעקטאָר. זי ענטפערט אים:

— ער האָט נישט געוואָלט קומען. ווען איך האָב אים געפונען, האָט ער אויסגעטראַכט פאַרשידענע תירוצים און זיך טויזנט מאָל אַנטשולדיקט.

שמחה שניידער קוקט אויף פייגע כלבוניק און אויף פריידע־מלכהן.

— דאָס געריכט נעמט זיך ווידער צו דער אַרבעט!
פונוואַנען האָט ער אַזאַ אייזערנע שטים?
שמחה שניידער ווענדעט זיך צו דבורהן. פון אונטער איר צעפּליקטן שאַל קוקט אַרויס אַן איבערגעשראָקן פּנים. סאַראַ טיפע קנייטשן אויף איר פּנים! ווי אויסגעטריקנטע רעדער־שפּורן אויפן וועג נאָך אַ רעגן. ווי פונקל זענען די לעכער, פונוואַנען אירע איבערגעשראָקענע אויגן קוקן אַרויס.
— דבורה, מיר האָבן דיך אַהער גערופן, זאָלסט אונדז דערציילן וועגן דיין זון. דערצייל אונדז אַלץ, ווי אַזוי ער איז אַהיים געקומען.
עולם שטופּט זיך געענטער צו דער אַלטער דבורה.
— דבורה, דו קענסט אונדז דערציילן, — נעמט פריידע־מלכה זי אָן פאַר דער האַנט און העלפט איר זיך זעצן אויף אַ בוים־שטאַם. — מיר האָבן דיך אַהער גערופן, כדי דיר צו העלפן, ווייל קעגן דיין זון און דיר איז באַגאַנגען געוואָרן אַן עוולה.
די אַלטע דבורה האָט אויפגעעפנט איר מויל. זי באַמיט זיך צו רעדן, אָבער קיין וואָרט גייט פון איר נישט אַרויס.
פיניע בלבוניק קוקט זי אָן מיט זיין רואיק אויג און זאָגט:
— מרדכי־לייב האָט זיך נישט געשטעלט אויף אונדזער אַרויספאָדערונג. אָבער דאָס פאָלקס־געריכט וועט אָננעמען אַ באַשלוס אומאָפּהענגיק הערפון צי געפינט ער זיך דאָ, אָדער נישט. מיר האָבן געזען דיין זון. מיר האָבן אים געזען...
ווי אַ ווילדער ווינט אינמיטן נאַכט איז געווען דער קרעכץ פון דער אַלטער דבורה.
— וואָס האָבן זיי געמאַכט פון מיין זון! וואָס האָבן זיי געהאַט קעגן מיין איינציקן זון פולקע! — זי זיצט און ברעכט אירע ביינערדיקע הענט. אירע ווערטער קומען אַרויס פון איר מויל, ווי אַ שטילער געוויין, אָבער די טרערן זענען פאַרבאַהאַלטן אין די שפּאַלטן פון אירע אויגן.
פיניע בלבוניק זאָגט צו אַלעמען:
— מיר ווייסן, אַז פולקע דער גרויסער וועט שוין קיינמאָל נישט זיין פעיק צו אַרבעטן. מיר האָבן געזען, ווי צעדרייט און צעקריפּלט ער איז.
אַך, פולקע, גרויסער פולקע! אַך, וואָס זיי האָבן אין דער מלחמה מיט אים אָפּגעטאָן!

די אַלטע דבורה שטייט אויף. אירע הענט זענען אויסגעשטרעקט צום הימל.

— זיי האָבן איבערגעלאָזט מרדכי-לייבס זון אינדערהיים! אַ שוואַרץ האַרץ, האָבן זיי געזאָגט. אַ ליגן! זאָל דער באַרמהערציקער גאָט שיקן אַ דונער אין זיין האַרץ און אַ דונער אין זיין טאַטנס האַרץ!

פיניע כלבוניק הייבט זיך אויף פונעם ריכטער-קלאָץ.

— די צייט פון קללות, — האָט ער געזאָגט, — איז שוין פאַרביי. איצט, אַז די רעוואָלוציע האָט זיך אָנגעהויבן, האָט דאָס פאָלק בעסערע מיטלען צו באַשטראָפן פאַר פאַרברעכנס. מיר ווייסן, אַז מרדכי-לייב האָט אונטערגעקויפט די באַאַמטע, כדי זיין זון צו באַפרייען, כדי צו פאַרשטאָפן דאָס לאָך, האָבן זיי גענומען פולקע דעם גרויסן. מרדכי-לייב טראָגט דערפאַר די פולע אחריות. ער איז צומאָל אַהער נישט געקומען, כדי זיך צו פאַרענטפערן. מעגלעך, אַז דער שטרייק האָט אים נאָך גאָרנישט אויסגעלערנט. דאָס פאָלקס-געריכט וועט באַשליסן.

ער קוקט אויף פריידע-מלכהן און אויף שמחה שניידער. זיי שאָקלען צו מיט די קעפּ. ער רעדט:

— היות פולקע איז געקומען צוריק פון דער אַרמיי אַ קאַליקע אויפן גאַנצן לעבן און וועט קיינמאָל נישט קענען מער שלעפּן וואַסער, כדי אויפצוהאַלטן זיך און זיין מאַמען, דבורה, און היות אַ גרויסער טייל פון דער שולד פאַלט אויפן גאַרבערײַ-אייגנטימער מרדכי-לייב, באַשליסט דאָס פאָלקס-געריכט פאָלגנדיקס:

עולם רוקט זיך נעענטער צו צו די ריכטער.

— מרדכי-לייב און זיין זון נאָך אים זענען מחויב צו צאָלן פאַר דער אויסהאַלטונג פון פולקען און פון זיין מאַמע דבורה כל זמן זיי וועלן לעבן.

— גוט! — הערן זיך קולות.

— גאָטס גערעכטיקייט!

— צו קנאַפּ!

— אין פאַל, אויב ער וועט אָפּזאָגן, — רעדט ווייטער פיניע, — וועט דאָס פאָלקס-געריכט אים שיקן אַ וואָרענונג, אַז די אָרגאַניזאַציע וועט שליסן זיין גאַרבערײַ און וועט אויסזוכן פאַר יעדן איינעם פון זיינע פעל-קראַצער און גאַרבער אַנדערע אַרבעטס-פלעצער. זי וועט פאַראַליזירן זיינע געשעפטן, אויב עס וועט אפילו אויסקומען זיך צו יאָגן נאָך אים אין אַלע פיר עקן פון דער וועלט!

עולם שרייט:

— מיר וועלן אים צווינגען מקיים פסק זיין!

— ער וועט אונדז מוזן פאָלגן!

לייביש גיבור שרייט אויס פון זיין וואַר־פּלאַץ:

— דאָס פאָלקס־געריכט רעדט פאַר מיר!

דער פעטער שרייט:

— פאַר מיר אויך!

פ אַ ר מ י ר א ו י ך !

אויב דאָס פאָלקס־געריכט קען אַזוי ווייט דערגרייכן, צי וועט עס נישט אויפעפענען די תפיסה־טויערן פאַר פּיוויש און הערשקען? אָבער ווי ווייט זענען די עקן פון דער וועלט?

36

צו דער צוקונפט

די דייזשע און די באַליע זענען שוין פאַרקויפט. פאַרשוווּנדן איז דער טיש און דער טיש־לאָמפ. נישטאָ דער קאַסטן ביים אויוון. און די האַק שטייט שוין נישט אין ווינקל. דאָרט, וווּ אויסגעהאָפטענע בילדער זענען געהאָנגען אויף דער וואַנט, קוקט אויף מיר אַראָפּ פּוסטקייט.

וועט די שטוב בענקען נאָך אונדז, ווען מיר וועלן אַוועקפאָרן? וועלן נאָך אונדז בענקען די אַלע מענטשן, וועלכע ווילן נישט, אַז דער פעטער און די מומע זאָלן אַוועקפאָרן גראָד איצט, ווען דער שטרייק איז געווּנען און די לאַגע וועט בעסער ווערן?

האָט אַ צוועק צו פאָרן קיין לאָנדאָן איצט, ווען דער פעטער וועט פאַרדינען מיט אַ רובל מער אַ וואָך און ער וועט זיין אימשטאַנד צו צאָלן פאַר מיר שכר־לימוד? די מומע האָט געזאָגט, ווען זי וואָלט געוועזן וויסן, אַז דער שטרייק וועט אַזוי שנעל געווּנען ווערן, וואָלט זי נישט געשריבן צו מיין טאַטע־מאַמע זיי זאָלן שיקן געלט אויף שכר־לימוד און זיי וואָלטן אונדז נישט אַרויסגעשיקט דריי שיפס־קאַרטן. אָבער דער פעטער האָט געזאָגט: ווי לאַנג קענסטו זיין אַ מחיצה צווישן אַ קינד און זיינע עלטערן? היינט אָדער מאָרגן וואָלטן מיר דאָך סיי ווי געדאַרפט אָפּגעבן ירוחמקען, איז דאָך אַ סך בעסער, אַז מיר קענען פאָרן מיט אים און דאָרט בלייבן צוזאַמען.

וועט די מומע ברענגען דאָס געלט פון מרים דעם קרעמערס ווייב פאַר די פערענעס, קאָלדרעס און געהאָפטענע טישטעכער? מרים דעם קרעמערס ווייב וויל עס נישט קויפן אָן דעם פוד, וואָס די מומע האָט פאַר מיר געזאַמלט. אָבער די מומע זאָגט: קיינמאָל נישט, אַפילו אויב דו וועסט אָנשיטן אַ פולן זאַק מיט רענדלעך. איך האָב עס אָנגעפליקט פאַר מיין ירוחמקען, און מיר וועלן עס אַוועקפירן קיין לאָנדאָן און עס

אַוועקלײגן, אם ירצה השם, ביז צו זײַן חתונה. אַזוי אָרום וועט ער קאָנען געבן זײַן צוקונפטיק ווײַב אַ פּערענע פון געגדזענע פעדערן אַלס געשאַנק.

איך בין צופרידן, וואָס רבקה די טרויעריקע און נישט קײן אַנדערע האָט באַקומען די קופּערנע מנורה, נישט לײַכט איז אָנגעקומען דעם פעטער צו באַקומען צוויי רובל, כדי זי אויסצוקויפן אין שטייער־אַמט. און די מומע האָט נישט געוואָלט נעמען קײן געלט ביי רבקה דער טרויעריקער. אפשר וועט אין אַ געוויסן טאָג פּײַוויש זיך צוריקקערן פון סיביר און זען די אָנגעצינדענע ליכטעלעך אין אונדזער מנורה. איך וויל מען זאָל זי אָנצינדן פאַר דיר, מײַן יהודה המכבי...

און איך פרײַ מיך, וואָס מײַן מומע האָט אַוועקגעגעבן איר פאַטשיילע דער אַלטער דבורה. דבורהס פאַטשיילע איז שוין געווען פול מיט לעבעדיקע לאַטעס. און די ענגלישע לײַדים טראָגן נישט קײן פאַטשיילעך, — האָט פישקע לאַנג־העגטל געזאָגט. איצט וועט די אַלטע דבורה און פילקע דער גרויסער נישט דאַרפן שטאַרבן פון הונגער, ווײַל מרדכי־לייב דאַרף צאָלן זיי אויסצוהאַלטן.

ווער איז פאַרבײַגעגאַנגען אונדזער פענצטער? איך וויל...

דאָס איז ער! זײַן קלײן טײַוולאָניש אײַגעלע לאַכט אין דער טיר. ער טראָגט אַ בינטל גראָבע שטריק אונטער זײַן אָרעם.

— ביסט אַלײן ירוחם? איך בין אַהער געקומען, כדי צו העלפן דײַן פעטער און מומען זיך אײַנצופּאַקן.

— דער פעטער וועט אינגיכן צוריקקומען מיט פישל באַלעגאָלע. ער דאַרף אונדז אַוועקפירן צו דער באַן.

— צו דער באַן... — ער רײַסט איבער אינמיטן זײַנע רייד — ס'איז שווער צו גלויבן, ירוחם.

— איך בין צופרידן, וואָס פישל באַלעגאָלע פירט אונדז צו דער באַן. ער איז אַ גוטער באַלעגאָלע. איך האָב געזען, ווי מען האָט אים אומגעוואָרפן בעתן געשלעג אין דער צײַט פון שטרײַק, ווען ער האָט אַוועקגעוואָרפן זײַן לאָם, און ווי שנעל ער האָט געלאָפירט מיט עוזרן צום דאָקטער אין גלאָוונע.

— ביסט גערעכט, ירוחם, און קײן קאָפּיקע האָט ער נישט געוואָלט נעמען פאַרן האָבער, וואָס די פערד האָבן אויפן וועג אויפגעפרעסן.

— די מומע האָט געזאָגט, אַז אויב עוזר שטײט ווידער אויף זײַנע פיס האָט מען צוערשט גאָט צו פאַרדאַנקען, דערנאָך פישלען דעם באַלעגאָלע.

פּיניע כלבוניק גייט צו געבן אויוון, צו די איינגעפּאַקטע קאַסטנס, און הייבט אָן זיי איבערצובינדן.

— די באַן וועט אייך אָפּפירן צו דער גרענעץ. פון דאָרט וועט איר פאָרן אויף נאָך עטלעכע צוגן, ביז איר וועט דערפאָרן צו דער שיף אין ראָטערדאַם.

— ווען מיין פעטער און מומע וואָלטן נישט געפאָרן מיט מיר, וואָלט איך אייך נישט געפאָרן קיין לאָנדאָן. ווען מען וואָלט אונדז נישט געשיקט קיין דריי שיפס=קאַרטן, וואָלט איך אָן זיי נישט געפאָרן. איך וועל קיינמאָל נישט פאַרלאָזן דעם פעטער און די מומען. איך וועל שטענדיק געהערן צו זיי, שטענדיק און שטענדיק, אַפילו אין לאָנדאָן, וווּ עס געפינען זיך מיין טאַטע=מאַמע.

— מענטשן אין זייערע יאָרן, — האָט געזאָגט פּיניע כלבוניק, — איז שווער זיך אָפּצורייסן פון זייערע וואָרצלען. אָבער אינעם בריוו שטייט געשריבן, אַז שאָף האָבן אויך אין ענגלאַנד פעלן. און אַ גוטער אַרבעטער, ווי וואָלפקע, וועט געפינען וואָס צו טאָן אין אַ גאַרבעריי. דער פעטער וועט געפינען אַרבעט און ער וועט זיך קענען אויך דאָרט אָנשליסן אין אַ פאַריין.

— צי איז דאָ אַ צאַר אויך אין ענגלאַנד?

— קיין צאַר, טאַקע נישט, ירוחם, אָבער הגם דער קעניג האָט דאָרט אַ קליינע דעה, איז פאַר אַרבעטער דאָרט אויך נישט קיין גן=עדן. ס'איז אויך אַ לאַנד פון באַלעבאַטים. נאָר די באַפעלן ווערן אַרויסגעגעבן אין ענגליש און אויף אַ מער העפלעכן אופן. ווער ווייסט, אפשר וועט דאָרט לענגער געדויערן אַראָפּצוװאַרפן די באַלעבאַטים ווי דאָ!

ער נעמט אַריין מיין האַנט אין זיינע.

— נאָר לאָמיר טראַכטן וועגן דיר, ירוחמקע; דאָס איז די הויפּטזאַך. דיין גאַנץ לעבן האָסטו נאָך פאַר זיך. זיי האָבן גרויסע שולן אין לאָנדאָן און זיי זענען פריי. אָבער דאָס לערנען איז דאָרט נישט אַזוי פריי ווי די שולן. זייערע אוניווערסיטעטן, וווּ עס לערנען זיך דערוואַקסענע, זענען אַזוי גרויס, אַז די שול, דאָס בית=מדרש, די מקווה, דאָס שעכטהויז און אַלע חדרים פון אַלע מלמדים אין אונדזער שטאָט, וועלן זיך פאַרבאַהאַלטן אין איינעם פון יענע אוניווערסיטעטן און ס'וועט נאָך בלייבן אָרט. אַלץ איז דאָרט גרויס. און די גאַסן זענען דאָרט אַלע אויסברוקירט און ווערן באַלויכטן ביינאַכט דורך לאַמטערנעס, וואָס ברענען אויף גאַז. און

די לאַמטערנעס זענען אַזוי הויך, אַז דער לאַמטערן־אָנצינדער מוז אַרויפֿ־קריכן אויף אַ לייטער, כדי זיי אָנצוצינדן.

— אך, איך וואָלט געוואָלט אָנקוקן דעם דאָזיקן לאַמטערן־אָנצינדער!

פיניע כלבוניק עפֿנט אַ האַמער און האַקט אַריין אַן אויסגעבויגענעם טשוואָק אין דער זייט פֿון אַ קאַסטן.

לאָנדאָן. ווי וועל איך זיך פֿילן ווייט פֿון אונדזער שטאָט? האָט זי אַזאַ טײַכל ווי אונדזערס, ווי ייִנגלעך קענען שווימען זומער און זיך גליטשן ווינטער־צײַט? צי האָט זי אַזעלכע גרויסע ווינטמילן ווי אונדזערע מיט גראָז אַרום, וווּ מ'קען זיך שפּילן אין פּילקע און אין קלאַסן? האָט זי אַזוינע ברייטע ברוקירטע טראַקטן, וועלכע מען קען נישט אַרומכאַפּן מיטן אויג, וואָס ציען זיך פֿון לאָדזש אַזש קיין לוויוויטש?

— פּיניע?

— יאָ, ירוחמקע.

— רבקה די טרויעריקע האָט געזאָגט... זי האָט געזאָגט, אַז ווען איך וועל קומען קיין לאָנדאָן, וועל איך באַקומען אַן אַנדער מין לערע, און כ'וועל אפֿשר ווערן אַן אַדוואָקאַט אָדער אַ דאָקטער, און איך וועל באַקומען אַן אָנזען אין דער וועלט און דאַן, דאַן וועל איך פֿאַרגעסן מײַן געבורט־שטאָט און דאָס פּשוטע פֿאָלק, פֿון וועמען איך שטאַם. מיינסטו אויך, אַז איך וועל פֿאַרגעסן סטריקאָוו און אַלע מענטשן פֿון סטריקאָוו?

ער לייגט אַוועק דעם האַמער און זעצט זיך אויף אַ קאַסטן, די הענט אויף די קני.

— איך האָב נישט פֿאַר דיר, ירוחמל, דו וועסט נישט פֿאַרגעסן דאָס לחמא עניא, דאָס ביטערע שטיקל ברויט, אויף וועלכן דײַן פֿעטער וואָלפֿקע האָט געפּראַצעוועט מיט שווייס און מיט בלוט. דו וועסט נישט פֿאַרגעסן דאָס ייִדישע שטיבל מיט די צעהויקערטע ווענט, צעלעכערטן דאַך, די פּאָדלאָגע אָן ברעטער, וווּ ס'איז קיין שום זאַך נישט געווען אַחוץ ליבע. — ער קוקט אויף מיר מיט זײַן גרויס אויג. — דו וועסט נישט פֿאַרגעסן. די וועסט באַקומען וויסן אין די ענגלישע שולן און וועסט עס באַנוצן פֿאַרן פֿאָלק.

ער פֿאַרבינדט דעם לעצטן קאַסטן מיט אַ פֿעסטן שטריק.

פֿאַרוואָס האָט ער געזאָגט, אַז דאָרט וועט אפֿשר געדויערן לענגער, ביז מען וועט אַראָפּוואַרפֿן די באַלעבאַטים? ווי וועט סטריקאָוו אויסזען, ווען מיר וועלן אַראָפּוואַרפֿן אונדזערע באַלעבאַטים?

איך זע דעם סאָד און דעם גאָרטן אין אָסיאַנקע מיט די רייען ברייט־צווייגיקע פֿרוכטן־ביימער זומער און דעם זיס־שמעקעוודיקן בעז פּרילינג. אויף שטעגן און וועגן, אויפֿן גראָז גייען מענטשן צוזאַמען: פּאָליאַקן, ייִדן און רוסן. עס קומען אויך ייִנגלעך און מיידלעך: וועלוול און חיימל, און יונה חכמה־צאָן, וולאַדעק און מאַטשעק און דאָס ייִנגל אין צוג, וועלכער האָט מיר אַרויסגעשטעקט די צונג פֿון וואַגאָן־פֿענצטער — אַלע שפּילן זיך צוזאַמען און איך צווישן זיי.

אין דאָס פּוילישע ייִנגל מיט דער שפּיצרוט און דער צווייטער אין שילער־מונדיר העלפֿן מיר און זעלדען צו קלייבן ים־שטעקעלעך, זון־בלומען און גריגס אויף שבֿועות. און דער אַלטער איגנאַץ זיצט נעבן אונדזער געצעלט און שפּילט אויף אַ האַרמאָניע. איך שפּרינג, לויף און לאַך מיט אילזען, יאָגנדיק זיך נאָך זומער־פֿייגעלעך אויף די ברייטע לאָנקעס הינטער דעם סאָד, און צוקער שפּרינגט פֿאָרויס צווישן די קוסטעס. דער הימל איבער אונדזערע קעפּ איז אַ ברייטע בלויע חופּה אין דער העלער טאָג און די גאַנצע וועלט האָבן זיך געשטעלט אונטער איר, כּדי חתונה צו האָבן. די שטימען פֿון אַ ייִנגלישן כאָר זינגען. איך שטיי מיט אילזען אונטער דער חופּה און איך זאָג צו איר: איך טראַכט תּמיד וועגן דיר, אילזע. ווען איך וועל אויסוואַקסן וועל איך דיר אַרויסשיקן אַ שיפֿסקאַרטע פֿון לאָנדאָן...

דער סאָד שטראַלט אויף דער זון.

איך זע דעם ציגיינער יוזעף און דעם פֿעטער גבֿריאל און פּישל באַלעגאָלע און פֿולקע דעם גרויסן, וועלכער איז שוין נישט צעקריפּלט. איך זע הערשקען און שמחה שניידער און פֿריידע־מלכהן מיט שמעונען און די רויטהאָריקע פֿייגע, — זיי אַלע שפּאַצירן אונטער די ביימער. איך זע פּיניע כלבוניק, עוזרן, לייביש גיבור, — זיי שפּאַצירן צוזאַמען מיט פֿעטער און מומען און סטאַכאָווע, און דעם זעלנער, וואָס איז איינגעשטאַנען ביי אונדז און האָט געזונגען רוסישע לידער. איך זע פֿייוויש, פּרימעטן און יאַנעקן, ווי זיי רעדן, לאַכן און זינגען...

אַ רעפּובליק אין אונדזער לאַנד...

סוף

אינהאַלט

	זייט
רחל און לאה	5
די גאַרבעריי	12
זעלנער־ברויט	20
דער פאַרהער	28
די ווייבער־שול	38
די באַן	44
פולקע דער גרויסער	55
אַ בריוו קיין לאָנדאָן	61
וועלוול	69
דורך דער וואַנט	77
פורים־שפילער	84
שמעון פאָרט אַוועק...	104
אין הקדש	113
משיחס פערד	117
שיקט נאָכן דאָקטער	129
די צייטונג	135
גרינס אויף שבועות	144
די שוועסטער־און־ברודער	149
ביינאַכט אין סאָד	160
אין סטאַכאָוועס כאַטקע	169
אילזע	179
דער שאַנד־קרייז	190
דער קאָנוואָי	197
די קאַרוזעלע	203
זעלבסטשוץ	216
דער יאַריד	224
מען נייט די פאָן	232

	זייט
די לוויה	237
ידיעות פון לאָנדאָן	246
די רעדע	261
די שמיץ	272
דער שטרייק	284
דאָס פאַרבלוטיקטע העמד	296
אַרעסט אין מיטן דער נאַכט	303
פאָלקס־געריכט	312
צו דער צוקונפט	323